STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10410

OYSGEVEYLTE VERK

Sholem Aleichem

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org





שאָלעמ
אַליײכעמ

אויסגעוויילטע ווערק .

מעלוכע־פאַרלאַג
פונ קינסטלערישער ליטעראַטור
מאָסקווע — 1959

Printed in USSR

צונויפגעשטעלט

א ר נ וו ע ר ג ע ל י ס

קינסטלער

ג. א. ק ר א וו צ אָ וו

פּאָרטרעט — געצייכנט

פון מ. ג אָ ר ש מ א נ

רוסלאַנד איז שאָלעמ-אלייכעמס היימלאַנד. דאָ באַ אונדז, אַפּ דער ראַכוועסדיקער פּאָלטאַווּשטשינע, און שפּעטער — אינ קיִעוו, בעלאָצערקאָוו, אָדעס זײַנענ דורכגעגאַנגענ די שענסטע, די פרוכטבאַרסטע יאָרנ פונ דעמ גענ׳אַלנ וואָרט-מײַסטער. שטענדיק אינ די סאַמע טיפעניש פונעמ פאָלק, צוזאַמענ מיט „יִדנ פונ א גאַנצ יאָר", איז שאָלעמ-אלייכעמ פונ די ערשטע טריט זײַנע אינ דער ליטעראַטור געווענ א זינגער פונ פעלקער-פרײַנטשאַפט אונ א פאַרגלויבטער פאַטריאָט פונ רוסלאַנד. „די צוקונפט פונ אונדזער פאָלק איז נאָר דאָ, אינ אָט דעמ לאַנד, ווו מיר לעבנ", — האָט געזאָגט אַמאָל שאָלעמ-אלייכעמ.

איז טאַקע ניטאָ קיינ ווינקעלע אינ אונדזער לאַנד, ווו קינד-אונ-קייט זאָל ניט וויסנ אָט דעמ וואַרעמענ מענטשלעכנ נאָמענ שאָלעמ-אלייכעמ. אפ א סאַכ שפּראַכנ פונ די פעלקער פונ סאָוועטנ-פאַרבאַנד זײַנענ איבערגעזעצט אונ אַרויסגעגעבנ אינ מיליאָנענ עקזעמפּליאַרנ שאָלעמ-אלייכעמס ווערק.

אינ זײַנ שאַפנ געפינענ מיר די טרויעריקע פאַרגאַנגענהײַט פונ די יִדישע מאַסנ באַמ צאַריזמ, זייער מענאַכעמ-מענדלשע באָדנ-לאָזיקײַט. מיר געפינענ אָבער אויכ די געזונטע ערדישע פאַר-

וואָרצלטקײַט פונעם ייִדישן האָרעפּאַשניק, דעם טעוויע־דעם־מילכיקן, און די ערשטע אופוואַכונג פון דעם רעוואָליוציאָנערן באַוווּסטזײַן אין פאָלק. מיט גרויסער ליבע מאָלט ער דעם פּאָשעטן מענטשן, מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל באַשרײַבט ער זײַנע טרויעריקע פּאַסירונגען. נאָר אָט הייבט אָן דעם שרײַבערס וואָרט שלאָגן מיט סאַרקאַזם און מיט גערעכטן פּראָטעסט, זוען ער רעדט וועגן די רײַכע טונעיאַדצעס.

שאָלעם־אַליכעם האָט צעשפּאַרט די ווענט פון דער געטאָ, און זײַנע העלדן זײַנען אַרויס אַף די וועלט־ראַכוועסן. צײַטנווײַז איז זײַן הומאָר מיט אַ לירישער באַאַרבונג און צײַטנווײַז איז ער פול מיט אינערלעכן טראַגיזם. אין זײַן אַפּאָריזם „לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן" איז פאַראַן די שטענדיקע האָפענדיקע און גוטמוטיקע שטימונג פונעם פאָלקס־מענטש, וואָס ווייסט זײַן ווירדע און פילט זײַן קראַפט. מאַקסים גאָרקי האָט געזאָגט וועגן „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס": „...דורכגעלייענט, געלאַכט און געוויינט — אַ וווּנדערלעכן בוך. עס פינקלט דורכויס מיט אַזאַ ווילער, פעסטער און קלוגער ליבע צום פאָלק"...

אין זײַן פּאַמפלעט „שאָמערס מישפּעט" שרײַבט שאָלעם־אַליכעם, אַז קעדייַ פאַרדינען דעם נאָמען פאָלקס־שרײַבער, „דאַרף מען זײַן אַ פּאַטריאָט, אַ מענטשן־פרײַנט, מע דאַרף ליב האָבן דאָס פאָלק"... אַזעלכע ווונדערלעכע אייגנשאַפטן האָט געהאַט שאָלעם־אַליכעם. ער איז געווען אַ פאָלקס־שרײַבער אין פולן זין פון וואָרט. און טאַקע אויך דערפאַר, זוײַל ער איז געווען איינער פון די גרעסטע וואָרט־מײַסטערס, פײַערן איצט אַזוי ברייט די פעלקער פון דער וועלט זײַן הונדערטסטן געבורטסטאָג.

אָרעמע
און
פרײלעכע

דער פארקישעפטער שנײַדער

(ארויסגענומענ פונ אנ אלטנ פינקעס אונ באפוצט)

קאפיטל א

איש האיא ביזלאדייעווקע — א מענטש איז געווענ אינ זלאדייעווקע, א שטעטל, וואס ליגט אינ דער סוויווע פונ מאזעפעווקע, נישט ווײַט פונ כאפלאפאוויטש אונ קאזאדיאעווקע, צווישנ יאמפעלי אונ צווישנ סטרישטש, פונקט אפ דעם וועג, וואס מע פארט פונ פישי־יאבערע דורכ פעטשיכוואסט קינ טעטערעווע אונ פונ דארט קיינ יעהופּעצ; אוישמוי שימענ עליאהו — אונ זײַנ נאמענ איז געווענ שימענ־עליע, אונ גערופנ האט מענ אימ „שימענ־עליע שמא־קוליינו", מאכמעס באמ דאווענענ אינ שול האט ער געהאט א טעווע שרײַענ, ארבעטנ, זינגענ אונ ציקלענ זיכ אפ קוילע־קוילעס. ווע האיא האיש כײַעט — אונ געווענ איז דער מענטש א שנײַדער, נישט כאלילע פונ די געהויבענע שנײַדערס, וואס נייענ נאכנ „טאבעלטיר", וואס

מע רופט דאָס „זשורנאַל“, נאָר אַ שנײַדער אַ לאַטניק, אַ גרויסער מומכע, הייסט דאָס, אפ לייגנ אַ לאַטע, פאַרצירעווענ אַ לאָך, מע זאָל נישט דערקענענ, אָדער איבערניצעווענ וואָס פאַר אַ מאַלבעש איר ווילט אפ דער לינקער זײַט, מאַמעש מאַכנ פונ אַלט נײַ. נעמענ, לעמאָשל, אַנ אַלטנ כאַלאַט אונ איבערמאַכנ אים אפ אַ קאַפּאָטע, פונ אַ קאַפּאָטע — אַ פּאָר טאַכטוינים, פונ די טאַכטוינים אויסשטיקעווענ אַ לײַבל, אונ פונעמ לײַבל נאָכדעמ עפּעס אַנדערש — מײַנט נישט, אַז דאָס איז אַזאַ גרינגע אַרבעט! אונ אפ דעמ איז „שימענ-עליע שמאַ-קוילײַנו“ געווענ איינ בעריע אינ דער וועלט, אונ מאַכמעס זלאַדייעווקע איז זייער אַנ אָרעמ שטעטל, וואָס דאָרטנ מאַכנ נײַע מאַלבושימ איז עפּעס נישט אַזאַ געוויינלעכע זאַכ, האָט מענ דעריבער געהאַלטנ פונ שימענ-עליענ אינ זלאַדייעווקע אַנ אוילעמ-אומלויע. איינ כיסאָרנ נאָר, וואָס ער האָט נישט געקאָנט אויסקומענ מיט די נעגידימ, ליב געהאַט אַרײַנקוקנ אינ קאָהעלשע זאַכנ, זיכ אָנעמענ אָנ דער קריוודע פונ די אָרעמעלײַט, ריידנ גאַנצ אָפּנטלעכ אפ די באַלעטויוועס, וואָס זײַנענ זיכ אייסעק אינ צאָרכיי ציבור, אונ דעמ באַלטאַקסע מאַכנ מיט דער בלאָטע בעפאַרהעסיע, זאָגנ אפ אימ, אַז ער איז אַ געלטצאַפּער, אַ בלוטזויגער, אַ מענטשנפרעסער, אונ אפ די שאָכטימ מיט די ראַבאָנימ, וואָס האָבנ געשלאָגנ בלאַט מיטנ באַלטאַקסע, — אַז ס'איז איינ קנופּיע, אַ קיטע פונ גאַנאָווימ, ראַמאָימ, קוילערס, ראָצכימ, גאַזלאָנימ, אַ רועכ אינ זייער טאַטנס טאַטנ אַרײַנגעפלויגנ געוואָרנ ביז דעמ זיידנ טערעכ, מיטנ פעטער ישמאָעל אונטערגעשלאָגנ!..

צווישנ באַלמעלאָכעס, כעוורע „פּויעל-צעדעק“, האָט זיכ „שימענ-עליע שמאַ-קוילײַנו“ גערעכנט פאַר אַ „יעדייע-נאַגנ“; אפ זייער שפּראַכ האָט דאָס געהייסנ: אַ מענטש, וואָס פאַרשטייט אינ

די קליינע אויסגעלעכ, מאכמעס שוימען־עליע פלעגט שיטן מיט פסוקים, מיט גאנצע שטיקער געמאָרע און מיט מעדראָשים, וואָס נישט געשטויגן, נישט געפלויגן: „אמכאָ"... „קאָטוינטי"... „אָגיל וועסמאכ"... „האיוימ האראס אוילאָמ"... „וואזסרויצעצו וואזספוי־צעצו"... „וואָט טיבע יויצער האמעוירוים"... „קאקאָסגוו, ווי איז פאָסעק שטייט געשריבנ"... אויקעדוימע אוזעלכע לאָשנקוידעשדיקע ווערטער, וואָס זיינען בא אימ טאָמעד געווען גרייט. און דערצו האָט ער נאָכ געהאט נישקאָשע פונ א קעלכל, אפילע א ביסל צו א הילכיקס און א גאָרגלדיקס. נאָר ער איז געווען קלאָר איינ אלע נוסכאָעס מיט אלע ניגונימ מיט אלע טפילעס אפ אויסווייניק, און האָט ליב געהאט דעמ אָמעד מיט סאקאָנעס־נעפאָשעס, און איז געווען גאבע אינ שניידערשנ שולכנ, געכאפט פעטש ווי האָלצ, צומיינסטנ סימכאסטוירע צו „אטאָ־האָרייסאָ", ווי גע־ווינלעכ.

„שימען־עליע שמא־קוילינו", כאָטש ער איז געווען קאָליאָמאָנו א ביטערער אָרעמאנ, מע קאָנ זאָגנ — קימאט אנ עוויענ, נאָר אראָפ־פאלנ בא זיכ דערמיט האָט ער פיינט געהאט. „אדראבע, — האָט ער געזאָגט, — וואָס מער קאפצנ מער לעבעדיק, וואָס מער הונגע־ריק מער געזונגענ, ווי די געמאָרע זאָגט: י אָ ע אַ נ י ו ס אָ ל ע־ז ס ר אָ ע ל ק ע ט ש ע ר ע ו ו י ט ש ק ע ק ר א ס נ י ל ע ד י ו ו ק ע כ י ו ו ר א"...

אקיצער האדאָוואָר: שימען־עליע איז געווען דאָס, וואָס מע רופט אָנ אנ „אָרעמס און א פריילעכס". געווענ איז ער א נידערי־קער, א פארזעניש, ארומגעשטעקט מיט נאָדלענ און מיט שטיק־לעכ וואטע אינ די געקרייזלטע שווארצע האָר; געהאט האָט ער א קליינ צאפנ בערדל, א ביסל א צוגעפלעטשטע נאָז, די אונטערשטע

ליפּ א ביסל צעשפּאָלטן, און אויגן גרויסע, שווארצע און שטענדיק שמייכלענדיקע, און געגאנגען איז ער טאָמעד מיט א טענצל און מיט א לידל אונטער דער נאָז: „האיוים האראס אוילאָם — נאָר נישט געזאָרגט!"...

וו ײַ ה י ל ו י ב אָ נ י ם א ו ו אָ נ ו י ם — און ער איז געווען א מעטופּל מיט קינדער פון אַלערליי ווּקס, צומיינסטן טעכטער, צווישן זיי עטלעכע דערוואקסענע; ו ע ש י י מ א י ש ט ו י — און זײַן ווײַב האָט געהייסן ציפּע־ביילע־רייזע, און זי איז געווען זײַן „קענעגדוי", דאָס הייסט פונקט דער היפּעך פון אים: א הויכע, א רויטע, א געזונטע, א ייִדענע א קאָזאק. פון דעם ערשטן טאָג אָן, וואָס נאָך דער כופּע, האָט זי אים גענומען אין די הענט אַרײַן און נישט ארויסגעלאָזט אים, און איז געגאנגען אין ספּאָדעק, דאָס הייסט: זי איז געווען דער מאן, נישט ער! ער האָט פאר איר געהאט גרויס דרעכערעץ. זי פלעגט אף אים עפענען א מויל, פלעגט ער פארצייטערט ווערן; און אמאָל, אונטער פיר אויגן, אז ס'איז אויסגעקומען, פלעגט זי אים אָפּשטעקן א פּאטש אויך... דעם פּאטש פלעגט שימען־עליע באהאלטן אין קעשענע און זאָגן בעשאס־מײַסע א ווערטל מיט א פּאָסעק:

— האיוים האראס אוילאָם — נאָר נישט געזאָרגט! אין דער הייליקער טוירע שטייט געשריבן: „וו ע ה ו — און ער, דער מאן הייסט דאָס, י ! מ ש ו י ל — זאָל טון טאָן געוועלטיקן, ב אָ כ — אין דיר", איז פארפאלן! עס מעגן קומען קאָל מאלכיי מיזרעך אומבירעוו, וועט זיך זיי נישט העלפן!..

וויהי האיוים — טרעפט זיך א מײַסע. ציפּע־ביילע־רייזע קומט צו גיין איינמאָל זומער מיטן קאָשעק פונעם מארק, טוט א שמיץ דאָס בינטל קנאָבל מיטן ביסל פּעטרישקע מיט די קאר־

טאָפּליעס, וואָס זי האָט אײַנגעקויפט, און רופט זיך אָן מיט קאַס:

— לאָז דאָס גיין אין דער ערד אַרײַן! שווין נימעס־אומאָעס געוואָרן אַלע טאָג, אַלע טאָג זיך ברעכן דעם מויעך, צוטראַכטן, וואָס קאָכט מען וואַרמעס. מע באַדאַרף האָבן אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער! ווידעראַמאָל טייגלעך מיט פּאַסאָליעס און אָבעראַמאָל טייגלעך מיט פּאַסאָליעס, גאָט זאָל נישט שטראָפן פאַר די רייד! אָט, לעמאָשל, נעכאַמע־בראָכע, אַזאַ קאַפּצנטע, אַזאַ אָניעטע, עוויענטע, אַזאַ דאַלפּנטע, באַדאַרף זי האָבן אַ ציג! פאַרוואָס? וואָרעם זי האָט אַ מאַן לייזער־שלוימע, טאַקע אַ שנײַדער, נאָר פּאָרט אַ מענטש! אַ קלייניקײַט, אַ ציג? פאַראַן אַ ציג אין שטוב, איז פאַראַן אַ גלעזל מילך פאַר די קינדער; מע קאָן אָפּקאָכן אַמאָל אַ קאַשע מיט מילך, אָפּשטופּן אַ וואַרמעס, יויצע זײַן מיט אַ וועטשערע, אַמאָל אַ קריגל פּידסמעטענע, אַ שטיקל קעז און פּוטער — אַ כײַעס!

— ביסט נעבעך אַוואַדע זייער גערעכט! — מאַכט שימען־עליע געלאַסן. — פאַראַן אַ מעדרעש: קאָל ייִסראָעל יעיש לאָהעמ כיילעק — איטלעכער ייִד באַדאַרף האָבן אַ ציג. קאַקאָסאַוו, ווי אין פּאָסעק שטייט געשריבן...

— וואָס טויג מיר דײַן פּאָסעק? — צעשרײַט זיך ציפּע־ביילע־רייזע, — איך זאָג אַ ציג, זאָגט ער גאָר אַ פּאָסעק! מיר דאַכט, אַז איך וועל דיר געבן אַ פּאָסעק, וועט דיר ווערן פּאָסעקדיק אין די אויגן! מיט פּסוקים גאָר האָדעוועט ער מיך, דער שיינער ברויטגעבער מײַנער, דער שלימאַזל! הערסטו? איך זועל דיר די גאַנצע טוירע דײַנע אַוועקגעבן פאַר איין באָרשטש אַ מילכיקן!..

אוקעדוימע נאָכ אזעלכע מינימ „אָנצוהערענישנ" האָט אימ געגעבנ ציפּע־בייליע־רייזע עטלעכע מאָל אינ טאָג, אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז שימענ־עליע האָט איר צוגעזאָגט אונ געגעבנ האנט טקיעסקאפּ, אז זי מעג שלאָפנ רויק, עס וועט שוינ זײַנ, מיט גאָטס הילפ, א ציג. דעריקער — ביטאָכנ. „האיוימ האראס אוילאָמ — נאָר נישט געזאָרגט!"...

פונ דעמלט אָנ האָט שימענ־עליע אָנגעהויבנ קלײַבנ א גראָשנ אונ א גראָשנ. ער האָט זיכ אָפּגעזאָגט פונ א סאַכ נייטיקע זאכנ, פארמאַשקנט די שאַבעסדיקע קאַפּאָטע אפּ אויסצאָלנ וואָכגעלט אונ צונויפגעשלאָגנ זיכ עטלעכע קערבלעכ, אונ ס'איז געבליבנ, אז ער נעמט די מאמטאקימ אונ גייט זיכ דורכ קיינ קאָזאָדאָיעווקע קויפנ א ציג. וואָס עפּעס קיינ קאָזאָדאָיעווקע? איז דערינענ געווענ צוויי טײַמימ: ריישיס, איז קאָזאָדאָיעווקע אנ ערטל פונ ציגנ, וואָס דער נאָמענ אליינ באווײַזט שוינ דערופּ: קאָזאָדאָיעווקע איבערגעזעצט אפּ יידיש קומט אויס „ציגמעלקנדיקע". וועהאשייניס, האָט ציפּע־בייליע־רייזע געהערט דערציילנ פונ אירער א שכיינע, וואָס זי רעדט נישט מיט איר שוינ פונ עטלעכע יאָר, אז יענע האָט געהערט פונ איר שוועסטער, וואָס איז נישט לאנג געווענ בא איר צוגאסט פונ קאָזאָדאָיעווקע, אז דאָרט איז פאראנ א ייד א מעלאמעד, רופט מענ אימ „כאימ־כאָנע דער קלוגער" בעלאָשנ סאָגינאָער, דערפאר, וואָס ער איז א גרויסער שויטע; האָט דער כאימ־כאָנע דער קלוגער א ווײַב, רופט מענ זי „טעמע־גיטל די שטילשווײַגנדיקע", דערפאר, וואָס זי האָט אינ זיכ נײַנ מאָס רייד; האָט די טעמע־גיטל די שטילשווײַגנדיקע צוויי ציגנ, אונ ביידע מעלקנ זיכ. פרעגט זיכ א קאשע: פארוואָס קומט איר צוויי ציגנ, אונ נאָכ מעלקעדיקע דערצו? א גרויסער אומגליק וואָלט געווענ, כ'לעבנ, זי זאָל נישט

האָבנ איינע אפילע! פאראנ, באַרעכאַשעמ, ידנ, וואָס פארמאָגנ נישט קיינ האַלבע ציג אפילע — נו, אימ קיינ? שטארבנ זיי דענ?

— ביסט זייער גערעכט! — זאָגט שימענ-עליע צו זײַנ ווײַב. — הערסטו, דאָס איז שוינ אַנ אַלטע טײַנע, קאַקאָסוו, ווי אינ פּאָסעק שטייט געשריבנ: אסקאקורדע, דעבארבאנטע...

— שוינ! ער איז שוינ ווידער דאָ מיט זײַנ פּאָסעק! — שלאָגט אימ איבער זײַנ ווײַב. — מע רעדט פונ א ציג, קומט ער מיט א פּאָסעק! דו גיי זיכ דורכ בעסער אהינצו, צומ קאָזאָדאָיעווקער מעלאמעד, אונ זאָג אימ אזוי אונ אזוי: מיר האָבנ געהערט, אז ס'איז בא אײַכ פאראנ צוויי ציגנ אונ ביידע מעלקנ זיכ. וואָס באדארפט איר צוויי מעלקעדיקע ציגנ? אפ קאפּאָרעס? ווילט איר דאָכ מיסטאמע איינע פונ זיי פארקויפנ — פארקויפט זי מיר! וואָס וועט אײַכ ארנ?.. אזוי טאקע זאָלסטו מיט זיי ריידנ, דו פארשטייסט?

— איכ פארשטיי, וואָס דענ, איכ פארשטיי נישט? — זאָגט שימענ-עליע. — פאר מײַנ געלט באדארפ איכ זיכ נאָכ בעטנ? פאר געלט קריגט מענ אלצ אינ דער וועלט — קעסעפ וועזאָהאָוו מעטאהייר כאזיירימ. שלעכט איז נאָר, זעסטו, אז ס'איז באָלילע נישטאָ די מאטבייע, דעמאָלט איז אָני כאָשוּוו קעמעס, מאכט ראשע: ניטאָ פּאפּע — גיי ליולי; אָדער ווי מע זאָגט: אָנ פינגער קאָנ מענ קיינ פײַג ניט שטעלנ, קאַקאָסוו, ווי אינ פּאָסעק שטייט געשריבנ: אסקאקורדע, דעבארבאנטע, דעפארשמאכטע...

— ווידעראַמאָל א פּאָסעק אונ אָבעראַמאָל א פּאָסעק! עס פּאָסעקט מיר שוינ אינ קאָפּ! אײַנגעזונקענ זאָלסטו ווערנ! — זאָגט צו אימ ציפּע-ביילע-רייזע אונ באגראָבט אימ נײַנ איילנ אינ דער ערד, אונ טײַטשט מיט אימ אײַנ אמאָל הונדערט, אז ער זאָל זיכ

פריער פרווונ בא כאמ־כאנע דעמ מעלאמעד, טאמער וועט דאס גיינ. אזי וואס, טאמער וויל יענער נישט? פארוואס זאל ער נישט וועלנ? פארוואס קומט אימ צוויי ציגנ, און נאכ מעלקעדיקע דערצו? פאראנ, בארעכאשעמ, יידנ אפ דער וועלט, וואס פארמאגנ נישט קיינ האלבע ציג אפילע — נו, אימ קיינ? שטארבנ זיי דענ?..

און אזוי ווייטער, אלצ די אייגענע טײַנעס.

קאפיטל ב

האבויקער אויר — ס׳איז נאר טאג געווארנ, האט זיכ אונדזער שנײַדער געפעדערט, אופגעשטאנענ און אפגעדאוונט, גענומענ מיט זיכ דאס שטעקל מיטנ גארטל און איז אוועק אינ וועג ארײַנ בעשאלעמ צופוס.

געווענ איז דאס זונטיק, אינ א שיינעמ, ליכטיקנ, לויטערנ, ווארעמענ זומערטאג. שוינ לאנג געדענקט נישט שימענ־עליע אזא אנ אויסגעצייכנטנ, אויסגעשפילטנ טאג. שוינ לאנג איז שימענ־עליע נישט געווענ אינ פעלד, אפ דער פרײַער לופט. שוינ לאנג האבנ זײַנע אויגנ נישט געזענ פאר זיכ אזא אנ אויסגעצוואגענעמ גרינעמ וואלד, אזא שיינע גרינע קאלדרע, ווי דאס פעלד איז באשאטנ מיט אלערליי קאליר׳נדיקע שפרענקעלעכ. שוינ לאנג האבנ זײַנע אויערנ נישט געהערט א פישטשענ פונ פייגעלעכ, א פלאטערנ פונ קליינע פערבלעכ. שוינ לאנג האט זײַנ נאז נישט געשמעקט אזא געשמאקנ רייעכ פונ גרינ גראז, פונ רויער ערד. שימענ־עליע שמא־קוליינו האט פארבראכט קאליאמאו אינ אנ אנ־

דער וועלט; זײַנע אויגן האָבן געזען פאר זיך טאָמער אנדערע בילדער: א פינצטערע גרוב, בײַ דער טיר אן אויוון, קאָטשערעס מיט לאָפעטעס, און א פאָמעניצע א פולע ווי אן אויג; בײַם אויוון, בײַ דער פאָמעניצע — א בעט פון דרײַ ברעטלעך; אפן בעט — קינדערלעך א סאך, קיין אײַנאָרע, איינס קלענער פונעם אנדערן, האלב־נאקעטע, גאנץ־באָרוועסע, נישט קיין געצוואָגענע, שטענדיק הונגעריקע... זײַנע אויערן האָבן געהערט פאר זיך שטענדיק אנדערע קולעס: „מאמע, ברויט! מאמע, בולקע! מאמע, עסן!“... און איבער אלע קולעס — א קאָל פון ציפע־ביילע־רייזע: „עסן? נישט עסן זאָלן אײַך ווערעם, ליבער גאָט, איניינעם מיטן טאטן אײַערן דעם שלימאזל! פארכאפט זאָלט איר נישט ווערן, ריבוינעשעלוילעם, מיט אים איניינעם!“... אוקעדוימע אזעלכע זיסע קולעס. זײַן נאָז איז געוווינט געווען צו אנדערע רייכעס: א רייעך פון נאסע ווענט, וואָס ווינטער נעצן זיי און זומער שימלען זיי; א רייעך פון זויערטייג מיט קלײַען, פון ציבעלעס און פון קרויט, פון רויע ליים, פון געשאָבענע פישלעך און פון קישקעלעך; א רייעך פון אלטע בעגאָדים, וואָס לאָזן זיך הערן אונטערן הייסן פרעסל מיט א געדיכטער פארע און מיט א מאָדנעם טשאד...

ארויסגעריסן זיך אף א ווײַלע פון יענער אָרעמער וויסטער פינצטערער וועלט אף דער דאָזיקער נײַער, פרײַער, ליכטיקער, שמעקנדיקער שײַן, האָט זיך אונדזער שימען־עליע געפילט ווי א מענטש, וואָס איז אין א הייסן זומערטאָג ארײַנגעשפרונגען א באקעטער אין יאם ארײַן; דאָס וואסער טראָגט אים, די כוואליעס שלאָגן אים, ער טוקט זיך, ער טוקט זיך, ער ציט אין זיך די לופט מיט דער פולער ברוסט — ס'איז מעכײַע־נעפאָשעס, מאמעש א גאניידן!..

— לעמאָשל, וואָס וואָלט גאָט געאַרט — קלערט זיך שימענ־עליע — וואָס וואָלט גאָט געאַרט, זוען איטלעכער באַלמעלאָכע, אַשטייגער, זאָל זיך קאָנען אַלע טאָג, לאָז זײַן כאָטש איין מאָל אין דער וואָך, אַרויסגיין אַהערצוצו, אַפן פרײַען פעלד, א ביסל געניסן פון גאָטס וועלטל? איז א וועלטל, א וועלטל!.. און שימענ־עליע הייבט אָן אונטערזינגען און פּאַרטיטשן אַפ זײַן שטייגער: — א ט אָ י אָ צ אַ ר ט אָ — דו האָסט, גאָט, באַשאַפן, א ו י ל אָ מ־ כ אָ — דײַן וועלטל, מ י ק ע ד ע מ — אַפ יענער זײַט שטאָט; ב אָ כ א ר ט אָ ב אָ נ ו — האָסט אונדז אויסדערוויילט, די ייִדע־לעך, מיר זאָלן זיצן דאָרטן אין זלאָדייעוװקע אין דער ענגשאַפט, קאָפּ־אַפּ־קאָפּ, אין א דערשטיקעניש; וו א ס י ט י י נ ל אָ נ ו — און דו האָסט אונדז געטאָן געבן... אוי צאָרעס האָסטו אונדז געגעבן מיט ווייטעקן, מיט דאַלעס, קאַדאָכעס מיט רעווזים האָסטו אונדז געגעבן, ב ע ר א כ א מ ע כ אָ ה אָ ר א ב י מ־ב י מ־ב י מ!..

אַזוי זינגט זיך שימענ־עליע שטילערהייט אונטער דער נאָז, און עס גלוסט זיך אים א וואָרפ טאָן זיך דאָ, זוי ער שטייט און גייט, אין פעלד, אַפן גרינעם גראָז, כאָטש א ביסעלע געניסן פון גאָטס וועלטל, — דערמאָנט ער זיך, אַז ער האָט אַן אַרבעט, און זאָגט צו זיך אַליין: — „א ד ק א נ א ו י מ ר י מ ב ע ש א ב ע ם ה א־ג אָ ד י ל — גענוג, שימענ־עליע, צו זינגען. ה אָ ל א כ ל ע ו י־ ל אָ מ ו י — שפּאַן, ברודער, שפּאַן! אָפּרוען וועסטו זיך שוין, אימירצעשעם, אין דער דעמבענער קרעטשמע. דאָרט האָסטו א שטיקל שעייר־בסאָרי, דאָדיע רענדאַר. דאָרט קריגט מען צו יעדער צײַט א ביסל מאַשקע, ווי אין פּאָסעק שטייט: וו ע ט א ל מ ו ד ט ו י ר אָ ק ע נ ע ג ע ד ק ו ל אָ מ — א ביסל מאַכטייסע איז בילכער פון אַלץ“... און שימענ־עליע שמאַ־קוילײנו שפּאַנט ווײַטער.

1—1988

קאַפּיטל ג

בעמצאָ האָדערעכ — פונקט אינ דער מיט וועג, צווישנ די צוויי שטעט זלאָדייעווקע און קאָזאָדאָיעווקע, שטייט א פעלד־קרעטשמע, וואָס מע רופט זי „די דעמבענע“. די דאָזיקע קרעטשמע האָט אינ זיכ א קויעכ, עפּעס נאָר א מאַגניט, וואָס זי ציט צו זיכ צו אַלע באַלעגאָלעס מיט אַלע פאַרשוינענ, סײַ די, וואָס פאָרנ פונ זלאָדייעווקע קײנ קאָזאָדאָיעווקע, סײַ וואָס פאָרנ פונ קאָ־זאָדאָיעווקע קײנ זלאָדייעווקע — מע מוז זיכ אָפּשטעלנ אינ דער „דעמבענער“ כאָטש אַפּ עטלעכע מינוט! קײנער ווייסט ניט דעמ סאָד דערפונ נאָכ אַדאַיאָמ. א טײל זאָגנ, אַז ס'איז דערפאַר, ווײַל דער באַלעבאָס פונ דער קרעטשמע, האָדיע דער רענדאַר, איז זייער א ליבלעכער פאַרשוינ און א גרויסער מאַכנים־אוירעכ, דאָס הייסט פאַר געלט האָט איר געקאָנט קריגנ דאָרטנ כאָמעד א רעכט גלעזל מאַשקע מיט די שענסטע פאַרבײַסנס; און א טײל זאָגנ, אַז ס'איז דערפאַר, ווײַל האָדיע איז געוועזנ פונ יענער־כעוורע, וואָס מע רופט זיי „טרעפערס“ אָדער „נעווינימ“, וואָס אַלײנ האַנדלענ זיי נישט מיט קײנ גנייווע, נאָר זיי קערנ זיכ אָנ מיט אַלע באַרימטע גאַנאָווימ א נאָענטער רעב שמעלקע... און מאַכמעס קײנער ווייסט דאָס נישט פאַר קלאָר, לאָכײנ באַדאַרפ מענ מאַכנ דערפונ א שווײַג...

האָדיע איז געוועזנ א ייד א מוכסנ, א גראָבער, א האָריקער, מיט א גרויסנ בויכ און מיט א בולבעוואַטער נאָז, און א קאָל האָט ער געהאַט פונ א שויר־האַבאָר. אימ איז אָפּגעגאַנגענ, ווי מע זאָגט, קאָפּוויטעק; פאַרנאָסע האָט ער געהאַט מיטנ פולנ מויל, בעהיימעס עטלעכע, אַפּ דער עלטער געבליבנ אַנ אַלמענ און גע־

ווען אַ ליידיקער מענטש. אַ גראָבער נעפעש: אַ סליכע און אַ האַגאָדע און אַ בענטשערל איז בײַ אים געווען אַלציינס. און דערפאַר פלעגט זיך מיט אים שימען־עליע דער שנײַדער שעמען: אים נישט אָנגעשטאַנען די מײַסע, וואָס ער, שימען־עליע, אַ יעדייע־נאַגג און גאַבע אין שולכן, זאָל האָבן אַ מוכסן, אַן אַמאָרעצ פאַר אַ קאָרעוו... און דאָדיע פון זײַן זײַט פלעגט זיך שעמען, וואָס ער האָט אַ „שנײַדער אַ פאַלגע" פאַר אַ קאָרעוו... זיי האָבן זיך געשעמט איינער מיטן אַנדערן. פונדעסטוועגן, אַז דאָדיע האָט דערזען שימען־עליען, האָט ער אים אָפּגעגעבן אַ גאַנצ ברייטן באָרעכאַבע, מאַכמעס דאָדיע דער רענדאַר האָט פּאָשעט מוירע געהאַט, נישט אַזוי פאַרן קאָרעוו אַליינ, ווי פאַרן קאָרעווס פיסק.

— אָ, אַ גאַסט, אַ גאַסט! וואָס מאַכט עפּעס אַ ייִד שימען־עליע? וואָס מאַכט עפּעס דײַן ציפּע־ביילע־רייזע? וואָס מאַכן עפּעס דײַנע קינדער?

— עט, מע אָנו מע כאיעינו — וואָס זאָלן מיר מאַכן? — האָט אים דער שנײַדער געענטפערט מיט אַ פּאָסעק, ווי זײַן שטייגער איז. — מי באָראאַש ומי באָמאַגיירפע — אַמאָל אַזוי, אַמאָל אַזוי, אַבי מען איז געזונט, קאַקאָסווו, ווי אין פּאָסעק שטייט געשריבן: אַסקאַקורדע, דעבאַרבאַנטע, דעפאַרשמאַכטע, דעקאַרנאָסע... וואָס מאַכט איר עפּעס, מײַן טייערער קאָרעוו? וואָס הערט זיך עפּעס בײַ אײַך אין דאָרף? זאָכאַרנו עס האַדאָגאָ — איך געדענק נאָך אײַערע וואַרעניקעס פון פאַראַיאָרן מיטן ביסל מאַשקע, דאָס איז דאָך בײַ אײַך דער איקער. אַרײַנקוקן אין אַ סייפער האָט איר דאָך פײַנט. לאָמאָראָגשו גויים — וואָס טויג אײַך אַ ייִדיש וואָרט! ע, רעב דאָדיע, רעב דאָדיע! ווען דער טאַטע אײַערער, דער

פעטער גראליע־וואלפ אלעוואשאלעמ, זאל איצטער אופשטיינ אונ א קוק טאנ אפ זײַנ האדיקנ, ווי ער זיצט דאס א ביסל אינ דארפ צווישנ אלע גויִמ, לעהאוודל, וואלט ער נאכאמאל איבעראנייִמ געשטארבנ. איי, האט איר געהאט א טאטנ, רעב האדיע! געווענ א קאשערער ייִד, לאז ער מיר מויכל זײַנ: ער פלעגט טרינקענ פונ א פינצטערער קיילע... אקיצער, איינ לעבא אדאמ שעיינ לוי פעקל — פונ וואס מע זאל נישט ריידנ — אפנ טויט מוז מענ ארופ... גיט שוינ אהער א ביסל בראנפנ, ווי דער טאטע ראוו פימפאמ זאגט: „קאפאטע בעמאשקאנטא שוויינ-קייכ ביגרוינאמ — פארזעצ די קאפאטע אונ נעמ א ביסל בראנפנ"...

— שוינ? דו האסט שוינ אנגעהויבנ מיט דײַנ לאקשנקוי-לעטש? — מאכט האדיע אונ טראגט אימ אונטער א ביסל בראנפנ. — דו זאג בעסער, שימענ-עליע, וואהינ פארט דאס א ייִד?

— א ייִד פארט נישט, — זאגט שימענ-עליע אונ מאכט א קויסע, — א ייִד גייט צופוס. ווי מיר זאגנ אינ האלעל: „ראג-לייהעמ וועלוי יעהאלייכו — האסט פיס, ביסטו נישט קראנק צו שפאנענ"...

— אויב אזוי, — מאכט דאדיע, — זאג זשע מיר, סערדצע, וואהינ שפאנט א ייִד?

— א ייִד שפאנט, — זאגט שימענ-עליע אונ מאכט נאכ א קויסע, — קיינ קאזאדאיעווקע שפאנט ער, האנדלענ ציגנ, קאקאסווו, ווי אינ פאסעק שטייט געשריבנ: איזימ טאאסע לאכ — ציגנ זאלסטו קויפנ...

— ציגנ? — פרעגט אימ האדיע פארכידעשט, — ווי קומט א ייִד א שנײַדער האנדלענ מיט ציגנ?

— עס רעדט זיך אזוי „ציגן!" — מאַכט שימען־עליע. — מיינען מיין איך א ציג, טאָמער וועט מיר גאָט צושיקן, הייסט דאָס, א ציג א רעכטע, נישט טײַער. דאָס הייסט, איך וואָלט קיין ציג נישט געקויפט; נאָר מײַן ווײַב זאָל לעבן, ציפּע־בײליע־רייזע הייסט דאָס, איר קענט דאָך זי, אַז זי שפּאַרט זיך אײַן! זי האָט זיך פאַר־אַקשנט איינמאָל פאַר אַלעמאָל: האקצאקאָסאָ — זי וויל א ציג! און א ווײַב, זאָגט איר דאָך, באַדאַרף מען פאָלגן, דאָס איז דאָך א בעפייערעשער „מעדרעש־פּליע", הא? איר געדענקט דעם „מעדרעש־פּליע"?

— אין די זאכן, — זאָגט דאָדיע, — ווייסטו שוין בעסער פון מיר; דו ווייסט דאָך, אַז איך בין מיט... מיט... מעדרעש א קנאַפּער מעבוטנ!.. איך פאַרשטיי נישט, מײַן טײַערער קאָרעוו, נאָר איין זאַך: ווי קומסטו זײַן א מייווין אף ציגן?

— וואָס טיבע יויצער האמעוירוים! — זאָגט שימען־עליע שוין מיט פאַרדראָס. — ווי קומט א רענדאַר זײַן א מייווין אף א סדיל־קיווער סליכע? פונדעסטוועגן קומט פיסעך צום סיידער, קלאַפּט איר מיט גאָטס הילף דעם היינעם „באָרכי־נאַפּשי" און זאָגט „זע קאַפּאַראָסי זע כאַליפּאָסי", ווי עס געהער צו זײַן... וואָס? עפּשער נישט אזוי?..

דאָדיע דער רענדאַר האָט פאַרשטאַנען דעם שטאָך; ער האָט פאַרביסן א ליפּ און האָט זיך געטראַכט: „וואַרט, וואַרט, דו שנײַ־דערוק, דו פּאַלגע! ביסט מיר עפּעס הײַנט צו גײַציק, און דו באַ־ווײַזט זיך מיר הײַנט צופיל אַרויס מיט דײַן טוירע! וועסט שוין בא מיר האָבן א ציג, וועסט זיך קראַצן!"... און שימען־עליע האָט זיך געהייסן אָנגיסן נאָכאַמאָל פון יענעם ביטערן טראָפּן, וואָס איז א רעפוע צו אַלע צאָרעס.

פונ עמעס קאָנ מענ נישט אוועקגיינ: שימענ־עליע האָט ליב געהאט א ביסל בראָנפנ, נאָר קיינ שיקער איז ער נישט געווענ — כאסוועכאָלילע! זוענ האָט ער דענ געהאט אפ א טרונק בראָנפנ?.. איינ כיסאָרנ האָט ער נאָר געהאט. וואָס קוים האָט ער גענומענ א ביסל בראָנפנ, אזוי האָט ער באלד געמוזט נעמענ נאָכ איינ ביסל, אונ פונ אזעלכע צוויי ביסלעכ פלעגט ער שוינ ווערנ מעווועסעמדיק־פריילעכ, די בעקלעכ רויטלעכ, די אייגעלעכ מיט א גלאנצ, אונ די צונג — די צונג האָט זיכ בא אימ אופגעבונדנ אונ געקלונגענ אָנ אנ אופהער.

— אקעגנ דעמ, וואָס איר זאָגט „צעכ", — מאכט שימענ־עליע. — „צעכ", שער אונ אײַזנ, אונדזער פאָלק אמכאָ האָט אינ זיכ א מײַלע, וואָס איטלעכער האָט ליב קאָוועד, אונ קאָוועד איז דאָכ, זאָגט איר, לעבער... א ליאדע שוסטערל וואָלט א באלנ געווענ זײַנ גאבע־רישנ כאָטש איבער א פאָמעניצע... זאָג איכ צו זיי: ברידערלעכ, ק אָ ט ו י נ ט י מ י ק אָ ל ה א כ ס אָ ד י מ — איכ דארפ עס אפ קאפאָרעס, קלײַבט אײַכ אויס א שוסטער פאר א גאבע: ל ו י מ ע ו ק צ אָ כ ו ו ע ל ו י מ ע ד ו ק צ אָ כ — איכ בינ אײַכ מויכל דעמ קאָוועד, איכ וויל נישט קיינ פעטש!.. זאָגנ זיי: בלאָטע! אז צעכ טוט אָפ, איז פארפאלנ!.. זאָג איכ: עס קומט אויס ווי אינ פאָסעק שטייט: ס י מ ל ע כ אָ ל ע כ אָ ק אָ צ י נ ט י ה י ע ל אָ נ ו — פעטש זאָלסטו כאפנ אונ גאבע זאָלסטו זײַנ... נאָר שאַ, איכ האָב מיכ א ביסל פארעדט, אונ האָב גאָר פארגעסנ, אז איכ האָב אפ זיכ א ציג. א ו י ד ה א י ו י מ ג אָ ד ל — דער טאָג שטייט נישט! א גוטנ־טאָג, רעב דאָדיע, כ א ז א ק, כ א ז א ק, ו ו ע נ י ס ר כ אָ ז י י ק — זײַט מיר געזונט אונ שטארק אונ מאכט ווארע־ניקעס!

— פארגעס זשע ניט! — מאכט צו אים דער רענדאר, — אימירצעשעם, צוריקוועגס, אז גאט וועט שענקען דאס לעבן, לע־מאנאשעם זיך אפשטעלן בא מיר.

— אימירצעשעם, אימירצעשעם, בעלי נעדער אומאסקאנע!— זאגט שימען־עליע. — אוואדע, ווי דען איז אנדערש? מען איז דאך נישט מער ווי א „באסערוועדאם", ווי זאגט איר: „אדאם א מענטש, ציפויר א פויגל, קאטשקע רוק זיך"... איר גרייט נאר צו, רעב דאדיע, א רעכט ביסל מאשקע מיט פארבייסן, דאס הייסט מאַ־ריטש, ווי אונדז שטייט אָן — אונדזער פאלק שער און אייזן אומכא!

קאפיטל ד

וואיעיציי שימען־עליאהו מעדעמבינע — און „שימען־עליע שמא־קוילייִנו" איז ארויסגעגאנגען פון דער דעמבענער קרעטשמע בעגילופן, גאנץ פריילעך. וואיאוווי — און ער איז געקומען בעשאלעם, געזונטערהייט, קיין קאזאדאיעוו־קע. און אז ער איז געקומען קיין קאזאדאיעווקע, האט ער זיך אָנ־געהויבן צו פרעגן, ווו זיצט דא ערגעץ רעב באַיִם־כאנע דער קלו־גער, וואס האט א ווייב טעמע־גיטל די שטילשווייגנדיקע מיט צוויי מעלקעדיקע ציגן? נאר לאנג נאכפרעגן זיך האט ער נישט באַ־דארפט, וואָרעם דאס שטעטל קאזאדאיעווקע איז נישט אזא קראך פון די קראכיי האיאם, וואס מע זאל דארפן קענען, כאלילע, פאר־בלאנדזשעט ווערן. דאס גאנצע שטעטל ליגט פאר די אויגן, ווי אף א טעלער: אט זיינען די יאטקעס מיט די קאצאווים, מיט די הע־

קערס און מיט די יאטקע־הינט; אט איז דער מארק, ווו ווײַבער דרייען זיך ארומ אינ זאקנ פונ איינ גויע צו דער אנדערער, טאפנ אלע איינ האנ:

— טשועש, טשועש! א שא טאבי זא קורקע?

— יאקא קורקא? צע פיוועג, א נע קורקא!

— נעכײַ בודע פיוועג! א שא טאבי זא קורקע?

אט נאך צוויי שפאנ איז דער שול־הויפ, ווו אלטע ווײַבער זיצנ איבער מולטערלעך און פארקויפנ בארלעך, סעמעטשקעס און בעב־לעך, ווו מעלאמדימ קנעלנ, קינדער שרײַענ און ציגנ, ציגנ אנ א שיר, שפרינגענ, שלעפנ שטרוי פונ די דעכער, אדער זיי זיצנ אפ דער ערד מיט די אויסגעגלעטע בערדלעך, ווארעמענ זיך אנטקעגנ דער זונ און מאלעגײַרענ. און אט איז שוינ די באד מיט די שווארצע פארויכערטע ווענט. אט איז דער טײַך, וואס אויבנ איז ער באדעקט מיט גרינס, ווי מיט א סכאך, פול מיט פיאווקעס און מיט זשאבעס, וואס קוואקענ. דער טײַך שײַנט אנטקעגנ דער זונ, בלישטשעט ווי מיט דימענטנ און שטינקט מיט סאקאנעס־נעפאר־שעס... און דארט, אפ יענער זײַט טײַך, איז נישטא גארנישט, אכוצ ערד און הימל — אויס קאזאדאיעווקע!

אז דער שנײַדער איז ארײַנגעקומענ צו רעב כאימ־כאנע דעמ קלוגנ, האט ער אימ געטראפנ בא דער ארבעט, ווו ער איז געזעסנ מיטנ גרויסנ טאלעסקאטנ און מיט דער שפיצעכיקער יארמלקע אי־בער דער געמארע און געלערנט מיט די טאלמידימ מיט א ניגנ אפ קוילע־קוילעס די געמארע באווע־קאמע: „האהו בארכא — די דאזיקע ציג, וואס זי האט דערזענ א מינ עסנווארג פונ אויבנ אפנ פעסל, האט זיך די ציג צוגעכאפט צומ עסנווארג“...

— צ א פ ר אָ ט אָ וו אָ ל ע מ אָ ר י י ד ע כ ײ ט אָ ד ע ק ו פ אָ ד ע מ א כ ט אָ! — רופט זיכ אָנ שימענ־עליע שמא־קוויליינו אַפ טארגעמלאָשנ און זעצט דאָס באלד איבער אפ פראָסט יידיש: א גוטערמאָרגנ זאָל זיכ אריינכאפּנ רעבע, צו אײַכ און צו אײַערע טאַלמידימ! איר האלט מיט זיי, הער איכ, סאמע בא אזא איניענ, וואָס איכ אליינ טאקע האָב מיכ מאטריעכ געווענ אהער צו אײַער זוגאָסי מאָראס טעמע־גיטל, מיקוויעכ א ציג הייסט דאָס; דערהײַנע, איכ וואָלט קיינ ציג נישט געקויפט, נאָר מײַנ ווײַב זאָל לעבנ, ציפּע־ביילע־רייזע הייסט דאָס, האָט זיכ אײַנגעשפּארט, איינמאָל פאַר אלעמאָל: ה א ק צ א ק אָ ס אָ — זי וויל א ציג! און א ווײַב, זאָגט איר דאָכ, באדארפ מענ פאָלגנ, ס'איז דאָכ א בעפיירעשע געמאָרע: א ס ק א ק ו ר ד ע, ד ע ב א ר ב א נ ט ע, ד ע פ א ר ש מ א כ ט ע, ד ע ק א ר נ אָ ס ע... וואָס קוקט איר מיכ אָנ? אל טיסטאקל ביגלעזל, עלע ביפלעשל — קוקט נישט דערופ, וואָס איכ בינ א ייִד א באל־מעלאָכע, יעגזא קאפּעכאָ אשרעכאָ! מיסטאמע האָט איר געהאָרכט פונ מיר, איכ בינ שימענ־עליע כײַעט מעקאס זלאָדייעווקע, כעיר־רעמאנ אינ צעכ און גאבע אינ שולכנ, כאָטש איכ דארפ עס אפּ קאָפּאָרעס, לוי מעוקצאָכ ועלוי מעדוקצאָכ — איכ בינ אײַכ מויכל, זאָג איכ צו זיי, דעמ קאָוועד און איכ וויל נישט קיינ פּעטש! זאָגנ זיי: בלאָטע! אז צעכ טוט אָפּ, איז פארפאלנ; סימלעכאָ לעכאָ קאָציג טיהיע לאָנו, — פּעטש זאָלסטו כאפּנ און גאבע זאָל־סטו זײַנ!.. איכ האָב מיכ א ביסל פארעדט און שיר נישט פאר־געסנ אײַכ אָפּגעבנ שאָלעמ. שאָלעמ אליכעמ אײַכ, רעבע! שאָלעמ אלייכעמ אײַכ, קינדער, צוינ־קאָדאָשימ, שקאָצימ אורמאָסימ, קונ־דייסימ, אכבערויישימ! סע זאָל זיכ אײַכ אזוי וועלנ טאנצנ, ווי איר ווילט לערנענ — איאָ, איכ האָב געטראָפנ?..

דערהערט אזעלכע דיבורים, האבנ כעוורע טאלמידימ אנגעהויבנ קנײַפנ אײנס דאס אנדערע אונטערנ טיש אונ שיסנ מיט די נעזער. זײ זײַנענ דאפקע געווענ העכסט צופרידנ מיטנ גאסט; זײ וואלטנ זיכ מעכײַע געווענ, אז גאט זאל זײ צושיקנ אפט אזעלכע געסט. נאר כאזימ-כאגנע דער קלוגער איז נישט געווענ צופרידנ; ער האט פײַנט געהאט, מע זאל אימ איבערשלאגנ אינמיטנ. האט ער ארײַנגערופנ זײַנ ווײַב טעמע-גיטל אונ האט זיכ אומגעקערט צוריק מיט זײַנע טאלמידימ צו דער ציג, וואס זי האט זיכ צוגעכאפט צומ עסנווארג, אונ מע האט געזונגענ אפ א קאל: „כײַווא ראווא—האט ראווא געפאסקנט, אז זי דארפ באצאלנ פארנ עסנווארג אונ פארנ פעסל דעמ גאנצנ העזעק“...

שימענ-עליע שמא-קוילײנו האט ארויסגעזענ, אז מיטנ מעלאמעד האט ער נישט וואס צו רײדנ, האט ער זיכ גענומענ צו דער מעלאמעדקע, אונ בעשאס דער מעלאמעד האט דא געלערנט מיט זײַנע טאלמידימ מיקויעכ דער ציג פונ דער געמארע, האט שימענ-עליע דער שנײַדער געהאלטנ א שמועס מיט טעמע-גיטל די מעלאמעדקע מיקויעכ איר ציג.

— איכ בינ, ווי איר זעט מיכ, א ייד א באלמעלאכע, — האט צו איר געזאגט שימענ-עליע דער שנײַדער, — עפשער האט איר געהערט פונ מיר — איכ בינ שימענ-עליע כײַעט מעקאאק זלאר דײעווקע, כעוורעמאנ אינ צעכ אונ גאבע אינ שנײַדערשנ שולכנ, כאטש איכ דארפ דאס אפ קאפארעס! לוי מעוקצאכ וועלוי מעדוקצאכ — איכ בינ אײַכ מויכל, זאג איכ, די פעטש, איכ וויל נישט קײנ קאווער!.. געקומענ בינ איכ, הײסט דאס, צו אײַכ טאקע מיקויעכ אײנער פונ אײַערע ציגנ, דאס הײסט איכ וואלט קײנ ציג

נישט געקויפט, נאָר אַזוי־ווי מײַן ווײַב זאָל לעבן, ציפּע־ביילע־רייזע הייסט דאָס, האָט זיך אײַנגעשפּאַרט: האַקצאַקאָסאָ — איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַ ציג! און אַ ווײַב, זאָגט איר דאָך, באַדאַרף מען פאָלגן, ס'איז אַ בעפיירעשע געמאָרע...

טעמע־גיטל, אַ קליין ווײַבעלע מיט אַ נעזל ווי אַ פאַסאָליע, וואָס זי טוט דאָס אַלעמאָל אַ וויש מיט צוויי פינגער, האָט אים אויסגעהערט אַ ביסל, און באַלד איבערגעשלאָגן אינמיטן:

— זײַט איר געקומען, הייסט דאָס, צו מיר אָפּהאַנדלען בײַ מיר איינע פון מײַנע ציגן? וועל איך אײַך זאָגן אַזוי, מײַן ליבער ייִד: ערשטנס, האַלט איך ניט בײַ פאַרקויפן קיין ציג, וואָרעם, לאָמיר זיך נישט נאַרן, צו וואָס זאָל איך דאָס טאָן? צוליב געלט? וואָס איז געלט? געלט איז קײַלעכיק! געלט גייט אַוועק און אַ ציג בלײַבט אַ ציג, אויביפּראַט נאָך אַזאַ ציג! ס'איז דען אַ ציג? אַ מאַמע, זאָג איך אײַך, נישט קיין ציג! קיין אײַנאָרע, איר גרינג מעלקן זיך! איר מילך געבן! הײַנט איר עסן, וואָס זי עסט! זי עסט דען עפּעס? איין מאָל אַ טאָג אַ „פּילע" פון קלײַען, און דאָס איבעריקע שטרוי פונעם דאַך פון בעסמעדרעש... נאָר גאָרנישט, אויב מע זאָל מיר באַצאָלן אַ רעכטן מעקעך, בין איך מיך מעיאַשעוו: געלט איז, ווי זאָגט איר, אַ יעיצערהאָרע, פאַר געלט קאָן איך קויפן אַן אַנדער ציג, כאָטש אַזאַ ציג ווי מײַן ציג איז שווער צו קריגן. ס'איז דען אַ ציג? אַ מאַמע, נישט קיין ציג... נאָר שאַ! וואָס טויג ווערטער? אָט פיר איך אײַך אַרײַן די ציג, וועט איר זען!..

און טעמע־גיטל לויפט אַוועק, פירט אַרײַן די ציג און ווײַזט אַ פול קריגל מיט מילך, וואָס זי האָט ערשט הײַנט אָנגעמאָלקן.

רעריזעג מילכ, האָט זיכ דער שנײַדער אזש אָנגעהויבנ באַלעקנ, אונ רופט זיכ אָנ:

— זאָגט זשע מיר, מײַנ ליבע ייִדענע, פֿאַר וואָס היינט קאָמאַ מײַלעם טויוועס — וויפֿל קאָנט איר זיכ היינט אָנמעסטנ פֿאַר אײַער ציג, אשטייגער? מאַכמעס וויבאַלד נישט אינ גלײַכנ געלט, וועל איכ נישט קויפֿנ. ווייסט איר, פֿאַרוואָס? ווײַל, ערשטנס, באַדאַרפֿ איכ זי אָפֿ קאַ־קאַ־קאָפּאָרעס, נאָר אַזוי ווי מײַנ ווײַב זאָל לעבנ, ציפּע־ביילע־רייזע היייסט דאָס, האָט זיכ אײַנגע־שפּאַרט איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל: האַקצאַק...

— וואָס איז שײַכ וויפֿל? — האַקט אים איבער טעמע־גיטל אינמיטנ דעם „האַקצאַקאָסאָ" אונ טוט א ווייש דאָס נעזל. — זאָגט איר אײַער מעקעכ, לאָמיר הערנ! דאָס קאָנ איכ אײַכ זאָגנ: הערט איר? אַז זויפֿל איר וועט באַצאָלנ, האַנדלט איר אַ מעציע! ווייסט איר פֿאַרוואָס? וואָרעמ אַז איר קויפֿט אַוועק בײַ מיר די ציג, האָט איר אַ ציג...

— הערסטו! — שלאָגט איר איבער דער שנײַדער אינמיטנ. — אָט דערפֿאַר וויל איכ דאָכ זי קויפֿנ, וואָס זי איז אַ ציג, נישט קיינ פּיפּערנאָטער! דאָס היייסט, איכ וואָלט קיינ ציג גאָר נישט געקויפֿט, איכ באַדאַרפֿ זי אָפֿ נײַנ אונ נײַנציק קאַפּאָרעס. נאָר אַזוי ווי מײַנ ווײַב זאָל לעבנ, ציפּע־ביילע־רייזע היייסט דאָס, האָט זיכ אײַנגע־שפּאַרט איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל האַקצאַק...

— הערסטו! אָט דאָס זאָג איכ דאָכ! — פֿאַלט אים אַרײַנ טעמע־גיטל אינ די רייד אַרײַנ אונ הייבט אָנ ווידעראַמאָל אויסרע־כענענ די מײַלעס פֿונ איר ציג. לאָזט זי נישט דער שנײַדער אונ שלאָגט איר איבער אינמיטנ, אונ אַזוי שלאָגנ זיי איבער איינס דאָס אַנדערע אַזוי לאַנג, ביז זייערע טײַנעס גיסנ זיכ צונויפֿ איינ־

נעם, אונ עס קומט אוים א מישמאַש, א קאַשע מיט באָרשטש אונ מיט לאָקשנ: „א ציג? א מאַמע, נישט קיינ ציג... איכ וואָלט קיינ ציג נישט געקויפט... א „פילע“ פונ קלײנע... זי האָט זיכ אײנגע־שפּאַרט איינמאָל פאַר אַלעמאָל: האַקצאַקאָסאָ... געלט איז קײלע־כיק... אָנ אײנאָרע, איר גרינג מעלקנ וזיכ... ציפּע־בייליע־רייזע הייסט האָס... זי עסט דענ עפּעס... איינמאָל פאַר אַלעמאָל: האַקצאַ־קאָסאָ... דאָס איבעריקע — שטרוי פונעם דאַכ פונ בעסמעדרעש... א װײב באַדאַרפ מענ פאָלגנ... א ציג? א מאַמע, נישט קיינ ציג!“...

— טאָמער וואָלט שוינ געווענ גענוג אײכ צו ציגנ טאָמער? — שלאָגט זיי איבער כאַזמ־כאָנע דער קלוגער אינמיטנ אונ דרייט זיכ אוים מיטנ פּאָנעמ צום װײב. — האָסט'ו געהערט א ביסל? מע האַלט אינמיטנ אָנ איניענ האַלט מענ, מיקוויעכ „נעזיקינ“, אונ זיי: ציג־ציג! מאָנעפשעכ, אָדער פאַרקויפ זיי די ציג, אָדער פאַרקויפ זיי נישט די ציג. ציג־ציג! ציג־ציג! סע ציגט מיר שוינ אינ קאָפ ציגט מיר!

— גערעכט! — רופט זיכ אָנ שימענ־עליע. — ווו טוירע, דאָרט איז כאָכמע! מאָנעפשעכ, וואָס באַדאַרפ מענ דאָ לאַנג ריידנ? ל י ה א ק ע ס ע פ ו ו ע ל י ה א ז א ה א ו ו — מײנ געלט, אײער סכוי־רע. זאָגט שלוישאָ דוואָרימ, א וואָרט אונ צוויי אונ א מאָריטש, ווי אינ מאַכזער שטייט געשריבנ: מ ע כ י ס פ ו י ס מ ע פ א צ פ ע־צ י ם — איז דער פּשאַט...

— וואָס טויג מיר אײער פּשאַט? איר זאָגט מיר בעסער, וואָס גיט איר מיר פאַר דער ציג? — מאַכט טעמע־גיטל שטילערהייט, בייגט זיכ אײנ, ווי א קעצעלע, אונ טוט א ווייש די ליפּנ הינ אונ צוריק.

— אַ מאָשל קעכערעס האַנישבאָר! — זאָגט שימען-עליע אויך שטילערהייט. — וואָס הייסט, איך זאָל זאָגנ? וואָס בינ איך פאַר אַ זאָגער וואָס? איך זע, אַז ס'איז אַ ל ט אַ ק ש ו ל ע וו אַ ז ו ר־ כ ע מ — אַרויסגעוואָרפנ מײַנ טירכע; איך וועל באַ אײַך, אַפּאָנעמ, הײַנט קיינ ציג נישט קויפנ! האָט קיינ פאַריבל נישט, וואָס איך האָב אײַך דערקוטשעט!..

און שימען-עליע חריוט זיך אויס מיטנ פּאָנעמ צו דער טיר און האַלט קלוימערשט באַ אַוועקגיינ.

— זעט נאָר זעט! — מאַכט טעמע-גיטל און טוט אימ אַ נעמ באַמ אַרבל. — וואָס האָט איר אַזוי קיינ צײַט נישט, דער טײַב ברענט? מאַנעפּשעכ, עפּעס האָט איר דאָך אָנגעהויבנ ריידנ מי־קויעכ אַ ציג...

בעקיצערע, די מעלאַמעדקע האָט געזאָגט איר מעקעכ, דער שנײַדער האָט געזאָגט זײַנ מעקעכ; זי האָט אַראָפּגעוואָרפנ, ער האָט אַרופגעוואָרפנ, אַ רענדל אַראָפּ, אַ רענדל אַרופ — מע האָט זיך אויסגעגלײַכט. שימען-עליע האָט אויסגעציילט די מאַמטאַקים, גענומענ די ציג אַפנ גאַרטל, טעמע-גיטל האָט באַשפּיגנ דאָס געלט, וואָס זי האָט געלייזט פאַר דער ציג, צוגעווינטשעוועט דעמ שנײַ־דער, ס'זאָל זײַנ מיט מאַזל-בראָכע, בעשאַסמײַסע עפּעס געשעפּ־טשעט שטילערהייט און געקוקט אַלעמאָל אַפנ געלט און אַפ דער ציג און האָט אַרויסבאַגלייט דעמ שנײַדער מיט אַ סאַך בראָ־כעס:

— גייט געזונט, און זײַט געזונט, און פאַרניצט געזונט, און לאָז גאָט געבנ, זי זאָל זײַנ אַזוי ווי זי איז געווענ ביז אַהער, נישט ערגער — בעסער האָט קיינ שיר נישט, און זי זאָל זיך באַ אײַך האַלטנ און האַלטנ, מעלקנ און מעלקנ, נישט אופהערנ זיך מעלקנ!..

— אָמיינ, גאָמ אָטעמ! — מאַכט דער שנײַדער און וויל זיך לאָזנ גיינ צו דער טיר, ווײַל די ציג נישט גיינ, דרייט מיט די הער־נער, שפּאַרט זיך אײַנ מיט די הינטערשטע פיסלעך און מאַכט אַפ אַ הילכיק קעלכל און ציקלט זיך, ווי אַ יונג כאַזנדל, וואָס גייט דעמ ערשטנ מאָל צומ אָמעד: מ ע ע ע ע ע פּישי! אָ ו מ ע ע ע ע ע ע כאָטאָסי!.. ווי איינער רעדט: וואָהינ שלעפּט איר מיך?..

דעמלט איז אופגעשטאַנענ רעב כאַיִמ־כאָנע דער קלוגער מיט זײַנ קאָוועד, און מיטנ קאַנטשיק אונטערגעהאָלפנ אַרויספירנ די ציג פונ שטוב. און די כעוורע טאַלמידימ האָבנ זי אונטערגע־טריבנ:

— היי, קאָזע! קאָזע! פּאַשאָל, קאָזע!..

און דער שנײַדער איז אַוועק אינ זײַנ וועג אַרײַנ.

קאַפּיטל ה

ו אַ ט ימאָיינ — און זי האָט נישט געוואָלט, די ציג הייסט דאָס, גיינ מיטנ שנײַדער קיינ זלאָדייעווקע, בעשום אויפנ וועופנ! זי האָט זיך געריסנ צוריק אַהיימ מיט אַלע קויכעס! עס האָט איר אָבער גאָרנישט געהאָלפנ. שימענ־עליע האָט זי געשלעפּט פאַרנ גאַרטל און האָט איר געגעבנ צו פאַרשטיינ, אַז ס׳איז אַרויס־געוואָרפנ איר דרייענ זיך און איר בריקענ זיך און איר מעקענ וואָס זי מעקעט. ער האָט צו איר אַזוי געזאָגט:

— עס שטייט בא אונדז: באַל קאָרכאַכאָ אַטאָ כײַ — איבער נויט שלעפּסטו אַפ זיך דעמ גאָלעס, מעגסט יאָ וועלנ, נישט

וועלנ — מע פרעגט בא דיר קיינ אייצעס נישט. איכ בינ אויכ אמאָל, נישט היינט געדאכט, געווענ א פרייע פייגעלע, א באָכער קאַ-האַלאַכע — א פיינער, א יונג מיט א קאמזויל אונ מיט סקריפּ-קעס, טשאַקנדיק אונ קנאַקנדיק; וואָס איז מיר אָפּגעגאַנגענ? קאָפּ-וויטעק? האָט גאָט געזאָגט: לעב לעבאַ מעארצעבאַ — קריכ, שימענ-עליע, אינ זאַק אריינ! האָב כאַסענע פאר ציפּע-בײליע-רייזענ! האָב קינדער! ווער פארשווארצט אפ דיינע יאָר אונ טעג! קי לעקאב נויצארטאַ — דערופ ביסטו א שנייַ-דער!..

אזוי האָט שימענ-עליע געטײנעט צו דער ציג אונ איז געגאַנ-גענ געשווינד, קימאט געלאָפנ. א ווארעמ ווינטל האָט אימ צע-בלאָזנ די פּאָלעס פונ דער געלאטעטער קאפּאָטע אונ האָט פארגאנוועט זיכ אימ אונטער די פּייעס אונ א גלעט געטאָנ אימ באמ בערדל, צוגעטראָגנ אימ צו דער נאָז א געשמאַקנ רייעכ פונ מיענטע, פונ האָמאשקעס אונ פונ אנדערע פעלד-בלומענ אונ קרײַטער, וואָס האָבנ א רייעכ פונ פּסאָמימ, אונ וואָס זײַנ נאָז איז צו זיי קלאל נישט געווינט געוואָרנ; אונ פאר גרויס היספּײַלעס האָט ער אָנגעהויבנ צו דאווענע מינכע, זאָגנ „פּיטומ-האקטוירעס", אויסרעכענענ אלע גוטע זאכנ: „האצאָרי ווע-האציפּוירענ, האכעלבענאָ ווע-האלווינאָ", אונ אלע איבעריקע געווירצנ, גאנצ פיינ, מיט זייער א שיינעמ ניגנ, אונ ער האָט פארקאטשעט זיכ „אָפּשטעפּנ" א מינכע אפנ כאזאָנישנ שטייגער, גאָר אפ אנ אנדער אויפנ! פּלוצעמ... פונוואַ-נענ נעמט זיכ דער סאָטנ-מעקאטרעג, דער יעיצערהאָרע, אונ רוימט אימ איינ א סאָד אינ אויער אריינ:

— הער נאָר אויס, שימענ-עליע, דו יאָלד איינער! וואָס האָסטו זיכ דאָ אזוי צעזונגענ אפנ ניכטערנ הארצנ? שוינ באלד נאכט, אונ

דו האָסט נאָך אין דײַן מויל נישט געהאַט, אַכוץ צוויי גלעזלעך בראָנפֿן! הײַנט האָסטו דאָך עפּעס געגעבן דײַן קאָרעוו דאָס הייליקע וואָרט, אַז צוריקוועגס, אימירצעשעם, מיט דער ציג, וועסטו זיך אָפּשטעלן בײַ אים עפּעס צובײַסן! געזאָגט א וואָרט — איז פֿאַרפֿאַלן. א מויל איז נישט קיין כאָליעווע!

און שימען־עליע האָט אָפּגעכאַפּט די שמוינעסרע גאָר בעקיצער, זיך אָפּגעקלאַפּט טאַכנון, און איז אַרײַן צו דאָדיע רענדאַר מיט א סימכע:

— א גוטן־אָוונט אײַך, מײַן ליבער קאָרעוו רעב דאָדיע, איך קאָן אײַך אָנזאָגן א פּסורע, מאַזלטאָוו, א י מ ל אָ וו אָ נ ג א ר ט י — איך האָב שוין אײַנגעהאַנדלט א ציג, אָבער א ציג פֿון ציגנלאַנד, א ציג אַשער לוי ציגונו אַוויסיינו! איר מעגט זי אָנקוקן און זאָגן אײַער מעווינעס — איר זעט דאָך עפּעס יאָ א יעדייע־סייפֿער! אַנו, טרעפֿט, ק א מ אָ ל אָ ק ו ב ע מ י צ ר א ! מ — וויפֿל האָב איך באַדאַרפֿט מעשאַלעם זײַן?

דאָדיע האָט זיך גענומען מיט דער האַנט באַם קאָזעראָק, זיך פֿאַרשטעלט פֿון דער זון, וואָס האָט געהאַלטן בײַ אונטערגיין מיט א גאָלדענעם פּאַס אין עק הימל, און האָט באַטראַכט די ציג, ווי א גרויסער מייוון, און האָט זי אָפּגעשאַצט פּונקט צוויי מאָל אַזוי פֿיל, וויפֿל דער שנײַדער האָט באַצאָלט. דערפֿון איז שימען־עליע געוואָרן אַזוי אופֿגעלייגט, אַז ער האָט דערלאַנגט דעם רענדאַר א זעץ אין פּלייצע:

— רעב דאָדיע סערדצע! געזונט זאָלט איר מיר זײַן, צ אָ ד א ק ט אָ ק י ד וו אָ ר ע כ אָ — איר האָט הײַנטיקס מאָל דאָפּקע נישט געטראָפֿן. אַזויפֿיל גליקלעכע יאָר אונדז בײדן!

דאָדיע דער רענדאַר האָט אופּגעשטעלט א פּאָר ליפּן און גע־

שאָקלט מיטנ קאָפּ אָנ זוערטער: מפּוּ־פּוּ־פּוּ! ווי איינער רעדט: „א מעציע! א מעציע פונ א גאַנעוו!"

אונ שימענ־עליע האָט אײַנגעבויגנ דאָס קעפּל אפּ א זײַט, זיכ א כאפּ געטאָנ מיטנ מיטלסטנ אויסגעבויגענעמ פינגער באָמ זשילעט, גלײַכ ווי ער וואָלט באַדאַרפט אַרויסכאַפּנ פונ דאָרט א נאָדל אונ אַרײַנזעצנ אינ איר אינ דער גיכ א פאָדעמ.

— נו, רעב דאָדיע? וואָס וועט איר עפּעס זאָגנ, אמכאָ? פארשטייענ מיר אָנ אייסעק? האָ? איר זאָלט נאָכ זענ, קיינ אײַנאָרע, ווי זי מעלקט זיכ, וואָלט איר א מיסע־מעשונע אײַנגענומענ דאָ אפנ אָרט!

— א מיסע־מעשונע נעמ שוינ בעסער אײַנ אליינ! — רופט זיכ אָנ צו אימ דאָדיע.

— אָמיינ, גאָמ אטעמ! — זאָגט שימענ־עליע. — אויב איכ בינ יאָ בא אײַכ אזא־נ־אָנגעלייגטער גאַסט, נעמט זשע, זײַט מויכל, רעב דאָדיע, די ציג אונ באַשטאַט זי ערגעצ אינ שטאַל, מע זאָל זי כאָלילע נישט אַוועקלאַקכענענ, אונ איכ וועל דערווײַל א דאַווענ טאָנ מײַרעוו, מינכע האָב איכ געכאַפּט אינ וועג, אונ נאָכדעמ וועלנ מיר מאַכנ „שעהאַקל ניהיע בידוואָרוי", אונ טאַקע עפּעס צובײַסנ אויכ, קאַקאָסגוו, ווי אינ דער מעגילע שטייט: איינ קויצים ביפרויצים — פאַרנ עסנ גייט קיינ טאַנצ נישט. שטייט אזוי געשריבנ אינ דער מעגילע, צי נײַנ?

— וואָס איז שײַעכ? — מאַכט דאָדיע. — מיסטאָמע אַז דו זאָגסט, סע שטייט — שטייט דאָס; דערופ ביסטו דאָכ עפּעס א ייִד פונ טוירע.

אָפּגעדאַוונט מײַרעוו אונ אויסגעשפּיגנ צו „אָליינו", רופט זיכ אָנ דער שנײַדער צומ רענדאַר:

— אז דער צאר פונ טראָגנ איז יאָ אזוי גרויס, איז האלי־טייני־נאָ מינ האָאָדוים האזע — גיסט אָנ, זײַט מויכל, פונ יענעמ גרינעמ פלעשל, אונ לאָמיר נעמענ צו קאפּעלעכ שפּירעט, אונ לאָמיר זײַנ געזונט. געזונט דאָס איז רייִ־שימ־כאָכמע, ווי מיר זאָגנ אלע טאָג אינ דאַוונענ: האשקיווי־נו לעשאָלוימ...

גענומענ א ביסל בראָנפנ אונ פאַרביסנ, האָט זיכ אונדזער שנײַדער צערעדט פאר פײַער אונ פאר וואסער, מיקויעכ זלאָדייִ־עוויקע, מייקויעכ קאָהאָל, שול־זאכנ, צעכ, שנײַדערײַ, שער אונ אײַזנ אונדזער פאָלק אמכאָ, בעשאסמײַסע געמאכט א טעל פונ זלאָדייעווקער גאבאָימ מיט די נעגידימ, מיט זייערע „פאָראדקעס”, געשוואָרנ, אז זײַנ נאָמענ זאָל נישט הייסנ שימענ־עליע, אויב מע קאָנ זיי נישט אוועקגעבנ אלע „אפ סימביר”...

— הערט איר, רעב דאָדיע? — אזוי האָט ער אויסגעלאָזט זײַנ דראָשע מיט א טוירע, ווי זײַנ שטייגער איז: — בויר קאָ־ראָ וואיעפארפערייהו — עס וועט א רועכ אינ זייער פאָטער אונ מוטער ארײַנ, די באלעטויוועס אונדזערע מיינ איכ!.. זיי ווייסנ נאָר צאפּנ בלוט, שינדנ דעמ אָרעמאנ, אראָפּנעמענ די הויט! פאר דרײַ קארבנ צאָל איכ, הערט איר, א פערטעלע א וואָכ! נאָר גאָרנישט, איכ בינ נישט קיינ „קויפּעצ בעהאָצ”, ווי זאָגט איר, לאָזנ זיי איבערגייִנ אפ אנדערע הענט! יאָווויי יויינאָ — עס וועט קומענ אפ זיי א צײַט! נישקאָשע, זיי האָבנ נאָכ באַ גאָט קיינ קוויטל נישט ארויסגענומענ! מײַנ ווײַב זאָל לעבנ, ציפּע־בייליע־רייזע הייסט דאָס, זאָגט מיר אפילע, אז איכ בינ א שליי־מאזלניק, א לעמעשקע א צעקוועטשטע, וואָרעמ איכ זאָל וועלנ,

האָב איכ אפ זיי א בײַטש... נאָר ווער הערט א װײַב? עפּעס האָב איכ דאָכ אויכ א שטיקל דייע! באַ אונדז איז דער הייליקער טוירע שטייט בעפּיירעש: וועהו ינמשויל באָכ — איר ווייסט דעם פּשאַט פונ די דאָזיקע ווערטער? ס'איז דאָכ צוקער־זיס! הערט זיכ אײַנ אקאָרשט אינ איטלעכס וואָרט: וועהו — אונ ער, דער מאנ הייסט דאָס, ינמשויל — זאָל טונ טאָנ געוועלטיקנ!.. נאָר וואָס דענ? האכילויסאָ לינפויל נאָפויל טיפויל — איר האָט אָנגעהויבנ גיסנ, גיסט שוינ אָנ נאָכ א ביסל בראָנפנ, קאקאָסווו, ווי אינ פּאָסעק שטייט: אסקאקורדע, דעבארבאנטע...

וואָס ווײַטער־ווײַטער האָט באַ שימענ־עליענ די צונג אָנגעהויבנ זיכ פּלאָנטענ, די אויגנ קלעפּנ זיכ, אזוי לאנג אונ אזוי בריט, ביז ער האָט זיכ צוגעשפּארט צו דער וואנט אפ א ווײַלע כאפּנ א דרימל, אונ דאָס קעפּל האָט זיכ אימ אָנגעבויגנ א ביסל אפ א זײַט, די הענט האָט ער צונויפגעלייגט אפנ הארצנ, צוגעהאלטנ דאָס צאפּנ־בערדל מיט דרײַ פינגער, אונ האָט אויסגעזענ ווי א מענטש, וואָס איז פארטיפט אינ זייער־זייער טיפע מאכשאָוועס. ער זאָל בעשאסמײַסע נישט געווענ צופײַפנ מיטן דער נאָז, אונטערכאָרכלענ מיטנ האלדז אונ בלאָזנ דורכ די ציינ: טצ־טצ־טצ! — וואָלט קיינער אינ דער וועלט נישט געזאָגט אפ אימ, אז ער שלאָפט. אונ באָטש ער האָט געדרימלט, פונדעסטוועגנ האָט דער מויעכ באַ אימ געארבעט גאנצ געשמאק. אונ עס האָט זיכ אימ געכאָלעמט, אז ער איז אינ דער היימ באַ זײַנ ווארשטיק. אפנ טיש ליגט אויסגעשפּרייט פאר זײַנע אויגנ א מינ מאלבעש, וואָס ס'איז שווער צו טרעפנ, וואָס דאָס איז. זאָל איכ זאָגנ, ס'איז א פּאָר טאכטוינימ — ווו איז דער קראָק? קיינ סימענ פונ קראָק! זאָל

איך זאָגן, ס'איז אַ לײַבל אַזעלכעס — פּוטוואַנע האָבן זיך געננ־נומען אַזעלכע לאַנגע אַרבל? עלע וואָס דען? מוז איך לערנען דעם פּשאַט, אַז ס'איז לוי האָ וועלוי האָ, נישט קיין לײַבל און נישט קיין הויזן — וואָס זשע דען איז דאָס? עפּעס מוז דאָך עס זײַן!..
שימען־עליע קערט דאָס איבער אַף דער לינקער זײַט — ס'איז גאָר אַ קאַפּאָטע, און נאָך וואָסער אַ קאַפּאָטע! אַ שפּאָגל־נײַע, אַ גלאַטע, אַן אַטלעסענע, ער האָט נאָך אַף זײַן לעבן אַזאַ קאַפּאָטע אונטער דער נאָדל נישט געהאַלטן! נאָר ס'איז נישט זײַן אייסעק; ער נעמט אַרויס דאָס מעסערל פֿון זשילעט־קעשענע און זוכט אַ נאָט און וויל אָנהייבן טרענען די קאַפּאָטע. אַ גליק, וואָס סע באַווײַזט זיך ציפּע־בייליע־רייזע און הייבט אים אָן שילטן, באַגראָבן אין דער ערד אַרײַן.

— דעם בויך, די קישקעס זאָל מען דיר שווינ טרענען, דו שלימאַזל איינער, דו גרינע אוגערקע, דו שיינע פּאַסאָליע מײַנע! דאָס איז דאָך דײַן קאַפּאָטע די שאַבעסדיקע, וואָס איך האָב דיר געמאַכט פֿון מײַן געלט, וואָס איך האָב אָנגעקליבן פֿון דער ציג!..

און שימען־עליע דערמאָנט זיך, אַז ער האָט אַ ציג מיט גאָטס הילף, און עס קומט אים צו אַ שטיק געזונט! ער האָט אַף זײַן לעבן נישט געזען אַזויפֿיל קריגלעך מיט מילך! אַזויפֿיל וואָרעטש־קעס מיט קעז! און פּוטער, פּוטער גאַנצע מאַקרעטעס! הײַנט מאַס־לינקע, פּידסמעטענע, זויערמילך מיט גאַנצע שטיקער „קריע”, און פּוטערגעבעקס עפּעס אָן אַ שיר, פּלעצלעך אַזעלכע מילכיקע, גע־באַקן אַף פּוטער און פֿון אויבן באַשאָטן מיט זאַמד־צוקער און מיט צימערינג, און דער רייעך, דער רייעך! עפּעס אַ מאָדנער רייעך, אַ באַקאַנטער רייעך, פּע!.. ער פֿילט, ווי עפּעס קריכט אים אַפֿן

האלדז צווישנ קאָלנער, און אונטערנ אויער, און אפנ פּאָנעמ, און עפּעס קיצלט אימ און שטינקט אימ גלײַכ אינ נאָז ארײַנ... ער טאפּט מיט די פינגער און טאפּט אָנ א וואנצ... ער עפנט אופ איינ אויג, דאָס אנדערע אויג, ער כאפּט א קוק אינ פענצטער — אוי־וויי, א צאָרע, א שלאק, עס שאריעט אפ טאָג!..

— וואָס טיבע יויצער האמעוירויס! גוט געכאפּט א דרימל! — מאכט שימענ־עליע צו זיכ אליינ און טוט א רײַב מיט די פּלייצעס. ער וועקט אופ דעמ רענדאר, פליט ארויס אינ הויפ ארײַנ, עפנט די שטאל, נעמט די ציג אפנ גארטל און לאָזט זיכ גיינ אהיימ געשווינד, פײַל אויסנ בויגנ, ווי א מענטש, וואָס האָט מוירע, ער זאָל כאָלילע נישט פארשפּעטיקנ מי־יעדייע וואָס!..

קאפּיטל ו

וועהאָ:שאָ — און די ווײַב ציפּע־ביילע־רייזע, אז זי האָט געזענ, אז דער מאנ זוימט זיכ אזוי לאנג, האָט זי גאָר נישט געקאָנט פארשטיינ, וואָס דאָס איז. זי האָט אָנגעהויבנ איבערצוטראכטנ, עפּשער האָט זיכ כאָלילע געטראָפנ אנ אומגליק, גאָזלאָנימ זײַנענ אָנגעפאלנ אפ איר מאנ אינ וועג, צוגענומענ בא אימ די עטלעכע קערבלעכ, אימ געקוילעט און פארוואָרפנ ערגעצ אינ א גרוב, און זי איז געבליבנ, כאסוועשאָלעמ, אנ אייביקע אגונע מיט, קיינ איינאָרע, אזויפיל קינדער, כאָטש נעמ וואַרפ זיכ ארײַנ, סאָנע־צ:ענ, מיט זיי אינ טײַכ ארײַנ!.. אזעלכע, און קעדוימע אזעלכע, מאכשאָוועס האָט נעבעכ ציפּע־ביילע־רייזע יענע נאכט

איבערגעטראכט, און האָט אפילע נישט צוגעמאכט מיט קיין אויג; און אז עס האָט אויסגעקרייעט דער ערשטער האָן אפ טאָג, האָט זי געכאַפּט אפ זיך דאָס קליידל און איז ארויס אין דרויסן און האָט זיך געזעצט אפ דער שוועל ארויסקוקן אפ איר מאן, טאָמער וועט גאָט ראַכמאָנעס האָבן, ער וועט קומען... „א שלי־מאזל גייט אוועק!" — האָט זי זיך געקלערט און זי האָט זיך צו־געגרייט אים אָפּשפּילן א פּרימאָרגן, ווי ער איז ווערט געווען. נאָר אז זי האָט דערזען בא אים הינטן צוגעבונדן באַם גארטל א ציג, איז איר באלד אָפּגעגאנגען דאָס הארצ, און זי האָט זיך אָנגע־רופן צו אים מיט גוטן:

— וואָס אזוי לאנג, דו קאנאריקל מיינס, מאנדלבייגעלע? איך האָב דאָך געמיינט, ביסט שוין כאָלילע אין דער ערד אריין, שיינער טאַכשיט מיינער, אָדער אזוי עפּעס אן אומגליק געטראָפן, כאס־וועשאָלעם.

און שימען-עליע האָט זיך צעגארטלט, אוועקגעשטעלט די ציג אין הויז, און האָט אָנגעהויבן שיטן מיט ווערטער, ווי פון א זאק; ער האָט איר פארעדט די ציין.

— הערסטו, מיין ווייב, האָב איך דיר געקויפט א ציג — פון ציגנלאנד; דאָס איז א ציג אשער לוי ציגונו אוויסיינו! ווי לאנג שמייסט מען זיי, די היגע באַלעבאָסטעס, ווי לאנג זיי האָבן נאָך אזא ציג נישט געזען אין כאָלעם אפילע! אז עסן עסט זי מאקעס, סאַבאַקל איין מאָל אין טאָג א „פּילע" פון קליינע, און דאָס איבע־ריקע — א ביסל שטרוי פונעם דאַך פון בעסמעדרעש; און מילך גיט זי, קיין אַיינאָרע, ווי א קו. מעלקט זיך צוויי מאָל אין טאָג — איך האָב אליין געזען א פול מעלקשעפל, איך זאָל אזוי זען בא דיר אלדאָסגוטס! ס'איז דען א ציג? ס'איז א מאַמע, נישט קיין ציג!

אזוי זאָגט זי, טעמע־גיטל הייסט דאָס. א מעציע פונ א גאַנעיִו, כ'לעבנ, קוים־קוימ אויסגעדונגענ פאַר זיבנטהאלבנ קאַרבנ! וויפל, מיינסטו, האָב איכ זיכ גערונגענ, אײדער איכ האָב זיכ אויסגעדונגענ? אז סאַכאַקל האָט זי גאָר נישט געוואָלט פאַרקויפנ קיינ ציג, קוימ אײַנגערעדט! א גאַנצע נאַכט געהאַקט האָלצ...

און ציפּע־בײליע־רײזע האָט זיכ געטראַכט בעשאַסמײַסע: „נעכאַמע־בראָכע — א מאַקע איר א גרויסע! זי מיינט, אז נאָר זי איז א באַלעבאָסטע, נאָר זי האָט א ציג, און ווײַטער קיינער נישט! איכ האָב מוירע, אז עס וועט איר ארויס די אויגנ, אז זי וועט הערנ, אז ציפּע־בײליע־רײזע שימענ־עליעס ווײַב האָט אויכ א ציג... און בלומע־זלאַטע? און כײַע־מײַטע? קלוימערשט גאָר גוטע שוועסטער! עס זאָל זיי אָנגיינ כאָטש האַלב, וואָס זיי ווינטשנ מיר, ריבוינעשעלוילעמ!"... אזוי האָט זי זיכ געטראַכט און האָט אײַנגעהיצט איינ אויוונ, גענומענ דערווײַלע צוגרייטנ רעטשענע לאָקשנ אפּ אָנבײַסנ. און שימענ־עליע האָט אָנגעטאָנ טאַלעס־און־טפילנ און האָט זיכ אוועקגעשטעלט דאַווענע, און געשמאַק, מיט האַרצ — ער האָט שוינ לאַנג נישט געדאַוונט אזוי ווי אַצינד! ער האָט געזונגענ די האַלעלויעס, געמאַכט כאַזאָנישע שטיק, צוגעקנאַקט מיטנ פינגער און האָט אופגעוועקט מיטנ זינגענ אַלע קינדער. די קינדער זײַנענ געוואָר געוואָרנ פונ דער מאַמענ, אז דער טאַטע האָט געבראַכט א ציג, און מע קאָכט לאָקשנ מיט מילכ, איז געוואָרנ סאָסנוועסימכע. און מענ איז אראָפּגעשפּרונגענ פונ די בעטלעכ אינ איינע העמדלעכ און מע האָט זיכ גענומענ פאַר די הענטלעכ, און מע האָט געכאַפּט א טענצל, בעשאַסמײַסע צוגעזונגענ א לידל, וואָס איז בא זיי נאָרוואָס באַשאַפנ געוואָרנ:

א ציג, א ציג, א ציגעלע!
דער טאטע האָט געבראכט א ציגעלע!
דאָס ציגעלע וועט געבנ מי־לעכ!
די מאמע וועט קאָכנ לאָק־שנ!..

געקוקט אפ די קינדער, ווי זיי זינגענ אונ טאנצנ, איז שימענ־עליע געוואָרנ ברייטער ווי לענגער. ער האָט זיכ געטראכט: „קינדער נעבעכ, זשעדנע א ביסל מילכ... נישקאָשע, איר וועט שוינ היינט, אימירצעשעמ, זײַנ זאט... אלע טאָג א גלעזל מילכ, אונ קאשע מיט מילכ, אונ צו דער טיי מילכ — א ציג איז טאקע א געזונט אינ די ביינער!.. וואָס איז מיר אצינדערט פישל באלטאקסע? איכ הער אימ, ווי דעמ קאָטער! ער וויל נישט געבנ קיינ פלייש, נאָר ביינער? לאָז ער זיכ ווארגנ מיט די ביינער! וואָס דארפ איכ זײַנ פלייש, אז איכ האָב, קיינ אײַנאָרע, מילכ?.. אײַ, שאבעס? — אפ שאבעס קויפט מענ פיש. ווו שטייט דאָס, אז א ייִד מוז עסנ פלייש? איכ האָב אינ ערגעצ נישט געזענ אזא דינ!.. אלע ייִדנ זאָלנ מיכ וועלנ פאָלגנ, וואָלטנ זיי אלע געקויפט ציגנ; דעמלט וואָלט אונדזער באלטאקסע שיינ אויסגעזענ מיטנ בײַכל! עס וואָלט שוינ דעמלט א רועכ אינ זײַנ טאטנס טאטנ ארײַנ!”...

אזוי האָט זיכ געטראכט „שימענ־עליע שמאָ־קוליינו” אונ האָט צונויפגעלייגט די טפילנ, אונ האָט זיכ געוואשנ, געמאכט אמויצע אונ צוגעגרייט זיכ צו דער מילכיקער סודע. עפנט זיכ די טיר אונ עס קומט ארײַנ ציפע־ביילע־רייזע מיט א ליידיק טעפל, רויט ווי פײַער, אינ כאס מיט סאקאָנעס־נעפאָשעס, אונ א רעגנ פונ קלאָלעס אונ כאראָמעס האָט זיכ אָנגעהויבנ שיטנ אפ שימענ־עליעס קאָפּ! נישט קיינ קלאָלעס זײַנענ דאָס געווענ — שטיינער זײַנענ

געפאלן פונעם הימל, פעך און שוועבל האָט זיך געגאָסן פון ציפּע־ביילע־רייזעס מויל:

— דעם טאטן דײַנעם דעם שיקער זאָל עס אַרויסוואַרפן, דיך אַרײַנוואַרפן! אַ שטיין, אַ ביין זאָל פון דיר ווערן! קאַפּעקאַל זאָלסטו גיין! געשאָסן זאָלסטו ווערן פון אַ ביקס! הענגען און טרינקען, ברענען און בראָטן, שנײַדן און בראָקן! גיי זע, דו גזלען, דו רעציייעך, דו מעשומעד איינער, וואָס פאר אַ ציג דו האָסט מיר געבראַכט! אַ ווייסטער, אַ פינצטערער כאָלעם אַף דײַן קאָפּ און אַף דײַנע הענט און פיס, ריבוינעשעלוילעם! זיסער פאָטער, האַרציקער־געטרײַער!..

דאָס איבעריקע האָט שוין שימען־עליע נישט געהערט. ער האָט אָנגערוקט דאָס היטל און איז אַרויס פון הויז אָנקוקן דאָס אומגליק, וואָס אים האָט געטראָפן.

אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן צו דער ציג און דערזען דעם שיינעם מאכשיט, ווי ער שטייט צוגעבונדן צום פּלעקל פון דער טיר און מאַלעגיירעט זיך קאָלטבלוטיק, איז ער געבליבן שטיין אין דער הינהערפלעט, נישט געוווּסט, וואָס טוט מען? וווהין גייט מען? געשטאַנען, געטראַכט, געטראַכט, און אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין: „ט אָ מ ו ס נ אַ פ ש י א י מ פּ ל י ש ט י ם" — עס וועט אַ רועך אין זייער מאַמנס טאַטנס אַרײַן, דעם מעלאַמעד מיט דער מעלאַמעדקע! זיי האָבן געפונען, מיט וועמען צו טרײַבן קאַטאָוועס! איך וועל זיי געבן אַ קאַטאָוועס, וועט זיי זײַן ווייסט און פינצטער! דאַכט זיך, גאָר אַ נעבעכל אָט דער מעלאַמעד, מישט זיך קלוימערשט נישט אין געשעפט, און צום סאָף אַזאַ מײַסע! נישט אומזיסט האָבן די מאַלמידים געפיכיקעט בעשאָס דער רעבע האָט מיך אַרויסגעמעשאַלייעכט מיט דער ציג און די רעבעצן האָט

מיר צוגעווינטשעוועט, זי זאָל זיכ באַ מיר מעלקנ און מעלקנ... איכ וועל זיי געבנ א מעלקנ! איכ וועל באַ זיי ארויסמעלקנ דאָס דאָמ־האטאמצימ פונ די קאָזאָדאָיעווקער קלייקוידעש, טונעיאדצעס, קאַטאָוועסטרײַבער!..

אזוי האָט זיכ געטראכט „שימענ־עליע שמאַ־קוליינו” און האָט זיכ געלאָזט גײנ צוריק קײנ קאָזאָדאָיעווקע מיט דער דייע, ער זאָל זיי אָפּשפּילנ א וויוואַט, ווי זיי זײַנענ ווערט!

געגאנגענ פארבײַ דער דעמבענער קרעטשמע און דערזענ דעמ רענדאר אפ דער טיר מיטנ ליולקע־ציבעקל אינ די ציינ, האָט זיכ אונדזער שנײַדער צעלאכט נאָכ פונדערווײַטנ.

— וואָס איז פאר א סימכע אפ דיר, — פרעגט אימ דאָדיע, — וואָס דו לאכסט אזוי?

— טוט א קוק, זײַט מויכל, עפשער וועט איר אויכ לאכנ? — זאָגט צו אימ דער שנײַדער און הייבט אָנ לאכנ נאָכ שטארקער, גלײַכ ווי צענ שיידימ וואָלטנ אימ געקיצלט. — נו, ווי געפעלט אײַכ, אישטיגער, רעב דאָדיע, אזא שלאק? קאָל האָאָדאָמ קויזעוו — ווי ערגעצ א צאָרע דארפ עס טרעפנ מיכ! איר פארשטייט א מײַסע? איכ האָב דאָס געהאט א פסאק פונ מײַנ ווײַב זאָל לעבנ, ציפּע־ביילע־רייזע הייסט דאָס; זי האָט מיר גע־געבנ באָרעכעוו אוואסוסימ — אפ שיסל און אפ טעלער, און דאפקע אפנ ניכטערנ הארצנ, עס זאָל נאָר פאלנ אפנ מעלאמעד מיט דער מעלאמעדקע! מאָלט אײַכ, איכ וועל זיי נישט שווײַגנ, עס וועט זײַנ אינ טאכאס אינ — א פאטש פאר א פאטש! איכ האָב פײַנט, אז מע טרײַבט מיט מיר אזעלכע קאָ־טאָוועסלעכ. אנו, גיט נאָר לעסאטע, רעב דאָדיע, פאר הארצוויטעק א גלעזל שפּירעט, דורכשווענקענ דעמ האלדז, איכ זאָל באטש

קויעך האָבן צו ריידן און די נעשאָמע זאָל נישט קליאַקנען... לע־
כאַים, רעב דאָדיע, לאָמיר זײַן ייִדן, דאָס איז דער איקער, קאַקאָ־
סאָוו, ווי עס שטייט געשריבן: ה א י ו י מ ה א ר א ס א ו י ל אָ מ
— נאָר נישט געזאָרגט! זײַט זיכער, איך וועל זיי שוין אָפּשפּילן
אַ פּרימאָרגן. איך וועל זיי באַווײַזן, וויאַזוי מע טרײַבט קאַטאָוועס
מיט צעך, שער און אײַזן אונדזער פאָלק אַמכאָ!

— ווער האָט דיר געזאָגט, אַז ס'איז אַ קאַטאָוועס? — מאַכט
דער רענדאַר גאַנץ טאַמעוואַטע און פּיפּקעט מיטן ליולקעלע. —
עפּשער איז בא אײַך דאָרט אַרויס אַ טאַם אין די רייד?

שימען־עליע איז אַזש אונטערגעשפּרונגען פאַר קאַס.

— מאָשל קעכערעס האַנישבאָר! וואָס רעדט איר? איר ווייסט,
וואָס איר רעדט? איך קום צו זיי לעכאַטכילע קויפן אַ ציג, און רייד
מיט זיי בעראָכל ביטכאָ האַנאַקעטע: אַ ציג! זאָגט איר גאָר דאָס!..

האָדיע פּיפּקעט מיטן ליולקעלע, קנייטשט מיט די פּלייצעס און
צעפּירט מיט די הענט, ווי איינער רעדט: „וואָס בין איך שולדיק?
איך בין דאָך אַוואַדע גאָט די נעשאָמע שולדיק!“...

און שימען־עליע כאַפּט די ציג און לאָזט זיך גיין קיין קאָזאָ־
דאָיעווקע, ו א כ א מ אָ ס ו י ב אָ א ר אָ ו ו י — און עס ברענט
אין אים אַ פײַער.

ק א פּ י ט ל ז

ו ו ע ה א מ ע ל א מ ע ד — און דער מעלאַמעד האָט זיך גע־
טאָן זײַן מעלאָכע, דאָס הייסט ער איז געזעסן און געקנעלט מיט
זײַנע טאַלמידים, געלערנט אַלץ יענעמס איניעט פון „נעזיקין“, און
זייער געשריי האָט זיך געלאָזט הערן איבערן גאַנצן שול־הויף:

„קישקעשאַ ביזנאַוואַ — זי האָט אַ זעץ געטאָן מיטן ווײדל, די בעהיימע, ווּעשאַווראַ עס האַקאד — און זי האָט צעבראָכן דאָס קריגל"...

— אל יִסראָעל וועאל ראבאָנאָן וועאל טאַלמידייהען — אַ גוטער־מאָרגן זאָל אײַך זײַן, רעבע, מיט אײַערע טאַלמידים! — זאָגט שימען־עליע. — איר מעגט מאַפּסיק זײַן אף אַ מינוט, נישקאָשע, די בעהיימע וועט נישט אנטלויפן און דאָס צעבראָכענע קריגל וועט שוין בעמיילע גאנץ נישט ווערן. וואָס טויג מיר גרוים — איר האָט מיר אָפּגעטאָן אַ רעכט שפּיצל, טאַקע אף קאַטאָוועס, נאָר וואָס דען? אָהאווטי קי יִשמאלי — איך האָב פײַנט אזעלכע קאַטאָוועסלעך! איר האָט דאָך געהערט מיסטאמע די מײַסע פון יענע צוויי ייִדן, וואָס זײַנען געווען ערעוו שאַבעס אין מערכעץ אף דער אייבערשטער באַנק? רופט זיך אָן איינער צום אנדערן: „נאַ דיר מײַן בעזעמל און שמײַס מיך אָפּ". איז זיך מעיאַשעוו יענער און טיילט אים אײַן, ווי עס געהער צו זײַן, צעקאַרדאַשעט דאָס לײַב ביז'ן בלוט אַרײַן. זאָגט צו אים דער געשמיסענער: „די מײַסע דערפון איז אזוי. אויב דו האָסט זיך געוואָלט מיט מיר אָפּרעכענען דאָ, אף דער אייבערשטער באַנק, בעשאַס איך ליג אַ נאַקעטער און דו האָסט אַ בעזעמל אין האַנט, — מאַכטייסע, ביסטו גערעכט; נאָר טאָמער מיינסטו דאָס אף קאַטאָוועס, זאָג איך דיר, אַז איך האַלט נישט פון אזעלכע קאַטאָוועסלעך!"...

— אקעגן וואָס איז דער מאָשל? — פרעגט אים דער מעלאַמעד, טוט אויס דיברילן און קראַצט זיך מיט זיי אין אויער.

— דער מאָשל — מאַכט שימען־עליע — איז טאַקע אקעגן

אײַך אַלײן מיט דער שײנער ציג, װאָס איר האָט מיר ארײַנגערוקט בישגאָגאָ, דאָס הײסט אַפּ א געלעכטער. פון אזא געלעכטער, הערט איר, קאָן אײַך ארויסוואקסן א געלעכטער אַפּן פּופּעק! מײנט נישט, אז איר האָט צו טאָן מיט גלאַט עפּעס א פּאַלגע; איך בין שימען-עליע כײַעט מעקאַק זלאָדײעװקע, בעוורעמאַן אין צעך און גאַבע אין שנײַדערשן שולכן, שער און אײַזן אונדזער פּאָלק אמכאָ!

בא די לעצטע װערטער איז שימען-עליע אזש אונטערגעשפּרונגען, און דער מעלאַמעד האָט אָנגעטאָן צוריק די ברילן און האָט באַטראַכט דעם שנײַדער, װי א מענטשן, װאָס רעדט פון היץ, און דער גאַנצער כײדער האָט זיך געשטיקט פון געלעכטער.

— לאָמאָ האָרײוויסאָ לאָאָם האַזע — װאָס קוקט איר מיך אָן, װי א בײזער מאַרשעלעק? — רופט זיך אָן דער שנײַדער שוין מיט קאַס. — איך קום צו אײַך צו גײן און קויפ בא אײַך א ציג, גײט איר און רוקט מיר ארײַן דער רועך װײסט װאָס!

— סע געפעלט אײַך נישט די ציג? — פרעגט אים דער מעלאַמעד ביטמימעס.

— די ציג, זאָגט איר? ס'איז אזוי א ציג, װי איר זײַט גובערנאַטאָר!

דער גאַנצער כײדער שיסט אויס א געלעכטער, און עס קומט אָן טעמע-גיטל די שטילשװײַגנדיקע, און דאָ הײבט זיך ערשט אָן די רעכטע כאַסענע: שימען-עליע רעדט און טעמע-גיטל רעדט אים איבער; דער רעבע זיצט און קוקט, די טאַלמידים לאַכן; זײ רײדן בײדע אזוי לאַנג, ביז טעמע-גיטל װערט אין קאַס, כאַפּט דעם שנײַדער פאַרן האַנט און שלעפּט אים.

— קומט, קומט צום ראָוו! לאָזן כאָטש ייִדן זען, ווי אַ זלאָ־דייעווקער שנײַדער טשעפּעט זיך! טראַכט אויס אַ בילבל!

— קומט! — זאָגט שימען־עליע. — אַדעראַבע, לאָזן מענטשן זען, ווי ערלעכע ייִדן, קלייקווידעש קלוימערשט, דערטאַפּן אַ פרעמדן מענטשן און מאַכן פון אים אַ האַנטשירקע. ווי מיר זאָגן אין לאַנג־וועהו־ראַכום: ל ע ל אַ אַ ג ו ע ל י ק ל ע מ ע נ י ש... קומט טאַקע איר אויך, רעבע־לעבן! — מאַכט ער צום מעלאַמעד.

און רעב כאַים־כאָנע טוט אָן דעם פליסענעם קאַשקעט אַף דער יאַרמלקע און עס בלײַבט, אַז זיי גייען צום ראָוו אַלע פיר, דאָס הייסט: דער שנײַדער, די מעלאַמעדקע, דער מעלאַמעד און די ציג.

אַז די קאָמפּאַניע איז געקומען צום ראָוו, האָבן זיי געטראָפן דעם ראָוו אין אַ ציצן כאַלאַטל ווישן די הענט און זאָגן „אַשער־יאָצער” פּאַוואָלינקע, מיט קאַוואָנע, נישט געכאַפּט, געקוועטשט איטלעכס וואָרט באַזונדער: נעקאָווים, נעקאָ־ווים! כאַלולים, כאַ־לו־לים!.. און אַז ער האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט אַלצדינג אַרום און אַרום, האָט ער צונויפגענומען דאָס כאַלאַטל און האָט זיך באַזעצט אַף זײַן שטול, וואָס איז געווען אָן אַ געזעסל, נאָר פּיסר לעב מיט פּאָרענטשעס אַלטע, גלאַנצנדיקע און שאָקלענדיקע, ווי אַלטע ציין בײַ אַן אַלטן מענטשן, וואָס וואָלטן שוין לאַנג באַ־דאַרפט אַרויספאַלן, נאָר זיי האַלטן זיך אַף ניסים.

אויסגעהערט בײדע צדאָדים, וואָס האָבן נישט געלאָזט ריידן איינער דעם אַנדערן, האָט דער ראָוו געשיקט רופן דעם דײַען מיטן שוּיכעט, מיט די איבעריקע פּאָרנעסטע לײַט פון שטאָט, די „שיווע־טוווע־האָיר”, און האָט זיך אָנגערופן צום שנײַדער בעזע האַלאָשן:

— דערצייל, זײַ מויכל, נאָכאמאָל די מײַסע פונ אָנהייב ביזנ סאָפ, אונ נאָכדעמ וועט זי דערציילנ.

אונ שימענ-עליע דער שנײַדער האָט זיכ נישט געפוילט אי-בערכאַזערנ נאָכאמאָל אונ נאָכאמאָל די אייגענע מײַסע פונעמ אָנהייב אָנ, אַז ער הייסט שימענ-עליע כײַעט מעקאַק זלאָדיי-עווקע, כעוורעמאַנ אינ צעכ אונ גאַבע אינ שולכנ, כאָטש ער טײַנעט מיט זיי: קאָטוינטי מיקאָל האַצאָרעמ — איכ דאַרפ עמ אַפ קאַפּאָרעס, לוי מעוקצאָכ וועלוי מעדוקצאָכ — איכ בינ אײַכ מויכל די פּעטש אונ וויל נישט קיינ קאָווער! זאָגנ זיי: סימלעכאָ לעכאָ קאָצינ טיהיע לאָנו — פּעטש זאָלסטו כאַפּנ אונ גאַבע זאָלסטו זײַנ... אַקיצער, ער האָט זיכ אַוועקגעלאָזט אַהער קיינ קאָ-זאָדאָיעווקע נאָכ אַ ציג; דאָס הייסט ער וואָלט קיינ ציג נישט געקויפט — ער באַדאַרפ זי אַפ נײַנ אונ נײַנציק קאַפּאָרעס; נאָר אַזויווי ער האָט אַ ווײַב זאָל לעבנ, ציפּע-בײַליע-רייזע הייסט דאָס, האָט זי אימ נישט געלאָזט אָטעמענ: האַקצאַקאָסאָ — זי וויל אַ ציג... אונ אַ ווײַב, זאָגט איר, באַדאַרפ מענ פאָלגנ, איז ער געקו-מענ צו רעב כאַימ-כאָנע דעמ געמאָרע-מעלאַמעד אונ דינגט בא אימ אַ ציג אונ רעדט אויס „בעראָכל ביטכאָ האַנאַקעטע”: אַ ציג. צומ סאָפ לאָזט זיכ אויס, אַז מע האָט בא אימ צוגענומענ די עט-לעכע קערבלעכ אונ מע האָט אימ אַרײַנגערוקט דער רועכ ווייסט וואָס, אַפ קאַטאָוועס הייסט דאָס, אונ ער, שימענ-עליע, האָט פײַנט אַזעלכע קאַטאָוועסלעכ!.. איר האָט דאָכ געהערט מיסטאַמע די מײַסע מיט יענע צוויי יידנ, וואָס זײַנענ פרײַטיק אינ באָד...?

אונ שימענ-עליע דער שנײַדער כאַזערט איבער דעמ מאָשל פונ דער באָד נאָכאמאָל, אונ דער ראָוו מיט די דאַיאָנימ מיט די שיווע-טווע-האָיר לאַכנ.

— האָבנ מיר אויסגעהערט איינ צאַד, — רופט זיכ אָנ דער ראָוו, — אַצינד לאָמיר האָרכנ דעמ אַנדערנ צאַד.

שטייט אופ רעב כאַזמ־כאָנע דער קלוגער, רוקט אָנ דאָס היטל אַפ דער יאַרמלקע אונ הייבט אָנ בעזע האַלאָשנ:

— שימו־נאָ, ראַבויסײַ! די מײַסע איז אַזוי געווענ די מײַסע: איכ בינ געזעסנ אונ געלערנט מיט די טאַלמידימ בינ איכ געזעסנ, סיידער נעזיקינ האָב איכ געלערנט, באָווע־קאַמע — יאָ, באָווע־קאַמע... קומט אַרײַנ אָט דער ייִד פונ זלאָדייעווקע אָט דער, אונ זאָגט, אַז ער איז אַ זלאָדייעווקער, פונ זלאָדייעווקע זאָגט ער, אונ גיט אָפּ שאָלעמ גיט ער מיר אָפּ, אונ דערציילט מיר אַ גאַנצע מײַסע דערציילט ער מיר, אַז ער איז אַליינ אַ זלאָדייעווקער, פונ זלאָדייעווקע, הייסט דאָס איז ער, אונ האָט אַ ווײַב האָט ער, הייסט זי ציפּע־ביילע־רייזע הייסט זי — יאָ, ציפּע־ביילע־רייזע הייסט זי... אַזוי, דאַכט זיכ?

דער מעלאַמעד בייגט זיכ אָנ צומ שנײַדער, אונ דער שנײַדער, וואָס האַלט זיכ די גאַנצע צײַט באַמ בערדל, שטייט מיט צוגעמאַכטע אויגנ, דאָס קעפּל אַ ביסל אַפ אַ זײַט, אונ שאָקלט זיכ אונ זאָגט אַפ זײַנ לאָשנ:

— ע מ ע ס ו ו ע י אַ צ י ו ו ו ע נ אָ כ ו י נ! זי הייסט אַלע דרײַ נעמענ: ציפּע אונ ביילע אונ רייזע. אַזוי האָט מענ איר אַ נאָמענ געגעבנ, אונ אַזוי רופט מענ זי פונ זינט איכ קענ זיכ מיט איר שוינ פּאַוואָלינקע אַ יאָר דרײַסיק. נאָר לאָמיר האָרכנ, וואָס וועט איר ווײַטער זאָגנ, יעדידי? איר פאַרעדט נאָר נישט די ציינ! איר רעדט בעסער אייסעק, אַ ל ה אָ ר י ש וי נ י מ ו ו ע אַ ל ה אָ אַ כ־ ר וי נ י מ — וואָס איכ האָב גערעדט אונ וואָס איר האָט גע־

רעדט, ווי שלוימע האמעלעכ זאָגט: „א יי נ כ אָ ד אָ ש ט א כ א ס ה א ש ע מ ע ש" — קיין כאָכמעס גייט נישט אָן...

— איך וויים גאָרנישט איך! — מאכט דער מעלאמעד דער־שראָקן און באַווײַזט אף דער מעלאמעדקע. — זי האָט מיט אים גערעדט יזי, זי האָט מיט אים געהאנדלט זי. איך וויים גאָר־נישט איך!

— אצינד — זאָגט דער ראָוו — לאָמיר האָרכן, וואָס וועט זי עפּעס זאָגן?

און דער ראָוו באַווײַזט מיטן פינגער אף דער מעלאמעדקע, און טעמע־גיטל די שטילשווײַגנדיקע ווישט זיך אָפּ די ליפּן, שפּאַרט זיך אונטער מיט איין האַנט, און מיט דער אַנדערער האַנט הייבט זי אָן צו טײַנען גיך, אָן אן אָפּשטעל, און דאָס פּאָנעם בעשאַסמײַסע פלאַמט איר ווי א פײַער.

— הערט זשע אויס, יידישע קינדער, די מײַסע דערפון איז אזוי: אָט דער ייד, דער זלאָדייעווקער שנײַדער הייסט דאָס, זאָל מיר מויכל זײַן, איז... איז אָדער א מעשוגענער, אָדער א שיקער, אָדער איך וויים אַליין נישט וואָס! איר האָט געהערט א מײַסע? א ייד קומט צו מיר צו גיין אזש פון זלאָדייעווקע אָט דער דאָזי־קער, און טשעפּעט זיך צו ווי א קלעק, איינמאָל פאר אלעמאָל, איך זאָל אים פארקויפן א ציג, איך האָב געהאַט צוויי, און דערציילט מיר דערבײַ א פּיזמען, אז ער וואָלט קיין ציג נישט געקויפט, ער באדאַרף זי אף קאַ־קאַ־קאַפּאָרעס, נאָר אזוי־ווי ער האָט א ווײַב, ציפּע־ביילע־רייזע הייסט זי, האָט זי זיך אײַנגעשפּאַרט איינמאָל פאר אלעמאָל — א ציג! און א ווײַב, זאָגט ער, באדאַרף מען פאָלגן. איר פארשטייט א מאָשל? טײַנע איך: וואָס גייט דאָס מיך אָן? איר ווילט בא מיר אוועקויפן א ציג, פארקויף איך אײַך, דאָס

הייסט איכ וואָלט קיינ ציג גאָר נישט פאַרקויפט פאַר קיינ געלט, וואָרעמ וואָס איז געלט? געלט איז קײַלעכיק, געלט גייט אַוועק אונ אַ ציג בלײַבט אַ ציג, אוביפּראַט נאָכ אַזאַ ציג — ס'איז דענ אַ ציג? ס'איז אַ מאַמע, נישט קיינ ציג! קיינ אײַנאָרע, איר גרינג מעלקנ זיכ, איר מילכ געבנ, הײַנט איר עסנ, מישטיינסגעזאָגט, זי עסט דענ עפּעס? איינ מאָל אינ טאָג אַ „פּילע" פונ קלײַענ, דאָס איבעריקע אַ ביסל שטרוי פונעמ דאַכ פונ בעסמעדרעש. נאָר צוריקשמועסנדיק, האָב איכ מיכ מעיאַשעוו געווענ אַזוי: איכ האָב דאָכ, קיינ אײַנאָרע, צוויי ציגנ, אונ געלט איז אַ יעיצערהאָרע... בעקיצער, דאָ האָט זיכ שוינ אַרײַנגעמישט מײַנ מאַנ, זאָל לעבנ, אונ מיר זײַנענ דורכגעקומענ מיטנ שנײַדער פאַרנ מעקעכ — מיינט איר, זויפל? נישט מער זאָלנ מײַנע סאָנימ פאַרמאָגנ, ריבוינעשעלוילעמ! אונ איכ האָב אימ אָפּגעגעבנ די ציג, אָפּ אַלע מײַנע ליבע געזאָגט געוואָרנ אַזאַ ציג. ס'איז דענ אַ ציג? אַ מאַמע, נישט קיינ ציג! קומט ער צו גיינ, דער שנײַדער, מיט אַ בילבל, ס'איז נישט קיינ ציג, זאָגט ער! שאַ, ווייסט איר וואָס? אַט שטייט זי. גיט, זײַט מויכל, אַהער אַ מעלקשעפל, וועל איכ זי אויסמעלקנ פאַר אײַכ אינ די אויגנ!

אונ זי האָט אַנטליִענ בײַ דער רעבעצנ דאָס מעלקשעפל אונ האָט אויסגעמאָלקנ די ציג פאַר אַלעמענ אינ די אויגנ, צוגעטראָגנ דאָס שעפל מיט מילכ איטלעכנ באַזונדער, פּרוּער, געוויינלעכ, דעמ ראָוו, נאָכדעמ די דאַיאָנימ, אונ נאָכדעמ די שיווע־טוווע־האָיר, אונ דעמ איבעריקנ אוילעמ, אונ ס'איז געוואָרנ באַמ ראָוו אינ שטוב אַ ליאַרעמ, אַ געפּילדער — הימל עפנ זיכ! דער האָט געזאָגט: מע באַדאַרפ קאַנסענענ דעמ זלאָדייעווקער שנײַדער, ער זאָל שטעלנ מאַשקע! דער האָט געזאָגט: קאַנסענענ אַליינ איז נאָכ ווינ־

ציק — מע באַדאַרף באַ אים צונעמען די ציג! און דער האָט גע־זאָגט: ניין, די ציג איז א ציג, לאָז ער זיכ עלטערנ מיט איר אינ אוישער און אינ קאָווער; מע באַדאַרפ אים מעכאַבעד זײַנ מיט גוטע עטלעכע פאַנטאָפל און אַרויסוואַרפנ מיט דער ציג אינײנעמ צו אַלדי שוואַרצע יאָר!

דערזענ אזא מײַסע, האָט זיכ שימענ־עליע פּאַוואָלינקע אַרויס־געדרוקט פונעמ ראָווס שטוב און האָט געמאַכט פּלייטע.

קאַפּיטל ח

וואַיסאָ האַכײַעט עס ראַגלאָוו — און דער שנײַדער האָט גענומענ די פיס אַפ די פּלייצעס און איז אַוועק מיט דער ציג אַהײמ גיכ און געשווינד, ווי א מענטש, וואָס לויפט פונ א סרייפע. ער האָט זיכ אַרומגעקוקט, צי מע יאָגט אים כאָלילע נישט נאָכ, און האָט געדאַנקט גאָט, וואָס ער איז אַרויס „כינאָמאיינ קעסעפ — טרוקנ אָנ פּעטש”...

דורכגעגאַנגענ פאַרבײַ דער דעמבעננער קרעטשמע, האָט זיכ שימענ־עליע געקלערט: „מאַקעס וועסטו באַ מיר וויסנ דעמ עמעס!” און ער האָט פאַרלייקנט פאַר דאָדיענ די גאַנצע מײַסע.

— נו, וואָס הערט זיכ? — פרעגט אים דאָדיע קלוימערשט נײַגעריק.

— וואָס זאָל זיכ הערנ? — זאָגט שימענ־עליע. — פאַר מיר האָט מענ דערעכערעצ! מיט מיר טרײַבט מענ נישט קיינ קאַטאָוועס, קי אָדאָמ אני וועלוי פאַרכ — איכ בינ דאָכ עפּעס

נישט קיין יונגעלע! איך האָב דאָס א ביסל געעפנט אפ זיי א פּע־קאָדויש, זיך פאַרהערט א ביסל מיטן מעלאמעד אין טוירע, לאָזט זיך אויס, אז איך וויים בעסער פון אים. וואָס אין די קליינע אוי־סיעס טוט זיך... בעקיצער האַדאָווער, זיי האָבן מיך איבערגעבעטן און געגעבן מיר די ציג, וואָס איך האָב געקויפט. אָט איז זי. נאָט אַײַך זי אפ א מינוט, קאַקאָסוו, ווי אין פּאָסעק שטייט: האנע־פעש קאב לאָב ווערהאָרכיש טיינ לי — נעמט אײַך דעם נעפעש און מיר גיט א ביסל בראָנפן.

„געגנוג ער איז א גאַדלען, איז ער נאָך א ליגנער אויך!" — טראַכט זיך דאָדיע דער רענדאַר. — „מע באַדאַרף מיט אים מאַכן נאָכאַמאָל דאָס אייגענע שפּיל און הערן, וואָס וועט ער זאָגן ווײַטער?"

און צום שנײַדער האָט ער געזאָגט:

— איך האָב פונדײַנטוועגן, שימען־עליע, א גלעזל אַלטן „ווישניק", אויב דו האָסט ביישעק.

— פונעם יאָנ האַמעשומער? — מאַכט שימען־עליע און באַלעקט זיך אזש. — מאַכטייסע, יווײַנ אַהער, וועלן מיר אײַך זאָגן א מעווינעס; איך וויים, אז בא אײַך דאַרף זײַן א גוט גלעזל ווישניק, נאָר לאָוו קאָל אַדאָם קויזיזוו — נישט איטלעכער איז דערופ א מייוון.

אויסגעטרונקען דאָס ערשטע גלעזל, האָט זיך בא אונדזער שנײַדער אופגעבונדן די צונג און ער רופט זיך אָן צום רענדאַר:

— זאָגט נאָר, מײַן ליבער קאָרעוו, איר זײַט דאָך עפּעס א ייִד, וואָס לאָמדאָרע איר זײַט נישט קיין נאַר, ב'לעבן, און איר קערט זיך אָן מיט אלערליי מענטשן; זאָגט מיר נאָר, איר גלייבט אין קי־שעפ? פאַרבלענדעניש?

— דערהײנער? — פֿרעגט אים דאָדיע טאַמעוואַטע.

— דערהײנער, — זאָגט שימען־עליע, — אַ דיבעק, אַ לעץ, אַ נישט־גוטער, אַ גילגול?..

— אַקעגן וואָס זאָגסטו דאָס? — מאַכט דאָדיע מיט אַ טאַ־מעוואַטן פּאָנעם און פּיפּקעט מיטן ליולקעלע.

— איך שמועס עס גלאַט אַזוי אַקעגן דרינען, — זאָגט „שי־מען־עליע שמאַ־קוליינו” און הערט נישט אויף צו ריידן פון גיל־גולים, פון מעכאַשפים, פון מאַכשייפעס, שיידים און רוכעס, לײ־צים, שרעטעלעך, וואַוקעלאַקעס. דאָדיע הערט צו קלוימערשט מיט קאָפּ, פּיפּקעט מיטן ליולקעלע; נאָכדעם שפּײַט ער אויס און רופט זיך אָן צום שנײַדער:

— דו ווייסט, שימען־עליע, וואָס איך וועל דיר דערציילן? איך וועל הײַנטיקע נאַכט, דאַכט מיר, מוירע האָבן שלאָפן. איך וועל דיר זאָגן דעם עמעס, פאַר מייסים האָב איך טאָמער מוירע געהאַט, נאָר פון הײַנט אָן הייב איך שוין אָן גלייבן אין גילגו־לים און אין לייצים אויך...

— אַ ברייערע האָט איר? — מאַכט צו אים דער שנײַדער. — פּרוּווט נישט גלייבן! אַנו, לאָז זיך נאָר אַרײַנכאַפּן צו אײַך עפּעס אַ רעכטער לעץ און אָנהייבן פּראַווען זײַנע רעכטע שטיק: איבער־קערן אײַך די דייזשע באָרשטש, אויסגיסן דאָס וואַסער, אויס־טרינקען אַלע קריגלעך, איבערברעכן אײַך אַלע טעפּלעך, פּאַרקניפּן די ציצעס פונעם טאַלעסקאַטן, אַרײַנוואַרפן אײַך אַ קאַץ אין בעט אַרײַן, און די קאַץ זאָל ליגן בײַ אײַך אויפן האַרצן, ווי צען פּוד מאַסע, און איר זאָלט זיך נישט קאָנען רירן, און אַז איר וועט אופשטיין, זאָל אײַך די קאַץ קוקן גלײַך אין די אויגן אַרײַן, ווי אַ זינדיקער מענטש...

— גענוג! גענוג! — מאַכט דער רענדאַר, שפּײַט אויס און פֿאַרוואַרפֿט מיט די הענט. — גענוג דיר שוין צו דערציילן אַקעגן נאַכט אַזעלכע מײַסעס!

— זײַט מיר געזונט, רעב דאָדיע, האָט קיין פֿאַריבל נישט, וואָס איך האָב אײַך אַ ביסל דעקוטשעט: איר ווייסט אַליין, אַז איך בין נישט שולדיק, קאַקאָסוו, ווי אין פּאָסעק שטייט: ל ו י ה אָ י ו ד וו אָ ר י ם — ניע מיעלאַ באַבאַ כלאָפּאָטע... אַ גוטע־נאַכט!

קאַפּיטל ט

ק ע ש ע ב אָ ה א כ ײַ ע ט — אַז דער שנײַדער איז געקומען אַהיים, איז ער אַרײַן אין שטוב אַרײַן מיט אַ ייִרגאָזון, גאַנץ ברייטלעך, און האָט געוואָלט געבן אַ פּעטשאַטעק זײַן ווײַב, ווי זי איז ווערט; נאָר ער האָט זיך אײַנגעהאַלטן מיט אַלע קויכעס. ער האָט זיך געטראַכט: „עט, אַ ייִדענע בלײַבט אַ ייִדענע! לאָז מײַנס איבערגיין!" און פֿון דערעכ־שאָלעם וועגן האָט ער דער־ציילט פֿאַר זײַן ווײַב אַ שיינעם ליגן.

— הערסטו, ציפּע־ביילע־רייזע מײַן ברודער? פֿאַר מיר האָט מען, אַפּאָנעם, פֿאַרט דערעכערעצ־מיילע, וואָס דער מעלאַמעד מיט דער מעלאַמעדקע האָבן פֿון מיר געהאַט — בין איך דיר מויכל; איך האָב זיי געגעבן, וויפֿל עס איז אין זיי אַרײַן! און כוץ־לאָזע האָב איך זיי אײַנגעשלעפּט צום ראָוו, האָט דער ראָוו אָפּגע־פּאַסקנט, אַז זיי באַדאַרפֿן צאָלן קנאַס, וואָרעם אַז אַזאַ ייִד, ווי שימען־עליע, קומט צו זיי האַנדלען אַ ציג, באַדאַרף זײַן באַ זיי

דער גרעסטער קאָוועד, וואָרעם אָט דער שימען־עליע, זאָגט דער ראָוו, איז א ייִד קאַטאָרע וועלכער...

ציפּע־בײלע־רײזע האָט אָבער מער נישט געוואָלט אויסהערן די שוואָכים, וואָס מע לייגט אַפ איר מאַן. זי האָט שוין געוואָלט אַנקוקן וואָס גיבער די עמעסע ציג, וואָס איר מאַן האָט געבראַכט; האָט זי געכאַפּט דאָס טעפּל און איז אוועק אין הויז אויסמעלקן די ציג. און עס האָט נישט לאַנג געדויערט און ציפּע־בײלע־רײזע איז אַרײַנגעלאָפן אין שטוב אַרײַן שוין אַן ווערטער; זי האָט אָנגענומען שימען־עליען מעבילע פון הינטן באַם קאָלנער און האָט אים מיט דרײַ גוטע סטוסאַקעס אַרויסגעוואָרפן מיט דער שיינער ציג איניינעם „צו אַלדי שוואַרצע וויסטע פינצטערע יאָר!"...

געבליבן אין דרויסן מיט דער שיינער ציג, האָבן זיך אַרום דעם שנײַדער צונויפגעקליבן א גאַנצ רעדל יידן, ווײַבער און קינדער, און האָבן אויסגעהערט די בידושים, וואָס שימען־עליע האָט זיי דערציילט, אַז די דאָזיקע ציג, וואָס ער האַלט אפן גאַרטל, איז נאָר דאָרט, אין קאָזאָדאָיעווקע, א ציג, וואָס מעלקט זיך און גיט מילכ, נאָר קוים קומט ער מיט איר אַהער, אַזוי ווערט זי אויס ציג... שימען־עליע האָט געשוואָרן מיט קאָל־האַשוועס, מע מעג גלייבן א מעשומעד, אַז ער אַליין האָט געזען מיט זײַנע אויגן, ווי מע האָט זי אויסגעמאָלקן באַם ראָוו אין שטוב און אָנגעמאָלקן א פול מעלקשעפל מיט מילכ... א סאַב מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, באַטראַכט די ציג גאַנצ ערנסט, איבערגעפרעגט די מײַסע נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, און שטאַרק געבידעשט זיך... אַנדערע האָבן געלאַכט, געמאַכט כויזעק און געזאָגט זווערטלעך, און אַנדערע האָבן געשאָקלט מיטן קאָפּ, אויסגעשפּיגן און א זאָג געטאָן:

— א שיינע ציג! ס'איז אזוי א ציג, ווי איך בין א רעבעצן.

— וואָס דען איז דאָס?

— א גילגול! איר זעט ניט, אז ס'איז א גילגול?..

דאָס וואָרט „גילגול" ווערט אונטערגעכאַפּט פונעם גאַנצן אוילעם; עס ווערן דערציילט אַלערליי מײַסעס פון גילגולים, וואָס האָבן זיך געטראָפן דאָ אין זלאָדייעווקע, אין קאָזאָדראָיעווקע, אין יאַמפּעלי, אין פּישי-יאַבעדע, אין כאַפּלאַפּאָוויטש, אין פּעטשי-כוואַסט — אַף דער גאַנצער וועלט! ווער ווייסט נישט די מײַסע מיט לייזער-וואָלפס פערדל, וואָס מע האָט דאָס געמוזט אַרויס-פירן הינטער דער שטאָט, האַרגענען און מעקאַבער זײַן אין טאַכ-ריכים?.. צי, אַשטייגער, ווער האָט נישט געהערט די מײַסע מיטן פערטל אָפּ, וואָס בעשאַס מע האָט דאָס דערלאַנגט שאַבעס צום טיש, האָט דאָס אָנגעהויבן צו רירן מיטן פליגעלע?.. אוקעדווימע אַזעלכע עמעסע מײַסעס.

אַז שימען-עליע האָט זיך געלאָזט גיין ווײַטער, האָבן אים א גאַנצע קאָמאַנדע פון כיידער-יינגלעך באַגלייט מיט קאָוועד. זיי האָבן אים נאָכגעשריִען:

— הורראַ, שמאַ-קוילייני! הורראַ, מעלקעדיקער שנײַדער!

דער גאַנצער אוילעם האָט זיך געהאַלטן באַ די זײַטן פון גע-לעכטער.

דאָ האָט שוין שימען-עליען אָנגענומען פאַרן האַרצן; געַנוג, ער האָט אַזאַ אַן אומגליק, מאַכט מען נאָך פון אים כויזעק! איז ער אַוועק מיט דער ציג איבער דער שטאָט, האָט געמאַכט א גוואַלד צווישן כעוורע „פּ ו י ע ל-צ ע ד ע ק": סטײַטש, וואָס שווײַגט מען? ער האָט זיי דערציילט די גאַנצע מײַסע, וואָס מע האָט אים אָפּגע-

טאָג אינ קאָזאָדאָיעווקע, זיי באַווייזנ די ציג... האָט מענ באַלד געשיקט נאָכ בראָנפנ, אונ ס׳איז געבליבנ, מע זאָל גיינ צומ ראָוו, צו די דאַיאָנימ אונ צו די איבעריקע „שיווע־טווע־האָיר“, מע זאָל שרייַענ פאַר זיי, אײַנלייגנ די וועלט: סטײַטש, ווו איז דאָס געהערט געוואָרנ אַזאַ רעציכע, מע זאָל דערטאַפנ אַנ אָרעמענ יידנ אַ שנײַדער, בײַ אימ אויסנאַרנ די לעצטע עטלעכע קערבלעכ, אימ פאַרקויפנ קלוימערשט אַ ציג אונ אַרײַנשטופנ אימ דער רועכ ווייסט וואָס? אונ נאָכ מאַכנ פונ אימ כויזעק שוינ דאָס אַנדערע מאָל? אַזאַ מײַסע האָט זיכ דאָכ נישט פאַרלאָפנ אַפילע אינ סדוימ!

אונ בעוורע „פ ו י ע ל־צ ע ד ע ק“ זײַנענ געקומענ צומ ראָוו, צו די דאַיאָנימ אונ צו די איבעריקע „שיווע־טווע־האָיר“, האָבנ געשריגנ פאַר זיי, אײַנגעלייגט די וועלט: סטײַטש, ווו איז דאָס געהערט געוואָרנ אַזאַ רעציכע, מע זאָל דערטאַפנ אַנ אָרעמענ יידנ אַ שנײַדער, אויסנאַרנ בײַ אימ די לעצטע עטלעכע קערבלעכ, אימ פאַרקויפנ קלוימערשט אַ ציג אונ אַרײַנשטופנ אימ דער רועכ ווייסט וואָס שוינ דאָס אַנדערע מאָל? אַזאַ מײַסע האָט זיכ דאָכ נישט פאַרלאָפנ אַפילע אינ סדוימ!..

אונ דער ראָוו מיט די דאַיאָנימ מיט די איבעריקע „שיווע־טווע־האָיר“ האָבנ אויסגעהערט די טײַנעס, האָבנ זיכ צונויפגעקליבנ אַפ דער נאַכט אַלע באַמ ראָוו אַפ אַנ אַסיפע, אונ ס׳איז געבליבנ, מע זאָל טאַקע דאָ אָפנ אָרט אָנשרײַבנ אַ רעכטנ בריוו צו די קאָזאָדאָיעווקער ראַבאָנימ, דאַיאָנימ אונ די איבעריקע „שיווע־טווע־האָיר“. אונ די זלאָדייעווקער ראַבאָנימ, דאַיאָנימ אונ די איבעריקע „שיווע־טווע־האָיר“ האָבנ זיכ אָוועקגעזעצט אונ האָבנ אָנגעשריבנ אַ בריוו צו די קאָזאָדאָיעווקער ראַבאָנימ, דאַיאָנימ אונ

די „שיוועטוועהאָזר“ אפ לאָשנקוידעש אינ זייער א שיינער מע־ליצע. אָט איז דער בריוו אָס בעאָס:

„ליכווויד צו די ראַבאָנימ, דאיאָנימ, באכאָמימ, געווינימ מע־פורסאָמימ, זיַלנ פונ דער וועלט, וואָס דאָס גאנצע הויז פונ יזס־ראָעל איז אָנגעלענט אָפּ זיי. פריד זאָל זיַנ צו איַכ אונ פריד זאָל זיַנ צו אלע יזדנ פונ דער הייליקער קעהילע אינ קאָזאָדאָיעווקע אונ אלדאָסגוטס זאָל טאָנ רוענ אפ זייערע קעפּ, אָמיינ.

העיוים קעפּי אונדזערע אויערנ האָבנ געטאָנ הערנ, אז ס'איז געטאָנ געוואָרנ זייער א גרויסע אוולע צו איינעמ פונ אונדזערע שטאָט־ליַיט, רעב שימענ־עליע בערעב בענדיט־ליב כיַעט, וואָס מע רופט אימ שימענ־עליע שמאַ־קוילייִנו, היַינע: צוויי פונ איַערע ליַיט, האמעלאמעד רעב כאַזמ־כאָנע מיט זיַנ פלוינימ מאָראַס טעמע־גיטל שעטיכיע, האָבנ אויסגענארט מיט קלוגשאפט בא אונדזער שניַידער געלט, סאַכ זיבעטהאלבנ רובל זילבער, וואָס זיי האָבנ אריַנגעטאָנ צו זיכ אינ די קיילימ אונ האָבנ אָפּגעווישט די ליפּנ אונ זאָגנ: מיר האָבנ נישט געטאָנ קיינ אומרעכט — אונ אזוי טוט זיכ ניט בא יזדנ! מיר אלע, וואָס שטייענ אונטנ געכאַס־מעט, זאָגנ איידעס, אז דער דאָזיקער שניַידער איז אנ אָרעמער באַל־מעלאָכע אונ א מעטופּל מיט קינדער, וואָס איז זיכ מעפּארנעס ערלעכ מיט אייגענער האָרעוואַניע, אונ דאָוויד האמעלעכ האָט דאָכ שוינ לאנג געזאָגט אינ טילימ: יעגיִא קאפּעכאָ קי סויכל — די מיד־קיַעט פונ דיַינע הענט אז דו וועסט טאָנ עסנ, וועט דיר זיַנ אז וויל אונ גוט, זאָגנ אונדזערע כאַכאָמימ: דער פּשאַט איז: וויל אפ דער־וועלט אונ גוט אפ יענער־וועלט. בעכיינ, טוענ מיר איַכ בעטנ, איר זאָלט באלד כויקער־וועדוירעש זיַנ דערופּ, וואָס ס'איז געטאָנ געוואָרנ, אונ איַער מישפּעט זאָל ארויס ווי די זונ, אונ

איר זאָלט מעקאיעמ־פּסאק זײַנ איינס פונ די צוויי: אָדער מע זאָל אומקערנ דעמ שנײַדער זײַנ געלט בישליימעס, אָדער מע זאָל אימ ארויסגעבנ זײַנ ציג, וואָס ער האָט געקויפט, מאכמעס די ציג, וואָס ער האָט געבראכט צו פירנ, איז נישט קיינ ציג!.. דאָס קאָנ אײַכ די גאנצע שטאָט גיינ שווערנ א שוווּע דעוירײַסע... אונ לאָז זײַנ שאָלעמ צווישנ יִדנ, ווי אונדזערע כאכאָמימ האָבנ געזאָגט: נישטאָ נאָכ אזא געבענטשט קיילע פאר יִדנ ווי שאָלעמ. שאָלעמ זאָל זײַנ צו אײַכ, שאָלעמ צומ ווײַטערסטנ אונ צומ נאָענטסטנ, שאָלעמ צו אלע יִדנ, אָמיינ!

פונ אונדז אײַערע קנעכט, וואָס אײַער מינדסט פינגערל איז גרעבער פונ אונדזערע לענדנ.

נעומ האָראוו בעהאָראוו ז״ל... אונ נעומ האָראוו בעהאָראוו ז״ל... אונ נעומ באָרעכ קאפּאָטע, זאָרעכ פּופּיק, פישל וויקידײַלאָ, באזמ קוויטש, ניסל קאטשענ, מאָטל שאָלעכצ, שיע־העשל קישקיש״.

קאפּיטל י

באלײַלאָ האהו — אינ יענער נאכט האָט געשײַנט די לעוואָנע אונ האָט אראָפּגעקוקט אראָפּ אפ זלאָדייעווקע מיט אירע פינצטערע האלב־אײַנגעפאלענע הײַזלעכ, וואָס שטייענ צונויפּ־געקוועטשט, אָנ הויפנ, אָנ ביימלעכ, אָנ פּארקאנס. ווי א בעסאָל־

מענ זעט אויס באנאכט די שטאָט, אנ אלטער בעסאלמענ מיט אלטע מאציייועס, וואָס א סאכ פונ זיי שטייענ אָנגעבויגנ קוירימ, אונ א סאכ וואָלטנ שוינ לאנג איינגעפאלנ, ווענ זיי זאָלנ נישט זיינ אונטערגעשפארט מיט קלעצער. אונ כאָטש די לופט איז דאָרט נישט אזוי פויגלדיק, אונ די רייכעס פונעמ מארק אונ פונעמ שול־הויפ זיינענ עפעס נישט אזוי געשמאַק, אונ דער שטויב איז געדיכט אונ שטייט הויכ ווי א מויער, — פונדעסטוועגנ זיינענ אלע מענטשנ ארויס, ווי טאראקאנעס פונ די לעכער, יידנ אונ ווייבער, אלטע לייט אונ קליינע קינדער, „כאפנ א לופטל" נאָכ דעמ הייסנ ברענענדיקנ טאָג. דער אוילעמ האָט זיכ אויסגעזעצט אפ די שוועלנ א ביסל שמועסנ, פלאפלענ דוואָרימ־בטיילימ אָדער גלאט אזוי קוקנ ארופ אינ הימל ארייַנ, באטראכטנ די צורע פונ דער לעוואָנע, מיט די מילי־מילאסנ שטערנ, וואָס אז מע זאָל זיינ מיט אכצנ קעפ, איז אומעגלעכ זיי איבערצוציילנ!

אינ יענער נאכט האָט זיכ שימענ־עליע דער שניַידער ארומגעדרייט איינער אליינ אינ אלע הינטערגעסלעכ מיטנ טאכשיט, וואָס ער האָט איינגעהאנדלט אינ קאָזאָדאָיעווקע, זיכ געהיט פאר די ווייסע־כעזורעניקעס, מע זאָל אימ נישט דערזענ. ער האָט גערעכנט, אז עס וועט ווערנ טאָג, זאָל ער זיכ ווידער לאָזנ אינ וועג ארייַנ, אונ דערווייַל האָט ער זיכ ארייַנגעכאפט צו האָדל דער אקציזניטשקע אינ שענקל, נעמענ פאר הארצווייטעק א ביסל בראָנפנ אונ אויסריידנ זיכ א ביסל דאָס הארצ, זיכ האלטנ מיט איר אנ אייצע מיקויעכ דעמ אומגליק, וואָס ער האָט אפ זיכ גענומענ.

האָדל די אקציזניטשקע איז געווענ א ווייבל אנ אלמאָנע, א „מאנצבילשער קאָפ", אויסגעבונדנ מיט גאנצ „נאטשאלסטווע"

און א גוטע שוועסטער מיט אלע באַלמעלאָכעס אין שטאָט. פונוואַנען נעמט זיך דער נאָמען „אקציזניטשקע"? איבער א מײַסע, וואָס זי איז מיידלווײַז געווען זייער א שיינע, א יעפּאַסטויאַר; האָט אַן אקציזניק, זייער א רײַכער, זי דערזען איינמאָל, דורכפאָרנדיק פאַרבײַ זלאָדייעווקע, בעשאַס זי האָט געטראָגן גענדז צום שויכעט; האָט זי דער אקציזניק אָפּגעשטעלט און א פרעג געטאָן:

— מיידל, וועמעס ביסטו?

האָט זי זיך פארשעמט, צעלאַכט און איז אנטלאָפן געוואָרן; האָט מען איר פון דעמלט אָן א נאָמען געגעבן „די אקציזניטשקע"... אנדערע זאָגן, אז דער אקציזניק איז געווען בא איר נאָכדעם אין דער היים, גערעדט מיט איר טאַטן, נעכעמיע ווינאָקור, געוואָלט פאר איר כאַסענע האָבן, זי נעמען ווי זי שטייט און גיין און נאָך צוצאָלן איר טאַטן אין בײַטל ארײַן. איז שוין קימאַט געווען „טנאָים", האָט דאָס שטעטל זי געגומען אין די מײַלער ארײַן, איז צעקראָכן געוואָרן דער שידעך, און זי האָט גאָר כאַסענע געהאַט נאָכדעם א שטילע כאַסענע פאר עפּעס א שלימאַזל, א בוילענויפלדיקן; האָט זי שטארק געוויינט, בײַשט געוואָלט גיין צו דער כופּע, האָט זיך דעמלט די גאנצע שטאָט געזויגט. מע האָט געזאָגט, אז זי איז גאָר געווען פארקאָכט אינעם אקציזניק, און מע האָט געמאַכט א לידל אַף איר, וואָס ווײַבלעך און מיידלעך זינגען דאָס נאָך אַדאַיאָם אין זלאָדייעווקע; דאָס לידל הייבט זיך אָן מיט די ווערטער:

„די לעוואָנע האָט געשײַנט,
האלב נאכט איז געווען —
און האָדעלע זיצט בא דער טיר..."

און עס לאָזט זיך אויס מיט די ווערטער:

„איך האָב דיך ליב, דושינקע,
גאָר אָן אן עק,
איך קאָן אזש ניט לעבן אָן דיר!”

אָט דאָס איז געווען האָדל די אקציזניטשקע, און פאר איר האָט דאָס אונדזער שנײַדער אויסגעגאָסן זײַן ביטער הארץ: דערציילט אלצדינג, וואָס בא אים אף דער נעשאָמע טוט זיך, און געבעטן, זי זאָל אים געבן אן אייצע: וואָס טוט מען?

— וואָס טוט מען? איר זעט דאָך עפּעס יאָ, ווי דאָוויד האמעלעך זאָגט אין שיר־האשירים: ש כ ו י ר אָ א נ י ו ו ע נ אָ ו ו אָ — ווער ס'איז שיין, איר זײַט ביידע זאכן... גיט מיר אן אייצע: וואָס טוט מען?

— וואָס זאָל מען טאָן? — זאָגט צו אים האָדל און שפּײַט אויס. — איר זעט דען נישט, אז ס'איז א גילגול! וואָס וועט איר זיך האלטן מיט דער באָמבע? נעמט און וואַרפט אים ארויס צו אלדי שווארצע יאָר! איר קאָנט נאָך האָבן, כאסוועשאָלעם, דעם אייגענעם פּסאק, וואָס מײַן מומע פּערל האָט געהאט, לאָז זי זײַן ווײַט אָפּגעשיידט פון מיר, זי איז שוין אף דער עמעסער וועלט.

— דעהײַנע? — פרעגט שימען־עליע דערשראָקן.

— דעהײַנע, — זאָגט האָדל מיט א זיפץ, — מײַן מומע פּערל, אָלע־האשאָלעם, איז געווען אן ערלעכע ייִדענע, א קאָשערע. אונדזער מישפּאָכע זײַנען אלע ערלעכע... כאָטש דאָ, אין דעם ווײַסטן זלאָדייעווקע, פּאַרברענט זאָל דאָס ווערן, האָט מען ליב באריידן איטלעכן באזונדער, געווײַנלעך, הינטער די אויגן, וואָ־

רעמ אינ די אויגנ זײַנענ זיי גרויסע באליפאסניקעס, קוצעניר־מוצעניו... בעקיצער, מײַנ מומע פערל, אַלע־האשאַלעמ, איז איינ־מאָל געגאַנגענ אינ מארק, זעט זי: עס ליגט א קנײַלעכנ בײַוול אפ דער ערד... איז זי זיכ מעיאשעוו: א קנײַלעכנ בײַוול קומט צוניצ; בייגט זי זיכ אַנ אונ הייבט דאָס אופ. זי נעמט דאָס קנײַ־לעכנ בײַוול אונ לאָזט זיכ גיינ, טוט דאָס איר א שפרונג אינ פאַ־נעמ ארײַנ אונ א פאל אפ דער ערד. בייגט זי זיכ אַנ מיסטאמע נאָכ־אמאָל אונ הייבט דאָס אופ, טוט דאָס איר ווידער א שפרונג אינ פאָנעמ ארײַנ אונ א פאל אפ דער ערד. בייגט זי זיכ ווידעראמאָל אַנ, נעמט דאָס ווידעראמאָל, טוט דאָס איר ווידער א שפרונג אינ פאָנעמ ארײַנ אונ א פאל אפ דער ערד. איז זי זיכ מעיאשעוו אונ טוט א שפײַ אפנ קנײַלעכנ בײַוול (כאפט דאָס דער וואטנמאכער!), אונ וויל שוינ גיינ אהיימ. זי טוט א קוק — דאָס קנײַלעכנ בײַוול קאטשעט זיכ איר נאָכ; זי פרווט זיכ לויפנ — דאָס קנײַלעכנ בײַוול קאטשעט זיכ. בעקיצער, זי איז געקומענ אהיימ א טויטע נעבעכ, געפאלנ כאלאָשעס, אונ האָט נאָכדעמ אָפּגעקרענקט עפשער א יאָר קעסיידער. וואָס, מיינט איר, איז דאָס געווענ, אשטייגער? אנו, טרעפט?..

— עט! קולאָמ אהוווימ, קולאָמ ברורימ — אלע ווײַבער זײַ־נענ אפ איינ שניט! — זאָגט שימענ־עליע. — ס׳איז באבסקע מײַ־סעס, פוסטע מילנ, באָצרעס, פידרעכ מיט לאקריצע! מע זאָל זיכ וועלנ צוהערנ, וואָס ווײַבער פלעטשענ, וואָלט מענ באדארפט מוירע האָבנ פארנ אייגענעמ שאָטנ, קאקאָסווו, ווי אינ פאָסעק שטייט געשריבנ: נ אָ ש י מ ד ײַ ט אָ נ ק א ל ו י ם — ווײַבער זײַנענ גענדז... נאָר גאָרנישט, האיוימ הארא‎ס אוילאָמ — נישט גע־זאָרגט! האָט אײַכ א גוטע־נאכט.

און שימען־עליע דער שניידער לאָזט זיך גיין ווײַטער.

די נאַכט האָט זיך אויסגעשטערנט. די לעוואָנע האָט געשפּאַ־צירט צווישן שטיקער וואָלקן, וואָס זענען אויס, ווי הויכע טונ־קעלע בערג, באַלייגט מיט זילבער, מיט א האַלבן פּאָנעם האָט די לעוואָנע אראָפּגעקוקט אַף דער שטאָט זלאָדייעווקע, וואָס האָט געהאַלטן אין רעכטן שלאָף. א טייל באַלעבאַטים, וואָס האָבן מוירע פאַר וואַנצן, האָבן זיך אריבערגעפּעקלט מיטן בעטגעוואַנט אין דרויסן, זיך איבערגעדעקט מיט די געלע לײַלעכער איבערן קאָפּ, געכראָפּעט גאַנצ געשמאַק און געזען זיסע כאַלוימעס: כאַלוימעס פון פּידיען אפן יאַריד, פון לייזונג א טאָג, פון א פּאַרדינסטל א גראָבס; כאַלוימעס פון א פּאָרעצ זייער א ווילן, פון א געשעפטל א גוטס; כאַלוימעס פון א שטיקל ברויט, פון פּאַרנאָסע בעקאָוועד און פון קאָוועד אליינ — פּאַרשיידענע כאַלוימעס!.. מע זעט נישט אַף דער גאַס קיינ לעבעדיקנ נעפעש; מע הערט נישט קיינ פּיפּס אינ ערגעצ, — אפילע די יאַטקע־הינט, וואָס האָבן זיך געגוג אָנגע־בילט און אָנגעמאָרדעוועט דורכן טאָג, האָבן זיך אײַנגענאָרעט צווישן די קלעצלעך, באַהאַלטן די מאָרדעס צווישן די לאַפּעס — און שאַ! זעלטן־זעלטן כאַפּט זיך אָרויס בא זיי א האַלבער „האַוו", בעשאַס עס כאָלעמט זיך זיי עפּעס א ביינדל, וואָס אנדערע הינט שאַרפן זיך דערויף די ציינ, אָדער בעשאַס עס דאַכט זיך זיי, אַז א פליג האָט זיך פאַרקליבן אינ אויער אַרײַן און רוימט זיי אײַנ א סאָד... זעלטן־זעלטן פליט דורך א נארישער זשוק מיט צעלאָזטע פליגל, דרייט זיך און שוועבט אינדערלופטן אַף איינ אָרט, זשו־מעט ווי א סטרונע פון א באַס און מאַכט: זשששששש!!, טוט א פאַל אַף דער ערד און ווערט אנשוויגן... אפילע דער שטאָט־שווי־

מער, וואָס אַלע נאַכט גייט ער אַרום, היט די קלייטן און קלאַפּט מיט צוויי שטעקלעך: קלאַ! קלאַ!.. קלאַ! קלאַ!.. האָט הײַנטיקס מאָל, ווי אַפּצעלאָכעס, אויסגעטרונקען, האָט זיך צוגעשפּאַרט צו אַ וואַנט און איז געשמאַק אַנשלאָפן געוואָרן... אין דער דאָזיקער שטילער נאַכט דרייט זיך אום שימען־עליע דער שנײַדער איינער אַליין איבער דער גאַנצער שטאָט, און ער ווייסט נישט, צי זאָל ער גיין, צי זאָל ער שטיין, צי זאָל ער זיצן... און ער גייט אַרום און רעדט צו זיך אַליין שטילערהייט:

— וו ע אָ ס אָ ש ו נ ר אָ וו ע אָ כ ל אָ ל ע ג א ד י אָ — ניע מיע־לאַ באַבאַ כלאָפּאָטע — קופּילע סאָבי קאָנאַ!.. לאָז קומען אַ פּאָהיבל אַף דער דאָזיקער ציג! אַ ציג?.. כאַ־כאַ־כאַד גאַדיאָ! כאַד גאַדיאָ!

ער צעלאַכט זיך און שרעקט זיך איבער פֿאַר זײַן אייגענעם געלעכטער. בעשאַסמײַסע גייט ער דורך פֿאַרבײַ דער „קאַלטער שול“, וואָס האָט אַ שעם מיט אירע מייסים, וואָס דאַוונען דאָרטן אַלע שאַבעסצונאַכטס, אָנגעטאָן אין ווײַסע קיטלען און אין טאַ־ליסים, און עס דאַכט זיך אים, ווי ער הערט עפּעס אַ מין געזאַנג: או־או־או! ווי אַ ווינט, וואָס בלאָזט אין קוימען אַרײַן ווינטער באַ־נאַכט... ער טרעט אָפּ פֿון דער „קאַלטער שול“, לאָזט זיך גיין אין דער גוייִשער גאַס, דערהערט ער אַ קאָל „פּ צ ס ס ס!“ דאָס פּײַפט אַ פּוהאַטש, וואָס האָט זיך פֿאַרקליבן גאַנץ אויבן, אַפֿן שפּיץ קלויס־טער... עס פֿאַלט אַף אים אָן אַ שרעקלעכע מאָרעשכוירע, אַ פּאַכעד, מיט סאַקאָנעס־נעפּאָשעס! נאָר ער שטאַרקט זיך, ער מאַכט זיך אַ האַרץ און וויל זאָגן עפּעס אַ פּאָסעק, אַזעלכן, וואָס מע זאָגט באַ־נאַכט, אַז מע זאָל קיין מוירע נישט האָבן; האָט ער אָבער פֿאַר־געסן דעם פּאָסעק, אַרויסגעפֿלויגן פֿונעם קאָפּ! און, מײַסע־סאָטן, קומען אים אָנטקעגן דאָפּקע אַלערליי מוירעדיקע בילדער פֿון באַ־

קאנטע, וואָס זײַנען שוין לאַנג אָפּ דער עמעסער וועלט... און ער דערמאָנט זיך אָן אַ סאַך שרעקלעכע מײַסעס, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט אַף זײַן לעבן: מײַסעס מיט שיידים, מיט רוכעס און מיט לייצים אינעם געשטאַלט פון קעלבלעך... מײַסעס מיט שרעטעלעך, וואָס לויפן ווי אַף רעדלעך, מיט יואַווקעלאַקעס, וואָס גייען אָפּ די הענט, מיט מינים באַשעפענישן, וואָס קוקן אָפּ איין אויג... מײַסעס מיט לעבעדיקע מייסים, וואָס גייען אום אין אוילעמהאַטויהו, אָנגעטאָן אין טאַכריכים... שימען־עליע פּויעלט באַ זיך, אַז די דאָזיקע ציג, וואָס ער פירט זיך מיט איר אַרום, איז נישט קיין ציג, נאָר אַ גילגול, אָדער אַ לעצ, וואָס אַט באַלד שטעלט ער אים אַרויס אַ צונג אַף צען אַרשין, אָדער ער טוט אַ פּאַטש מיט די פליגל און טוט אַ געשריי איבער דער גאַנצער שטאָט: „קו־קאַ־רי־קו!"... שימען־עליע פילט, אַז עס הייבט זיך אים דער מויעך; שטעלט ער זיך אָפּ אַף אַ ווײַלע, בינדט אָפּ דעם גאַרטל; ער וויל פּאַטער ווערן פון דער באַמבע. ווער? וואָס? דער שיינער באַכער שטייט, ער וויל נישט אָפּטרעטן פונעם שנײַדער אַף אַ מינוט אַפילע! שימען־עליע פּרוּווט זיך לאָזן גיין אַ פּאָר טריט — ער גייט אים נאָך; ער נעמט זיך רעכטס — גייט ער רעכטס; ער נעמט זיך לינקס — ער גייט לינקס...

— שמאַ יִסראָעל! — שרײַט אויס שימען־עליע נישט מיט זײַן קאָל און לאָזט זיך לויפן אין דער וועלט אַרײַן. און אַזוי ווי ער לויפט, דאַכט זיך אים, אַז עמעצער יאָגט אים און מעקעט אים נאָך אַף אַ דין ציגן קעלכל און רעדט צו אים, ווי אַ מענטש, און זינגט, ווי אַ כאַזן:

— מע־ע־ע־לעך מייִמים אומעכײַע!.. וועני־ע־ע־ע־מאָן אַמאָ לעהאָכיוים מייסים!..

קאַפּיטל יא

באַבויקער — אינדערפרי, אז ייִדנ זײַנענ אופגעשטאַנענ גײנ דאַוונענ, װײַבער — אינ מאַרק אַרײַנ, אונ מײדלעכ — צו דער טשערעדע, האָט מענ געפונענ שימענ-עליע דעמ שנײַדער זיצנ אפ דער ערד, אונ נעבנ אימ די שײנע ציג זיצט. די פיסלעכ אונטער זיכ, מאַלעגײרעט אונ שאָקלט מיטנ בערדל. מע גײט צו צומ שנײַדער, מע רעדט צו אימ — ער ענטפערט נישט א װאָרט; ער זיצט אונ קוקט, װי א לײמענער גוילעמ... איז באַלד געװאָרנ א רעדל, אנ אָנגעלאָפ פונ דער גאָרער שטאָט, א גערעדערײ, א ליאַ-רעמ, א געפילדער ביזנ הימל: „שימענ-עליע... ציג... שמאַ-קוילײנו... גילגול... לעצ... װאָװקעלאַקע... נישט-גוטער... פאַרשטעלט... גע-פירט... געפאָרנ רײַטנדיק א גאַנצע נאַכט... געמוטשעט... פאַר-מוטשעט"... בעשאַסמײַסע זײַנענ געפלויגנ געגנוג ליגנס: איט-לעכער האָט דערצײלט, אז ער האָט אלײנ געזענ אימ פאָרנ רײַטנ-דיק...

— װער איז געפאָרנ אפ װעמענ? — פרעגט א ייִד אונ שטעקט אַרײַנ דעמ קאָפּ אינ רעדל אַרײַנ. — שימענ-עליע אפ דער ציג, צי די ציג אפ שימענ-עליענ?

דער גאַנצער אוילעמ שיסט אויס א געלעכטער.

— אז אָכ אונ װײ איז צו אײַכ מיט אײַער געלעכטער! — רופט זיכ אָנ א ייִד א באַלמעלאָכע. — ייִדנ מיט בערד! באַװײַבטע! טאַטעס פונ קינדער! שעמענ מעגט איר זיכ אינ אײַער װײַטנ האַלדז אַרײַנ! װאָס האָט איר זיכ צונויפגעקליבנ אהער צו לאַכנ? איר זעט נישט, אז דער שנײדער איז אויס מענטש, נעבעכ טויט-קראַנק? בעסער פירט אימ אָפּ אהײמ אונ שיקט רופנ דעמ רויפע,

נישט שטיין אָט־אָ־דאָ און שטשירען די ציין, א רועב אין אײַער טאַטנס טאַטנס אַרײַן!!!

די דאָזיקע ווערטער האָט דער באַלמעלאָכע אויסגעשאָסן, ווי פון א האַרמאַט, און דער אוילעם האָט אופגעהערט צו לאַכן. דער האָט זיך א וואָרף געטאָן נאָך וואַסער, דער איז אַוועקגעלאָפן צו יודל דעם רויפע. מע האָט גענומען שימען־עליע דעם שנײַדער, מעכילע, אונטער די הענט און מע האָט אים אָפּגעפירט אהיים און אַרײַנגעלייגט אין בעט אַרײַן. באַלד איז געקומען צו לויפן יודל דער רויפע מיט זײַן גאַנצן קלאַפּערגעצײַג און האָט אים געגעבן „גרויס ראַטונעק": ער האָט אים געשטעלט באַנקעס און פּיאַווקעס און געשלאָגן צו דער אָדער, געצאַפּט בלוט אָן א שיר.

— וואָס מער בלוט מע וועט אים אָפּצאַפּן — אַזוי האָט יודל אַליין געזאָגט, — וועט אַלץ זײַן בעסער, מאַכמעס אַלע שלאָפּ־קײַטן, ניט דאָ געדאַכט, נעמען זיך פון אינ׳זוייניק, פון די „גע־בליטן", — אַזוי האָט יודל דער רויפע געגעבן צו פאַרשטיין די „כאָכמאַס־האַראַקטאַריע", און האָט צוגעזאָגט, אַז אַף דער נאַכט, אימירצעשעם, וועט ער אַרײַנקומען נאָכאַמאָל. און אַז ציפּע־בײליע־רייזע האָט א קוק געטאָן אַף איר מאַן, ווי ער ליגט נעבעך, דער שלימאַזל, אַף דעם צעבראָכענעם טאַפּטשאַן, מיט א סאַך שמאַ־טעס אײַנגעדעקט, די אויגן אַרויף, די ליפּן פאַרשמאַכט, רעדט פון היץ, עס קלעפּט זיך נישט א וואָרט צו א וואָרט, — האָט זי אָנ־געהויבן צו ברעכן די הענט, שלאָגן זיך קאָפּ אָן וואַנט, וויינען, יאָמערן און קלאָגן מיט דעם נוסעך, וואָס מע באַוויינט א טויטן:

— וויי איז מיר, ווינד איז מיר, א דונער איז מיר א גרויסער! אַף וועמען לאָזטו מיך איבער מיט מײַנע קליינע קינדער?!..

און די קינדער, נאַקעטע און באָרוועסע נעבעכ׳ האָבנ זיכ צו־נויפגעקליבנ ארומ דער אָרעמער מאַמע און האָבנ איר געהאָלפנ וויינענ. די עלטערע האָבנ געוויינט שטילערהייט, באַהאַלטנ די פּענעמער, געשלונגענ די טרערנ; און די קלענערע, וואָס האָבנ נישט פאַרשטאַנענ, וואָס דאָ טוט זיכ, האָבנ גלאַט געוויינט אפּ א קאָל, וואָס ווײַטער אלץ העכער און העכער; און אפילע גאָר דאָס קליינטשקע, א יונגעלע פונ א יאָר דרײַ, מיט אנ אויסגעמוטשעט געל פּענעמל׳ האָט זיכ צוגערוקט צו דער מוטער מיט זײַנע אויס־געבויגענע קרומע פיסלעכ און מיטנ גראָבנ בײַכעלע, ביידע הענט־לעכ ארײַנגערוקט אינ קעפּל און האָט גענומענ גאָר א הויכנ טאָנ: „מאמע, וויל עעסנ!!!” דאָס אלצדינג איניינעמ איז געווענ אזא מינ געזאַנג, וואָס א פרעמדער מענטש האָט נישט געקאָנט בע־שרײַבנ שטיינ דערבײַ; ווער ס׳איז ארײַנגעקומענ צומ שנײַדער אינ שטיבל ארײַנ, איז ער באַלד ארויסגעלאָפנ פונ דאָרטנ א צע־טראָגענער, מיט א צעבלוטיקט הארצ און מיט א צעבראָכנ געמיט. און אז מע האָט אימ א פרעג געטאָנ: וואָס טוט עפּעס שימענ־עליע? — האָט ער א מאַכ געטאָנ מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט: „אַז אָכ און וויי איז אימ!”... עטלעכע ווײַבער, נאָענטע שכיינעס, זײַנענ געשטאַנענ די גאַנצע צײַט מיט פאַרוויינטע פּענע־מער, מיט רויטע נעזער, געקוקט ציפּע־ביילע־רייזענ גלײַכ אינ די אויגנ ארײַנ, געמאַכט בעשאַסמײַסע מעשונע מאָרנע פּיסקעס, צוגע־שאָקלט מיט די קעפּ, ווי איינער רעדט: „אַז אָכ און וויי איז צו דיר, ציפּע־ביילע־רייזע!”

א בידעש ניפלע! פופציק יאָר האָט שימענ־עליע שמאַ־קוילינו אָפּגעלעבט אינ זלאָדייעווקע אינ אָרעמקײַט, אינ דאַבקעס, געלעגנ, ווי א וואָרעמ, אינ דער פינצטער, קיינער האָט פונ אימ נישט גע־

רעדט, קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס פאַר אַ מענטש דאָס איז. אַצינד, אַז ער איז פאַרשלאָפן געוואָרן, האָט ער זיך מיטאַמאָל אַרויסבאַוויזן מיט אַלע זײַנע מײַלעס־טויוועס; מען איז מיטאַמאָל געוואָר געוואָרן, אַז שימען־עליע איז געווען אַ זעלטענע, אַ גוטע, אַ קאָשערע נשמה, אַ גרויסער באַלצדאָקע, דאָס הייסט: ער פלעגט רײַסן בײַ נגידים און טיילן די אָרעמעלײַט, זיך קריגן פאַר זיי מיט דער גאַנצער שטאָט און זיך שלאָגן ביזן בלוט. אָרעמע, זיך טיילן מיט יענעם מיטן לעצטן ביסן, און נאָך און נאָך אַ סאַך מײַ־לעס און שוואָכים האָט מען נאָכדערציילט נאָך דעם אָרעמען שנײַ־דער, ווי מע דערציילט נאָך אַ שטיקער, נאָך אַ טויטן בעשאַס דער לעוויִע. און מען איז אים געגאַנגען מעוואַקער־כוילע זײַן קימאַט פון דער גאַנצער שטאָט, און מע האָט אים געראַטעוועט מיט קאָל־האַמעגולעבקײַטן, ער זאָל, כאָלילע, נישט שטאַרבן פאַר דער צײַט...

קאַפּיטל יב

וו ע ה א פּ ו י א ל י ם — און די באַלמעלאָכעס פון דער שטאָט זלאָדייעווקע האָבן זיך צונויפגעקליבן אָפּ אַן אַסיפע בײַ האָדל די אַקציזניטשקע, געשטעלט בראַנפן, געשריגן, געפילדערט, געאַרבעט מײַסים, געזידלט די נגידים, געווײַנלעך הינטער די אויגן, זיי געמאַכט מיט דער בלאָטע.

— זלאָדייעווקע — אַ שיינע שטאָט, ברענען זאָל זי! וואָס שווײַגן זיי, די נגידים אונדזערע, אַ וויסטן סאָף זאָלן זיי האָבן?!.. איטר לעבער באָדט זיך אין אונדזער בלוט, און ס׳איז נישטאָ קיינער,

ווער ס׳זאָל זיך אָנעמען אונדזער קריוודע! געלט אין דער קאָראָב־קע זוער צאָלט? — מיר! א צאָרע, א שלאק, א שויכעט, א באָד, לעהאוודל, — בא וועמען רײַסט מען די הויט? — בא אונדז! וואָס שווײַגט איר, ייִדן? לאָמיר גיין צו די ראַבאָנים, דאַיאָנים און די שיווע־טוווע־האָיר, זיי טרויבערן די קישקעס! וואָס איז דאָס פאַר א העפקיירעס, מע זאָל לאָזן קוילען א גאנצע מישפּאָכע?! האָוואָ ניסכאַקמאָ!!!..

און בעוורע „פּויעל־צעדעק" זײַנען אוועק צום ראָוו און האָבן דאָרט געמאַכט א גוואַלד. האָט זיי דער ראָוו איבערגעלייענט דעם ענטפער, וואָס ער האָט באַרוואָס באַקומען דורך א באַלעגאָלע פון די קאָזאָדאָיעווקער ראַבאָנים, דאַיאָנים און די שיווע־טוווע־האָיר.

אָט וואָס ס׳איז געשטאַנען אין בריוו:

„ליכוויד צו די ראַבאָנים, דאַיאָנים, כאַכאָמים מעפורסאָמים, בערג זאָלן אַנטקעגנטראָגן פריד צו די גילדענע הענגלײַכטער בעקאַק זלאָדייעווקע, אָמיין.

טייקעף ווי מיר האָבן מעקאַבל געווען אײַערע רייד, וואָס זײַנען געווען ווי האָניק צו אונדזערע מײַלער, האָבן מיר זיך צונויפגע־זאַמלט אַלע און כויקער־וועדוירעש געזוען די זאַך אַקוראַט, און האָבן געפונען, אַז אומזיסט האָט מען געטאָן כוישעד זײַן איינעם פון אונדזערע לײַט; נישט מער, אַז דער שנײַדער אײַערער איז א שאַלקהאַפּטיקער מענטש, ער האָט אויסגעטראַכט א בילבל און אָנ־געפירט א רעכילעס צווישן צוויי קעהילעס. ער איז ווערט, מע זאָל אים קאַנסענען! מיר, וואָס שטייען געבאַסמעט אונטן, קאָנען אײַך אײדעס זאָגן און גיין שווערן, אַז מיר האָבן געזען מיט אונדזערע אויגן, ווי די ציג מעלקט זיך, האַלעווײַ זאָלן זיך אַלע ייִדישע ציגן

אַזוי מעלקן! הערט אים נישט, דעם שנײַדער, וואָס ער וועט אײַך דערציילן פּיזמוינעס! איר זאָלט זיך נישט קערן צו די ווערטער פון די פאַרדאָרבענע לײַט׳ לאָזן פאַרשטאָפּט ווערן די מײַלער, וואָס ריידן שקאָרים! שאָלעם זאָל זײַן צו אײַך און שאָלעם זאָל זײַן צו אַלע ייִדן פון איצט און ביז אייביק און אייביק.

די רייד פון אײַערע ייִנגערע ברידער, וואָס וואַלגערן זיך אינעם שטויב פון אײַערע פיס:

נעום האַראַוו בעהאָראַוו ז״ל... אונעום
האָראַוו בעהאָראַוו ז״ל... אונעום הע־
נעך גאָרגל, קוסיעל שמאַראָווידלע,
שעפּסל קאַרטאָפּל, פּישל קאַטשאַלקי,
בערל בראָנפן, לייב וואָרעטשאָק, עליע
פּעטעלעלע״.

אַז דער ראָוו האָט איבערגעלייענט פאַר די באַלמעלאָכעס דעם דאָזיקן בריוו, זײַנען זיי געוואָרן נאָך מער אָנגעצונדן. „אַהאַ! קאָזאָדאָיעווקער שקאָצים! מע מאַכט נאָך פון אונדז כויזעק? באַדאַרף מען זיי באַווײַזן דערעכערעץ. שער און אײַזן אונדזער פאָלק — אַמכאָ!״... און מע האָט באַלד געמאַכט אַ נײַע אַסיפע, געשיקט נאָך בראָנפן׳ און ס׳איז געבליבן, מע זאָל נעמען די שיינע ציג און מע זאָל גיין גלײַך קיין קאָזאָדאָיעווקע איבערקערן דעם מעלאָמעד מיט דעם כיידער מיט דער גאַנצער שטאָט!

אוימער יוועיסע — געזאָגט און געטאָן. כעוורע האָבן זיך צונויפגעקליבן אַ שטיק זעכציק באַלמעלאָכעס: שנײַדערס, שוסטערס, סטאָליערס און קאָוועלס, קאַצאָווים, העקערס, אַנשיי־כאַיל, געזונ־

טע יונגענ, איינס אינ איינס, אָנגעוואָפּנטע מיט קלייזײַענ — וועד מיט א הילצערנעמ ארשינ אונ וועד מיט אנ אײַזערנ פּרעסל, וועד מיט א קאַפּיט פונ א שטיוול, וועד מיט א האק אונ וועד מיט א האמער, אונ וועד מיט גלאט אזוי פונ באלעבאטישקײַט: א קאָ־טשאלקע, א ריבײַזנ, אָדער א קאָלאָדאטש־מעסער, — אונ ס׳איז געבליבנ, מע זאָל גיינ גלײַכ אינ קאַזאָדאָיעווקע אפ מילכאָמע, לאָ־הארויג, לעאבייד אולעהאשמיד — הארגענענ, פארלירנ אונ פאַר־טיליקנ! איינמאָל פאר אלעמאָל — האָבנ בעוורע געזאָגט: — טאָ־מוס נאפשי אימ פלישטימ — דער טויט זאָל זיי זײַנ אונ אנ עק זאָל דאָס האָבנ!

— שאט, חאבויסימ! — רופט זיכ אָנ איינער פונ דער בעוורע פויעל־צעדעק. — איר זײַט שוינ גרייט אפנ פידפאלעק. פארטיק ארומ אונ ארומ׳ ו ו ע א י ע י ה א ס ע — ווו איז די ציג?

— יאָ, זעט נאָר, ווו איז ערגעצ אהינגעקומענ דער גילגול?

— אנטרונענ געוואָרנ!

— נישט קיינ נארישער גילגול! כ׳לעבנ, וווהינ האָט ער גע־קאָנט אנטלויפנ?

— מיסטאמע אהיימ, צומ מעלאמעד, וואָס פארשטייסטו דאָ נישט?

— מעשוגע וועט ער ווערנ! דו רעדסט, ווי א בעהיימע!

— ביסט אליינ א פערד; ווו דענ האָט ער געקאָנט אנט־לויפנ?

— בעקיצער, וואָס טויגנ די טײַנעס? שרײַ הײַנט, שרײַ מאָרגנ, ועהאיעלעד איינענו — נישטאָ קיינ ציג...

. . . .

קאַפּיטל יג

קאָיים — אצינד לאָזנ מיר איבער דעמ פּארקישעפּטנ שנײַדער זיכ ראנגלענ מיטנ מאלכאמאָוועס אונ כעוורע באלמעלאָכעס זיכ גרייטנ צו מילכאָמע, אונ מיר גייענ אריבער צומ גילגול, דאָס הייסט צו דער ציג.

דער גילגול, אז ער האָט דערזענ די בעהאָלע, וואָס איז געוואָרנ אינ שטעטל, האָט ער זיכ מעיאשעוו געווענ: וואָס טויג אימ דער מיסכער? וואָס נוצט אימ זײַנ צוגעבונדנ צומ שנײַדער, ארומשלעפּנ זיכ מיט דעמ שלימאזלניק הינ אונ צוריק אונ פּייגערנ פונ הונגער? אמער, וועט ער בעסער לויפנ אינ דער וועלט ארײַנ, ווו די פיס וועלנ טראָגנ! אבי ניט זײַנ נאווענאד! אונ אונדזער כעוורעמאנ האָט געמאכט פּלייטע גאָר אפ אנ אנדער אויפנ, געלאָפנ מעשוגענערווײַז, גאָר ניט געפילט די ערד אונטער זיכ, נישט געקוקט אפ דערעכערעצ, געשפּרונגענ איבער יידנ אונ ווײַבער, אנגעמאכט אנ אומגליק, א כורבנ אינ מארק — סאקאָנעס־נעפאָשעס! איבערגעקערט טישלעכ מיט ברויטלעכ אונ פּלעצלעכ, מולטערס מיט ווײַנשל אונ מיט ווײַמפּערלעכ, געשפּרונגענ איבער טעפּ אונ גלאָזווארג, געשלײַדערט, געשמיצט אונ געבראָכנ — טראכ־טארעראכ! צווישנ די ווײַבער איז געוואָרנ א בעהאָלע, א קוויטשערײַ: „ווער איז?.. א שלימאזל!.. א ציג!.. א באשעפעניש!.. א גילגול!.. א קלאָג צו מיר!.. אוי, אנ אומגליק!.. ווו איז ער?.. אָנ איז ער!.. כאפּט אימ!.. לאָז מענ אימ כאפּנ! כאפּנ!"... אונ א גאנצע כאליאסטרע יידנ מיט פארקאטשעטע פּאָלעס אונ ווײַבער מיט אונטערגעשטעקטע קליידלעכ, מעכילע, האָבנ זיכ געלאָזט לויפנ איינער איבערנ אנדערנ. נאָר אומזיסט: אונדזער כעוורעמאנ האָט דערפילט וואָס

הייסט פ ר ײַ ה ײַ ט, האָט ער זיך געלאָזט לויפֿן ווו די אויגן טראָגן.

און דער שנײַדער נעבעך?.. און דער האיויצע לאָנו מיזע?.. און דער מײַ־קאָמאשמעלאָן פֿון דער מײַסע? — ווועט פֿרעגן דער לעזער. צווינגט מיך נישט, קינדער! דער סאָף איז געווען נישט קיין גוטער סאָף. אָנגעהויבן האָט זיך די מײַסע זייער פֿריילעך, און אויסגעלאָזט האָט זי זיך, ווי דאָס ראָוו פֿריילעכע געשיכטעס, אוי־ווי, זייער טרויעריק... און מאַכמעס איר קענט דעם מעכאַבער פֿון דער געשיכטע, אַז ער איז בעטעווע ניט קיין מאַרעשכוירעניק און האָט פֿײַנט קלאָגעדיקע און האָט ליב בעסער לאַכנדיקע מײַ־סעס, און מאַכמעס איר קענט אים און ווייסט, אַז ער האָט פֿײַנט „מאָראַל" און זאָגן מוסער איז ניט זײַן דערעך, — לאָכיין געזעגנט זיך מיט אײַך דער פֿאַרפֿאַסער מיטויך סכויק, לאַכנדיק, און ווינטשט אײַך, אַז ייִדן, און גלאַט מענטשן אױף דער וועלט, זאָלן מער לאַכן איידער וויינען. לאַכן איז געזונט. דאָקטוירים הייסן לאַכן...

1900

ווען איך בין רויטשילד

א מאָנאָלאָג פון א קאסרילעווקער מעלאמעד

ווען איך בין רויטשילד, — האָט זיך צעלאָזט א קאסרילעווקער מעלאמעד איינמאָל אין א דאָנערשטיק, ביים די רעבעצן האָט אים געמאָנט אפ שאבעס און ער האָט ניט געהאט, — אוי, ווען איך זאָל זײַן רויטשילד! טרעפט, וואָס איך טו? רייִשים־כאָכמע, פיר איך אײַן א מינהעג, אז א ווײַב זאָל טאָמעד האָבן בא זיך א דרײַערל, ביכדיי זי זאָל פארשפאָרן דולן א ספאָדעק, אז עס קומט דער גוטער דאָנערשטיק און ס'איז ניטאָ אפ שאבעס... וועהאשייִנים, קויף איך אויס די שאבעסדיקע קאפאָטע, אָדער ניין — דעם ווײַבס קאצענעמ בורנוס — לאָז זי אופהערן פיקן אין קאָפ ארײַן, אז ס'איז איר קאלט! און קויף אוועק די דאָזיקע שטוב אינגאנצן מיט אלע דרײַ כאהאָרים, מיט דער קאמער, מיט דער שפיזארניע, מיטן קעלער, מיטן בוידעמ, מיטן האקל־באקל־מיקל־פלעקל, —

לאָז זי ניט זאָגן, אַז ס'איז איר ענג; נאַ דיר אַוועק צוויי כאַדאָרים, קאָך דיר, באַק דיר, וואַש דיר, בראָק דיר, און לאָז מיך צורו! איך זאָל קאָנען קנעלן מיט מײַנע טאַלמידים מיט אַ ריינעם קאָפּ! נישטאָ קיין דײַגעס־פּאַרנאָסע, מע באַדאַרף נישט קלערן, יוו נעמט מען אָפּ שאַבעס — מעכײַע נעפּאָשעס! די טעכטער אַלע כאַסענע געמאַכט, אַראָפּ אַ האָרעוו פון די פּלייצעס — וואָס פעלט מיר? הייב איך מיך אָן אַרומקוקן אַ ביסל אָפּ דער שטאָט. דאָס ערשטע ביז איך מע־נאַדער אַ נײַעם דאַך אָפּן אַלטן בעסמעדרעש, לאָז אויפהערן קאַפּען אָפּן קאָפּ בעשאַס ייִדן דאַוונען; און, לעהאַוודל, דאָס מערכעץ בוי איך איבער אָפּסנײַ, וואָרעם ניט הײַנט־מאָרגן — עס וועט דאָרט מוזן זײַן אַן אומגליק, כאַסוועשאָלעם, טאָמער פאַלט דאָס אויס אַקוראַט בעשאַס נאָשים באָדן זיך. און וויבאַלד דאָס באָד, מוז מען שוין דאָס העקדעש אַוואַדע צעוואַרפן און אַנידערשטעלן אַ „ביקור־כוילים", אָבער טאַקע וואָס אַ ביקור־כוילים הייסט, מיט בעטלעך, מיט אַ דאָקטער, מיט רעפּועס, מיט ייַכלעך אַלע טאָג פאַר די כאַלאָיִמ, ווי עס פירט זיך אין לײַטישע שטעט. און אַ „מוישעוו־זקיינים" שטעל איך אַוועק, אַלטע ייִדן לאָמדים זאָלן זיך ניט וואַלגערן אין בעסמעדרעש בײַ דער הרובע. און אַ כעווּרע „מאַלביש־אַרומים", אָרעמע קינדער זאָלן ניט אַרומגיין, איך בעט איבער אײַער קאָוועד, מיט די פּופּקעס אין דרויסן, און אַ כעווּרע „גמילעס־כאַסאָדים", אַז איטלעכער ייִד, סײַ אַ מעלאַמעד, סײַ אַ באַלמעלאָכע, סײַ אַ סויכער אפילע, זאָל פאַרשפּאָרן צאָלן פּראָצענט, נישט דאַרפן פאַרמאַשקענען דאָס העמד פונעם לײַב, און אַ כעוורע „האַכנאָסאַס־קאַלע", אַז ווו ערגעץ אַן אָרעם מיידל, נעבעך אַ דער־וואַקסענע, זאָל מען זי אויסקליידן, ווי עס געהער צו זײַן, און כאַ־סענע מאַכן, און נאָך קעדוימע אַזעלכע כעוורעס פיר איך אײַן

באַ אונדז אין קאַסרילעווקע... נאָר וואָס איז שײַעך עפּעס דאַפקע נאָר באַ אונדז אין קאַסרילעווקע? אומעטום, ווו עס געפינען זיך נאָר אַבֿינו־בני־יִשׂראָעל, פיר איך אײַן אַזעלכע בעוורעס, אומעטום, אַף דער גאַנצער וועלט! און ביכדיי עס זאָל זיך פירן מיט אַ סיידער, ווי עס געהער צו זײַן — טרעפט, וואָס טו איך? מאַך איך אַף אַלע בעוורעס איין בעוורע אַ גרויסע, אַ צדאָקע־גדוילע־בעוורע, וואָס גיט אַכטונג אַף אַלע בעוורעס, אַף אַלע ייִדן, דאָס הייסט אַף דעם קלאַל־ייִסראָעל, אַז ייִדן זאָלן אומעטום האָבן פּאַרנאָסע און לעבן אין אַכדעס און זאָלן זיצן אין די יעשיוועס און לערנען: כומעש מיט ראַשע, מיט געמאָרע, מיט טויספעס, מיט מאַרשאָ, מיט אַלע שעוואַ־כאָכמעס און מיט אַלע שיווים לאָשן, און אַף אַלע יעשיוועס זאָל זײַן איין יעשיווע אַ גרויסע, אַ ייִדישע אַקאַדעמיע, אין דער ווילנע געוויינלעך, וואָס פון דאָרטן זאָלן אַרויסגיין די גרעסטע לאָמדים און כאַכאָמים אין דער וועלט, און אַלצדינג זאָל זײַן אומזיסט, „אַל כעזשבן האַגווירˮ, אַף מײַן קעשענע, און אַלצדינג זאָל זיך פירן מיט אַ סיידער און מיט אַ פּלאַן, עס זאָל נישט זײַן קיין „גיב־מיר־נאַ־דיר־כאַפּ־לאַפּˮ, און אַלע זאָלן אין זינען האָבן נאָר טויוועסהאַקלאַל!.. און ביכדיי מע זאָל קאָנען טראָגן אַפן קאָפּ דעם „קלאַלˮ — וואָס דאַרף מען? דאַרף מען באַוואָרענען דעם „פּראַטˮ. און מיט וואָס קאָן מען באַוואָרענען דעם פּראַט? געוויינלעך, מיט פּאַרנאָסע; וואָרעם פּאַרנאָסע, הערט איר, דאָס איז דער רעכטער איקער; אָן פּאַרנאָסע קאָן נישט זײַן קיין אַכדעס; איבערן שטיקל ברויט, מישטיינסגעזאָגט, איז איינער דעם אַנדערן יוירעד לעכאַיאָוו, קאַפּאַל יענעמס קוילען, סאַמען, הענגען!.. אַפילע די סאָנע־ייִסראָעל, אונדזערע האָמענס פון דער גאַנצער וועלט, מיינט איר, וואָס האָבן זיי צו אונדז? גאָרנישט, נאָר

צוליב פּאַרנאָסע. זיי זאָלן האָבן פּאַרנאָסע, וואָלטן זיי גאָר אַזוי שלעכט ניט געווען. פּאַרנאָסע ברענגט צו קינע, קינע ברענגט צו סינע, און דערפון, ראַכמאָנעליצלאַן, נעמען זיך אַלע צאָרעס אָפּ דער וועלט, אַלע אומגליקן, ניט דאָ געדאַכט, מיט אַלע רעדיפעס, מיט אַלע האַריגעס, מיט אַלע רעציכעס און מיט אַלע מילכאָמעס...

אוי, די מילכאָמעס, די מילכאָמעס! דאָס איז, הערט איר, גאָר אַ שכיטע פאַר דער וועלט! זוען איך בין רויטשילד, מאַך איך אויס מילכאָמעס, אָבער טאַקע לאַכלוטן אויס!

וועט איר דאָך פרעגן: ווי אַזוי? נאָר מיט געלט. דעהיינע? איך וועל עס אייך געבן צו פאַרשטיין מיט אַ סייכל: לעמאָשל, צוויי מעלוכעס צעאַמפּערן זיך איבער אַ נאַרישקייט דאָרט, אַ שטיקל ערד, וואָס איז ווערט אַ שמעק טאַבעקע; „טעריטאָריע" הייסט עס בא זיי. די מעלוכע זאָגט, אַז די טעריטאָריע איז איר טעריטאָריע, און די מעלוכע זאָגט: „ניין, ס'איז מיין טעריטאָריע". מישיישעס יעמיי בערייִשיס, הייסט עס, האָט גאָט באַשאַפן אָט דאָס שטיקל ערד פון איר קאַוועד וועגן. קומט צו גיין אַ דריטע און זאָגט: „איר זייט ביידע בעהיימעס; די טעריטאָריע איז אַלעמענס טעריטאָריע, אַ ר ע ש ו ס־ה אָ ר א ב י ם הייסט עס". אַקיצער, טעריטאָריע אַהער, טעריטאָריע אַהין, מע „טעריטאָריעט" אַזוי לאַנג, ביז מע הייבט אָן שיסן פון ביקסן און האַרמאַטן, און מענטשן קוילען זיך איינס דאָס אַנדערע ווי די שאָף, און בלוט, בלוט גיסט זיך אַזוי ווי וואַסער.

אָבער אַז איך קום צו זיי לעכאַטכילע און זאָג צו זיי: „שאַט, ברידערלעך, לאָזט אייך דינען. אין וואָס גייט דאָ בא אייך, אייגנט־לעך, דער גאַנצער סיכסעך? מע פאַרשטייט דען ניט אייער מיינ? איר מיינט ניט אַזוי די האַגאָדע, ווי די קניידלעך. טעריטאָריע איז

דאָך באַ אײַך נאָר אַן אויסרייד; דער איקער איז דאָך באַ אײַך יענע מײַסע, פּעטי־מעטי, קאָנטריבוציע! און וויבאַלד לאָשן־קאָנטריבוציע — צו וועמען קומט מען אָן מיט אַ האַלוואָע? צו מיר, צו רויטשילדן הייסט עס. אמער, ווייסט איר וואָס? נאַ דיר, ענגלענדער מיט די לאַנגע פּיס און מיט די קעסטלדיקע הויזן, אַ מיליאַרד! נאַ דיר, נאַרישער טערק מיט דער רויטער יאַרמלקע, אַ מיליאַרד! נאַ דיר, מומע רייזל, אויך אַ מיליאַרד. מאָנעפּשעך, גאָט וועט אײַך העלפן, וועט איר מיר אָפּצאָלן מיט פּראָצענט, ניט כאָלילע קיין גרויסן פּראָצענט, פיר אָדער פינף לעשאָנאָ, איך וויל אָפּ אײַך ניט רײַך ווערן"...

פאַרשטייט איר שוין? אַ איך האָב געמאַכט אַ געשעפט, אַ מענטשן הערן אויף צו קוילען איינס דאָס אַנדערע, ווי די אָקסן, אומזיסט און אומנישט. און וויבאַלד אויס מילכאָמעס, הײַנט צו וואָס באַדאַרף מען דאָס קלייזײַענ, מיטן כײַעל, מיט אַלע זיבעצן זאַכן, מיטן גאַנצן טאַרעראַם? אָפּ טישע בײַנציק קאַפּאָרעס! און וויבאַלד אויס קלייזײַענ, אויס כײַעל, אויס טאַרעראַם, איז דאָך אויס סינע, אויס קינע, אויס טערק, אויס ענגלענדער, אויס פראַנצויז, אויס ציגײַנער, אויס ייִד, לעהאַוודל — די גאַנצע וועלט באַקומט גאָר דעמלט אַן אַנדער פּאָנעם, ווי אין פּאָסעק שטייט באַ אונדז געשריבן: „ו ע ה אָ י אָ, און עס וועט זײַן, ב אַ י ו י ם ה אַ ה ו, דאָס הייסט, אַז מאָשיעך וועט קומען!"... (שטעלט זיך אָפּ.)

און עפּשער, האַ?.. ווען איך בין רויטשילד, קאָן זײַן, אַז איך בין גאָר מעוואַטל דאָס געלט. אויס געלט! וואָרעם, לאָמיר זיך ניט נאַרן, וואָס איז דען געלט? — געלט איז דאָך, איינגעטלעך, נאָר אַ העסקעם, אַן אײַנגערעדטע זאַך. מע האָט גענומען אַ שטיקל פּאַפּיר,

אוועקגעשטעלט א צאציקע און אָנגעשריבן: „טרי רובליא סערעב־ראָם". געלט, זאָג איך אײַך, איז נישט מער ווי א יעיצערהאָרע, א טײַווע אזעלכע, איינע פון די גרעסטע טײַוועס, וואָס אלע ווילן דאָס און קיינער האָט דאָס ניט... אָבער אז סע זאָל לאָכ־לוטן גאָר ניט זײַן קיין שום געלט אף דער וועלט וואָלט דאָך דער יעיצערהאָרע ניט געהאט וואָס צו טאָן, און די טײַווע וואָלט ניט געווען קיין טײַווע. איר פארשטייט, צי ניין? אײַ וואָס? איז דאָך די קאַשע, ווו וואָלטן דעמלט נעמען יידן אף שאַבעס? (פארטראכט זיך א ווײַלע.) איז דער טערעץ: לעמײַ ווו וועל איך איצטער נעמען אף שאַבעס?..

1902

מילכיקס

א מאָנאָלאָג פון א קאסרילעווקער פרעסער

א־כאָבעם, הערט איר, איז געווען דער, וואָס האָט איינ־
געפירט א מינהג, אז שבועות אינדערפרי זאָל מען עסן מילכיקס.
וואָרעם, לאָמיר זיך ניט נארן, וואָס קאָן זיין בעסער, און פרישער,
און זיסער, און געשמאַקער, און וועלוועלער פון מילכיקס? עמעס,
צו מילכיקס באַדאַרף מען אויך האָבן געלט, נאָר ווי קומט דאָס
צו פלייש? בא פלייש איז פאַראַן פלייש און פאַראַן ביינער; און
מילכיקס האָט אין זיך מילך, און קעז, און פוטער, און סמעטענע,
און פידסמעטענע, און זויערמילך, און סיראָוועטקע... היינט נעמט
די מיכאָלים, וואָס מע קאָן מאַכן פון מילכיקס. פון פלייש האָט
איר א יויך, א ראָסלפלייש, אן עסיקפלייש, א געבראָטנס — און
שוין... פון מילך אָבער האָט איר קאשע מיט מילך, לאָקשן מיט
מילך, רייז מיט מילך, און טייגלעך מיט מילך, און באַלאַבעשקעס

מיט מילכ, אונ פאַרפל מיט מילכ, אונ גלאַט מילכ; הײַנט די מײַכאָלימ פונ קעז אונ פּוטער האָבנ דענ אַ שיור? באַרעכנט נאָר: קרעפּלעכ, אונ וואַרעניקעס, אונ וואַרניטשקעס, אונ אַ קוגל, אונ אַ מאַהינע, אונ אַ טייגעכצ, אונ קנישעס, אונ מנישקעס, אונ בלינצעס, אונ צאָרעס־קנײדלעכ, אונ קאַשניקעס, אונ ווערטליקעס, אונ ווערטוטנ. אונ וויפל איז פאַראַנ מײַכאָלימ וואָס מע קאָנ זיכ ניט אָנגעדענקענ! לעמאָשל: קאָרזש מיט קעז, מאַסליטשקענע קאַשע, אונ פיש געפּרעגלטע אַפּ פּוטער, אונ אַ באָרשטש אַ מילכיקער, אונ ראַזשענקע, אונ מאַסלינקע — אַלצ אַזעלכע פּאַטראַוועס, וואָס קיינער זאָגט זיכ פונ דעמ ניט אָפּ, סײַדנ שוינ גאָר אַנ אָפּגעריסענער נאַר, וואָס מע באַדאַרפ אימ געבנ קײַענ שטרוי...

וואָרעמ איכ, מע זאָל מיכ אופוועקנ אינמיטנ נאַכט אונ מיר דערלאַנגענ מילכיקס, איז אַבי איכ בינ נאָר ניט פליישיק, איז מיטנ גרעסטנ קאָוועד! לעמײַ זאָל איכ לייקענענ? איכ האַלט פונ מילכיקס. אונ ניט אַזוי איכ, ווי „זי". באַ אונדז אינ קאַסרילעווקע הייסנ מיר „די פּרעסערס", כאָטש עסנ מיר גלײַכ מיט אַלע ייִדנ, דאָס הייסט: קאַדאָכעס אינ אַ קליינ טעפּעלע. אײַ, די קאַשע: פונוואַנענ נעמט זיכ דער נאָמענ „פּרעסערס"? לאָז מיכ אַזוי וויסנ בייז! עס קאָנ זײַנ, עס נעמט זיכ דערפונ, וואָס מיר האָבנ ליב ריידנ פונ עסנ. לעמאָשל, איכ אַליינ האָב ליב אַרויסצוגיינ אינ מאַרק אונ שטיינ באַ די פיש. פיש איז באַ מיר דאָס כײַעס. פּאָר פיש וואָלט איכ אַוועקגעגעבנ מי־יעדייע וואָס! אונ עפּשער נעמט זיכ עס פונ דעמ, וואָס מע עסט באַ אונדז אַ סאַכ ברויט. לעמאָשל, באַ מיר גייט אַוועק, קיינ אײַנאָרע, אַ סאַכ מעל אַפּ שאַבעס, וואָרעמ ס'איז פאַראַנ באַ מיר, ניט צו פאַרזינדיקנ, ווער ס'זאָל קײַענ. איכ האָב, זיי זאָלנ לעבנ אונ געזונט זײַנ, דרײַ פערטל מוצ, אונ אַלע,

באַרעכאַשעם, האָבן אַפּעטיט צום עסן, מע דאַרף מיט זיי כּאָלילע צום רעדן ניט אָנקומען, באַם דאָקטער קיין אייצעס ניט פרעגן. האַלעוואַי וואָלט נאָר געווען וואָס צו עסן, וואָרעם איך בין, לווי־אַלייכעם, נישט פון די גרויסע נעגידים, דאָס הייסט כּאָלילע נישט קיין אָרעמאַן, נאָר קיין גוויר אַוואַדע ניט! איך בין אַליין אַ קרעמער בין איך; מאָלט אַיַך, אַ קראָם באַ מיר אַף אַלע יִדישע סאָנים! ס'איז נאָר אַן אויסרייד, ניט קיין קראָם; איך באַדאַרף זי האַלטן צוליב דעם קאָרעוו, די קראָם הייסט עס. איך האָב, פאַר־שטייט איר מיך, מַיַן אייגנס אַ קאָרעוו אַ רַיַכן, פון „איר" צאַד: זַיַן פאָטער און איר מוטערס מוטער זַיַנען געווען אייגענע געשוועסטערקינדערלעך, אַפילע אַ ווַיַטלעכער קאָרעוו, נאָר דאָך אַ קאָרעוו. ער איז אַ יאַמפּעלער איז ער, דאָס הייסט ער זיצט אין יאַמפּעלע און רעכנט זיך דאָרט צווישן די גווירים, דאָס הייסט אַמאָל האָט ער זיך גערעכנט גאָר צווישן די גרויסע גווירים, הַיַנט איז ער אַ ביסל דאַסיקע איך מיין פאַרדרייט... נאָר פונדעסט־וועגן געהער זיך ניט אָן אויגנס מיטן אַנדערן, זַיַן שאָדן אַף מיר געזאָגט געוואָרן. וואָס ער צאָלט איבער נאָך הַיַנט אַ יאָר פראָ־צענט — וואָלט געווען גענוג פאַר אונדז ביידן.

קומען מיר, הייסט עס, אַמאָל צו אים אַף קייוועראָוועס — אַמאָל איך, אַמאָל „זי". מע ווייסט זיך אויס אַ ביסל בייזערט ער זיך אַפילע, וויל ניט לַיַדן, נאָר עס העלפט אים, ווי דער פאַר־איאָריקער שניי, ער מוז, ער מוז געבן, נישט געלט — איז סכוירע, נישט סכוירע — איז אַ וועקסל. ער האָט דען אַן אַנדער ברייַרע? וואָרעם „זי", אַז זי צעוויינט זיך, איז מען גערני אַז זי הערט אויף: „נא דיר, הייסט דאָס, אַבי וויין ניט!"... אַז זיי דערזעען זי פון־דערווַיַטנס, ווערט זיי צענגן לעבער אין האַרצן. זיי פרווון זיך מיט

טערוצים: „מען איז ניטאָ אין דער היים, אוועקגעפֿאָרן פֿון יאַמ־פּעלע, שטאַרק פֿאַרנומען". — בלאָטע! ווי א טויטן באַנקעס! „אונדזערס" מוז אָפּגעגעבן ווערן גאָר אָן א שום טערעץ!.. נאָר וואָס זאָלט איר קלערן? ס'איז אַוואַדע נישט גוט, אַז מע דאַרף אָנקומען צו־נ־א מענטשן, נאָר וואָס זאָל מען טאָן? ווי זאָגט מען דאָס: קאָלזמאַן שעהאַנשאָמאָ בעקירבי — איז רײַבי, מאָטיע! א מענטש, קאָלזמאַן ער לעבט, דאַרף ער עסן!..

שײַעב זאָגן עסן? נישט צוליב דאָס עסן לעבט א מענטש. א מענטש איז דאָך ניט קיין בעהיימע. א בעהיימע איז א בעהיימע, און א מענטש איז א מענטש; און א מענטש, אַז ער וועט ניט עסן, פֿונוואַנען וועט ער לעבן? אָט דערפֿון אַליין קאָנט איר שוין פֿאַרשטיין, אַז מע האָט א ווײַב מיט קיין אײַנאָרע, נײַן פּיקערס, באַדאַרף האָבן א שיין פּאָנעם א ברויט אָדער א בולקע, אַז מע לייגט אוועק אפֿן טיש. און אפֿילע א שיסל קאַרטאָפּל, זי מעג זײַן מיט א באַרג, איז גענוג. א יי־ן פֿערטל שאָ, ס'זאָל ניט בלײַבן קיין סאָרידאופּאָליט, גלײַך ווי ס'איז גאָר קיינמאָל קיין קאַרטאָפּל ניט געווען אף דער וועלט אפֿילע! ס'איז א מעכײַע צו קוקן, זאָג איך אײַך, ווי מע עסט, קיין אײַנאָרע, בא מיר. איך האָב ליב צו זען ווי זיי עסן, איך האָב דערפֿון פֿאַרגעניגן. און ווער שמועסט פּרײַטיק, אַז מע נעמט אַרויס די פֿרישע שמעקנדיקע כאַלע פֿונעם אויוון, רופֿ איך צונויף מײַן בעוורע און זאָג זיי: „קינדער, ראַטעוועט!" — זאָלט איר זען, ווי מע ראַטעוועט — מעכײַע נעפֿאָשעס! און אַז גאָט העלפֿט, ס'איז פֿאַראַן צו דער פֿרישער כאַלע א ראָסלפֿלייש, א היים, מיט קנאָבל און מיט „סאָוועסט", מיט יויך הייסט עס, געווײַנלעך מער יויך ווי פֿלייש, מע קאָן זאָגן קימאַט סאַמע יויך, דעמלט קאָן מען טונקען און טונקען — און, נישקאָשע, מען איז,

באָרעכאשעם, גאנצ צופרידנ. וואָרעמ וואָס מוט מענ כאָלילע, אז ס'איז דאָס אויכ נישטאָ? האָט מענ א ברײרע דעמלט עסנ כאלע מיט ברויט, דאָס הייסט, איכ האָב געוואָלט זאָגנ ברויט מיט כאלע. א ביס ברויט א ביס כאלע, אונ גלייבט מיר — פאר א הונגעריקנ מאָגנ איז דאָס אויכ א מײכל. וועהאָרײַע, נעמט לימאָנאד — איר האָט וועג געגעסנ ברויט מיט לימאָנאד? קיינמאָל ניט? פארזוכט אמאָל אפ א ציקאוועסט, נאָר ביטנײַ, איר זאָלט זיכ פרִיער רעכט אויסהונגערנ, אזוי, אז ס'זאָל אײַכ כאלעשנ חאָס הארצ, ציטערנ די הענט אונ צִיענ די אָדערנ פונ די פיס, וועט איר דעמלט בענעמאָנעם פילנ טאמ גאניידנ. אזוי שטשיפּלט דאָס אפילע בא דער צונג, ווי געווײנלעכ לימאָנאד, נאָר אז מענ איז הונגעריק, אונ מע עסט דאָס מיט ברויט, איז דאָס א מײַכל-מעלאָכימ!

איכ זע, איר כידעשט זיכ, וואָס איכ בינ אזוי קלאָר אינ „הילכעס-אכילע"? איכ האָב דאָכ אײַכ געזאָגט, אז בא אונדז אינ קאסרילעווקע הייס איכ פונ די „פרעסערס", דערפאר, פארשטייט איר מיכ, וואָס איכ גיי מיט דעמ גאנג, אז א מענטש לעבט איינ מאָל, ניט קיינ צוויי מאָל, אונ אז מע עסט א גאנצע וואָכ מאקעס אונ שאבעס קאדאָכעס, דארפ מענ זענ כאָטש יאָמטעוו זיכ אָנטאָנ א ביסל ווילטיק. וואָס זאָגט איר, ניט אזוי? דעריבער אז עס קומט בא מיר שוועס, מעג זיכ איבערקערנ די וועלט. פאראנ פאר וואָס, צי ס'איז ניטאָ פאר וואָס, — א מילכיקע סודע, דאָס מוז זײַנ, גאָר אָנ א שומ טערעצ! קוידעמקאָל — ציקאָריע מיט מילכ; דאָס איז שוינ א כאָק וועלוי יאָאווויר, וואָרעמ „זי", אז עס קומט שוועס-צײַט, הייבט איר שוינ אָנ צו צִיענ, זאָגט זי, דאָס הארצ נאָכנ געזל ציקאָריע! דאָס געזל ציקאָריע איז בא איר, זאָגט זי, טײַע-

רער פונעם גאנצן מילכיקס! מאַלט אײַך, לאָז זיך אײַך דאכטן, אז ס'איז נאָר געֶרעדט אזוי; װאָרעם נאָכן גלעזל ציקאָריע װילט זיך נאָך עפּעס — לעמאָשל, באָרשטש. איך מײן דעם שײנעם גרינעם מילכיקן שװועסדיקן באָרשטש, װאָס מיט באָטװענע, מיט ציבעלקעלעך און מיט יונגע בורעקלעך פאַרבראָקט און מיט סמעטענע פאַרװײַסט. א קאַפּאָרע, הערט איר, אַלע עסנס פאַר אײן מילכיקן באָרשטש א גוטן! בא אונדז, אין געמײנעם גראַד, װען עס זאָל כאָלילע נישט זײַן קײן באָרשטש, װאָלט מען געװיס נישט אויסגעהאלטן ייִדישקײַט, ניט פּייסעך, ניט שװועס! דער כילעק איז נאָר אין דעם, װאָס צום פּייסעכדיקן באָרשטש מוז מען האָבן א שטיקל פלײש, אָדער א בײנדל, אָדער א לעפל שמאלץ, און צום שװועסדיקן באָרשטש באדארף מען נישט האָבן גאָרנישט ניט! איז פאראן א קאָפּ מילך אָפּ צו פאַרװײַסן דעם באָרשטש — איז גוט, עלע ניט — מוז מען זיך באגײן דערמיט, װאָס ער איז געקאָכט אין א מילכיקן טאָפּ. װאָרעם מײַן באַליאַסטרע, קײן אײַנאָרע, מע זאָל זיך צו זײ װעלן צולאָזן און געבן כליעפּטשען רײנע מילך, איז ניט שײַעך צו זאָגן א ציג, — דרײַ ציגן װאָלט געװען װײניציק, און מיר בעסאכאקל פאַרמאָגן אונדזער אײגנס א האלבע ציג, מיר האָבן, הײסט דאָס, בעשוטפעס מיט א שאָכן א ציג האָבן מיר. א װילדע זאך, זי גײט בא אונדז אלעמאָל אין שאָדן, און מיר האָבן פון איר אָפּגעשניטענע יאָר! ניט לאנג האָט זי זיך מעיאשעװ געװען, די ציג הײסט עס, און הערט זיך גאָר אוף צו מעלקן, דאָס הײסט מעלקן מעלקט זי זיך, נאָר קײן מילך גיט זי ניט; הײַנט גײ ציִ ארויס פון אזא כײַע קרעפּלעך מיט װארעניקעס! „אוי, זאָג איך צו מײַן װײַב, קרעפּלעך! איך װאָלט אװעקגעגעבן, זאָג איך, פאר מילכיקע קרעפּלעך אָדער װארעניקעס איך װײס אלײן ניט װאָס!

טאָמער וואָלסטו טאַקע געזען, סאָרע־זיסל, ס'זאָל זײַן, זאָג איך, קרעפּלעך, אימירצעשעם, אַפּ שוועס?"... מאַכט זי צו מיר: „פון וואָס, לעמאַשל?" זאָג איך: „דערופּ ביסטו דאָך עפּעס אַ באַלעבאַסטע בא מיר". זאָגט זי: „צו קרעפּלעך באַדאַרפּ זײַן אייער — דאָס ווייסטו?" זאָג איך: „איך ווייס, פאַרוואָס זאָל איך ניט וויסן? אַ קונץ, זאָג איך, צו מאַכן קרעפּלעך מיט אייער? ווײַז אַ בעריעשאַפּט אָן אייער!" זאָגט זי: „כאָכעם באַלײַלאָ! וואָס זשע טוט מען מיט קעז?" זאָג איך: „מיט קעז וואָלט שוין געווען נישקאָשע, שלעכט איז, וואָס אָן קעז!" זאָגט זי: „הײַנט וואָס זשע ווילסטו?" זאָג איך: „וויל איך, זאָלסט כאָטש מאַכן רעטשענע וואַרניטשקעס". זאָגט זי: „צו וואַרניטשקעס דאַרפּ מען פּוטער". זאָג איך: „ווו שטייט דאָס געשריבן? אין סייפער פּראַלניק?" זאָגט זי: „דו דאַרפּסט בעסער וויסן, ווו עס שטייט געשריבן, דו האָסט געלערנט אין כיידער". זאָג איך: „ווייסטו וואָס, מײַן ווײַב, וואָס איך וועל דיר זאָגן? אַזויווי מיר האָבן נישט קיין אייער, און נישט קיין קעז, און נישט קיין פּוטער, טאָ לאָמיר כאָטש אַזוי אַ ביסל ריידן פון מילכיקס. וואָס וואָלסטו, קעדוימע לעמאָשל, געמאַכט אַפּ שוועס צו דער סודע, ווען דו זאָלסט, אשטײגעה, האָבן מיט וואָס?" זאָגט זי: „צײַט איך לעב האָב איך ניט געזען, אַ מענטש זאָל אַזוי זײַן אַרײַנגעטאָן אין דער אכילע!" זאָג איך: „וואָס וועט דיך אַרן, אַז מיר וועלן אַ ביסל ריידן? עס קאָסט דיך געלט? לאָז זיך דיר דאַכטן, עלעהיי דו האָסט אַלצדינג, אי קעז, אי פּוטער, אי אייער — וואָס פאַר אַ מילכיקע סודע וואָלסטו מיר דעמלט מאַכן?"... זאָגט זי: „וואָס וואָלסטו וועלן, איך זאָל מאַכן?" זאָג איך: „אַ טויגעכץ"... זאָגט זי: „אַ זוילעל־ווע־סויווע־ניק דאָס איז! אַ טויגעכץ נעמט צו די גאַנצע פּוטער"... זאָג איך: „לאָז זײַן אַ מאַהינע"...

זאָגט זי: „וואָס עפּעס א מאַהינע?“... זאָג איך: „ווילסט ניט קײנ מאַהינע — לאָז זײַנ קנישעס“... זאָגט זי: „מיט וואָס? מיט קאַשע?“... זאָג איך: „ס'א מאָשל! מיט קאַשע איז דאָך עס שוינ קאַשניקעס!“... זאָגט זי: „ווערליק דײַנ מאַנצבילשער קאָפּ פאַרטראַגט, קומט אויס בא דיר קאַשניקעס“. זאָג איך: „מיסטאַמע פאַרשטײסטו בעסער, איך וויל זיך מיט דיר ניט שפּאַרנ. איך האָב פאַרגעסנ, זאָג איך, רעכענענ פּיש געפּרעגלטע אפּ פּוטער, ווי מײנסטו?“... זאָגט זי: „אַלצדינג ווילט זיך אימ! מײנסט אוואַדע קאָרעשלעך?“... זאָג איך: „עס מעג זײַנ קאַרפּ, אונ עס אַרט מיך ניט קײנ שלײַענ, אונ מיט העכטלעך, זאָג איך, וועט מענ זיך אויך ניט סאַמענ, אונ אפילע טאָמער כאַלילע פּלאָטוויצעס, וועל איך דיר אויך קײנ גײט נישט געבנ, אבי ס'זאָל זײַנ, זאָג איך, גוט געפּרעגלט“... זאָגט זי: „א טרײפענער האלדז דאָס איז! איך האָב מוירע, דו וועסט זיך ניט אָפּזאָגנ פונ געקאָכטע פּעפּעריקע רויג מיט קאַרטאָפּל“... זאָג איך: „אָכ! מיטנ גרעסטנ קאָווער! אבי ס'זאָל זײַנ, זאָג איך, נאָכדעם גוטע מנישקעס“... זאָגט זי: „א קישקע אָנ א דנאָ! בלינצעס קערסטו מײנענ?“... זאָג איך: „נײנ, בעפירעש מנישקעס! בלינצעס איז זיך בלינצעס, אונ מנישקעס איז מנישקעס! מנישקעס — דאָס איז אזוא מינ מײַכל, זאָג איך, וואָס האָט א טאַמ פונ צאָרעסקנײדלעך. וואָלסט מאַכנ צאָרעס־קנײדלעך, זאָג איך, צי עפּשער גלאַט קנײדלעך מיט מילך?“... זאָגט זי: „אימ איז קנאַפּ די וועלט! איך וואָלט דיר עפּשער מאַכנ א מילכיקנ קאָליש?“... זאָג איך: „מײנסט אוואַדע מיט האָלעשקעס אָדער מיט באַלאַבעשקעס?“... זאָגט זי: „באַלאַבעשקעס? פּע! א קאַפּצאָנישער מײַכל!“ זאָג איך: „ביסטו די גרויסע געווירטע, אפּאָנעמ?“... זאָגט זי: „קײנ געווירטע בינ איך ניט, האָב איך כאָטש א מישפּאָכע א רײַכע“... זאָג איך:

„א סאכ האָסטו פונ דײַנ מישפּאָכע!"... זאָגט זי: „מערער ווי דו פונ דײַנ מישפּאָכע אוואדע!"...

בעקיצער, מײַנ מישפּאָכע, דײַנ מישפּאָכע — א וואָרט פאַר א וואָרט, ווי געווײנלעכ מאנ אונ ווײַב, איז זיי צעווערטלענ זיכ; מע צעקריגט זיכ אונ מע בעט זיכ גיכ איבער, וואָרעמ עס איז דאָכ יאָמטעוו, שוועס אפ דער וועלט! אונ שוועס איז דאָכ דער בעסטער, ליבסטער יאָמטעוו פונ אלע יאָמטויווימ, וואָרעמ ווו האָט איר נאָכ אזא ליבע, זיסע, געשמאקע זאכ, ווי אז מענ איז פריִער א גאַנצע נאכט אופ, מע זאָגט זיכ אָנ, ווי א פּויק, מיט טיקנ-שוועס, מע גייט דורכ פּאוואָלינקע אלע טאריאַג-מיצוועס. די גאַנצע טוירע הייסט דאָס, אונ מע שטייט אופ גאַנצפרי פונעמ טיקנ-שוועס אונ גלײַכ אינ שול אַרײַנ, אונ דאָרטנ, אפנ ניכטערנ הארצנ, הערט מענ זיכ דאָס אָנ א ביסל פונעמ שיינעמ „אקדאָמעס" יענע טײַערסטע מײַכאָלימ, פונעמ ליוויאָסנ מיטנ שויר-האבאָר, וואָס האקאָדעש-באָרוכ-הו האָט אליינ אָנגעגרייט פאַר זײַנע יִדעלעכ אינ גאַניידנ, וואָס מײַכנ וועלנ דאָרטנ פליסנ בוימל, אונ דער אלטער טײַערסטער ווײַנ שטייט שוינ דאָרטנ פונ ווענ אָנ פארקאָרקעוועט אינ די פלעשער אונ וואַרט, וואַרט אפ אונדז... ס'איז דאָכ ניט שײַעכ צו זאָגנ! ווו האָט איר נאָכ אזא אומע-יִזראָעלאָשנ, ווי יִדנ, מיט אזויפיל גוטע זאכנ, ווי בא יִדנ?.. ס'איז נאָר א גריזאָטע, כ'לעבנ, וואָס מיר האָבנ מער ניט ווי איינ מאָל אינ יאָר שוועס!.. האָט איר ניט בא זיכ א סיגארעטל?..

1903

די פרײלעכע קאָמפּאניע

דערציילונג

קאפיטל א

אין א הייסן זומערטאָג, אין איינע פון די גרויסע גאסן פון דער גרויסער שטאָט, וועלן מיר זאָגן אין י ע ה ו פ ע ץ, האָט געשפּאצירט מיט א ציגאר אין די ציין א שווארצער יונגערמאן מיט רויטע בעקלעך פון א יאָר... איך קאָן אײַך ניט זאָגן אקוראט פון וויפל יאָר, ווארעם איך האָב זײַן פּאס ניט געזען. אמאָל, אז מע האָט נאָך בײַ אונדז געטראָגן בערד, האָט מען נאָך דער באָרד גרינג געקאָנט שאצן יענעמס יאָרן. היינט, אז שערן און גאָלן די באָרד איז געוואָרן בײַ ייִדן, בארעכאשעם, א וואָכעדיקער גאנג— אדעראבע, נאט אײַך א געגאָלטע מאָרדע און זײַט א בעריע, טרעפט וויפל איז זי אלט?.. אנדערע איז גאָר שווער צו דערקענען אפילע, צי זיי זײַנען ייִדן, דאָס הייסט, אז מע קוקט זיך גוט צו צו זיי, דערקענט מען זיי אפילע גרײַלעך, מע דערקענט זיי נאָך דער נאָז,

נאָך די אויגן, נאָכן קוק. א ייִד קוקט גאָר אנדערש; א ייִד, אז ער קוקט אָפּ אײַך, לייענט איר איבער אינ זײַנע אויגנ: „ווער זײַט איר? עפּעס זײַט איר מיר קענטלעך? אונ וואָס איז אײַער טועכץ? זאָגט — עפשער קאָנענ מיר איינס דאָס אנדערע צוניץ קומענ?" אָט אזוי קוקט א ייִד... נאָר מיר קערנ זיך אום צוריק צו אונדזער פּארשוינ, צום שווארצנ יונגערמאנ.

דער שווארצער יונגערמאנ איז זיך געגאנגענ פּאוואָלינקע, ניט ארויסגעלאָזט די ציגאר פונ מויל, ווי א מענטש וואָס האָט נאָר־וואָס אָפּגעגעסנ א פײַנעמ מיטיק, פאררייכערט א ציגאר אונ מאכט „מאָציאָנ". אויב דאָס פּאָנעמ זײַנס איז געווענ זייער פײַנ אויס־געפּוצט, די בעקלעך רויט, די וואָנצעס ארופגעדרייט ארופ, נאָר די מאלבושימ זײַנענ געווענ א ביסל געכאַפּט, דעהײַנו: די ארבל פונעמ פּידזשאַק האָבנ א ביסל צופיל געגלאנצט, די הויזנ זײַנענ געווענ א ביסל אויסגעטראָטנ, אונ די שטיבלעטנ, כאָטש זיי זײַנענ אמאָל געווענ גרויסארטיקע לאקירטע שטיבלעטנ מיט שיינע קנעפּלעך, האָבנ איצטער, אפּ דער עלטער, א ביסל אונטערגעפּוצע־וועט, כאָילע נישט צעריסנ, נאָר שטארק צעטריסקעט, אונ די אָפּצאסנ א ביסל אויסגעדרייט. אויב דאָס קאפּעליושל האָט אויס־געזאָגט דעמ סאָד, אז דאָס באדארפ זײַנ נישט קיינ גרויסער נאָגיד, וואָרעמ אכוצ וואָס דער פּאסאָנ איז שוינ לאנג ארויס פונ דער מאָדע, איז דאָס קאפּעליושל אליינ געווענ צוגעלעגערט אונ אָפּ־געבאָרעט א ביסעלע אונ די טאשמע פארשמאלצט מיט פעטנ — זייער־זייער א געמיינ קאפּעליושל.

דער דאלעס האָט שוינ אזא טעיוע, אז קוימ כאפּט ער זיך ארײַנ צו איינעמ, איז קוידעמקאָל לייגט ער זיך בא אימ אפנ קאַ־פּעליוש אונ אפּ די שפּיצ שטיוול, אונ נאָכדעמ פארקלײַבט ער זיך

צו אים אין בײַטל אַרײַן, רײניקט אויס פון דאָרטן װוּ ערגעץ א מאַטבײיע אַן אַלטע, אַן אָפּגעריבענע, לאָזט איבער א צװײ קנעפּ־לעך מיט א „רעצעפּיס" פון דער פּאָסט און רײַבט אויס א לעבל, אַז טאָמער װעט זיך מאַכן אַמאָל א מאַטבײיע, זאָל זי אויך אַרויס־קריכן.

װעדליק דער דאָזיקער פּאַרשוין איז געגאַנגען רויק, געצײלטע טריט, און געדרײט מיטן שטעקל און צוגעזונגען שטילערהײט א גאַנץ פײַנעם ניגון און אַלץ געקוקט אַרויף אין די פענצטער אַרײַן, האָט מען געקאָנט זיכער מײנען, אַז דאָס איז אָדער א רײַזנדער, װאָס איז אַראָפּגעקומען אַהער פון א פרעמדער מעדינע און האָט ניט װאָס צו טאָן — איז ער זיך אַרויסגעגאַנגען א ביסל אָנקוקן די שטאָט, אָדער דאָס איז א היגער טוישעװ, װאָס זוכט א געראָטן פּלאַץ אַפּ צו שטעלן א מויער, װאָס זאָל האָבן א ברײטן הויף מיט א פּאָנטאַן און מיט כאָטש א שטיקל גאָרטן צו דער גאַס. אָפּגע־שטעלט האָט ער זיך נעבן א טויער, דערזען א צוגעקלעפּט צעטל מיט זײבן גרײַזן:

„עס גיט זיך אָפּ ביליק א צוזאַמענװױנונג, גילטיק פאַר א באָכער".

אפן פּאָנעם פון אונדזער העלד האָט זיך באַװיזן א צופרידן שמײכעלע. די מאַשמאָעס, אַז ער איז א באָכער און זוכט א װאָל־װעלע װױנונג, און עס אַרט אים ניט צו װױנען מיט נאָך עמעצן.

אָנגעקלונגען צום „סטרוזש" און אַרופגעקלעטערט מיט אים אפן פינפטן שטאָק, איז ער אַרײַנגעקומען אין א קלײן פינצטער כײדערל, װאָס האָט אויסגעזען װי א טויבנשלאַק אַפּ א בוידעם, און האָט געטראָפן א הויכן, טרוקענעם פּאַרשוין מיט א בראָנז גלאַנצנדיק פּאָנעם, מיט א ליסינע אפן קאָפּ און מיט א גרוי גע־

שאָרנ בערדל, זיצנ באמ פענצטער אפ א צעבראָכנ בענקל אונ דרייענ פאפיראָסנ. דער אלטער פארשוינ איז געגאנגענ אָנגעטאָנ... דאָס הייסט, ער איז ניט געגאנגענ אונ ניט אָנגעטאָנ — ער איז געזעסנ אויסגעטאָנ, קימאט, קאָנ מענ זאָגנ, ווי אָדאָמ-האָרישנ אינ גאנייערנ, אויב איר וועט ניט רעכענענ פאר קיינ מאל-בושימ א צעבראסטעט צעריסנ העמדל ביז די קני, אונ אפ די לאנגע טרוקענע באוואָקסענע באָרוועסע פיס א פאָר מאָדנע מעש-טעס, וואָס זײַנענ געמאכט געוואָרנ אָדער פונ באבולע-פאפיר, אָדער פונ אנ אלטנ זאק — פונ לעדער געווים נישט.

דער דאָזיקער אלטער איז נישט אופגעשטאנענ פארנ ארײַנגע-קומענעמ גאסט, האָט ניט געטראָגנ אנטקעגנ דעמ שאָלעמ-אליי-כעמ, אונ אפילע ניט אופגעהויבנ די אויגנ, נאָר געבעטנ זיצנ אונ אויסגעצויגנ א לאנגע, א טרוקענע, באוואקסענע אונ א ציטערנ-דיקע האנט אונ האָט א זאָג געטאָנ, ניט קוקנדיק אפנ אוירעכ:

— זיצט.

דער ארײַנגעקומענער פארשוינ פונ זײַנ זײַט האָט אויסגע-טאָנ דעמ קאפעליוש אונ האָט זיכ א נייג געטאָנ צומ האלב-נאקעטנ באלעבאָס. נאָכדעמ האָט ער אָנגעהויבנ זוכנ מיט די אויגנ, ווו ער זאָל זיכ אנידערזעצנ, אונ מאכמעס ס'איז מער גיט געווענ ווי איינ בענקל, אונ דאָס בענקל איז דאָכ געווענ פאר-נומענ — לאָכיינ האָט ער זיכ א ביסל ארומגעדרייט אונ געפאלנ אפ א סייכל, אז איידער בלײַבנ שטיינ, איז גלײַכער זיכ זעצנ אפ א בעטל פונ די דרײַ בעטלעכ, וואָס שטייענ בא די ווענט. דער דאָזיקער פלאנ איז געפעלנ דעמ באלעבאָס אויכ, וואָס האָט ניט אָפגעריסנ די אויגנ פונ דער ארבעט, אונ ער האָט זיכ געווענדט צומ ארײַנגעקומענעמ פארשוינ מיט די דאָזיקע ווערטער:

— האָט נאָר קיין פּאַריבל ניט, וואָס איך נעם אײַך אויף „אין כּאַלאַט"; ס'איז שרעקלעך הייס אין דרויסן, און דאָ אונטערן דאַך איז נאָך הייסער, אַ ריינער גענעם! איר ווילט מיסטאָמע דינגען בײַ מיר די קוואַרטיר? פיר קאַרבן אַ כוידעש, מײַן בעטל, אײַער בעטגעוואַנט, איין מאָל אין טאָג הייס וואַסער פונעם סאַמאָוואַר. געלט אַלע וואָך אַפּצופריער. וואָס איז אײַער טועכץ?

— מײַן טועכץ? — מאַכט צו אים דער אוירעך אונטער דער נאָז. — המ... איין מאָל אין טאָג הייס וואַסער? און איך האָב גערעכנט צוויי מאָל.

— וואָס דאַרפט איר צוויי מאָל? איר זײַט דען אַ שטובמענטש? איר דרייט זיך דאָך אַרום מיסטאָמע אין גאַס.

— דרייען דרייט מען זיך, — מאַכט צו אים דער אוירעך, — עס טרעפט אָבער, מע קומט אַמאָל אַהיים פאַרפרי, גלוסט זיך אַ טרונק.

— טרינקט מען וואַסער.

— אַ דאַנק אײַך פאַר דער אייצע.

— נישטאָ פאַר וואָס.

אַזוי ענטפערט אים דער האַלב-נאַקעטער באַלעבאָס, וואַרפט ניט אַוועק די אַרבעט אַפ קיין רגע און האַט נאָך איין קוק נישט געטאָן אַפן גאַסט.

— וויפל זײַנען מיר דאָ, הייסט עס? — פרעגט אים דער גאַסט און קוקט, וויאַזוי האָבן אַהער געקאָנט אַרײַן דרײַ בעטלעך?

— מיר וועלן זײַן, הייסט דאָס, אַזוי גרויס, ווי דרײַ שכיירים און אײנער אַ באַלעבאָס.

— הרײַ שכיינים און איינער א באַלעבאָס? איך זע נאָר דרײַ בעטלעך, ווו זשע שלאָפט איר?

— פאַר מיר זאָרגט איר זיך? עהע־הע! איך וועל מיר שוין געפינען אן אָרט. איך קאָן שלאָפן אפן טיש אויך.

דער אוירעך איז געבליבן זיצן איבעראַשט. ער איז געווען זייער נײַגעריק צו וויסן, וויאַזוי וועט זיך דער דאָזיקער אלטער לייגן אפן טיש, און ווו וועלן זיך, לעמאָשל, אהינטאָן זײַנע לאַנגע פיס? ער האָט אים באַטראַכט, ווי א מענטשן, וואָס רעדט פון וועגן און האָט זיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטן און האָט אים טאַקע פאָרט א פרעג געטאָן:

— איך וואָלט א באַלן געווען וויסן, וויאַזוי קאָן אַזא הויכער מענטש שלאָפן אפ א קורצן טיש?

— איר ווייסט ניט, וויאַזוי? מע רוקט צו צו דעם טיש נאָך א צוויי טישן, קומט שוין אוים גוט.

— איר האָט דאָך אָבער נאָר איין טיש.

— איז טאַקע נישט גוט.

„אן אלטער לעצן!" — טראַכט זיך דער גאַסט און טוט א פרעג דעם באַלעבאָס:

— ווען, הייסט דאָס, באַדאַרף מען צאָלן די ערשטע ראַטע פאַר דער ערשטער וואָך?

— אויב די קוואַרטיר איז פאַר אײַך, איז טאַקע באַלד קלאָפּ און צייל, ווי זאָגט ער: א מיסעמעשונע אפן אָרט.

דער גאַסט, וואָס איז אליין אויך געווען נישט קיין מאָרע־שכווירעניק און האָט אליין אויך ניט פײַנט געהאַט צו טרײַבן קאַטאָוועס, איז געווען אנציקט פון דעם דאָזיקן מאָדנעם נעפעש, וואָס האָט די גאַנצע צײַט נישט אופגעהויבן די אויגן א קוק צו

טאָנ אפּ אימ, אונ אפילע דעמלט, ווענ ער האָט ארויסבאקומענ א זילבערנ קערבל אונ אנידערגעלייגט אימ דעמ אופּגאָבּ, האָט דער באלעבאָס דאָס קערבל צוגערוקט מיט איינ פינגער צו זיכ אונ אלצ נישט אופגעהויבנ די אויגנ אפנ גאסט אונ זיכ גענומענ ווידער צו די פּאפּיראָסנ.

דאָס האָט שוינ דעמ גאסט פאַרדראָסנ, אונ ער איז אופגעשטאנענ אונ אָפּגערעקאָמענדירט זיכ פאר אימ:

— ארקאדי שווייצער.

— בראָנזנטאָלער! — האָט אימ דער באלעבאָס אָפּגעענטפערט קורצ, נישט אופגעהויבנ די אויגנ אפנ גאסט אונ דערלאַנגט אימ אפ צו געזעגענענ זיכ צוויי לאנגע, דארע, טרוקענע האָריקע פינגער.

שוינ געשטאנענ בא דער טיר, האָט זיכ ארקאדי שווייצער אויסגעדרייט צומ באלעבאָס.

— זאָגט זשע מיר, מײַנ ליבער בראָנזנטאָלער, ווער זײַנענ יענע צוויי שכיינים מײַנע?

בראָנזנטאָלער האָט אלצ געדרייט די פּאפּיראָסנ אונ נישט געטאָנ דעמ גאסט צוליב א קוק צו טאָנ אפ אימ.

— איר דארפט טאקע נייטיק וויסנ דעמ יִכעס זייערנ? אז איר וועט ווערט זײַנ בא גאָט אונ האָבנ די זכיִע, וועט איר אפּדערנאכט זיכ באקענענ מיט זיי. איינער הייסט „נאָל", דער אנדערער „שמאָל", אונ מיט אײַכ אונ מיט אונדז ביידנ אינײנעמ וועט דאָס אויסקומענ „נאָל, שמאָל עט קאָמפּאניע". זײַט איר שוינ צופרידנ? אדיעו! איר קאָנט זיכ מאטריִעכ זײַנ ברענגענ אײַער באגאזש.

קאָפּיטל ב

ארקאדי שווייצער איז אַוועקגעגאנגענ אפ דער אלטער סטאנ־ציע נאָכנ באגאזש, וואָס איז באשטאנענ פונ א קליינ רענצל, נאָר פעסט געפּאקט, אָנגעשטאָפּט מיט... וואָס קאָנ זיכ, לעמאָשל, גע־פינענ בא אָט אזא מינ בעוורעמאנ אינ רענצל? איכ ווייס ניט, ווי־אזוי איר, — איכ האָב פונ טאָמער אָנ שטארק ביישעק א קוק טאָנ יענעמ אינ רענצל ארײַנ, — אונ פונ זינט איכ האָב געלייענט די מײַסע פונ דעמ פּאריזער פּאָרל, איז בא מיר דער ביישעק געוואָרנ נאָכ גרעסער. אויב איר האָט צײַט, וועל איכ אײַכ דערציילנ די דאָזיקע מײַסע אינקורצנ:

די געשיכטע קומט פאָר אינ פּאריז.
אנ „ער" מיט א „זי".
ער פונ בערלינ, זי פונ ווינ.

ער א כאָסנ, זי א קאלע. דאָס הייסט, זיי האָבנ געזאָלט ווערנ כאָסנ־קאלע, זײַנענ זיי זיכ צונויפגעפאָרנ קיינ פּאריז אפ אָנ־קוקנ זיכ.

געקומענ צו פאָרנ אינ איינ צײַט, זײַנענ זיי פארפאָרנ אינ איינ האָטעל אונ אָפּגעשטעלט זיכ אינ פארשיידענע נומערנ גע־ווינלעכ, אונ מאכמעס זיי האָבנ זיכ ניט געקענט, האָבנ זיי גאָר־נישט געוווּסט איינס פונעמ אנדערנ.

באדארפ זיכ טרעפנ א מײַסע (אפ א מײַסע פרעגט מענ נישט קיינ קאשע): זיי האָבנ ביידע געהאט אלציינע רענצלעכ פונ איינ פאבריק מיט אלציינע שליסעלעכ, אונ די מענטשנ, וואָס האָבנ אראָפּגעטראָגנ דעמ באגאזש, האָבנ זיכ פארביטנ מיט די יאָצ־

רעס, אַרײַנגעטראָגן צו איט איר רענצל, און צו איר — זײַן רענצל.

אויסגעטאָן זיך און אײַנגעװאַשן זיך, ווי עס געהער צו זײַן, האָט זיך יעדער פון די צוויי אָפּגעשלאָסן דאָס רענצל, געוואָלט איבערטאָן זיך, ווי עס פּאַסט פאַר באָסן־קאָלע, און שטעלט אײַך פאָר זייער איבעראַשונג, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן אַרויסנעמען פון דאָרטן די מאַלבושים: ער — נעקייוויישע, און זי — מאַנצבילישע! זיי זײַנען ביידע שיר ניט געפאַלן באַלאַשעס! נאָר אַלע מענטשן אַף דער וועלט זײַנען דאָך נײַגעריק... אַז דער ערשטער שרעק איז איבערגעגאַנגען, האָבן זיי אָנגעהויבן אַרײַנקוקן אין די רענצלעך אַרײַן נאָך טיפער און האָבן אָנגעהויבן אַרויסנעמען פון דאָרטן מעשונע־מאָדנע זאַכן, אַרויסשלעפּן פּעק מיט פּאַפּירן, בריוועלעך אַלערליי — און פרעמדע בריוועלעך ווילט זיך דאָך דאַפקע לייענען! — און מען איז געוואָר געוואָרן איינס אַפן אַנדערנס אַזעלכע סוידעס, וואָס ווען זיי געפעלן זיך, טוען אַ שידעך, האָבן חאַסענע און לעבן אַפּ אַ האַלבע מייע יאָרן, וואָלטן זיי ניט דערגאַנגען קיין צענטבייליק אַפילע... בעקיצער, זיי האָבן זיך צעפּאָרן, ער קיין בערלין, זי קיין ווין — אויס שידעך.

אַצינד וועלן מיר זיך נעמען צו אונדזער אַרקאַדי שוויצערס רענצל.

דאָרט איז געווען אַ ביסל וועש, אַ פּאָר פּאַפּירענע קאָלנערס מיט מאַנקעטן, עטלעכע פודעלעך פון אויסגערויכערטע פּאַפּיראָסן, אַ סידערל מיט אַ טילימל מיט אַ פּאָר קליינע טפילימלעך (אַ יזידישע נעשאָמע טאָר מען ניט שאַצן!), און אַ גאַנצער פּאַק מיט צעצויפגעטאַשטע, גוט צונויפגעלייגטע און מיט רויטע פּאָדעמ־זייד פאַרבונדענע טעשלעך קאָרטן.

פונ דעמ דארפנ מיר לערנענ דעמ פשאט, אז ארקאדי שווייצער האָט נישט פײַנט קיינ קערטל. נאָר צו וואָס טויג האלטנ בא זיכ אינ רענצל אזא מאסע מיט קאָרטנ? איז די מאשמאָעס, אז ארקאדיס געשעפט, דאָס הייסט זײַנ פארנאָסע, איז קאָרטנ — אונ מיר האָבנ נישט געהאט קיינ טאָעס. זיכ גוט נאָכגעפרעגט בא זײַנע באקאנטע, זײַנענ מיר געוואָר געוואָרנ, אז ער דרייט זיכ ארומ קאָרטנ אונ דערפונ טאקע לעבט ער. דער פיירעש פונ די דאָזיקע ווערטער איז ניט גלאט; מע באדארפ עס פארשטײנ, אונ מיט דער צײַט וועלנ מיר דאָס, אימירצעשעמ, וויסנ. מיר וועלנ זיכ נאָכ אומקערנ שפּע־טער צו זײַנ פראָפעסיע, דערווײַל וועלנ מיר זיכ באקענענ מיט די איבעריקע שכיינימ.

אז ארקאדי האָט געבראכט צו טראָגנ דאָס רענצל אפ דער נײַער קווארטיר, איז שוינ געווענ פארנאכט. אינ כיידער האָט שוינ געטשאדעט א פארוויכערט לעמפל אונ באמ טיש איז געזעסנ אונ געשריבנ א מאָדנער נעפעש מיט א בלאס פאָנעמ, מיט הונגעריקע אויגנ, מיט אונטערגעבויגענע שי־טערע, שטארק־אָנגעשמירטע האָר. אָנגעטאָנ איז ער געווענ אינ א טשעשונטשאָווע פידזשאקל מיט מאָדנע ברייטע ארבל, א קלאָר־ווײַסנ קאָלנער פונ פאפיר מיט א שניפס א שארפ־רויטנ, ווי פײַער, מיט דינע שמאָלע ווײַסע הויזנ אפ א פאָר קליינינקע פיסעלעכ.

„אפאָנעמ, דאָס מוז זײַנ איינער פונ די דרײַ שכיינימ, פונ דער כעווערע „נאָל, שמאָל עט קאָמפאניע”,— האָט זיכ ארקאדי געטראכט.

ארײַנגעקומענ אונ אָפגעלייגט דאָס רענצל אפ א בעטל, האָט זיכ ארקאדי שווייצער פאָרגעשטעלט פארנ נעפעש מיטנ רויטנ

שניפּס און מיט די ווײַסע טאַכטוינים, און דער נעפּעש מיטן רויטן שניפּס און מיט די ווײַסע טאַכטוינים האָט זיך אופגעכאַפּט, אויסגעטאָן אַפּדערגיך די ברילן, א טרייסל געטאָן מיט די אונטערגעבויגענע אָנגעשמירטע האָר.

— דאָס זײַט איר אונדזער נײַער שאָכן? זיצט, זעצט זיך, פאַרוואָס זיצט איר ניט? — און ער טראָגט אים אונטער דאָס איינ־און־איינציקע בענקל.

דער רויטער שניפּס, די פעטע אונטערגעבויגענע, נאָר שיטערע האָר, די מאָדנע ברייטע ארבל פונעם טשעשונטשאָוון פּידזשאַק, די ווײַסע טאַכטוינים, דאָס הייזעריקע קאָל פונעם נעפּעש און דער צו נאָך דאָס אונטערשפּרינגען זײַנס — דאָס אַלצדינג אינאיינעם האָט געהאַט דעם זיבעטן כיין, און אונדזער ארקאַדי האָט באַדאַרפט זײַן שטאַרקער פון אײַזן, ער זאָל זיך אײַנהאַלטן פון אויסצושיסן אים א געלעכטער גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן.

— איר שרײַבט א בריוול? שרײַבט, שרײַבט! — האָט ער צו אים געזאָגט און אָפּגערוקט פון זיך דאָס בענקל.

— איך שרײַב נישט קיין בריוול, איך שרײַב א בוך. איך שרײַב קעסיידער. איך בין א שרײַבער, פאַרשטייט איר מיך, א מעכאַבער,— האָט אים יענער געגעבן צו פאַרשטיין אַף זײַן הייזעריקער שטימע, אונטערגעטאַנצט און צוגעטרייסלט מיט די שיטערע אונטערגעבויגענע הערלעך. און דאָ האָט ארקאַדי באַמערקט א פּאָר קליינע ווײַסע הענטלעך מיט דינע קליינע פינגערלעך, וואָס האָבן אויסגעזען נאָך קלענער אונטער די ברייטע ארבל פונעם טשעשונטשאָוון פּידזשאַק.

— איר זײַט א שרײַבער? וואָס זשע שרײַבט איר איצטער? זעט נאָר, איר זאָלט אונדז דאָ ניט באשרײַבנ.

דער שרײַבער האָט זיכ צעלאכט מיט א צעשאָטנ הייזעריק געלעכטער אונ ארויסבאווײזנ קלײנע שווארצע צײנדלעכ, ווי בא א קינד, וואָס האָט קאליע צײנ דערפאר, וואָס סע עסט א סאכ צוקערקעס.

— איכ בינ ניט פונ די שרײַבער, וואָס באשרײַבנ יענעמ. איכ בינ גערנ, אז יענער טשעפּעט מיכ ניט.

אזוי האָט אימ געענטפערט דער מעכאבער, אונ איכ מײנ, אז ס׳איז געווענ לאכלוטנ איבעריקע ווערטער, דענ ווענ אפילע ער זאָל דאָס ניט זאָגנ, וואָלט מענ אלײנ געקאָנט פארשטײנ, אז דאָס איז א מענטש, וואָס איז גערנ, אז יענער טשעפּעט אימ ניט. אזעלכע מענטשלעכ באווײַזנ זיכ גיכ ארויס מיט זײער כאראקטער: „אָט א דאָס ב י נ איכ אונ א ז ו י מאָלט מיכ". אזעלכע מענטשלעכ זײַנענ געטרײַ איבערגעגעבנ דער גאנצער וועלט, אונ די גאנצע וועלט שאפט מיט זײ, עקספּלואטירט זײ. איר קאָנט פונ זײ פלעכטנ שטריקלעכ, טאָנ מיט זײ וואָס איר ווילט. אזעלכע מענטשלעכ זײַנענ גרויסע בײַשאָנימ; זײ וועלנ אײַכ קײנמאָל ניט באקלאָגנ זיכ אפ זײער פינצטער מאזל; זײ, אז זײ וויינענ, וויינענ זײ נאָר אפ יענעמס צאָרעס, קומענ אָפּ פאר פרעמדע זינד, האָבנ ניט מיט וואָס א טאָג איבערצוקומענ, קאָנענ אויסגײנ אינמיטנ העלנ טאָג פאר אלעמענ אינ די אויגנ, כאפּנ זיכ אָנ אָנ א שארפ פונ א שווערד, טוליענ זיכ צו יענעמ אונ קלעפּנ זיכ אָנ אזוי שטארק, אז ס׳איז שווער זײ אָפּצורײַסנ אונ אָפּצוטרײַבנ פונ זיכ, ווי אנ עמעס געטרײַ הינטל...

קאַפּיטל ג

דאָס איז אַ קלאַל אַף דער וועלט, אַז הילף קומט מערסטנטייל אומגעריכט. גאָט ווייסט, וואָס מיט אונדזער פּאַרשוין וואָלט געווען, ווען סע קומט ניט אָן פּלוצעם בראָנזנטאָלער און דער מעכאַבער הערט נישט אויף צו לייענען אים גאַנצע שטיקער פון דער „כאָליערע". איך ווייס אַ מייסע, וואָס אַ יונגער מענטש, אַ געזונטער, אַ שטאַרקער, האָט געכאַלעשט בא אַ מעכאַבער אונטער די הענט. פון דעמאָלט אָן, אַז דער מענטש דערהערט דעם נאָמען מעכאַבער, אַנטלויפט ער ווי דער שוואַרצער פעפער וואַקסט.

— טשײַדעלי! גאָט האָט אײַך שוין צוגעשיקט אַ קאָרבן, און איר מוטשעט אים מיט אײַערע מײַסעס? אַנו, לייגט נאָר אַוועק די „כאָליערע" און לאָמיר בעסער נעמען עפּעס אײַנמויל אַרײַן.

מיט די דאָזיקע ווערטער האָט דער באַלעבאָס זיך געווענדט צום מעכאַבער און האָט אַ וואָרף געטאָן אַפן טיש אַ פּעקל — דאָרט איז געלעגן אַ פלעשל „מאָנאָפּאָלקע", אַ ברויטל מיט אַ כּאַראַנקע מיט אַ פּאָר ציבעלקעס. און אַרקאַדי האָט אים באַטראַכט, קימאַט גאָר ניט דערקענט אינעם אָנטאָן. אַף אים איז געווען אַ שוואַרצע שאַבעסדיקע קאַפּאָטע, אַ ווײַס העמד, געלע שיך מיט רויטע שפּראָנצקעס, און אַפן קאָפּ — אַ ברייטער ווײַסער שטרויענער קאַפּעליוש מיט אַ פּענסנע אַף די אויגן — אַ גאַנצער פּראַנט! דאָס טונקל־בראָנזענע פּאָנעם מיט די שאַרפע ווינקלען האָט געגלאַנצט אונטערן ווײַסן קאַפּעליוש און אויסגעזען, ווי אַן אויסגעגאָסענע סטאַטוע.

דער באַלעבאָס בראָנזנטאָלער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיכ די יאָמטעוודיקע מאַלבושימ און געבליבנ אינעמ אינדערפריִעדיקנ קאָסטיומ פון אָדאָמ־האָרישענע, אַרײַנגעשטעקט די לאַנגע דאַרע האָריקע פיס אין די מעשונע־מאָדנע מעשטעס און בעשאַסמײַסע א זאָג געטאָנ:

— אנו, טשײַדעלי, זײַט א באַלעבאָסטע, מאַכט טיי!

דער מעכאַבער מיטנ רויטנ שניפּס און מיט די ווײַסע מאַכ־טוינימ, וואָס דער באַלעבאָס רופט אימ „טשײַדעלי", האָט בימכי־לאָס־קווידוי זיכ אָנגעבויגנ אינ אַרויסגעשלעפּט פונ אונטערנ בעט א קליינ בײַכיק סאַמאָוואַרל און איז אוועקגעגאַנגענ מיט דעמ דאָס אופשטעלנ, און דאָס סאַמאָוואַרל האָט אויסגעזענ בא אימ אפ די הענט, ווי א קליינ קינד בא א געטרײַער מוטער. בעשאַס גײנ האָט דער מעכאַבער אונטערגעטאַנצט און צוגעטרייסלט מיט די שיטערע אונטערגעבויגענע הערלעכ, און אַרײַנגעקומענ, האָט ער זיכ גענומענ צו די גלעזער, אוועקגעשטעלט איטלעכע זאַכ אפ איר אָרט מיט די קליינע ווײַסע הענטלעכ, ווי אַנ עמעסע באַלעבאָסטע. גיכ איז געוואָרנ אופגעשניטנ דאָס ברויט מיטנ פישל, און אלע דרײַ האָבנ זיכ געזעצט אַרומ טיש, דער באַלעבאָס אפנ בענקל און זײַנע צוויי שכיינימ אפ די בעטלעכ, און מע האָט זיכ געזעצט טרינקענ טיי, פריִער גענומענ צו קאַפּעלעכ „מאָנאָפּאָל" און פאַרביסנ מיט טאַראַנ גאַנצ געמיטלעכ, גלײַכ ווי מע וואָלט געווענ צווישנ זיכ אלטע באַקאַנטע שוינ פונ קאַמע־וועקאַמע יאָרנ.

— אצינד, טשײַדעלי, דערציילט אונדז וואָס הערט זיכ עפּעס נײַס אפ דער וועלט?

אזוי האָט זיכ אָנגערופנ בראָנזנטאָלער צום מעכאַבער, נאָכ דעמ, אז ער האָט פאַרייכערט א פּאַפּיראָס, דאָס ערשטע מאָל א קוק געטאָנ אפ דעמ נײַעמ שאָכנ, וואָס האָט פאַרייכערט א גראָבע ציגאַר, וואָס דער רויכ פונ איר זאָלט געווענ א גוטע סגולע אפ אַרויסצוטרײַבנ פליגנ.

— הערט איר? — מאַכט דער באַלעבאָס צום נײַעמ שאָכנ. — איכ וואָלט געמעגט שווערנ, אז איכ האָב אײַכ געזענ בא סעמאַדענינ אינ „ביליאַרד”?

אונדזער שאָכנס רויטע בעקלעכ זײַנען געוואָרנ נאָכ רויטער. ס'איז אימ אַפּאָנעמ, ניט אָנגעשטאַנענ דאָס ערטל, וווּ מע האָט אימ דאָרטנ געזענ, האָט ער זיכ ווי פאַרענטפערט:

— מעגלעכ, עס קאָנ זײַער שײנ געמאָלט זײַנ. באַטאָג מאַכט זיכ, נישטאָ וואָס צו טאָנ, כאַפּט מענ זיכ אַרײַנ אפ א האַלבע שאָ זענ, ווי מע שפּילט אינ ביליאַרד.

— און מיר דאַכט זיכ, אז איכ האָב אײַכ אַליינ געזענ עטלעכע מאָל מיט א לאַנגנ שטעקנ אינ די הענט אַרומדרייענ זיכ אַרומ גרינעמ טיש, און דאַפּקע אָנ א קאַפּאָטע. איכ פאַרשטײ ניט, וואָס איז דאָ פאַראַנ צו שעמענ זיכ? א פּאַרנאָסע גלײַכ מיט אַלע פּאַרנאָסעם.

דאָ האָט אונדזער באַלעבאָס געטראָפנ, ווי מע זאָגט, פּונקט אינ קאַרב אַרײַנ. אינ דער לעצטער צײַט האָט אַרקאַדי שווייצער נעבעכ געלעבט נאָר פונעמ ביליאַרד. דאָס הייסט, אייגנטלעכ, איז זײַנ פּאַרנאָסע געווענ, ווי מיר האָבנ שוינ אויבנ געזאָגט, קאָרטנ, נאָר קאָרטנ מיט ביליאַרד, באַדאַרפט איר וויסנ, קערנ זיכ אָנ שטיקלעכ אייגענע, אָפּטמאָל גאַנצ נאָענטע מעכוטאָנים, לעמאָשל, ווי א מעלאַמעד שמעקט מיט שאַדכאָנעס, א באַלטאַקסע מיט

קאַצעוו, אַ קרעמער מיט באַנקראָט, אַ באַנקיר מיט גנייווע, אוקע־דוימע, אוקעדוימע, אוקעדוימע.

ווי אַ מענטש אַ באַל־פּאַרנאָסע, האָט אונדזער אַרקאַדי שוווי־צער פּײַנט געהאַט אַליין צו שפּילן אין ביליאַרד. דאָס שפּילן אַליין איז אים שוין לאַנג נימעס געוואָרן, דען עס קאָסט אים גע־נוג געלט. זײַן אַוודע איז געווען זיצן און קוקן, ווי יענער שפּילט, און „האַלטן מאַזאָ פאַר יענעם".

„האַלטן מאַזאָ" אויפן ביליאַרד — דאָס איז אַ מין געשעפט, ווי אַלע געשעפטן אויף דער בערזע, און מיר רעכענען נישט פאַר איבעריק זיך אָפּשטעלן דערויף אויף אַ צוויי מינוט.

שטעלט אײַך פאָר אַ גרויס, שטאַרק אָנגערויכערט און פאַר־ברודיקט ביידער, מיט טעלעכיק לאַנגע טישן, מיט גרינע באַצויגן, און מענטשן, צומייניסטן יונגעלײַט, דרייען זיך אַרום פון אינ־דערפרי ביז שפּעט אינדערנאַכט מיט לאַנגע גלאַטע שטעקנס, צילן זיך אין די געטאַקטע ווײַסע ביינערנע גאַלקעס, און ווער עס האָט געמאַכט מער גאַלקעס, דער האָט „געענדיקט די פּאַרטיע" און נעמט צו דאָס געלט.

שפּילן — שפּילן צומייניסטן נאָר צוויי, און דער גאַנצער איבעריקער עולם, פאַרשיידענע מינים פאַרשוינען, זיצן אַרום און אַרום בײַ די ווענט און קוקן אויף דאָס שפּיל, און מע לייגט אײַן געלט פאַר די שפּילערס, ווער פון די צוויי וועט פריִער ענדיקן די פּאַרטיע, — דאָס ווערט אָנגערופן האַלטן מאַזאָ.

צווישן די שפּילערס זײַנען פאַראַן גרויסע ספּעציאַליסטן, וואָס גיבן יענעם טעלעכיק אויגן „פאָר", געווינען די ערשטע פּאַרטיע און נאָכדעם הייבן זיי אָן שטאַרק פאַרשפּילן, געבן פאַל־

שע גענג („קלאָפּשטאָס“), מאכנ קלוימערשט אומגערנ א ציטער מיט דער האנט („מענדראזשע“), און דערמיט כאפט מענ „פּיזשאָ־נעם“ (אומשולדיקע טײַבעלעכ) און מע נארט אויס באם אוילעם דאָס ביסל מינצ. די כעוורע, וואָס פירנ צונויפ די דאָזיקע שפּי־לערס, ווערנ אָנגערופנ מיטנ נאָמענ „באלעבאטים“, אָדער „נא־וואָדטשיקעס“.

איינער פונ די דאָזיקע „נאוואָדטשיקעס“ איז געווענ, עס זאָל אײַכ צו קיינ כארפּע ניט זײַנ, אונדזער פיינער אוירעכ ארקאדי שווייצער. וואָס איז די לעצטע צײַט ניט ארויסגעקראָכנ פונעם ביליארד, זיכ געוויקט דאָרטנ טאָג ווי נאכט, זיכ אָנגעגעסנ מיטנ רויכ און זיכ אָנגעהערט מיט די שיינע ווערטלעכ, מיטנ ניבלפּע און מיט די מאכלויקעסנ און מיט די קלאָלעס און די סקאנדאלנ, וואָס דאָרטנ קומענ פאָר. דאָס איז געווענ פאר אונדזער ארקאדינ א גרויסער אראָפּפאל, אנ עמעסע יערידע, קאָנ מענ זאָגנ, דענ ער איז געווענ, אייגנטלעכ, א קאָרטנשפּילער. דאָס האָבנ אימ די צאָרעס זײַנע געבראכט דערצו, ער זאָל זיכ אראָפּלאָזנ אזוי נידעריק און ווערנ א „נאוואָדטשיק“ צווישנ ביליארדשטשיקעס. נאָר וואָס טוט ניט א ייִד צוליב פּארנאָסע? און דערמאָנט זיכ אונדזער ארקאדי שווייצער אָנ יענע גוטע יאָרנ, בעשאָס ער האָט „געפירט א גרויסע שפּיל“, געפאָרנ מיט כעוורע אפ די פּאראכאָדנ, געכאפּט א האָז און אימ אויסגערייניקט די קעשענעס אד לעפּאָק; און נאָכדעמ אינ די האָטעלנ געלעגנ וואָכנלאנג, ניט אָנגעקוקט די ליכטיקע שײַנ און נאָר געשפּילט און געשפּילט; און נאָכדעמ אינ די קלובנ, געוואָרפנ א באנק אינ „דיאבעלעק“: פינפ און צוואנ־ציק פאר צוואנציק, פופציק פאר פערציק, און הונדערט פאר אכ־ציק, און צוויי הונדערט פאר הונדערט זעכציק, און פיר הונדערט

פאר דרײַ הונדערט צוואנציק, — און אונדזער ארקאדי לאָזט ארויס א טיפֿן זיפֿץ פֿונעם הארצן.

— וואָס זיפֿצט איר אזוי? אפֿ גאָלעס־ריסראָעל, צי אפֿ דעם, וואָס סע גייט אײַך ניט אין דער שפּיל?

— וואָסער שפּיל? ווער שפּילט הײַנט? — מאכט ארקאדי מיט אזא מינע, ווי א מענטש, וואָס איז אמאָל געווען קייסער און האָט פארלאָרן די מעלוכע. — מיטן מאלכאמאָוועס שפּילט מען זיך הײַנט! אמאָל איז געווען א שפּיל, אוי א שפּיל! ווו זײַנען אהינ־געקומען די יאָרן, וואָס מע פלעגט „פּאָנטירן" הונדערט קארבנ אפֿ א קאָרט? צ׳ווײ הונדערטער אפֿ א קאָרט? דרײַ הונדערטער אפֿ א קאָרט?

— אזוי גרויס האָט איר געשפּילט? — פרעגט אים בראָנזנ־טאָלער און הייבט ערשט אָנ אים רעכט צו באטראכטן.

— אָט דאָס הייסט בא אײַך גרויס? — מאכט ארקאדי מיט גאדלעס, גלײַך ווי מע וואָלט גערעדט פֿון זײַנע שיפֿן, וואָס זײַנען געגאנגען אפֿן יאם, אָדער פֿון זײַן יובילײ, וואָס ער האָט זיך מיט דעם אויסגעפּײַנט קעגן דער וועלט. — אָט דאָס ווערט אָנגערופֿן בא אײַך גרויס? און פֿינף מײעס אפֿ איין קאָרט פּאָנטירן האָט איר אמאָל געזען? אזוי ווי הײַנט געדענק איך עס: מיר זײַנען געזעסן א גוטע כעווורע קלאפּערס; איך טו א קוק — אין „בענקל" ליגט א פּויטעקע פֿון קימאט טויזנט „איינציקע". מײַן כעוורעמאן קוקט אפֿ מיר: „שטאָ אוגאָדנאָ?" זאָג איך צו אים: „קארטו!" מאכט ער צו מיר נאָכדעם: „סקאָלקאָ פּריקאזשעטיע?" טו איך א קלאפּ אין טיש אַרײַן: „קארטו!"...

און ארקאדי שטעלט זיך פֿאָר, אז ער איז אין קלוב און „פּאָנטירט" אפֿ א קאָרט, און דאָס פּאָנעם פלאמט אים און די

אויגנ פײַערנ, אונ ער טוט א זעצ מיטנ קולאק אינ טיש ארײַנ אזוי שטארק, אז דער מעבאבער פאלט שיר ניט אראָפ פונעמ בעט אפ דער ערד; ער כאפט זיכ אופ א וויטער אונ קוקט מיט שרעק אפנ נײַעמ שאָכנ... דאָס געפעלט בראָנזנטאָלערנ אזוי שטארק, אז ער צעלאכט זיכ אונ רופט זיכ אָנ צו ארקאדינ:

— וואָס זאָגט איר, איכ בעט אײַכ, אפ אונדזער מעבאבער? „טשײַדעלי" האָב איכ אימ א נאָמענ געגעבנ — ווייסט איר, פארוואָס? ווײַל ער גייט מיר טאָמער אויסגעפוצט, ווי א דײַטשעלי, איז פונ דײַטשעלי בא מיר געוואָרנ טשײַדעלי. איאָ, סע פאסט אימ?

— אָנגעמאָסטנ, ווי איכ בינ א מענטש! — מאכט ארקאדי אונ ווענדט זיכ צו טשײַדעלינ: — טראָגט געזונט אונ פארניצט געזונט אונ זאָלט אימ צערײַסנ געזונטערהייט, ווי מײַנ באָבע טאָלצע פלעגט זאָגנ, בייס מע האָט מיר איבערגעניצעוועט פונ איר ווינטערדיק וואטנ־קליידל אנ ארבעקאנפעס אפ שוועס.

אלע דרײַ לאכנ, אונ טשײַדעלי באווײַזט זײַנע קליינע, שווארצע ציינדלעכ.

— אזוי גרויס האָט איר געשפילט? המ... — זאָגט ווײַטער בראָנזנטאָלער אונ לאָזט שוינ ניט אראָפ קיינ אויג פונ זײַנ נײַעמ שאָכנ, אונ לאָזט ארויס א גאנצנ קנויל מיט רויכ פונעמ מויל, וואָס באגעגנט זיכ מיטנ רויכ פונ ארקאדיס ציגאר. דער רויכ קײַקלט זיכ אונ פילט אָנ דאָס קליינע פינצ־טער ביידערל, אונ די לופט ווערט אזוי געדיכט, אז פונ דער שײַנ פונעמ שיינעמ לעמפעלע איז קוימ־קוימ וואָס מע זעט איינס דאָס אנדערע.

קאפיטל ד

— נו, אונ געלט? אפ צו פירנ אזא שפּיל באדארפ מענ דאָכ עפּעס האָבנ פאָדעמ! — מאכט צו אימ בראָנזנטאָלער אונ באַטראכט אימ, ווי א גרויסער פּראָפעסער דעמ כוילע, דאָס הייסט קוימ־קוימ וואָס ער טוט אפ אימ א קוק מיט איינ אויג.

— געלט פרעגט איר? — ענטפערט אימ ארקאדי אונ נעמט ארויס די גראָבע ציגאר פונ די ציינ: — געלט פרעגט איר? אזוי ווי שטערנ אינ הימל! קארג „פּיזשאָנעס", קארג „פּרייערס", קארג אידיאָטנ פאראנ אפ דער וועלט? ווי די געבראָטענע טייבעלעכ פליענ זיי גלייכ אינ מויל אריינ, ווי די שרעטעלעכ טראָגנ זיי אייכ דאָס געלט גלייכ אנטקעגנ, בעטנ זיכ, כאלעשנ: נאט, נעמט צו בא אונדז די נעשאָמע, אבי שפּילט מיט אונדז!.. אָט אזעלכע אידיאָטנ זיינענ דאָס! איכ ווייס עס גאנצ גוט, דענ איכ בינ אליינ געווענ א רעכטער אידיאָט, ביז איכ האָב אָנגעמערקט אונ געכאפּט דעמ סטרי אונ האָב אָנגעהויבנ מאכנ א קערבל גאָר בעוויפנ אכער! איי יאָרנ, יאָרנ! ס'איז געווענ, הערט איר, יאָרנ! (בעשאסמייסע פארטראכט זיכ ארקאדי שווייצער אונ לאָזט ארויס א טיפנ זיפצ פונעמ הארצנ.) יענע יאָרנ וועלנ זיכ אזוי גיכ, האָב איכ מוירע, נישט אומקערנ. אינ אָדעס איז דאָס געווענ! איי, אָדעס, אָדעס! א שטעטל! לעבנ זאָל דאָס טאקע ביז מאָשיעכ וועט קומענ! אינ דעמ אָדעס, פארשטייט איר מיכ, בינ איכ אופגעוואקסנ, אָנגעקומענ אהינ פונ בעסאראביע, ניט אויסגערעדט זאָל זיינ, א נאקעטער, א באָרוועסער, אונ געשמיכלט צו א בולקע. דענ וואקסנ וואקס איכ, דארפט איר ווייסנ, פונ סאמע יינגעס — דעמ גרויסנ „שוימער־בעגאָדימס" אנ איניקל: אפ אונדזער לאָשנ הייסט עס, אז מיינ

זיידע רעב אַרנ איז געווענ א שוימער אינ באָד, געהיט דאָס אָנטאָנ פונ די באַלעבאטימ, אונ האָט באַקומענ דערפאַר גאַנצע צוויי גילנ א וואָכ, אַכוצ פּעטש, דענ וויפל טאַלייסימ־קטאַנימ זײַנענ בא אימ פאַרפאַלנ געוואָרנ מיט לעהאַוודל, טאַכטויניִמ! געווענ א רירעוודיקע זאַכ, זאָל ער מיר מויכל זײַנ, אונטער דער נאָז געקאָנט בא אימ אַוועקטראָגנ! יענעמ זאָגנ: וואָס טוסטו, מעוויַעש שטעלנ, אָנטאָנ א ביזויענ — כאַסוועשאָלעמ! בא אימ, הייסט דאָס, באַמ זיידנ רעב אַרנ, זייכער־ליווראָכע, האָב איכ זיכ אופ־געהאַלטנ, דענ דער טאַטע מײַנער איז געווענ ווײַט אונטער זיבנ שלע־סער; ער איז געזעסנ מיט גרויס קאָוועד באַזונדער אינ א כיידער, איבער א בילבל מינאַסטאַמ, אונ א סאָלדאַט בא דער טיר האָט אימ געהיט פונ א גוט אויג, ער זאָל ניט אַריבער, כאַסוועשאָלעמ, איבערנ פלויט אונ מאַכנ א וואַזוראַכ, אונ די מאַמע מײַנע זאָל לעבנ האָט זיכ געלערנט קאָכנ אונ באַקנ בא א פרעמדנ אויווג, דאָס הייסט נישט כאַסוועשאָלעמ צוליב מיצווע, נאָר פּאַשעט פאַר אָנדערהאַלבנ קאַרבוינימ א וואָכ. האָט זי אַפילע געוואָלט, איכ זאָל אויכ זײַנ מיט איר אינ קיכ, מיט איר אינײינעמ עסנ קעסט, האָט אָבער די באַלעבאָסטע (אַפילע א גאַנצ שיינע נעגידעס מיט פּערל) נישט געקאָנט איבערטראָגנ מײַנ אַפּעטיט; איכ עס, זאָגט זי, קיינ אײַנאָרע, פאַר דרײַ, אונ מע האָט מיר געגעבנ דעמ וועג. האָב איכ געמוזט אָנקומענ צומ זיידנ רעב אַרנ, זייכער־ליווראָכע, מיט אימ אינײינעמ זיצנ אינ באָד אונ אַכטונג געבנ אַפּ די בעגאָ־דימ. איז דער כיסאָרנ אָבער, וואָס דאָס האָט לאַנג נישט געקאָנט געדויערנ, מאַכמעס איכ בינ געווענ, לוי־אַלייכעמ, א גרויסער ניצרעכ אַפּ מעזומענע קאָפּעקעס, אונ האָב נישט געהאַט, איר זאָלט זאָגנ, א פּרוטע שעל נעכוישעס. האָב איכ מיכ מעיאַשעז געווענ

אונ האָב אָנגעהויבנ מאכנ א רעוויזיע איבער די באלעבאטישע קע־שענעס, שלעפנ, איכ בעט אײַער קאָוועד, פונ פרעמדע הויזנ אונ אנטלײַענ, אבי ס׳איז נאָר געווענ פונוואנענ, א מאטבייע, — איז גאָט וועט מיר העלפנ, וועל איכ מיסטאמע אָפּגעבנ... בעקיצער, וואָס זאָל איכ אײַכ לאנג ברײַענ? איכ האָב אזוי לאנג געטרוי־בערט קעשענעס, ביז מע האָט מיכ געפאקט מיט א גרויסנ סקאנ־דאל אונ מע האָט צוליב מיר דעמ זיידנ אָפּגעזאָגט פונ דער שטע־לע, אונ איכ האָב געמוזט זאָגנ מײַנ שטעטל „אדיע", אונ אוועק קיינ אָדעס, אונ ביכדיי ס׳זאָל מיר ניט זײַנ שווער די נעסיע, האָב איכ די שטיוועלעכ פארקויפט אונ טאקע געהאט דערווײַל וואָס צו עסנ, ווי זאָגט איר: צײדאָ לאדערעכ... געקומענ קיינ אָדעס אזא בענ־באָקאָר, ווי איכ, א בארמיצווע־באָכערל פונ א יאָר זעכצנ־זיבעצנ; א שיינער יונג בינ איכ געווענ, האָב איכ באלד פאר־טראָטנ א שטעלע, נישט, כאסוועשאָלעמ, בא עפראָסנ אינ קאנטאָר, נאָר אינ א געשעפט פונ בערשטלעכ מיט שוואקס, דאָס הייסט איכ האָב מיכ געשטעלט בא א שטיוולפוצער פאר א שטיוולפוצער, אונ האָב מיט גאָטס הילפ נויסע־כיינ געווענ בא דער וועלט, דענ אָפּוצנ א פאָר שטיוול באדארפ מענ קאָנענ, די ארבעט באַ־דארפ גיינ גיכ אונ געשווינד, א שפײַ אפ איינ בערשטל אינ א רײַב מיטנ אנדערנ בערשטל — אונ האָלאכ מוישע־מאָרדכע!.. וואָס טויג אײַכ, איכ האָב צונויפגעשלאָגנ די עטלעכע גראָשנס אונ האָב א שפײַ געטאָנ אפ מײַנ באלעבאָס דעמ עקספלוא־טאטאָר אונ אליינ געעפנט א געשעפט, דאָס הייסט אײַנ־געהאנדלט א פאָר בערשטלעכ מיט שוואקס מיט א שיינ פוס־קעסטל א לײַטיש, אונ פאשאָל אפ דער „רישעליע" ארבעטנ. אונ געארבעט האָב איכ, קאָנ מענ זאָגנ, אפ אלע קיילימ, געקליבנ די

גראָשנס, זיך צונויפגעשלאָגן ביז א זייגער אן אייגענעם פון זאָ־האָוו טאָהויר — ריין זילבער, און דער מאמע קיין בעסאראביע אוועקגעשיקט א דרײַערל, לאָז זי וויסן, אז זי האָט א זון אין אָדעס — און ארויסגעשטעלט א פײַג דער גאנצער וועלט. איז דאָך אָבער פאראן א גרויסער גאָט, באדארף איך עסן קעסט אין א יִדישן טראקטיר, און דאָרטן אין דעם טראקטיר באדארף זײַן א באלעבאָסטע א יעפּיפע מיט איר הייליקן נאָמען רייזל, נאָר גערופן האָט מען זי ראָזע. באדארף איך איר מיסד טאמע געפעלן ווערן אין שלייער. גייט זי און רעדט מיך אָפּ פון מײַן געשעפט און נעמט מיך צו צו זיך און קרוינט מיך פאר א וויקידײַלאָ...

— פאר א וואָס? — רופט זיך אָן בראָנזנטאָלער, און טשײַ־דעלי נאָך אים:

— פאר וואָס האָט מען אײַך געמאכט?

— פאר א וויקידײַלאָ. א וויקידײַלאָ ווייסט איר ניט וואָס הייסט? — מאכט ארקאדי שטארק פארוואונדערט מיט אזא מינע, ווי א מענטש, וואָס דערהערט, אז יענער ווייסט ניט, וואָס הייסט א מויצע מיט האָניק. — סטײַטש, א וויקידײַלאָ ווערט אָנגערופן אזא פארשויןן, וואָס אז מע דארף איינעם געבן דעם וועג, נעמט מען אים אָן באַם קארק און מע גיט אים מיט דער קני פון הינטן און מע זאָגט אים: „זע האטארנעגויל יעלייב"... הײַנט פארשטייט איר שוין, וואָס דאָס הייסט? און א וויקידײַלאָ בין איך געוועזן דאפקע ניט קיין שלעכטער, און האָב נויסע־ביין געוועזן באַ איר אין די אויגן. קורץ, די דאָזיקע ראָזע איז געוועזן אין מיר פאר־ליבט ווי א קאץ אין די נײַן טעג, און האָט זייער געגארט צו מיר, איך זאָל פאר איר באסעגע האָבן. האָב איך איר געזאָגט: באסענע

האָבנ — מאַכטייסע, זייער פײַנ; נאָר וואָס דענ? איכ וויל א „טויספעס קסובע”, דאָס הייסט טאַקע מאַשאַלשל זײַנ בימזומאָנימ כאָטש א מויזנט „איינציקע”. האָט זי מיכ אָנגעקוקט ווי א מעשור־גענעמ. נאָר ווער האָט אויסגעפירט? געוויינלעכ, איכ, ניט זי. אונ כוץ־לאָזע האָב איכ אויסגענומענ מיט איר א טנאַי, אַזוי ווי איכ מיש מיכ ניט אינ אירע געשעפטנ, אַזוי טאָר זי זיכ ניט מישנ אינ מײַנע געשעפטנ. אונ מײַנע געשעפטנ זײַנענ געווענ ביליאַרד אונ קאָרטנ. בײַטאָג האָט מענ געאַרבעט אפנ ביליאַרד, בײַנאַכט — אינ קאָרטנ. נאָר וויאַזוי, מיינט איר, געאַר־בעט? די פײַנסטע מענטשנ מיט די שענסטע קינדער פלעגנ אַרײַנקומענ צו אונדז אינ געשעפט אַרײַנ, זיכ געלערנט שפּילנ אפנ ביליאַרד, אונ אז מע שפּילט זיכ אָנ א גאַנצנ טאָג אפנ ביל־יאַרד, מוז מענ נאָכדעמ בײַנאַכט פאַרבײַסנ מיט א קערטל. זאָגט עפּשער, אז ניינ?

נישט בראָנזנטאָלער דער באַלעבאָס, נישט טשײַדעלי דער מע־כאַבער האָבנ געקאָנט זאָגנ, אז ניינ, אונ זיי האָבנ געבעטנ דעמ נײַעמ שאָכנ, ער זאָל זיי דערציילנ ווײַטער, אונ אַרקאַדי שווייצער טוט זיי צוליב, פאַררייכערט א פרישע ציגאַר אונ דערציילט ווײַטער.

קאַפּיטל ה

— איכ וואָלט אײַכ, אייגנטלעכ, באַדאַרפט דערציילנ, וויאַזוי איכ האָב מיכ געשיידט מיט מײַנ יעפּייפּע, אונ פאַרוואָס איכ האָב מיכ געשיידט, אונ וואָס פאַר א מינ שפּיצל זי האָט מיר אָפּגע־

טאָג. האָב איכ אָבער מוירע, אַז די מײַסע וועט זײַנ אַ ביסל צו לאַנג, לאָביינג ליג איכ דאָס אָפּ, אימירצעשעמ, אַפּ הוישײַנעראַבע, און האָלאַכ מוישע־מאָרדכע — איכ גיי מיר ווײַטער. אַקיצער, איכ האָב מיכ אָפּגעזעגנט מיט מײַנ פּלוינימ באַמ פּלוינימ און בינ אַוועקגעפאָרנ ווײַטער, און האָב מיכ אַראָפּגעכאַפּט אַהערצו, און האָב מיכ באַזעצט אָט־אַ־דאָ אינ יעהופּעץ, און האָב אָנגעהויבנ זוכנ אַ געשעפט. וואָס פאַר אַ געשעפט קאָנ, אַשטייגער, מאַכנ אַזאַ נעפעש, ווי איכ? אַז אַפּ אַ מעלאָכע בינ איכ פּוילבלעכ; שרײַבנ און רעכענענ האָט מײַנ טאַטע פאַרגעסנ מיכ לערנענ; האַנדלענ מיט ווייץ און מיט קאָרנ אָדער מיט פּאַפּירנ אַפּ דער בערזע האָב איכ מוירע געהאַט, טאָמער, כאָלילעווכאַס, די שאָ זאָל ניט זײַנ. איכ פאַרהאַנדל מיכ אַזוי, אַז איכ מוז מיכ נאָכדעמ שטעלנ — טוט מיר באַנק, איכ זאָל מיר ניט פאַרשמירנ מײַנ נאָמענ, וואָס כ'האָב אַפּ דער וועלט. „כאָטש דער רועכ דאָס געלט, אַבי דער נאָמענ זאָל איבערבלײַבנ", — ווי כ'האָב געזאָגט אַמאָל אַ באַקאַנטנ באַנקיר נאָכ דעמ, אַז ער איז געבליבנ אָנ אַ פירער און האָט נאָכ געלייזט פּעטש אויכ... אַרומגעדרייט, אַרומגעדרייט אַזוי לאַנג, ביז איכ האָב מיכ פּאָרט צוגעשלאָגנ צו מײַנעמ, ווי זאָגט איר: קאָל אויריייוו לעמינייהו — איטלעכער טרינקער געפינט זיכ זײַנ ווײַנ; איכ האָב מיכ באַקענט מיט אַ פּאָר הײַזלעכ, דאַפּקע אינ באַלעבאַטישנ גראַד, און האָב אָנגעהויבנ אַהינצוצו אַרײַנקומענ. איכ זע — מע קלײַבט זיכ צונויפ אַלע נאַכט, הײַנט איכ צו דיר, מאָרגנ דו צו מיר, קלוימערשט „אימענינעס", מע רופט צונויפ געסט אַ דרײַסיק־פערציק פּאַרשוינ, צווישנ זיי מערסטנטייל פּיזשאָנטשיקעס, יונגעלײַט הייסט עס אַזעלכע, וואָס פליִענ גלײַכ אינ מויל אַרײַנ, ווי די געבראָטענע טײַבעלעכ:

„נאַט, שלינגט אונדז אײַנ געזונטערהייט, אונ לאָז אײַך ווויל באַקומענ“... דער באַלעבאָס, געוויינלעכ, ווייסט שוינ, וואָס ער האָט צו טאָנ. זעצט ער אוים די ליבע געסט באַ די גרינע טישלעכ אונ פאָרט זיי צונויפ מאַמזעריש, אונ אַלײנ איז ער אופגעלייגט שרעקלעכ, אונ אויכ די באַלעבאָסטע איז שטאַרק האָפערדיק, טראָגט אונטער איטלעכנ באַזונדער טיי מיט אײַנגעמאַכטס, אונ די שפּיל גייט ביזנ ווײַסנ טאָג אַרײַנ, ווי אינ קלוב... אונ שטעלט אײַך פאָר, אַז מיכ האָט מענ דאָס דערטאַפּט פאַרנ פּיזשאָנ, אונ מע זעצט מיכ אַוועק מיט עפּעס מאָדנע מינע פאַרשווינענ באַ איינ טישל, צווישנ זיי איינער אַ קאַפּיטאַנ מיט גילדענע קנעפּ, אונ מע נעמט מיכ צו דער אַרבעט, אָבער אַזוי ווי סע געהער צו זײַנ! פּויל איכ מיכ ניט, הייב מיכ אופ פונ טיש אונ רופ אַוועק דעמ באַלעבאָס אַפּ אַ זײַט אונ זאָג צו אימ אַזוי: „הערט זשע אוים, מײַנ ליבער פעטער ביילאָמ, איר זאָלט וויסנ זײַנ, אַז איכ בינ אַ געשלאָגענער הונט. אײַער קאַפּיטאַנ הייבט מיר ניט אָנ צו געפעלנ“... — „וואָס הייסט, מאַכט ער, מיט וואָס געפעלט ער אײַכ ניט?“ — „דענ, זאָג איכ, ער איז אַזוי אַ קאַפּיטאַנ, פּונקט ווי איכ בינ אַ גובערנאַטאָר“. — „פּונוואַנענ, זאָגט ער, נעמט איר דאָס?“— „פונ די יאָדאָמ, זאָג איכ, ער מאַכט מיר, זאָג איכ, צו געשווינד מיט די יאָדאָמ; איכ האָב מוירע, זאָג איכ, אַז ס'איז באַ אימ צו אַנ אויסגעשריבענע האַנט“. — וואָס זשע, זאָגט ער, ווילט איר?“ — „וואָס, זאָג איכ, זאָל איכ ווילנ? איכ וויל מאַכנ אַ סקאַנדאַל. ווײַטער גאָרניט“. — „איר זײַט, זאָגט ער, מעשוגע, צי כאָסערדייע? וויפל האָט איר פאַרשפּילט?“ — „וועט איר מיר, זאָג איכ, אומקערנ? בלאָטע!“ — „וואָס דענ, זאָגט ער, ווילט איר?“ — „איכ וויל, זאָג איכ, ס'זאָל טאַקע זײַנ יאַכדאָוו, כאָצי שעלי וועכאָצי שעלאָכ, ווי

מײַנער א גוטער־ברודער זאָגט, ביים ער וויל יענעמ באַגראָבנ, הייבט ער אָנ צו רײדנ אפ דײַטש: „לעבענ אונד לעבענ לאַסענ"...

בײַ די ווערטער האָט זיכ ארקאַדי צעלאַכט גאַנצ געשמאַק מיט א קוויטש, ווי זײַנ שטייגער איז, אונ דערזענ, אז קיינער לאַכט ניט, האָט ער גענומענ פאַרענטפערנ זיכ:

— מיינט ניט, אז איכ בינ, כאַס־וועשאָלעמ, א געבאָרענער שוליער, א קאָרטנשפילער, א בײַטלשנײַדער. דאָס הייסט, קיינ צאַדיק אינ פעלצ בינ איכ אויכ ניט, איכ דאַרפ מיכ פאַר אײַכ ניט אויספײַנענ, קיינ שידעכ מיט אײַכ טו איכ ניט אונ קיינ געלט וועט איר מיר נישט לײַענ, דענ איכ האָב מוירע, אז איר זײַט אלײנ, מעכילע, בעקאַפּציינו... נישט מער, אנ אנדערער אפ מײַנ אָרט האָט ליב די זאַכ באַפוצנ, אונ איכ רייד אָפנטלעכ. בײַ מיר איז דער עמעס אינ דרויסנ אויבנ אויפ, ווי אפ א טעלער. די נויט, פאַרשטייט איר, האָט מיכ געבראַכט דערצו, איכ זאָל זיכ ארײַנלאָזנ אינ דעמ ווײַסטנ ברויט, ווי מײַנער א גוטער באַקאַנטער זאָגט: „סע ליגט — נעמ, אניט — וועט אנ אנדערער צונעמענ"... אקוּרעצ, איכ האָב מיכ אזוי לאַנג געדרייט צווישנ באַקאַנטע אפ אירמעניעס, ביז ס'איז איינמאָל ארויסגעשפּרונגענ א סקאַנדאַל. מע האָט אָנגעטראָפנ אפ איינעמ לעמאָשל, אזא „באָכערעצ", ווי איכ, האָט ער געבראַכט צו פירנ א קאָקאַרדע, האָב איכ מיכ מעיאַשעװ געוועזנ אונ האָב באַלד געמאַכט אנ אָפּטריט אונ בינ נעלעמ געוואָרנ אפ א קליינער צײַט, דענ איכ, פאַרשטייט איר מיכ, האָב פײַנט, אז מע טשעפּעט זיכ צו מיר: ווער איכ בינ? אונ וואָס איכ טו? אונ פונוואַנענ איכ לעב? דענ, אז מע זאָל וועלנ, הערט איר, אזוי איטלעכנ באַזונדער נעמענ צומ עקזאַמענ — מעגט איר

מיר גליבן, אז העכער א האלבע שטאָט גייט אוועק ארעסטאנטסקע ראָטע. זאָגט עפשער, אז ניין?

נישט בראָנזנטאָלער דער באלעבאָס, נישט טשײַדעלי דער שאָכן זאָגן ניט נישט יאָ, נישט ניין: זיי ווילן אויסהערן די ביאָגראפיע פונעם נײַעם שאָכן ביזן סאָף, און דער נײַער שאָכן טוט זיי צוליב און דערציילט ווײַטער:

— לאנג ארומגייען אזוי אָן ארבעט איז אָבער אויך קיין טאַכלעס ניט. און אַגעוו איז דער יעיצערהאָרע פון קאָרטן אזוי גרויס, אז דער, וואָס האָט איין מאָל פארזוכט דעם טאַם פון קאָרטן, קאָן זיך אָן א קערטל נישט באגיין. סע ציט, ווי דעם שיקער ציט עס צו א ביסל בראָנפן. איך האָב אזוי לאנג זיך אײַנגעהאלטן און געפאסט, ביז איך האָב מיך באקענט מיט איינעם א פלאָקנשיסער, און דאפקע אין ביליארד, וואָס האָט מיר אופגעעפנט די אויגן, באוויזן א נײַע וועלט, וואָס זי הייסט „קלוב". און דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבן פאר מיר דאָס עמעסע לעבן, דער עמעסער גאנײדן! א ווערטעלע אויסצורײדן — קלוב! איך קאָן מיר קומען ווען איך וויל, שפּילן מיט וועמען איך וויל, וואָס איך וויל, און אף וויפל איך וויל! ווילט איר, — שטייט איר בא דער זײַט און קוקט און „שמירט זיך צו" וויפל אײַער הארץ גלוסט; ווילט איר — זעצט איר זיך אין קאָן, און וויפל איר ווילט, אזויפיל „ענטפערט" איר. טרעפט איר — איז גוט; עלע ניט — ווערט איר באגראָבן; איז לוי פידאלטעם — האָט איר נישט געטאנצט מיטן בער. קיינער פרעגט אײַך ניט, ווער איר זײַט, און פונוואנען עס קומט צו אײַך געלט, און צי האָט איר געוווּנען, צי פארלאָרן — נישט קיינעמס אייסעק! קאָלזמאן עס באָמבלט זיך בא אײַך די מאטבייע און איר האָט וואָס צו

שטעלנ — שטעלט איר. אז ניט — קאָנט איר אײַכ גיינ בעשיימ עלויקיי יִסראָעל וווּהינ איר ווילט, די וועלט איז פאַר אײַכ אָפנ. אָט וואָס סע הייסט „קלוב"! איר קאָנט אינ איינ טאָג אוועקגעבנ וואָס איר האָט פאַרלירנ די לעצטע פּאָר מיכנאָסאִימ, דערפאַר אָבער, אז עס גייט אײַכ אוועק דאָס בלאַט און עס קומענ אָנ די „פּאַסנ", זאָלט איר דעמלט טאָנ אזוי ווי איכ האָב געטאָנ, ביים ס'האָט מיר געפידלט. איר זאָלט, הערט איר, שנײַדנ, בראָקנ, האַקנ, שינדנ פונ זיי די פעל, טרענענ די קישקעס פונ די מאַמזיירימ א רועכ אינ זייער טאַטנס טאַטנ ארײַנ!

ארקאַדי האָט זיכ אזוי צעהיצט, אז ער דערלאַנגט א זעצ מיטנ קולאַק איבערנ טיש, און דער מעכאַבער פאַלט שיר ניט אומ פאַר דערשרעק.

— א ביסעלע שטילער. — זאָגט צו אימ בראָנזנטאָלער. — איר שרעקט מיר איבער אלעמאָל טשײַדעלינ אפּ טויט.

און ארקאַדי פאַרענטפערט זיכ:

— סע פאַרדריסט מיכ, פאַרשטייט איר מיכ, לעמײַ איכ האָב זיי אָפּגעגעבנ צוריק דאָס ביסל גאָלד. איכ האָב געהאַט בעיאַד ארויס פונ דאָרט מיט א שיינעמ קאַפּיטאַל, און נישט איינ מאָל, נאָר עטלעכע מאָל, זיכ קויפנ א פערד־און־וועגעלע מיט גומי־לאַסטיקענע רעדלעכ, מיט א שיינ פּעלצל, ארײַנלייגנ די הענט אינ די קעשענעס ווי אנדערע טוענ, און ווערנ א שיינער באַלעבאָס אינ יעהופּעצ... נאָר דער רועכ זאָל מיכ וויסנ, וואָס מיט מיר איז. פאַרשפּיל איכ — אַרט מיכ ניט, נאָר טאָמער הייב איכ אָנ צו געווינענ, מיינ איכ שוינ, אז דאָס זײַנענ געקומענ די „פּאַסנ", און איכ וויל נאָר דערגרונטעווענ זיכ ביזנ דרײַצנטנ „פּאַס", און איכ רײַס מיכ, דראַפּע מיכ אפּ די גלײַכע ווענט, און הייב אָנ שיסנ

מיט הארמאטנ פינפ אונ צוואנציק פאר צוואנציק! פופציק פאר פערציק! אונ הונדערט פאר אכציק! אונ צוויי הונדערט פאר הונ־דערט זעכציק! אונ פיר הונדערט פאר דרײַ הונדערט צוואנציק! אונ אכט הונדערט פאר זעקס הונדערט פערציק אונ...

— ש ש ש ... — מאכט צו אימ בראָנזנטאָלער אונ האלט אימ צו דאָס מויל. — איר קאָנט אזוי פארפאָרנ אינ עלעפ־האשישי ארײַנ!

ארקאדי געפינט זיכ ווי באליידיקט:

— איר מיינט, אפאָנעמ, איכ בינ אײַכ מעגאזומ, דערצייל אײַכ באָבע־מײַסעס פונ טויזנט אײנ נאכט? וואָס איר ווילט קאָנט איר אפ מיר זאָגנ — קײנ ליגנער בינ איכ קײנמאָל נישט געווענ. איכ זאָל ניט דערלעבנ זענ די אלטע מאמע מײַנע — ס'איז בא מיר די בעסטע שוווּע, דענ זי איז בא מיר טײַער, איכ שיק איר נאָכ הײַנט אויכ א קערבל א וואָכ, עס מעג דונערנ אונ בליצנ, — אונ איכ זאָל טאקע אזוי מאצליעכ זײַנ, אונ עס זאָלנ מיר אזוי גיכ אָנקומענ די דרײַצנ פאסנ, ווי איכ זאָג אײַכ עמעס! דער גאנצער אומגליק איז, וואָס ס'איז נישטאָ דער מעזומענער כאָפהייער, אונ איכ גיי שוינ מער נישט אינ קלוב! ס'איז, פארשטייט איר מיכ, אויסגעגאנגענ פאָדעמ, אונ בינ נאָכ דערצו א באלכויוו גמילעס־כאסאָדימ גוטע־ברידער — די האָר זײַנענ ניט מײַנע! אוועקגעטראָגנ אינ לאָמבארד דעמ גוטנ זייגער פונ זאהאָוו מאהויר מיטנ גילדערנעמ רינג, מיט ווו איכ האָב געהאט ערגעצ א זאכ, וואָס מע קאָנ פארזעצנ... אונ נאָכ אלע הײַעמס, זאָג איכ אײַכ, לאָמיכ נאָר באקומענ דעמ ערשטנ פינפ־אונ־צוואנציקער, — אונ איכ וועל אימ, אימירצעשעמ, מיט גאָטס הילפ, באקומענ — מאכ איכ א פארמעגנ פונ אריבער מייע אלאָפימ! איר קוקט מיכ אָנ, ווי א מעשוגענעמ?

איאָ? אָט װעל איך אײַך װײַזן נאָר אַ קורצן כעזשבן, װעט איר אַלײן זען, אַז אַזאַ נעפּעש, װי איך, קאָן מאַכן פֿון אײן כאָפּהײער די רײנע הונדערט טױזנט אײנציקע, און נאָך מיט אַ סמיטשיק! איר װײסט, װאָס סע באַטרעפֿט דרײַצן פּאַסן פֿון אַ פֿינף־און־צװאַנציקער? אַנו, נעמט נאָר אַקאָרשט, זײַט מױכל, אַ טינט־און־פֿען!

— אַ טינט־און־פֿען? דערופֿ איז טשײַדעלי באַ מיר דער מאַכער, — זאָגט בראָנזנטאַלער, און דער מעטאַבער נעמט די פֿען, טונקט אײַן אין טינטערל, קוקט אַפֿ אַרקאַדין, און אַרקאַדי הײסט אים שרײַבן:

— שרײַבט, זײַט מױכל, 25 און 50, און 100 און 200, און 400 און 800, דען יעדער „פּאַס” איז צװײ מאָל אַזױפֿיל, און 1 600 און 3 200, און 6 400 און 12 800. האָט איר ערשט צען פּאַסן. הײַנט 25 600 און 51 200 און 102 400, — פֿאַרשטײט איר שױן, װוּ איך האַלט?

אַרקאַדי צעלאַכט זיך, װי זײַן שטײגער, מיט אַ קװיטש, לײגט אַרײַן די ציגאַר אין די צײן און די הענט אין די קעשענעס, גײט אָפּ אַ פּאָר טריט צוריק און בלײַבט שטײן מיט אײן פֿוס אַרױס־געשטעלט אַפּצופֿרײַער אינמיטן בײדער און שאָקלט זיך צו בײס־מײַסע מיטן גאַנצן קערפּער, און ער זעט אױס װי אַ באַראָן, װאָס האָט נאָרװאָס טאַקע געהאַט די דרײַצן פּאַסן און געמאַכט די שײנע עטלעכע קערבלעך.

װער עס האָט אין יענער מינוט נישט געזען דעם נײַעם שאָכן אַרקאַדי שװײצער, דער האָט אַפֿ זײַן לעבן נישט אָנגעקוקט קײן גליקלעכן מענטשן אַפֿ דער װעלט!

קאפיטל ו

— אזוי? — זינגט אוים בראַנזנטאַלער, דער באַלעבאָס, און ציט זיך אוים ווי לאַנג ער איז. — אַצינד פאַרשטיי איך שוין אײַער קוק; איר זוכט, הייסט דאָס, דעם נעצטיקן טאָג, מיין איך, דעם דרײַצנטן פאַס? איר ווילט, הייסט דאָס, דערגרונטעווען די שפּיל ביזן דנאָ? אַוואַדע, מע קאָן ניט זאָגן, אַ געשעפט איז דאָס, נאָר ניט אַזוי ראַיעל, ווי איר מיינט.

אַרקאַדי שוואַרצער געפינט זיך ווי באַליידיקט.

— ניט ראַיעל, זאָגט איר? גוט איז אײַך, אַז אײַערע פאַבריקעס אַרבעטן דאָרטן, אײַערע שיפן אַפּן יאַם גייען זיך, די מילן מאָלן, און אַליין זיצט איר אַפּן גרייטן און איר שנײַדט קופּאָנעס פון די ביכלעך פּאַפּיראָס-פּאַפּיר. האָט קיין פאַריבל ניט, פאַניע, וואָס איך וועל אײַך פרעגן, אַשטייגער, נאַפּשיקלאַד, קעדוימע-לעמאָשל, וואָס איז, אײַגנטלעך, אײַער געשעפט?

— מײַן געשעפט? עהע-הע! — ציט אויס דער באַלעבאָס אַפּן אַרשין. — מײַן געשעפט? אַ סאַך האָבן זיך שוין געבראָכן די מויכעס, געוואָלט וויסן, מיט וואָס איך פאַרנעם זיך; דער אָקאָלאָדאָטשניק האָט וויפל מאָל געוואָלט דערגרונטעווען זיך, נאָר מאַקעס וועט עמעצער גאָר פאַלן דערויף!

— וואָס זשע? איר שרײַבט מעזוזעס? צי איר טרײַבט אַרויס שיידים? צי איר מאַכט פאַלשע פּערציקער? מיר מעגט איר זאָגן, נישקאָשע, ווי איך אַן אײַזערנעם קאַסטן מיט אַ גלאָק!

— עט, איך האָב פאַר אײַך וויניק וואָס מוירע, לאָז זיך אײַך דאַכטן! נאָר דער יכיסאָרן, וואָס ס'איז ניטאָ בײַ וואָס אָנצונעמען.

— אָבער א נאָמענ באדארפ דאָכ עס האָבנ!

— הערסטו, אָט דאָס איז דאָכ די מײַסע, וואָס סע האָט קײנ נאָמענ ניט! וואָס פאר א נאָמענ, אשטייגער, קאָנ מענ דאָס געבנ, טשײַדעלי, וואָס שווײַגט איר?

דאָס קלײנע מעכאבערל, וואָס בראָנזנטאָלער האָט אימ א נאָך מענ געגעבנ טשײַדעלי, כאַפּט זיכ אופ, ווי פונעמ שלאָפּ, שפּרינגט אראָפּ פונעמ בעטל מיט א טענצל, ווי זײַנ שטייגער איז, דרייט זיכ אוימ אפ אײנ פוס, מאכט צורעכט די ברילנ אונ רופט זיכ אָנ צומ באלעבאָס:

— אײַער געשעפט וואָס פאר א נאָמענ מע קאָנ געבנ? סע האָט קײנ שומ נאָמענ ניט.

— אָ! זעט איר? — מאכט דער באלעבאָס אונ ווײַזט אָנ מיט די אויגנ אפנ מעכאבערל. — איר האָט געזענ, ווי טשײַדעלי האָט זיכ נאָרוואָס אויסגעדרייט אפ אײנ פוס אונ איז געבליבנ שטײנ אפ אײנ אָרט? פּונקט אזוי דריי איכ מיכ ארומ א געשעפט, א גרויס געשעפט, שוינ פונ קאמעװעקאמע יאָרנ; איכ דריי מיכ אונ דריי מיכ אונ שטיי אפ אײנ אָרט.

— א? אויב אזוי, פארשטיי איכ שוינ! — פארכאַפּט ארקאדי שווייצער מיט א געלעכטער. — איר זײַט א מעקלער פונ די מעקלערס, וואָס פארקויפנ דעמ שפּיצ פונ די יעהופּעצער בערג, דעמ שאָטנ פונ די ביימער פונעמ בויבעריקער וואלד, אונ בײַטנ דעמ נעכטיקנ טאָג אפנ אָדעסער לימאנ, אונ פירנ דורכ א באנ גלײַכ פונ מאזעפּעווקע צו דער לעוואָנע? אָט אזוי זשע רעדט! וואָס זשע מאכט איר אָנשטעלנ? אָכינו אטאָ, נאט אײַכ אָפּ שאָלעמ, דענ אז איכ וויל, זאָג איכ, אז איכ בינ אויכ א מעקלער. איכ האָב אויכ א צוויי־דרײַ אָפּיסנ בא זיכ אינ קעסטל פונ די רײַכע אימעניעס,

מיט די שיינע וועלדער, מיט די גרויסע פּאַלאַצן, מיט די קלוגע פערד, מיט די ריינע סאַזשלקעס, מיט די עמעסדיקע דאַגים און מיט די ווילדע קאַטשקעס, וואָס שווימען אַרום פון אויבן אויף וואַסער...

— טיו־טיו־טיו! — שלאָגט אים איבער בראָנזנטאָלער איני־מיטן. — אַ ייִד איז דיר קיין קאַטאָוועס ניט. זע נאָר, ווי ער האָט זיך דאָס אַ ביסל צעלאָזט, ווי אַ באַלדאַרשן! עס הייבט זיך גאָר ניט אָן. איך בין קיינמאָל נישט געווען קיין מעקלער און וועל ניט זײַן קיין מעקלער, איך בין אַפילו בישט געלעגן נעבן מעקלערס. מײַן געשעפט איז יערושע. מיר לאָדן אַ יערושע, אַ גרויסע יערו־שע לאָדן מיר.

— אַ יערושע? — כאַפּט אים אונטער אַרקאַדי. — פון וועמען איז? טאַקע פון אײַערן אַ זיידן? מיסטאָמע אַ מאַיאָנטעק אַ גרויי־סער, פון עפּלעכע דערפער מיט שאָף און רינדער, מיט וואַסער־מילן אייגענע, מיט בריקלעך, מיט קרעטשמעס, מיט הײַזער אַ גוזמע און מיט קלייטן געמויערטע. — וואָס דען קאָן זײַן, איך בעט אײַך, אַ ייִדישע יערושע?

— שוין? איר האָט שוין ווידער צעלאָזט דאָס צינגל אײַערס? אַז איר ווילט מיך אויסהערן אַקוראַט, זאָלט איר מיך ניט איבער־שלאָגן. פאַרוואָס האָב איך אײַך ניט איבערגעשלאָגן, בשעת איר האָט גערעדט?

אַזוי זאָגט בראָנזנטאָלער, פאַרציט זיך געשמאַק מיטן פּאַ־פּיראָס, שפּאַרט זיך אָן אָן טיש, ציט אויס די לאַנגע פיס און הייבט אָן צו דערציילן, און בײדע שכנים הערן זיך צו מיט קאָפּ:

— באַשטיין באַשטייט די יערושע אונדזערע דאַפקע פון מעזו־מען געלט, און באַטרעפן באַטרעפט זי אַרום און אַרום בעסאַ־

באקל, שוינ מיט פראָצענט אונ מיט פראָצענט דעפּראָצענט, אזוי גרוים ווי נײַנ אונ נײַנציק מיליאָנ.

— הא? נײַנ אונ נײַנציק מיליאָנ? — שרײַט אוים ארקאדי שווייצער אונ שפּרינגט אזש אונטער פונ היספּײַלעס. — דאָס איז דאָכ עפּעס, ווײַ איז מיר, א מינ פּויטעקע, וואָס וואָלט אונדז געגנוג געווענ אינ דרײַענ אפּנ גאנצנ לעבנ, אונ עס וואָלט נאָכ געבליבנ א ביסל די קרויוּוים אונ א ביסל אָפּ אוילעמעס, וואָס, ניט אזוי?

בראָנזנטאָלער לאָזט אים ריידנ, ענטפערט אים ניט דאָס אנדערע וואָרט, פארציט זיכ מיטנ פּאפּיראָס אונ דערציילט ווײַטער:

— זײַנענ מיר אפּ די נײַנ אונ נײַנציק מיליאָנ, הייסט דאָס, דרײַ יאָרשימ: איינ ברודער מיט צוויי שוועסטער, צו דרײַ אונ דרײַסיק מיליאָנ אפּ א ביילעק.

— וואָס רעדט איר? — באפּט אימ אונטער ארקאדי. — מיר דאכט, אז א ברודער נעמט צוויי מאָל אזויפיל ווי א שוועסטער, הײַנט וויאזוי קומט בא אײַכ אוים דער כעזשבנ צו דרײַ אונ דרײַסיק מיליאָנ אפּ א ביילעק?

— מיר האָבנ דאָכ עפּעס געשמועסט, פּאניע שווייצער, אז מע זאָל מיכ ניט איבערשלאָגנ? פונוואנענ האָט זיכ גענומענ צו אונדז די דאָזיקע יערושע — איז דערינענ א גאנצע מײַסע: איכ בינ גאָר אליינ בעטעווע, ווי איר קוקט מיכ אָנ, א ייִד א כאלפנ...

— אוי! — כאפּט זיכ אופ שווייצער. — גאָט זאָל מיר טאקע אזוי העלפנ, ווי איכ האָב געקלערט, אז איר באדארפט זײַנ א כאלפנ! דאָס פּאָנעמ איז בא אײַכ, ווי בא א כאלפנ. אלע כאלפּאָנימ האָבנ עפּעס מאָדנע טרוקענע פּענעמער אונ זעענ אוים ווי עפּעס הילצערנע מענטשנ מיט שטרויענע קעפּ.

— איכ בעט אײַכ, — זאָגט צו אימ דער באלעבאָס, — איר

וועט אמאָל אנשטומטע ווערנ, צי נײַנ? דאָס מויל מאכט זיכ אײַנ גאָר ניט צו אפ קײנ מינוט! אפּאָנעמ, ס'איז בא אײַכ אזא מינ כאלאס?

ארקאדי שווייצער ענטפערט אימ דערופ גאָרניט; ער פארשטופט דאָס מויל מיטנ ציגאר, זעצט זיכ צו און מאכט א מינע פונ א סטאטיק, ווי א מענטש, וואָס האָט זיכ געגעבנ דאָס וואָרט שווײַגנ, און דער באלעבאָס קאָנ דערציילנ זײַנ געשיכטע שוינ אָנ א שומ איבערשלאָג.

קאפּיטל ז

— שא, ווו זשע האלטנ מיר? יאָ. בינ איכ, הייסט דאָס, געוועזנ א ייִד א כאלפנ, געשטאנענ מיט א טישל אינ מארק און צעביטנ קליינגעלט, און דערפונ געצויגנ דאָס שטיקל ברויט. איז אָבער דער כיסאָרנ, וואָס פונ כאלפּאָנעמ אליינ קאָנ מענ ניט לעבנ; גיי, וואַרט, קוק ארומ אפ א ייִדנ, ביז ער וועט קומענ אמאָל אויסבײַטנ א קערבל אפ מינצ, וועט מענ פארדינענ א הארטנ צווייער. וואָס זשע טוט מענ? באדארפ מענ זײַנ דערצו א שטיקל...

— גאנעוו, — העלפט אימ אונטער ארקאדי שווייצער. — וואָס דענ? ערלעכ איז שווערלעכ, ווי מײַנ באָבע טאָלצע אָלע־האשאָלעמ פלעגט זאָגנ בעשאס אראָפּנעמענ וואקס פונ די ערעוו־יאָמקיפּערדיקע ליכט...

— ווער בעט אײַכ, איר זאָלט מאכנ א פּירעש אפ מײַנע ווערטער? — זאָגט צו אימ בראָנזנטאָלער. — איכ זאָג, אז פונ כאלפּאָנעמ אליינ איז שווער צו לעבנ, מוז מענ זײַנ דערצו א שטיקל

סויבער: קויפנ אמאָל אנ אלטע מאטבייע אינ גלײַכנ געלט, אמאָל א כייפעצ׳ אנ אלטנ האָדעס, א זילבערנע גאלקע פונ א שטעקל, א ביסל ברוכ, אונ אָט אזוי ווערט מענ פונ א כאלפנ א שטיקל קרעמער, דאָס הייסט מע דינגט אָפּ א לאָכ אונ מע שלאָגט צו א בלעטל: „קויפט אונ פארקויפט", — ווערט שוינ גוט. עס קומט ארײַנ אמאָל א פּאָרעצ, א פּריצע, א ייִד, א שווארצ־יאָר, ער קויפט, פארקויפט, בײַט אויס שילע נא שווייקע, צי מע פארדינט, צי מע דערלייגט — גאָרניט, מע האנדלט. ווײַהי האיוים, איינמאָל, פארנאכט איז דאָס געווענ, זיצ איכ מיר אזוי פארטראכט, קיינ פּידיענ איז ניטאָ, עפנט זיכ די טיר אונ עס קומט ארײַנ צו מיר אינ געשעפט ארײַנ עפּעס א פּאָרעצ א מאגנאט, הויכ ווי אויג־מעלעכ־האבאָשנ, קימאט אונטערגעשפּארט מיטנ קאָפּ דעמ בוידעמ, מיט צוויי מוירעדיקע וואָנצעס, מיט א מינ נאָז...

— אשער לוי נאָזו אוווּיסיינו! — כאפּט אימ אונטער ארקאדי. — אונ בראָנזנטאָלער שטעלט אנידער אפ אימ די אויגנ, אונ דאָס בראָנזענע פּאָנעמ ווערט בא אימ ווי פארשטאָרבנ, ווי איינער רעדט: „וואָס איז דאָס פאר א מינ שפּראכ?"

— ס'איז לאָשנקוידעש. — גיט אימ ארקאדי צו פארשטיינ גאנצ ערנסט.

— גוט, וואָס איר האָט אויסגעזאָגט, אז ס'איז לאָשנקוידעש, אניט וואָלט מענ געקאָנט מיינענ, אז ס'איז פראנצויזן, — רופט זיכ אָנ דער מעכאבער טשײַדעלי, אונ ארקאדי צאָלט אימ אָפּ אפנ אָרט:

— גוט־מאָרגנ, געלע, רעטעכ טראָג איכ! ווער פרעגט אײַכ, גרינער אגרעס, זויערע קיסליצע, בעהיימע בעצוראס קעלבל?

— א דאנק פאַר א קאָמפּלימענט! — זאָגט אימ טשײַדעלי אונ טוט זיכ א בייג צו אימ.

— ניטאָ פאר וואָס, — ענטפערט אים ארקאדי מיט א בייג צוריק.

— יידן! טאָמער וואָלט איר אופגעהערט זיך איבערשיסן מיט ווערטער? — זאָגט צו זיי דער באלעבאָס און דערציילט ווייטער:

— שאַ, ווי זשע האלטן מיר? יאָ. קומט ארײַן צו מיר אין קליטל א הויכער פּאָרעץ, זעצט זיך אוועק און באטראכט מײַן קראָם, פרעגט זיך נאָך אפ איטלעכער זאך, וואָס קאָסט דאָס, וואָס קאָסט יענץ, רעדט מיט מיר אפ פויליש, פארשטיי איך, אז ס'איז א פּאָליאק, נאָר קויפן קויפט ער גאָרניט. „פונוואַנען איז א פּאָרעץ?" — פרעג איך אים. זאָגט ער: „איז ווארשאוויא". „וואָס טוסטו הי?" זאָגט ער: „ניץ ניע ראָביא" — גאָרנישט, הייסט דאָס. אפ מאָרגן — נאָכאמאָל דאָס אייגענע: ארײַנגעקומען, געזעסן, געקוקט, געבעטן, — גאָרנישט. אפ איבערמאָרגן ווידער דאָס אייגענע, און אזוי אלע טאָג. „ווי געפעלט דיר די שטאָט, פּאניע גראביע?" פרעג איך אים. זאָגט ער: „זייער א פײַנע שטאָט. און ניט אזוי די שטאָט, זאָגט ער, ווי די מענטשן, און ניט אזוי די היגע מענטשן, ווי די היגע יידן"; פון יידן האלט ער אן אוילאָם-אומלויע, מאכמעס יידן זײַנען, זאָגט ער, זייער א פײַן פאָלק; „איזראעליטי יעסטאָ באַרדזאָ שליאכעטנע נאציא", — זאָגט ער, טאקע מיט דעם דאָזיקן לאָשן. ווי איר זעט מיך א יידן! דאָס ערשטע מאָל אפ מײַן לעבן הער איך, אז א פּאָרעץ, און נאָך א פּאָליאק דערצו, זאָל האלטן פון יידן, ליב האָבן זיי, רופן אונדז גאָר „איזראעליטי", ניט „זשידזי", זיך אינטערעסירן מיט אונדז, לויבן אין טאָג ארײַן אונדזער אמאָליקע יידישע מעלוכע, מיט אונדזערע מעלאָכים, מיט אונדזערע נעווי:ם, און ווער שמועסט שלוימע האמעלעך — דער איז, זאָגט ער, געווען „באַרדזאָ ביע גלופּי טשלאָוויק", דאָס הייסט, גאָר קיין נאר

נישט, טאַקע מיט דעם דאָזיקן לאָשן, ווי איר זעט מיך אַ יִדן! בקיצור, דער פּאָרעץ איז געוואָרן באַ מיר אַ היימישער פּאָרעץ און זייער זייער אַן אָפּטער גאַסט. איך ווייס אַליין ניט, פאַרוואָס, נאָר מיר זיינען געוואָרן מיט אים נעפעש אַכאַס, זיך ליב געקריגן פּאָשעט איינס דאָס אַנדערע, אָנגעהויבן אַרײַנקומען איינס צום אַנדערן, ער צו מיר אַלע פּרײַטיקצונאַכטס אַף שאַבעסדיקע פיש, איך צו אים שאַבעס באַטאָג אַף אַ גלעזל טיי. ווער ער איז און וואָס ער איז — האָב איך נישט אָנגעהויבן צו וויסן. איך האָב נאָר געהערט, אַז ער איז אַ גראַף, און רופן רופט מען אים דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי.

— אָהאָ! — מאַכט אַרקאַדי שווייצער. — ער כאַפּט שוין אַ ביסל דעם אָנבליק פון אונדזער מוישע־מענדי־מאָרדכע־אַרן־פּייסיע־דווירע־מוישע־מענדיס, וואָס מע דאַרף פריִער גוט איבערחזרן, מע זאָל דאָס קאָנען אויסריידן אין איין אָטעם. מילע בקיצור, וויִאַזוי, זאָגט איר, רופט מען אים, אײַער אָדן?

— דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי רופט מען אים, און וווינען וווינט ער הינטער דער שטאָט באַ זײַנע צוויי שוועסטער, וואָס מע רופט זיי באַ אונדז „די באַרישניעס” און וואָס ביידע איינעם זײַנען אַלט אַריבער אַ מייע. די דאָזיקע מיידלעך זיצן שטענדיק פאַרשפּאַרט, האָבן מוירע פאַר אַ מענטשן, קיין בענאָדאָם האָט נאָך נישט געהאַט באַ אונדז די זכיִע זיי צו זען, און איך אויך נישט, און איטלעכס מאָל, ווען איך האָב מיט אים געוואָלט מאַכן אַ שמועס פון זײַנע שוועסטער, פלעגט ער נאָר אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט, זיך נעמען צום לאַנגן ציבעק און פאַרשלאָגן די רייד. איינמאָל זיץ איך מיט אים אַזוי שאַבעס באַטאָג און מיר טרינקען טיי, רופט ער זיך אָן צו מיר פּלוצעם פון דער העלער הויט: „זאָג

מיר נאָר, פאַניע מאָשקע, וויפל שאַצסטו מיך?" זאָג איך: „איך פאַרשטיי ניט וואָס דו מיינסט, פאַניע גראַביע". מאַכט ער צו מיר: „וויפל, מיינסטו, אשטייגער, פאַרמאָג איך?" זאָג איך צו אים: „וויפל דו פאַרמאָגסט, ווינטש איך דיר, דו זאָלסט פאַרמאָגן צען מאָל אַזויפיל". מאַכט ער צו מיר ווייטער: „אַלע נאַפּשיקלאַד?" דאָס הייסט, ער וויל, איך זאָל אים נאָר שאַצן וויפל ער פאַרמאָגט! בין איך מיך מעיאַשעיו: עס קאָסט מיך געלט? און כאַפּ מיך אַרויס מיט די רייש אַלאָפים! אַז מײַן פּאָרעץ הייבט זיך ניט אָן צו קאַטשען, ווי גרויס ער איז, און טרייסלען זיך און לאַכן אַף אַזעלכע קוילעס, אַז איך האָב געמיינט, ער וועט, כאָלילע, פּלאַצן פאַר געלעכטער. „טי יעסטעם וויעלקים דורנים, מאָשקע!" מאַכט ער צו מיר נאָך דעם, אַז ער האָט זיך שוין גוט אָנגעלאַכט; דאָס הייסט, אַז איך בין אַ גרויסער נאַר. „איך פאַרמאָג, זאָגט ער, אַף מײַן בײלעק אַליין נישט מער און נישט ווינציקער פון דרײַ און דרײַסיק מיליאָן. און מיר אַלע דרײַ, איך מיט מײַנע צוויי שוועסטער, הייסט דאָס, פאַרמאָגן מיר נײַן און נײַנציק מיליאָן!" און נישט לאַנג געטראַכט, גייט ער צו צום שופלאָד און נעמט מיר אַרויס אַ פּאַק מיט פּאַפּירן און טראָגט מיר אונטער די פּאַפּירן גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן און זאָגט צו מיר: „נאַ באַטש!" זע, הייסט דאָס! וואָס זאָל איך זען? איך זע פּאַפּירן מיט שטעמפּלען אַ סאַך, נאָר וואָס דאָס איז — ווייס איך ניט! „דו זעסט, זאָגט ער צו מיר, אָט די דאָזיקע כסימע? דאָס איז די כסימע פונעם פּרעזידענט אַליין, פון אַמעריקע, צוגעשיקט גלײַך אַף מײַן נאָמען פון סאַנ־פראַנציסקאָ, פון קאַליפאָרניע". מילע, קאַליפאָרניע הײַנט, קאַלי־פאָרניע מאָרגן, אַז איך ווייס ניט מיט וואָס מע עסט דאָס! „ווייסטו וואָס, פאַניע מאָשקע, מאַכט ער צו מיר, לאָמיך דיר כאָטש דער־

ציילן, ווער איך בין — וועסטו פארשטיין, וואָס דאָס איז פאַר פאַר־פירן און ווער איז דער גראַף דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי". אזוי זאָגט ער צו מיר, דער פּאָרעץ הייסט דאָס, און פאַרייכערט דעם לאַנגן ליולקע־ציבעק און הייבט מיר אָן צו דערציילן א גאנצע מעַיסע.

— אפּאָנעמ, אז דאָ הייבט זיך ערשט אָן די רעכטע מעַיסע? — זאָגט ארקאדי שווייצער און שפּאַרט זיך אָן מיטן קאָפּ אָפּ דער לינקער האַנט און טוט א ווונק צום מעכאבער: — פּאַניע פּיפּער־נאָטער! מע האָט דאָך אײַך געלאָזט בעטן, איר זאָלט ניט שלאָפן און האָרכן מיטן קאָפּ.

— האלעווײַ וואָלט איר אזוי געהאָרכט מיטן קאָפּ און ווינצי־קער גערעדט! — ענטפערט אים טשײַדעלי, און בראָנזנטאָלער דערציילט די געשיכטע פונעם גראַף דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי.

קאפּיטל ח

— שא, ווו זשע האלטן מיר? יאָ, באַם גראף דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי. קומענ קומט ער ארוים, זאָגט ער, פון די עמעסע דאָמ־בע־דעמבאָ־דעמביצקים, פון די ערשטע אלטע פּוילישע מאגנאַטן, גע־בונדן מיט די פּאָטאָצקים, מיט די ליובאָמירסקים און מיט די זאַ־מויסקים, געשפּילט אמאָל די גרעסטע ראָליע אין דער וועלט, געהאַט אייגענע אימעניעס אָפּ טויזנטער קאָמפּעדראַטנע ווערסטן, מיט וועלדער און זעלבע, וואָס קיין פּוס פון קיין מענטשן איז דאָרט נאָך קיינמאָל ניט געווען, מיט די שענסטע פּאַלאַצן, גערטנער, אָראַנ־זשערייען, מיט די ברענענדיקע פערד, מיט די שיינע קארעטעס מיט

די גרויסע טײַערסטע הינט, און אז מען איז בא זיי אַרויסגעפאָרן, זאָגט ער, נאַפּאָלאָוואַניע, אָדער נאַשפּאַצער, איז א יעגער פון פאָרנט, א יעגער פון הינטן, זעקס פערד נאַשפּיץ — ערדציטער־ניש! הײַנט די קעלערס זייערע מיט די בעסטע ווײַנען, מיט די אַל־טע בראָנפנס, מיט די גוטע סטאַרקעס, מיט די עמעסע קאָניאַקן, מיט די עכטע פּוילישע מעדן און געשמאַקע נאַליוּוקעס, וואָס אז מע עפנט אוף א פלעשל, שפּרינגט אַרויס דער קאָרעק און סע גייט אַזש א רויך...

בעשאַסמײַסע באַווײַזט בראָנזנטאַלער מיט דער האַנט, וויאַזוי עס שפּרינגט אַרויס דער קאָרעק: פּאַץ! און אַרקאַדי שווייצער רופט זיך אָן:

— ווייסט איר, וואָס איך וועל אײַך זאָגן? איך בין אײַך מוחל די קאַרעטעס מיט די פערד, מיט די גרויסע טײַערסטע הינט, מיט די יעגערס פון פאָרנט און פון הינטן, פאַר איין פלעשל פּוילישן מעד אָדער נאַליוּוקע פון יענע אַלטע פּוילישע מעדן מיט די נאַ־ליוּוקעס. צי איר ווילט דאַפקע א גלעזל ווײַן, און עפּשער ווימאָ־ראָזיג דערצו?

— עס מעג זײַן א פּראָסט גלעזל שטאַרקע, — מאַכט בראָנזנ־טאַלער און דערציילט ווײַטער:

— הײַנט געלט, מעזומענע געלט און באַנקאָווע בילעטן, זאָגט ער, איז געווען אַזויפיל, אז אַפּ שנײַדן קופּאָנעס האָט מען גע־האַלטן באַזונדערע מענטשן, וואָס זײַנען געזעסן מיט שערלעך פון גאַנצפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט און מע האָט געשניטן און געשניטן.

בעשאַסמײַסע באַווײַזט בראָנזנטאַלער מיט צוויי פינגער, ווי־אַזוי מע האָט געשניטן די קופּאָנעס, און אַלע דרײַ שטעלן זיך

פֿאַר אַ גאַנצן באַרג מיט קופּאָנעס, און אַרקאַדי שווייצער רופֿט זיך אָן:

— פּונקט ווי בײַ מײַנע עלטערזיידעס פֿון דער מאַמעס צד; ער איז געווען, זאָגט מען, אַזאַ גוויר און האָט געהאַט אַזויפֿיל בעהיימעס מיט שאָף מיט ציגן, אַז ס׳איז געווען אוממעגלעך, מע זאָל זיי מעלקן; האָט מען אויסגעגראָבן פֿונדזייערטוועגן אַ גרוב און מע האָט זיי אַרײַנגעלאָזט אין גרוב אַרײַן, זיי זאָלן זיך אַליין מעלקן און טאַקע דאָרטן מיט די פֿיס אויסשלאָגן פּוטער...

— איך זע איך אײַך,— זאָגט צו אים דער באַלעבאָס מיט פּאַרדראָס,— אַז איר מיינט, מע דערציילט אײַך פּיזמונעס, מײַסעס פֿון טויזנט איין נאַכט?

— כאַסוועכאָלילע! — מאַכט אַרקאַדי. — וואָס הייסט, איך וועל אַזעלכעס מיינען? וואָס בין איך עפּעס, אַ יינגעלע? דערציילט, דערציילט, מיר האָרכן אײַך מיט קאָפּ!

— שאַ, ווו זשע האַלטן מיר? יאָ, זײַנען זיי געווען, הייסט דאָס, אומגעהייער רײַך און געשפּילט די גרויסע ראָליע ביז... ביזן פּוילישן מיאַטעזש. און אַז ס׳איז געקומען דער פּוילישער מיאַטעזש, האָט מען בײַ זיי צוגענומען אַלע זייערע מאַיאָנטקעס מיטן טיטול גראַף, געוואָרן אויס גראַף דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי, נאָר פּאַשעט — פּאַניע דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי.

— פּאַן יוזש ניע אסעסאָר? סאָרע, נעם צו די פּיש! — מישט אַרײַן אַרקאַדי אַ וואָרט, און בראָנזנטאַלער בעט אים, ער זאָל ניט האָבן קיין טענות פֿון איבעררײַסן בעשאַס יענער רעדט.

— שאַ, ווו זשע האַלטן מיר? יאָ, האָט מען בײַ זיי צוגענומען אַלצדינג, און זיי האָבן נעבעך געמוזט אָפּטרעטן, גענומען אַף זיך דעם גאָלעס, צעקראָכן געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט, דער

אהער, דער אהינ, און געבליבנ זײַנען זיי נאָר אינ דרײַענ: ער, הייסט דאָס, און זײַנע צוויי שוועסטער, מיידלעכ, וואָס האָבנ זיכ אופגעהאלטנ בא זייערנ אנ אלטנ פעטער, אויכ א דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי, און פונ יענעמ פעטער האָבנ זיי געהערט, אז ער האָט א יונגערנ ברודער סטאַניסלאַוו דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי אינ אמעריקע ערגעצ, אינ קאַליפאָרניע, גייט אימ דאָרטנ זייער גוט, און ער רופט זיי אלע אהינ, קיינ קאַליפאָרניע. נאָר זינט דער דאָזיקער פעטער זייערער איז אוועקגעשטאָרבנ, האָבנ זיי שוינ מער פונ דעמ סטאַניסלאַוו דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי נישט געהערט און נישט געזעהנ, און האָבנ שוינ גאָר פארגעסנ, אז זיי האָבנ אמאָל געהאט ערגעצ א פעטער סטאַניסלאַוו. פּלוצעמ, מיט עטלעכע יאָר צוריק, קומט זיי אָנ א ידיעה, אז אינ אמעריקע, אינ פילאַדעלפיע, אינ דער שטאָט סאַנ־פראַנציסקאָ, איז מיט דרײַסיק יאָר צוריק געשטאָרבנ איינער א סטאַניסלאַוו דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי און האָט איבערגעלאָזט זייער א גרויס פארמעגנ אינ די בענק מיט א צאַוואָע, אז דאָס געלט זאָל ליגנ פינפ און צוואַנציק יאָר און עס זאָל וואַקסנ אפ דעמ פּראָצענט, און אז עס וועלנ איבערגיינ די פינפ און צוואַנציק יאָר, זאָל מענ דאָס צעטיילנ צווישנ זײַנע קרויווימ, איטלעכנ באַזונדער א גלײַכנ כיילעק. און אזויוי פונ אלע דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקים זײַנענ פארבליבנ נאָר ער, מײַנ פּאַרעצ הייסט דאָס, מיט זײַנע צוויי שוועסטער, קאָכיינ זײַנענ זיי די איינציקע יאָרשימ אפנ גאַנצנ פארמעגנ, וואָס טרעפט אָנ אצינד, ווי איכ האָב אײַכ געזאָגט, נײַנ און נײַנציק מיליאָנ, דאָס הייסט פונקט צו דרײַ און דרײַסיק מיליאָנ אפ א כיילעק.

— איכ זאָל פארמאָגנ דאָס פּראָצענט פונעמ געלט, וואָלט איכ זיי באַוויזנ אינ קלוב, ווער עלטער איז! — כאַפּט זיכ אופ ארקאַדי.

— לאָמיך פאַרמאָגן כאָטש די הויזאָעס, וואָס דאַרף קאָסטן פאַרן ברענגען דאָס געלט פון דאָרטן אהער, וואָלט איך שוין געוווּסט וואָס צו טאָן! — זאָגט דער מעכאַבער.

— האָט קיין פאַריבל ניט, איר זײַט ביידע נאַראָנים! — זאָגט בראָנזנטמאָלער. — איר ווינטשט מיר בעסער, איך זאָל דורכפירן אָט דאָס, וואָס איך ווייס, וועט איר בעסער מאַכן.

— אָמיין, לאָז אײַך גאָט העלפן! — זאָגן ביידע שכיינים מיטאַמאָל, און דער באַלעבאָס דערציילט ווײַטער:

— שאַ, ווו זשע האַלטן מיר? יאָ, בײַ די נײַן און נײַנציק מיליאָן. דערהערט פון אים אַזאַ מײַסע, פאַרשטייט איר דאָך, וויאַזוי איך בין אונטערגעשפּרונגען און זאָג צו אים, צו מײַן פּאָרעץ הייסט דאָס: „סטײַטש, אַדוינוי פּאָרעץ, נײַן און נײַנציק מיליאָן, וואָס שווײַגסטו?" מאַכט ער צו מיר: „ביסט אַ נאַר, דאָ העלפט ניט קיין שרײַען! מע דאַרף, זאָגט ער, פאָרן און נעמען געלט". „נו, זאָג איך, פאָרט מען און מע נעמט געלט!" „אָט אַזוי גיך, זאָגט ער, פאָרט מען און מע נעמט געלט? מע דאַרף, זאָגט ער, נעמען מיט זיך אַן אַדוואָקאַט, און פּאַפּירן אַ סאַך דאַרף מען אַרויסנעמען; דאָס קאָן מען ניט מאַכן כאַפּנדיק; מע דאַרף דערצו האָבן, זאָגט ער, געדולד און געלט, זאָגט ער, פּיעניאָנדזע!"... אַזוי זאָגט ער צו מיר און פּיפּקעט דעם ליולקע־ציבעק גאַנץ רויק. און איך? איך ברען, איך גלי, איך עק מיך! „וואָס איז מיט דיר, פּאַניע מאָשקע, זאָגט ער, וואָס ביסטו אַזוי צעקאָכט?" „סטײַטש, זאָג איך, אַזאַ מאַטמען מיט געלט! אַזאַ אַן אוצער! אַ קלייניקײַט, נײַן און נײַנציק מיליאָן!? פון אונטער דער ערד־ זאָג איך, וואָלט איך אויסגעגראָבן געלט אַף הויזאָעס און וואָלט אוועקגעפאָרן נאָך די מיליאָנען!" אַזוי זאָג איך צו אים, און ער זיצט זיך גאַנץ קאַלטבלו־

טיק, פיפקעט דעם ליוּלקע־ציבעק, טוט זיך אפילע ניט א קנייטש, ווי איינער רעדט: „וואָס זאָל איך טאָן? זאָל איך מיר מאפקיר זײַן צוליב די מיליאָנען? דאָס לעבן איז טײַערער!" בעקיצער, וואָס זאָל איך אײַך דערציילן? איך האָב מיך גענומען צו מײַן פּאָרעץ אים פּיקן אין קאָפּ אַרײַן אַלע טאָג, אַלע טאָג: „פּאָרעצוניע, וואָס שווײַגסטו? איך וועל מיך פּרוּוון, זאָג איך, בא מײַנע ייִדן, טאָמער וועל איך קריגן פונדײַנטוועגן די עטלעכע קערבלעך, וואָס מע דאַרף". „מאַכטיסע, מאַכט ער, אַז דו ווילסט, פּרוּוו זיך, עפּשער וועסטו קריגן? איך ווייס, זאָגט ער, אַז מיט ייִדן קאָן מען אַלצדינג מאַכן, וואָרעם ייִדן זײַנען, זאָגט ער, א רײַך פאָלק און א קלוג פאָלק און א פאַרשטענדיק פאָלק. אף דער גאַנצער וועלט, זאָגט ער, איז נישטאָ נאָך אַזא פאָלק, ווי ייִדן! צוויי, זאָגט ער, פעלקער זײַנען פאַראַן אף דער וועלט: פּוילן און ייִדן! די דאָזיקע צוויי פעלקער, זאָגט ער, מוזן אַמאָל גיווער זײַן די גאַנצע וועלט און געוועלטיקן איבער דער גאַנצער וועלט! אַלע פעלקער, זאָגט ער, וועלן אונטערגיין, אופּרעסן איינס דאָס אַנדערע, נאָר ייִדן און פּוילן — די וועלן בלײַבן אייביק! פּאָליאַקי אי איזראַעליטי" — טאַקע מיט דעם דאָזיקן לאָשן, ווי איר זעט מיך א ייִדן!

— וואָס טויג מיר זײַנע קאָמפּלימענטן? — מאַכט אַרקאַדי. — איר דערציילט בעסער, וואָס האָט איר געמאַכט מיט די ייִדן?

— הערסטו? — זאָגט בראָנזנשאַלער. — אָט דאָ הייבט זיך ערשט אָן די רעכטע מײַסע!

— טאַקע בעמעס? — מאַכט אַרקאַדי שווייצער. — וואָס זשע איז געווען ביז אַהער?

— א האַקדאָמע, — רופט זיך אָן דער מעכאַבער.

— עמעס, טשײַדעלי איז גערעכט, דאָס איז געווען נישט מער

ווי א האקדאָמע; נאָר שרעקט זיכ ניט, די האקדאָמע איז גרעסער פונעמ סייפער.

אזוי זאָגט בראָנזנטאָלער דער באלעבאָס אונ דערציילט ווײַטער די געשיכטע מיט די מיליאָנענ.

קאפיטל ט

— שא, ווי זשע האלטנ מיר? יאָ, בא אונדזערע ייִדעלעכ. אונדזערע ייִדעלעכ זײַנענ, בערעכאשעמ, אזא פאָלק, וואָס קאטאָרע זיי וועלנ אײַכ קויפנ אונ פארקויפנ, האנדלענ־וואנדלענ, דרײ־שמײ וואָס איר ווילט, קאָל־האשפעקוליאציעס שעבאָוילאָמ! דערציילט זיי אפנ הימל א יאריד — וועלנ זיי אוועקוואַרפנ האק אונ פאק אונ פליִענ גלײַכ אינ הימל ארײַנ אונ שפרינגענ אינ פײַער ארײַנ; אונ קומט לייגט זיי פאָר א ריינ געשעפט, א קאָשערע יערושע, א מע־זומענע זאכ, וואָס אָט ליגט דאָס, גיי הייב עס אופ אונ נעמ דאָס צו — ניינ, איז ניטאָ קיינער אינ דער היימ! וואָס איז די מײַסע? ס'איז צו גוט, זאָגנ זיי, צופיל געלט, צו א גרויס גליק — אונ גיי מאכ מיט זיי! סטײַטש, בעהיימעס בעצורהאס אָדאָמ, נײַנ אונ נײַנ־ציק מיליאָנ! ניינ, זאָגנ זיי, מיר זײַנענ אײַכ מויכל די מיליאָנענ, גיט אונדז בעסער א געשעפט פונ טויזנטער... אנדערע מאכנ נאָכ כויזעק, דאָס גרעסטע געלעכטער, לעצעווענ אפ וואָס די וועלט שטייט: „וואָס הערט זיכ מיט אײַערע מיליאָנענ?" ס'איז מיר געווענ, הערט איר, א ביזויענ פאר מײַנ פאָרעצ, וואָס האלט אזוי פונ ייִדנ, ליובט זיי אינ טאָג ארײַנ, רעכנט זיי פאר די ערשטע כאבאָמימ אינ דער וועלט — צומ סאָפ, נאָט אײַכ, ריינע בעהיי־

מעס, קאָשערע קעלבלעכ, פערד, ווי איכ בינ א ייִד, פערד! טבילעס האָבנ זיכ אפילע יאָ געפונענ א פּאָר מענטשלעכ, וואָס האָבנ איינ־געשטעלט עטלעכע קערבלעכ אָפ הויצאָעס, נאָר אז ס'איז געקומענ, מע האָט בארארפט האָבנ נאָכ הויצאָעס, פּאפּירנ, דעפּעשנ, האָבנ זיי זיכ מעיאשעוו געווענ: סטאָפּ! וואָס איז די מייסע? גענוג, זאָגנ זיי, ס'איז בא זיי ניט קיינ קוואל, זאָגנ זיי, א ברונענ נעמט זיכ אויכ אויסעט... געפעלט אייכ א ביסל כאכאָמימ? זיי וואָלטנ א באלנ געווענ אָפ מיליאָנענ און ס'זאָל זיי קיינ געלט ניט קאָסטנ! געבראָ־טענע טייבעלעכ אינ מויל אריינ! אנדערע האָבנ אָפגעשוויגנ, און פונ אנדערע האָבנ מיר נאָכ געהאט ביזיוינעס אויכ; זיי האָבנ געסטראשעט מיטנ פּראָקוראָר... וואָס דארפט איר מער, אז זיי האָבנ ארופגעפירט מיינ אייגנ ווייב, זי זאָל בא מיר נעמענ געט.

— וואָס? איר זייט א באווייבטער? מאזלטאָוו אייכ! — כאפּט זיכ אופ ארקאדי.

— געווענ א באווייבטער, — זאָגט בראָנזנטאָלער, — היינט שוינ ניט. זאָרגט זיכ ניט, מיר האָבנ זיכ געגעט. קרויווימ האָבנ זיכ אריינגעמישט און גלאט גוטעפריינט: „וואָס טויג אייכ, זאָגנ זיי, מיליאָנענ? היט בעסער אָפּ אייער געשעפט, א מעזומענער גראָשנ איז טייערער פונ אלע כאלוימעס, און וואָס טויג אייכ, זאָגנ זיי, ארומפירנ זיכ מיטנ דאָזיקנ אָדנ? גאָט ווייסט, וואָס פאר א נעפעש דאָס איז? עפּשער איז דאָס אנ אָדנ בעפּאָקדעכאָ?“ און נאָכ קעדוימע אזעלכע שטעכווערטער זאָגנ זיי מיר, און מיינ ווייב האָט זיכ צוגעזעצט צו מיר איינמאָל פאר אלעמאָל: געט און געט. „שאטיִע! — טייַנע איכ צו איר. — וואָס הערסטו זיי? דיינע גוטע־פריינט, זאָג איכ, זיינענ דיכ מעקאנע, פארגינענ דיר נישט אזא גליק!“ גיי טייַנע מיט א ייִדענע. „פאר דיר, זאָגט זי, דאָס גליק,

בינד מיך אוף און גיב מיר געלט!" וואָס טויג אײַך, מיר האָבן זיך געמוזט געטן, און פאר גריזאָטע מיט ביזויען בין איך אָפּגעטראָטן פון מײַן שטאָט און בין אריבערגעפאָרן אהערצוצו קיין יעהופּעץ אײנײנעם מיט מײַן פּאָרעץ, הייסט דאָס, זוכן, טאָמער וועלן מיר דאָ געפינען געלט אפ הויצאָעס. פאָרט א גרויסע שטאָט מיט אלערליי געשעפטן, מיט מעקלערס א סאך, מיט מענטשן, וואָס ווילן, כאלעשן פארדינען א קערבל, און האָב אים באזעצט, מײַן פּאָרעץ הייסט דאָס, אין א שיינעם נומער פון א האָטעל, און אליין האָב איך מיר אָפּגעדונגען אַט־אָ־דעם דאָזיקן בוידעם, ווי זאָגט איר, נעענטער צו גאָט, און אלע פרימאָרגן נעם איך מיר דאָס שטעקעלע און גיי מיר ארוים אפ דער בערזע, אין דרויסן הייסט דאָס, דאָרט, ווו אלע יידן דרייען זיך ארום, און שלים קענטשאפט מיט דער וועלט, און ס'איז א סוואָרע, אז מיר מאכן דאָ א קאָמפּאניע, דאָס הייסט עטלעכע מענטשן לייגן זיך צונויף מיט א קאפּיטאל פון היפּשע עטלעכע טויזנט קערבלעך אפ באלאָקימ, דאָס הייסט וויפל איטלעכער גיט, אזויפיל באלאָקימ האָט ער אין געשעפט, אפ יעדן הונדערטער נעמט זיך אָן צען טויזנט, אפ טויזנט — הונדערט טויזנט, אפ צען טויזנט — א מיליאָן. און ווי, פארשטייט איר, האָט איצטער מײַן ווײַב כאראָטע? זי שיקט אונטער צו מיר אלעמאָל א גוטנפרײַנט, און די גוטעפרײַנט ווערן צעפּיקט פאר קינע, וואָרעמ ווי קאָנען זיי דאָס גאָר איבערטראָגן, אז זייער קאָרעוו, מוישע בראָנזנטאָלער, א ייד א כאלפן, זאָל מיטאמאָל אזוי אופגעריכט ווערן, באקומען דרײַ מיליאָן קארבן?!

— וואָס? דרײַ מיליאָן קארבן? — כאפּט זיך ארוים ארקאדי שווייצער און שפּרינגט אראָפּ פונעם בעטל. — וואָס הייסט, דרײַ מיליאָן קארבן?

— וואָס האָט איר זיך אזוי דערשראָקן? — מאַכט צו אים בראָנזנטאַלער און פאַרדרייט א פאַפּיראָס און קוקט אראָפּ צו זיך אָפּ די פּיס גאַנץ קאַלטבלוטיק, גלײַך ווי מע רעדט דאָ פון א דרײַערל. — וואָס זײַט איר דאָ אזוי ניספּאָעל געוואָרן? איך האָב קאָרג האָרעוואַניע דערבײַ?

— אָבער דרײַ מיליאָן? — זאָגט ארקאַדי און צענעמט די הענט.

— דרײַ מיליאָן. אזוי האָבן מיר אָפּגערעדט! און נישט נאָר גערעדט — טאַקע צעשריבן זיך אַף פּאַפּיר און געכאַסמעט באַם נאָטאַריוס. וואָרעם מען איז דאָך ניט מער ווי לעבעדיקע מענטשן. דער פּאָרעץ איז שוין אַן אַלטער פּאָרעץ, אַליין בין איך אויך ניט קיין יונגערמאַן, איך האָב ברידער א סאַך מיט שוועסטער אָרעמע, א מענטש איז ניט באַ זיך אין די הענט, א קאַשע אַף א מײַסע? נאָט לייענט.

און בראָנזנטאַלער עפנט אוף דאָס טישקעסטל, שלעפּט ארויס שוין א ביסל א פאַרגעלטן בויגן פּאַפּיר, געכאַסמעט מיט א מאָדנע פאַרדרייטער, פאַרצוקטער, פאַרפּלאָנטערטער כסימע מיט שלענגלעך, מיט דריידלעך, מיט בייגעלעך און מיט ווײַדעלעך, און רופט זיך אָן צו ארקאַדין:

— איר זעט א כסימע? דאָס מאַכט: „יאַן־קאַזימיר־זיגמונד, גראַף דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי"...

און ארקאַדי שווייצער שטייט און קוקט זיך אײַן אין דער דאָזיקער קינצלעכע פאַרדרייטער כסימע, וואָס זעט אויס אַפן פּאַפּיר, ווי א שלאַנג מיט א פויגל. האָבן זיך ארומגענומען, אײַנגעפּלאָנטעט איינס אינעם אנדערן, און אײַנמיטן א קלעק, און מע ווייסט ניט, ווו הייבט זיך אָן שלאַנג און ווו לאָזט זיך אויס פויגל. און

ער בלײַבט שטיין ווי אַפּהענטיק אינמיטן כיידער מיט דער ציגאר אין מויל, די הענט צענומענ, די פּיס צעשפּרייט, די פּלייצעס אופגעהויבן און דאָס פּנעם שטארק אויסגעצויגן, און קאָן לאנגלאנג נישט אויסריידן א וואָרט. נאָכדעם טוט ער זיך א פּאטש מיט די הענט איבער די ליטקעס און צעלאכט זיך מיט א קוויטש, ווי זײַן שטייגער איז, און ציט אויס:

— דרײַ מיליאָן קארבוינים! כא־כא־כא! אָט דאָס הייסט א מאטבייע! דרײַ מיליאָן! ווען איך האָב, אשטייגער, אָט די דרײַ מיליאָן אײנציקע! אכ טי, ריבוינעשעלוילעמ!!!...

קאפּיטל י

די דרײַ מיליאָן, וואָס בראָנזנטאָלער וועט אמאָל באקומען, האָבן אונדזער ארקאדין, ווי מע זאָגט, אונטערגעטראָגן. ער האָט ניט אופגעהערט ארומצושפּאנען, היצן זיך, שיטן מיט ווערטער, ווי פון א זאק, און דער האלב־נאקעטער באלעבאָס איז מיטאמאָל אויסגעוואקסן, באקומען כיין בא אים אין די אויגן, און ער האָט זיך אָנגעהויבן צולאשטשען זיך, צושארן זיך צו אים, ווי א קעצעלע, אָדער ווי א געטרײַער הונט, אז ער וויל זיך צובאנפּענען צו זײַן באלעבאָס.

ארקאדי שווייצער האָט דאָס געטאָן ניט מאכמעס ער האָט ארויסגעקוקט דערפון עפּעס א טויווע פאר זיך. ער האָט דאָס געטאָן נאָר צוליב דעם קויעכ־האמוישעכ פון געלט, וואָס האָט אים טאָמעד געצויגן צו זיך, ווי א מאגנעט. ער האָט ליב געהאט געלט

ניט מאַכמעס דעם, וואָס ער דאַרף דאָס אַזוי נייטיק האָבן, נאָר מאַכמעס דעם, וואָס ס'איז געלט, מאַכמעס דעם, וואָס „געלט איז אַ גוטע, ליבע זאַך". אונדזער אַרקאַדי האָט געקאָנט אויס־שטיין אַף די פיס צען שאָ קעסיידער אין קלוב אַרום דעם גרויסן קײַלעכיקן טיש און באַטראַכטן דאָס שפּיל, קוקן ווי דאָס רויטע קלינגענדיקע גאָלד שיט זיך אָן אַן עק, אָן אַן אויפהער, גייט איי־בער פון איינעם צום אַנדערן, גיסט זיך ווי וואַסער. אָט ליגט בײַ איינעם אַ גאַנצע בערגעלע גאָלד, דאָס גאָלד וואַקסט און וואַקסט, אָט גייט דאָס איבער צו יענעם, און אָט איז דאָס ווי־דער געקומען צוריק. אַרקאַדי שטייט און קוקט, ווי יענער „וואַרפט די קאָרט", און כאָטש ער האָט אין דעם שפּיל קיין שום בייגעל ניט, וואָרעם ער איז „נאָקי" (אַף זײַן שפּראַך), „ריין ווי אַ טעלער", נאָר גלאַט דער גלאַנץ פון גאָלד און דאָס קלינ־גען פון גאָלד און דאָס גאָלד אַליין פאַרינטערעסירט אים אַזוי ווײַט, אַז עס קלאַפּט אים דאָס האַרץ פאַר יענעם, ער קוועלט אָן איינעם מיט דעם, וואָס „נעמט אויס", און העלפט מיט אַ זיפץ יענעם, וואָס האָט אײַנגעשטעלט און איז „אַרײַן ווי קוירעב".

ס'איז שווער צו זאָגן, וועלכעס שטייט בײַ אים העכער — צי דאָס שפּיל, צי דאָס געלט? ביידע זאַכן איניינעם זײַנען בײַ אים ווי צונויפגעפלאָכטן, אײַנגעפלאָנטעט איינס אינעם אַנדערן, ליב, אײַנגעבאַקן אין האַרצן, טײַערער פון אַלצדינג אַף דער וועלט, און נאָר אין די צוויי זאַכן ליגט זײַן נעשאָמע, און נאָר אַרום די צוויי זאַכן דרייען זיך אַלע זײַנע מאַכשאָוועס. וואָס עס זאָל זיך אים ניט כאָלעמען — כאָלעמט זיך אים „פּאַסן" (געווינס) אָדער „פּראָוואַלן" (פאַרלוסט), און נאָר קאָרטן און נאָר גאָלד זעט ער פאַר די אויגן. אַז ער דערזעט פאַר זיך געלט, איז די ערשטע

מאכשאָווע זײַנע: „וויפל קאָנ מענ מיט דעמ מאכנ, ווענ גאָט העלפט, עס קומענ אָנ די רעכטע „פאסנ", דער דרײַצנטער, דרײַצנטער פאס?" אונ ער הייבט אָנ ריידנ מיט גאָט, ווערנ א מײַמינ.

ארקאדי שווייצער איז, ווי דאָסראָוו קאָרטנשפילער, א גרויסער, גרויסער מײַמינ, אונ נישט נאָר א מײַמינ אליינ, נאָר אנ אָבערגלויבער, גלייבט אינ גוטע אונ שלעכטע כאלוימעס, גייט נישט אינ קלוב שפילנ נישט מאָנטיק, נישט דעמ דרײַצנטנ, קערט זיכ אומ צוריק טאָמער באגעגנט ער א גאלעכ, אונ אז עס לויפט אימ איבער דעמ וועג א קאצ, ווייסט ער געוויס, אז יענע נאכט מוז ער „באגראָבנ ווערנ"; האָט מוירע פאר א גוט־אויג ערגער ווי א ייִדענע, טאָמער געווינט ער — זאָגט ער, אז ער האָט פארשפילט, אונ בײַט נישט קיינ געלט יענעמ בעשאס שפילנ, אונ וועט אײַכ ניט לײַענ פונעמ קאָנ, איר זאָלט זיכ פאר אימ אויסציִענ! אונ כאָטש ער איז איצט „נישט בא געלט" שוינ פונ א צײַט אונ ווייסט נישט, פונוואנענ קאָנ ער האָבנ געלט, דאָכ גלייבט ער, ווי אנ ערלעכער ייִד גלייבט אינ מאָשיִעכנ, אז „דער גאָט פונ קאָרטנ" קאָנ נאָכ מאכנ אזוי, אז ארקאדי שווייצער זאָל נאָכ האָבנ געלט, אונ גרויס געלט! דעריקער איז — דער ערשטער כאָפהייער מיט די ערשטע ערלעכע שיינע פאסנ, וועט שוינ נאָכדעמ גיינ, אימירצעשעמ, ווי א מיזמער!

דער ערשטער געדאנק זײַנער איז געווענ נאָכ דעמ, אז ער האָט זיכ א ביסל בארויִקט פונ די דרײַ מיליאָנ: עפשער איז דאָס א באשערטע זאכ פונ גאָט, וואָס ער האָט זיכ דאָ באזעצט מיט דעמ דאָזיקנ בראָנזנטאָלער? וואָרעמ וואָס האָט ער עפעס גראָד אָנגעטראָפנ אהערצו אונ ניט ערגעצ אנדערש? עפשער הייבנ זיכ אָנ פונ דער מינוט „זײַנע זיבנ יאָר"? בא אָט אזא מינ סומע פונ דרײַ

מיליאָנ — ווי וועט אים נישט אראָפּפאלנ באַטש עטלעכע טויזנטער, איכ זאָג שוינ ניט קיינ צענער, הונדערטער טויזנטער! אונ ארקאדי הייבט אָנ זיכ אונטערשמירנ צום באלעבאָס שוינ גאָר מיט אנ אנדער ניגנ:

— זאָגט זשע מיר, מיינ ליבער רעב מוישע,— אזוי, דאכט זיכ, רופט מענ אייכ, האָ? — אשטייגער, קעדוימע לעמאָשל, ווענ איר טרעפט צו מיר פריער מיט א קליינ שטיקל צייט, בעשאַס מיר איז, ניט היינט געדאכט, געווענ גראָמ אינ קאָפּ, ענג אינ קעשענע אונ דאָס קערבל איז געווענ א מאמזער,— סטייטש, נעמ איכ דאָכ ארויס די הארטע הונדערטערס בעסימכאָ ראבאָ וועאָמרו קולאָמ אונ זאָג: זע קאַפּאראָסי, זע כאליפּאָסי, זע האטויזנטער יעיליייכ לע־כאַימ ארוכימ טויווימ אולעשאָלוימ, וואָרעמ ארקאדי שווייצער פארשטייט מיט גאָטס הילפ אנ אייסעק, דער מויעכ איז אים ניט אויסגעטריקנט. עלעהיי, ס'איז א קאָרט אונ איכ שטעל אפ איר. וואָס, עפּשער ניט אזוי, רעב מוישע?

— געוויס אזוי! — כאַפּט זיכ ארויס דער מעכאבער טשיידעלי־פארנ באלעבאָס אונ כאַפּט אָבער באלד א מיעסנ פּסאק פונ ארקא־דינ, ער זאָל זיכ ניט מישנ ווו מע דארפ ניט. מערקווירדיק! אפ וויפל בראָנזנטאָלער האָט בא ארקאדינ אינ די אויגנ געוווּנענ, אפ אזויפיל, אָדער נאָכ מער, האָט בא אים דער מעכאבער פארלאָרנ, אונ ארקאדי האָט זיכ נישט געקאָנט איינהאלטנ אונ האָט אים אָפּ־געגאָסנ מיט א גאנצער פּאָמעניצע:

— סקאָצל קומט, מיינ ליבער דייטש, באל־מעכאבער פונ דער כאָליערע, שויטע בענ פּיקהאָלצ, איר זייט אויכ דאָ? אונ איכ האָב געמיינט, אז איר האלט שוינ העט־וויַט אינ זיסנ שלאָפ, אונ עס כאָלעמענ זיכ אייכ מאכשייפעס מיט ווילדע ציגנ, פּיפּערנאָטערס,

אוקערוימע אזעלכע איניאַנים, וואָס איר באשרייבט זיי דאָרטן אין אייערע ביכלעך.

דאָס קליינע מעכאַבערל האָט נעבעך געמוזט, ווי א טשערע־פּאשקעלע, אריינצוזען אין זיך דאָס קעפּל און ווערן נאָך קלענער, ווי ער איז, און אָפּשווייגן דעם דאָזיקן גראָבן נעפעש, וואָס קאָן מאכן יעדן מיט דער בלאָטע. „אַן אמאָרעצ בלייבט אַן אמאָרעצ— לאָז מײַנס איבערגיין"...— קלערט ער זיך, און ארקאַדי לאשטשעט זיך ווידער צום באַלעבאָס, ווי א קעצעלע.

— אַפּאַנעמ, רעב מוישע, איר זײַט אזא ייִד, וואָס קאָטאָרע איר האָט פֿײַנט יענעם אָנצומוטשען, זיך צוזעצן, ווי אנדערע זעצן זיך צו, דעקוטשען יענעם אזוי לאַנג, ביז יענער מוז זאָגן „באָמ!". איך האָב אייער אָרט וואָלט שוין לאַנג אָנגעשפּארט מיט אזא גליקלעך געשעפט, ווייסט איר וואָ? א קלוינינקייט, — א פּראָצעס פֿון נײַן און נײַנציק מיליאָן! א ווערטל אויסצורײדן — נײַן און נײַנציק מיליאָן!

— נײַן און נײַנציק מיליאָן! — העלפט אים אונטער דער מע־כאַבער, און ארקאַדי פאַלט אָן אַף אים ווידעראַמאָל און מאכט אים מיט דער בלאָטע:

— דײַטש, איר רעדט אויך פֿון מיליאָנען? אנו, שווערט מיר אַף אײַערע הייליקע געמאָנעס, מײַן טײַער שפּילפּויגעלע פֿון דער כאַליערע, אז איר האָט אמאָל אַף אײַער לעבן געזען מיט אײַערע אייגענע אויגן א הונדערטער א גאַנצן, וועל איך אײַך צאָלן קנאס וויפל „זיי" וועלן הייסן!

און ארקאַדי ווײַזט אָן מיטן דער האַנט אַפן באַלעבאָס, אָנגע־בויגן דאָס קעפּל אַף א זײַט און צוגעמאכט אַן אייגל.

— מיינט איר דאָך, אז איר האָט געטראָפן? — האקט אים

אָפּ דער באַלעבאָס. — זאָג איך אַײַך, אַז איר האָט, איך בעט איַי־בער אײַער קאָוועד, א גרויסן טאָעס! טשײַדעלי האָט, ווי איר קוקט אים אָן, א סאַך הונדערטערס! א גאַנצ פאַרמעגן! טשײַדעלי, זאָלט איר וויסן, איז א ייִד אַן אוישער, א גוויר!

דאָס וואָרט „גוויר" האָט בראָנזנטאָלער אָפּגעהאַקט, ווי מיט א האַקמעסער, און דער עפעקט דערפון איז געווען אַזוי גרויס, אַז ארקאַדי שווײַצער האָט זיך מיטאָמאָל אויסגעגלײַכט, ארויסגעכאַפּט די ציגאַר פון די ציינ און געקוקט פונעם מעכאַבער אָפּן באַלע־באָס און פונעם באַלעבאָס אָפּן מעכאַבער און געפינטלט מיטן די אויגנ, ווי איינער רעדט: „וואָס טוט זיך עס מיט מיר?"

קאַפּיטל יא

מאַכמעס אונדזער מעכאַבער טשײַדעלי איז, ווי דער לעזער האָט שוינ באַמערקט, א שטיל מענטשל, וואָס האָט פײַנט, ווי אַנדערע, באַרימענ זיך, דערצייילנ גוזמעס, מאַכנ פונ זיך א גאַנצנ וועזנ, דערפאַר האָט געמוזט ריידנ פאַר אים בראָנזנטאָלער דער באַלע־באָס, דערצייילנ פאַרנ דריטנ שאָכנ הויוו גאָדלוי ווערויוו אָשרוי, און טשײַדעלי האָט נאָר אַלעמאָל אַרײַנגעוואָרפנ א וואָרט מינ־האַצאָר, נישט געקוקט בעשאַסמײַסע אָפּ קיינעם, נאָר אָדער אראָפּ צו זיך אָפּ די שפּיצ פיסלעך, אָדער ארופ אהינ ערגעצ אינ דער הייך, צווישנ דער וואַנט און צווישנ דער סטעליע, ווי עס האָט זיך באַזעצט א שפּינ, אויסגעבויט א קונציקע קײַלעכיקע דירע, בעריִיש געבליבנ הענגענ מיטנ קאָפּ אראָפּ און מיט די פיס ארופ און ארויסגעקוקט, גאָט זאָל צושיקנ עפּעס פאַרנאָסע...

— אונדזער טשײַדעלי — אזוי זאָגט בראָנזנטאָלער און קאַטשעט א פּאַפּיראָס — איז א מענטש, וואָס קאַטאָרגע גאָט האָט אים געבענטשט מיט אזא פּארמעגן, וואָס האָט קיין מוירע ניט פאר קיין פײַער און ניט פאר קיין וואסער, פאר פארלירן אָדער פאר אװעקגאַנװענען; אים קאָן קיינער נישט קאָנקורירן, איבער־שלאָגן, צונעמען; זײַן סכוירע איז טאָמעד געלט און זײַן געלט איז שטענדיק מיט אים!

ארקאדי שווייצער קאָן זיך ניט אײַנהאַלטן און טוט א פרעג:

— וואָס זשע איז בא אים פאר א מין סכוירע: דימענטן? בריליאַנטן?

— נאָך טײַערער פון בריליאַנטן! — זאָגט בראָנזנטאָלער, און טשײַדעלי לאָזט אראָפּ די אויגן. — וואָרעם וואָס איז דען, אייגנטלעך, בריליאַנטן? בריליאַנטן איז דאָך נישט מער ווי שטיינער, א צירונג, א מאָדע אזעלכע; לאָז דאָס ווערן אויס מאָדע — מעגט איר דאָך נעמען אײַערע בריליאַנטן און ארויסוואַרפן זיי אף א ריין אָרט. דאָס אָבער, וואָס אונדזער טשײַדעלי פארמאָגט, איז אזא סכוירע, וואָס וועט קיינמאָל ניט ארויס פון דער מאָדע, און קאָלזמאַן די וועלט איז וועלט, וועלן זיך מענטשן אָן דעם נישט באַגיין.

— אַהאַ! — מאַכט ארקאדי. — א יידישע נעשאָמע קאָן מען ניט שאַצן, ווי מײַן באָבע אָלעהאַשאָלעם האָט אמאָל געזאָגט, אז זי האָט געזוכט א פארפאַלענעם זעקסער און אויסגעטרייסלט אים בא מיר אין קעשענע...

און אין האַרצן טראַכט זיך ארקאדי: „דאַכט זיך, אזא פּימ־פּערל? גיבער געריכט זיך אף אים א מאַפּאָלע!”... נאָר דער באַלעבאָס שטויסט זיך, וואָס ער מיינט, און רעדט ווײַטער:

— פאַרשטייט איר מיך, אונדזער טשײַדעלינ האָט גאָט געשענקט אַ מאַטאָנע, וואָס ניט איטלעכער פאַרמאָגט דאָס, דערהײַנע: אַלצ וואָס ער זעט מיט די אויגנ...

— נעמט ער מיט די הענט? — כאַפּט אונטער שווייצער. — פונקט ווי מײַנ פעטער לייביש; איכ האָב געהאַט אַ פעטער לייביש, האָט ער אויכ געהאַט אַזאַ טעווע...

— ווילט איר האָרכנ, איז גוט; אַניט — גייט אײַכ מיט אײַער פעטער לייביש וווהינ איכ וויים! — מאַכט צו אים דער באַלעבאָס.

שווייצער בלײַבט זיצנ ווי אַ סטאַטיק, אונ בראָנזנטאָלער רעדט ווײַטער:

— איז אַלצ, וואָס ער זעט מיט די אויגנ, באַשרײַבט ער מיט די הענט; אונ הענט האָט אים גאָט געגעבנ גאָלדענע; ער, אַז ער זעצט זיכ אַוועק שרײַבנ, קאָנ ער אײַכ שרײַבנ אונ שרײַבנ אָנ אַנ אויסלאָז אונ אָנ אַנ אופהער; סע שרײַבט זיכ בײַ אים אַזוי לאַנג, ביז עס גייט אויס מאַטעריאַל, איכ מיינ טינט אונ פּאַפּיר.

— ער דאַרפ זײַנ אַ ווילדער באַל־הויצאָע אָפּ די צוויי מינימ? — וואַרפט אַרײַנ אַרקאַדי.

— וואָס פאַר אַ ווערדע האָט דאָס אָבער קעגנ דעמ, וואָס ער ברענגט אַרויס דערפונ! מיט איינ פלעשל טינט קאָנ אײַכ טשײַדעלי אָנשרײַבנ אַ בוכ פונ טויזנט בלעטלעכ.

— אונ פאַר נײַט — זעצט צו אַרקאַדי — גיסט מענ אונטער וואַסער, ווי די ווײַנשענקערס טוענ, אַז עס קומט צו די אַנדערע טעג יאָמטעוו אונ דער ווײַנ הייבט אָנ צו טאָגנ, אונ עס ווילט זיכ ניט אַרויסלאָזנ קיינ פּידיענ...

— טאָמער וואָלט איר פאַרשטעקט דעמ צאַפּנ? — מאַכט צו

אים בראָנזנטאָלער און דערציילט ווײַטער: — בעקיצער, אונדזער טשײַדעלי איז א גאָלדשפינער, ס'איז בא אים א קוואל, וואָס לאָזט זיך קיינמאָל ניט אויס. זעט איר אָט דאָרטן אונטערן בעט א קעסטל? איז דאָס פול ווי אן אויג, אָנגעפּאַקט מיט ספאָרים שוין אָנגעשריבענע, און נאָך וואָסערע ספאָרים! אנטיקן שעבעאנטיקן! ער האָט זיי מיר קימאַט אַלע איבערגעלייענט. די ספאָרים, ווען מע דרוקט זיי אָפּ און מע לאָזט זיי ארויס אף דער וועלט, פאַר־צוקערט מען זיי! דער גאַנצער כיסאָרן איז, וואָס ס'איז ניטאָ מיט וואָס צו דרוקן זיי!

— ניטאָ קיין פּאָדעם, הייסט עס? — שטעלט ארײַן ארקאדי שווייצער. — ס'איז בא אײַך, הייסט דאָס, א „געלט־מאַנגל“, ווי דער דײַטש זאָגט, פּונקט דאָס זעלבע כאַלאַס, וואָס בא מיר: „בײַטל־פיבער“ רופט מען דאָס בעלאָשן־האַדאָקטאָריע. וויפל באַדאַרף מען דערויף, לעמאָשל, געלט?

— וואָס איז די נאַפּקעמינע, — זאָגט בראָנזנטאָלער, — אז ס'איז ניטאָ? און דערצו איז טשײַדעלי, ווי איר קוקט אים אָן, א מאָדנע מענטשל, גאָר נישט דאָס, וואָס אנדערע מעכאַברים; אנדערע מעכאַברים גייען ארום מאַכן געלט..

— בעטלען? — כאַפּט זיך אוף דער מעכאַבער. — גיכער שטאַרבן! — און די אויגן צינדן זיך אָן בא אים, און די בעקלעך ווערן אים רויט, ווי דער רויטער שניפּס, וואָס ער טראָגט אפן ווײַסן פּאַפּירענעם קאָלנער. און דער באַלעבאָס ווײַזט אָן אף אים מיט דער האַנט, ווי א געטרײַער פּאָטער אף זײַן אײַנגעשפּאַרט קינד.

— א גאַדלען! — מאַכט בראָנזנטאָלער. — א גאַדלען און אן אקשן! וויפל איך טײַנע ניט מיט אים, איז דאָס ווי אן ארבעס אין

וואנט. איך טײַנע מיט אים: לאָמיר דערװײַל ארויסלאָזן איין ביכל, און גאָבדרעמ וועלן מיר שוין זען, וואָס מיר האָבן צו טאָן. דערוף איז גענוג דערװײַל די ערשטע עטלעכע הונדערט קערבלעך.

— סאבאקל? — מאכט ארקאדי. — וואָס פאר א ראָליע שפּילט אזא קליינע סומע בא אזעלכע קאפּיטאליסטן, ווי איר, כ'לעבן, אוביפּראט נאָך אפ אזא גאָלדן געשעפט, ווי ביכער?

— לאכט איר דאָך? — זאָגט צו אים בראָנזנטאָלער מיט פאר־דראָס. — וועל איך אײַך ווײַזן, אז איר זײַט מעבילע, א גרויסע בעהיימע און איר הייבט ניט אָן צו פארשטיין פונדאנען אהין. איר האָט נאָר א מויל און סע רעדט, און ווײַטער איר זאָלט פאר־שטיין אן אייסעק, ארומנעמען א זאך — דאָס ניט! אָט וועל איך אײַך מאכן א פּראָסטן כעזשבן. זאָגט מיר, וואָס איך וועל אײַך פרעגן, פאניע שווייצער, אז איר זײַט יאָ אזא כאָכעם: וויפל, רעכנט איר, געפינען זיך, אשטייגער, יידן?

— ווו? דאָ, אין יעהופּעץ? — פרעגט ארקאדי. — עס וועגדט זיך וואָסערע יידן; אויב סוואָלאָטשעס מיט פּארכעס — איז, קיין אײַנאָרע, א סאך...

— ניין, — ענטפערט אים בראָנזנטאָלער, — ניט דאָס מיין איך! איך מיין אלע יידן ארום און ארום?

— אומעטום, — העלפט אים אונטער טשײַדעלי, — אפ דער גאנצער וועלט.

— אפ דער גאנצער וועלט? — מאכט שווייצער און פארקאָ־טשעט דעם שטערן. — מע זאָגט, קיין אײַנאָרע, היפּשלעך, אזוי־פיל מאקעס אלע אנטיסעמיטן אינײנעם.

— וויפל זאָלן מיר רעכענען צווישן זיי אזעלכע, וואָס לייענען ביכער? — פרעגט בראָנזנטאָלער.

— וואָס לייענען ביכער, ווייס איך ניט, — מאַכט אַרקאַדי, — נאָר אַזעלכע, וואָס שפּילן אין קאָרטן, זײַנען געווים מער; דאָס בין איך אײַך אָרעוו.

— לאָז זײַן אַזוי! — לאָזט אים צו דער באַלעבאָס. — וועלן מיר רעכענען, אַז פון עטלעכע מיליאָן איז פאַראַן נאָר צוויי מיליאָן ייִדן, וואָס לייענען ביכער. פון זיי וועלן מיר אַראָפּרעכענען אַ מיליאָן, וואָס קאָנען נישט אויסגעבן קיין קערבל אַף אַ ביכל, אָדער זיי ווילן נישט קויפן קיין ביכער. בלײַבט אונדז איבער איין מיליאָן ייִדן, וואָס ווילן יאָ אַמאָל לייענען אַ בוך. הײַנט לאָמיר רעכענען שוין אַף דעם פאַל, אַז צוויי ייִדן וועלן קויפן פאַר איין קערבל איין ביכל אַף צו לייענען.

— רעכנט איין ביכל אַף דרײַען, — פאַריכט אים דער מעכאַ־בער אליין.

— אַן עק! — זאָגט דער באַלעבאָס. — לאָז זײַן אַ ביכל אַף פירען, אַף פינף אירע! וויפל זשע האָט איר דעמלט? ניט קיין צוויי הונדערט טויזנט קאַרבן?

— פונקט דאָס גרויסע געווינס, — מאַכט אַרקאַדי, וואָס הייבט ערשט איצט אָן רעכט צעקײַען. — אוי וויי, ס'איז דאָך עפּעס מאַקע גאָר נישקאָשעדיק פון אַ געשעפטל, ווי איך בין אַ מענטש!

— וואָס זשע דען האָט איר געמיינט? — מאַכט צו אים דער באַלעבאָס, און דער מעכאַבער ווערט גרעבער ווי לענגער. — הײַנט שטעלט אײַך פאָר, אַז איך וויל גאָר ניט רײַך ווערן מיטאַמאָל און איך שטעל אַוועק דעם מעקעך נאָר אַ האַלב קערבל פאַר אַ ביכל?

— אַ כאָצי פויגל איז בעזיל־האַזאָל, אַ מעצוע פאַר אַ גאַ־

נעװו! — מאכט ארקאדי, װי א מענטש, װאָס איז א מיוונ אפ די זאכנ.

— דאָס האָט איר פארנ ערשטנ ביכל, — ציט דער באלעבאָס דעמ כעזשבנ נאָכ װײַטער. — הײַנט װאָס װעט איר זאָגנ, מײַנ ליבער הער שװײצער, אז אזעלכע ביכער זײַנען פאראנ בא אונדזער טשײַדעלי א שטיקלעכ דרײַסיק?

— אָהאָ! קיינ אײַנאָרע ניט! — מאכט ארקאדי און שפּרינגט אראָפּ פונעמ בעטל. — דאָס שמעקט דאָכ שוינ גאָר מיט מיליאָנענ, װי איכ בינ א מענטש!

— װאָס זשע דענ האָט איר געמיינט? — זאָגט בראָנזנטאָלער, און טשײַדעלי װערט צעשמאָלצנ פאר טײַנעג. — לאָמיר נאָר דערהטאפּנ די ערשטע עטלעכע הונדערטער, אזוי לאָזנ מיר ארויס טײקעפּ־אומיִיאד דאָס ערשטע ביכל, לייזנ מיר אָפּ א מייע עלעפּ, לייגנ מיר דאָס ארײַנ טיפּ אינ קעשענע און נעמענ זיכ צו די איבעריקע ביכער, איינציקװײַז; אזוי לאַנג, אזוי ברייט, ביז מיר לאָזנ ארויס אלע דרײַסיק שטיק. פארשטייט איר דאָכ שוינ, װאָס פאר א פּאָנעמ מיר באקומענ דעמלט אינ דער װעלט?! איכ בינ אײַכ שוינ מויכל דאָס געלט — איכ רייד פונעמ קאָװעד, װאָס טשײַדעלי װעט דעמלט האָבנ, אז זײַנע ביכער װעלנ פארפלייצנ די גאנצע װעלט! איר מעגט פונ מיר לאכנ, הערט איר, זאָגנ, אז איכ בינ אנ אלטער נאר, — איכ בינ אימ בעעמעס מעקאנע, דאָס הייסט פארגינענ פארגינ איכ אימ מיטנ גאנצנ הארצנ, נאָר מעקאנע בינ איכ אימ אװאדע זייער גוט. א קלייניקײַט — א ז א קאָװעד! א ז א נאָמענ!

בא ארקאדי שװײצער האָט זיכ פארדרייט דער קאָפּ ניט אזוי נאָכ פונעמ קאָװעד מיטנ נאָמענ, װי פונ די מיליאָנענ, װאָס

שטייט פאר טשײַדעלי זאָל דאָ פארדינענ. אונ דער מעכאַבער איז מיטאמאָל אויסגעוואקסנ באַ אים אינ די אויגנ, געוואָרנ שענער גאָר אפנ אויסזיכט אונ גרעסער אפ דער וווקס. עס האָט זיכ אים געראכט, אז טשײַדעלי האָט טאקע א פּאָנעם פונ א... א... עפּעס ניט קײנ געוויינלעכער פּארשוינ. עפּעס די האָר מיט די קליינע הענט־לעכ עפּעס... כ׳לעבנ, ער האָט שוינ לאנג ארויסגעזענ, קימאט פונ דער ערשטער מינוט, אז דאָס איז א מענטשל ניט ווי אלע מענטשנ... אונ אונדזער ארקאדי שווייצער האָט זיכ ניט געקאָנט אײַנהאלטנ אונ איז צוגעגאנגענ צום מעכאַבער אונ האָט אים אָנ־גענומענ באַ איינע פונ זײַנע קליינע הענטלעכ מיט די דינע פינ־גערלעכ אונ האָט אים אָפּגעגעבנ א שיינעמ א ברייטנ מאזלטאָוו, אים געווינטשעוועט, ער זאָל דערלעבנ וואָס גיכער ארויסלאָזנ אלע זײַנע בארימטע ביכער, וואָס וועדליק ער, ארקאדי שווייצער, זעט ארויס, באדארפ דאָרטנ שטעקנ עפּעס אזעלכעס, אזעלכעס, וואָס ער קאָנ עס מיט קיינ ווערטער נישט ארויסגעבנ. אונ פּלוצעמ האָט ער זיכ געגעבנ א פּאטש אינ שטערנ, א ביסל פארטראכט זיכ אונ א זאָג געטאָנ:

— שאט, ווייסט איר גאָר וואָס? ס׳איז דאָ א פּלאנ באַ מיר! א טײַערער פּלאנ! א גאָלדענער פּלאנ! אזא יאָר אפ מיר!

ביידע צוויי, דער באַלעבאָס אונ דער מעכאַבער, האָבנ אופגע־שטעלט מויל אונ אויערנ, האָרכנ וואָס פאר א פּלאנ האָט פאר זיי דער נײַער שאָכנ? אונ ארקאדי שווייצער האָט זיכ געווענדט צו זיי בעזע האַלאָשנ:

— הערט זשע אויס, מײַנע ליבע יידנ, וואָס איכ וועל אײַכ זאָגנ; נאָר בעטנ וועל איכ אײַכ, אז קיינ פאריבל זאָל ביט זײַנ אונ איר זאָלט ניט האָבנ קיינ טענע פונ בלאָזנ זיכ. מענ איז דאָכ הייר־

מישע מענטשן. מיר אַלע דרײַ זײַנען, באַרעכאָשעם, גלײַכע נעגי־דים, אַכוץ אונדזער שאָדן אַף אַלע אַנטיסעמיטן געזאָגט געוואָרן! טאָמער וואָלט געווען אַ סוואָרע, לעמאָשל, מיר זאָלן שליסן צווישן זיך אַ מין... אַ מין געזעלשאַפט, אַ שוטפעס?

— אַ שוטפעס? אַף וואָס אַ שוטפעס? אַפּנ דאַלעס? נאָל־שמאָל־עט־קאָמפּאַניע? — פרעגן ביידע מיטאַמאָל, דער באַלעבאָס מיטן מעכאַבער, און אַרקאַדי פאַלט באַ זיך ניט אַראָפּ און צעקײַט זיי די ווערטער, ביכדיי זיי זאָלן פאַרשטיין, וואָס ער מיינט:

— איך מיין דאָס גאַנץ ערנסט. איך וויל, פאַרשטייט איר מיך, מיר זאָלן זיך געבן דאָ איינס דאָס אַנדערע דאָס הייליקע וואָרט, אַ טקיעסקאַפּ, אַזויװי קיינער ווייסט ניט וועמעס מאָרגן עס איז, צי איך מיט מײַנע דרײַצן פּאַסן אין קלוב, צי איר מיט אײַער קאָפּלשמוינעדיקן פּאָרעצ דעמבאָ־דאָמבע־דעמביצקי אין אַמעריקע, צי זיי, דער מעכאַבער הייסט דאָס, מיט זייערע ביכלעך? — איז איינמאָל פאַר אַלעמאָל: ווער פון אונדז עס זאָל פריִער ניט אויפ־געריכט ווערן, באַדאַרף עס זײַן יאַכדאָוו. איר פאַרשטייט? מע זאָל זיך טיילן גלײַך אַף גלײַך, און די הויצאָעס זאָלן גיין גלײַך אַף גלײַך, און אַלצדינג זאָל זײַן אינײנעם, יאַכדאָוו, איינמאָל פאַר אַלעמאָל יאַכדאָוו!

בעשאַסמײַסע האָט אַרקאַדי שווייצער אויפגעהויבן די רעכטע האַנט אין דער הייך, דעם קאָפּ אָנגעבויגן אַף אַ זײַט, און דער באַ־לעבאָס מיטן מעכאַבער זײַנען געזעסן אַ פּאָר מינוט פאַרטומלט, געקוקט איינס אַף דאָס אַנדערע און געשוויגן. דער פּלאַן איז גע־ווען אַזוי אומגעריכט און דער טאָן אַזוי ערנסט, אַז בראָנזנטאַ־לער איז אויפגעשטאַנען דער ערשטער פונעם טיש, צוגעגאַנגען צום נײַעם שאַנק, אויסגעצויגן אים די לאַנגע דאַרע האָריקע האַנט און

ארויסגעלאָזט הויך אַף אַ קאָל: „יאַכדאָוו!“ און, אַף אים קוקנדיק, האָט זיך אויך דאָס מעכאַבערל אַראָפּגעכאַפּט פונעם בעטל, אויסגעצויגן ביידע שכייניִם זײַנע קליינע הענטל און אויסגעקוויטשעט אַף זײַן דינער שטימע: „יאַכדאָוו!“ און אַלע דרײַ שכייניִם האָבן זיך פרײַנטלעך געקוקט איינס דאָס אַנדערע אין די אויגן אַרײַן, עטלעכע מאָל גוט־גוט געקוועטשט זיך בײַ די הענט און איבערגעכאַזערט נאָך עטלעכע מאָל דאָס ליבע זיסע וואָרט: „יאַכדאָוו!“ און פלוצעם האָט זיך דער מעכאַבער אַ וואָרף געטאָן צום קעסטל, וואָס אונטערן בעט, ארויסגעכאַפּט פון דאָרטן אַ בויגן פּאַפּיר, געבראַכט צו טראָגן אַ טינט־און־פּען, אָנגעשריבן אין דער ברייט פונעם בויגן פּאַפּיר מיט גרויסע געקסיוועטע אויסיעס:

א׳ ב׳ ג׳ ד׳

און אַ זאָג געטאָן צו די שכייניִם מיט אַ פאַרפּלאַמט פּענעמל:

— כאַסמעט זיך, זײַט מויכל, אַפן דאָזיקן פּאַפּיר. דאָס איז אונדזער קאָנטראַקט.

— וואָס באַטײַטן די דאָזיקע אויסיעס? — פרעגן בײַ אים די איבעריקע צוויי שכייניִם שטאַרק פאַרוווּנדערט.

— די דאָזיקע אויסיעס — זאָגט טשײַדעלי — באַטײַטן: ע מ ע ס, ב ר אָ כ ע, ג נ יי וו ע, ד א ל ע ס. דאָס הייסט, דער פּשאַט איז אַזוי: אַז מיר וועלן גיין מיטן ע מ ע ס, וועט זײַן ב ר אָ כ ע, און אַז מיר וועלן גיין מיט ג נ יי וו ע, וועלן מיר האָבן ד אַ ל ע ס... פאַרשטייט איר שוין? הײַנט לייגט זיך, זײַט מויכל, מיט די כסימעס!

דעם מעכאַבערס אײַנפאַל איז אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז דער באַלעבאָס האָט אים אונטערגעטראָגן אַ פּאַפּיראָס מיט אַזאַ מינע,

גלײַך װי מע טראָגט אונטער אַ ליב קינד אַ צוקערלעקעכל אָדער אַ קאָנפעקטל, און ארקאַדי האָט זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן און האָט אים דערלאַנגט אַ רעכטן זעץ אין פּלײצע.

— בראַוואָ! װױ טוירע, דאָרט איז כאָכמע! אַזױ פּלעגט זאָגן דער זיידע מײַנער, דער „שוימער־בעגאָדים" אַלײן, בעשאַס מע־נאַשקע דער רויפע פּלעגט פּרײַטיק אין באָד אַ גאָל טאָן אַ ייִדן דעם קאָפּ, אױעקוואַרפן אינמיטן און גײן צום אַנדערן ייִדן.

און ס׳איז געבליבן, אַז דער שוטפעס זאָל הײסן „אַ׳ב׳ג׳ד׳ עט קאָמפּאַניע"...

נאָכדעם האָט זיך אָנגעהױבן בײַ די נײַע שוטפים די צערע־מאָניע פֿון אונטערשרײַבן זיך. פֿריִער פֿון אַלע, געוױינלעך, האָט זיך געבאַסמעט דער באַלעבאָס, מוישע בראָנזנטאָלער, אָנידערגע־לייגט אַ פֿײַנע באַלעבאַטישע כסימע מיט אַ פּאָר קוועטשלעך און מיט אַ באַלעבאַטיש דריידל. נאָך אים האָט זיך באַדאַרפֿט אונטער־שרײַבן ארקאַדי שווייצער, האָט ער געזאָגט, אַז קאָליאַמאָוו האָט ער ליב זיך באַסמענען צום לעצט; לאָכײַן זאָל זיך טשעדעלי מויכל זײַן באַסמענען פֿריִער. און אַז דער מעכאַבער אַלײן האָט זיך שוין צעשרײַבן פּײַנטשיק מיט אַ היפּש דריידל און מיט אַ שײנעם ציק, װי עס פּאַסט פֿאַר אַ שרײַבער, און ס׳איז געקומען צו ארקאַדין, האָט ער גענומען די פּען צווישן די פֿינגער, װי מע נעמט אַ פּראָפּן־ציִער אַף אַרויסצושלעפּן אַ קאָרק פֿון אַ פּלעשל, און האָט אָנ־געדראַפּעט פּאַוואָלינקע אַפן פּאַפּיר עטלעכע פּאַסיקלעך מיט אַ צוויי־דרײַ רעדעלעך, און אױסגעלאָזט מיט אַ קלעק; — די דאָ־זיקע כסימע האָט געקאָנט מאַכן וואָס איר ווילט אין דער וועלט, נאָר ניט „ארקאַדי שווייצער". און בעשאַסמײַסע האָט ארקאַדי רעכט געשוויצט און געזאָגט, אַז מאַכמעס ער האָט ייִנגלווײַז זײער אַ סאַך

געשריבנ, האָט דאָס אימ שטארק געשאדט צו דער רוּע. האָבנ אימ די דאָקטוירימ אָנגעזאָגט, ער זאָל זיכ היטנ פונ א פענ, ווי אינ אויג א שטאָכ. נאָר האלעווײַ, זאָגט ער, וואָלט ער געהאט דאָס געלט, וואָס ער וואָלט נאָכ געקאָנט פונדעסטוועגנ אפנ ניכטערנ הארצנ אָנשרײַבנ מיט הוילע ציפערנ אליינ!

און די דרײַ שכיינימ, וואָס האָבנ געשלאָסנ שותפעס, האָבנ זיכ שפעט, מיטנ טאָגלעכנ שײַנ, אָפגעזעגנט, זיכ געווינטשעוועט א גוטע-נאכט מיט זיסע כאלוימעס, זיכ אויסגעטאָנ אונ געלייגט שלאָפנ, אונ גאָט ווייסט, אויב אפ דער גאנצער וועלט זײַנענ געווענ אזעלכע דרײַ צופרידענע מענטשנ, וואָס זאָלנ שלאָפנ אזוי זיס, אזוי געשמאק, אונ זאָלנ זענ אזעלכע זיסע גילדענע כאלוימעס, ווי עס האָבנ געזענ אינ דער דאָזיקער נאכט, אינעמ דאָזיקנ שטארק-אָנגערויכערטנ פינצטערנ כיידערל, קימאט אונטערנ דאכ, אונדזערע דרײַ פארשוינענ.

1903

מײַן ערשטער ראָמאַן

דאָס ערשטע קאַפּיטל

די ערשטע שטעלע און דער קויעך פֿון פּראָטעקציע

וו ער עס האָט פֿאַרזוכט דעם טאַם פֿון זיצן שפּעט באַנאַכט א הונגעריקער בא א שמעלצנדיק ליכטל, אײַנגעהילט אין א צעריסן פּעלצל, און כאַזערן גראַמאַטיקע: אימעניטעלני — ביעלי כוויעזשי כליעב; ראָדיטעלני — ביעלאַהאָ סוועזשאַהאָ כליעבאַ; דאַטעלני — ביעלאָמו סוויעזשעמו כליעבו, און בעשאַסמײַסע זאָל זיך גלוסטן כאָטש א שוואַרץ אָלטגעבאַקן שטיקל ברויט — און ס'איז ניטאָ... ווער עס האָט פֿאַרזוכט דעם טאַם פֿון שלאָפֿן אַף א האַרטער באַנק מיט א ווײַכן קולאַק צוקאָפּנס, און דאָס לעמפּל טשאַדעט, און דאָס קינד וויינט, און די אַלטע וואָרטשעט... ווער עס האָט פֿאַרזוכט דעם טאַם פֿון א פּאָר שטיוול, וואָס אײַן אָפּצאַס איז אָפּגעשפּרונ־

גענ און א פאָרמעטקע שלעפט זיכ נאָכ און קוואטשקעט, און איר
קאָנט פונ איר בעשומויפנ ניט פאָטער ווערנ... ווער עס האָט פאר־
זוכט דעמ טאמ פונ אָפטראָגנ דעמ זייגער אינ לאָמבארד ארײַנ, און
דער לאָמבארד וויל אימ ניט אָנעמענ, מאכמעס די קאָפערטע איז
ניט פונ רייִנ זילבער און די געדערימ זײַנענ ניט ווערט קיינ פי־
דער... ווער עס האָט פארזוכט דעמ טאמ פונ בעטנ בא א גוטנ־
פרײַנט א גמילעסכעסעד, און ער לאָזט זיכ לאנג ניט בעטנ, לייגט
ארײַנ די האנט אינ קעשענע און כאפט ארויס דאָס בײַטעלע און
שווערט אײַכ, אז ער האָט ניט א גראָשנ... ווער עס האָט דאָס
אלצדינג פארזוכט, אליינ איבערגעלעבט, — דער וועט מיכ
עפשער פארשטיינ, וויאזוי מיר איז געווענ אפ דער נעשאָמע,
אז איכ האָב באקומענ א שטעלע — די ערשטע שטעלע — פונ
צוועלפ קארבנ א כוידעש מיט קעסט און קווארטיר און אפ אלעמ
גרייטנ!

וויאזוי איכ האָב די שטעלע באקומענ — וויל איכ אײַכ נישט
באמיִענ, און איכ מיינ, אז איכ בינ גאָרנישט מעכויִעו אײַכ אלצ־
דינג דערציילנ, אז איכ האָב א פעטער, און דער פעטער האָט א
מומע, און די מומע האָט א באקאנטנ, און דער באקאנטער האָט א
קאָרעוו, און דער קאָרעוו האָט א מעכוטנ זייער א רײַכנ, נאָר א
פראָסטנ באלעבאָס, וואָס וווינט אינ א דאָרפ, האָט א זונ א בענ־
יאָכיד און זוכט א לערער אפ ייִדיש און אפ רוסיש און אפ דײַטש
און אפ בוכהאלטעריע, און זאָל זײַנ א טאטנס א קינד, און זאָל
קאָסטנ וואָלוול — פונקט אָנגעמאָסטנ פאר מיר! און איכ האָב אָנ־
געווענדט אלע מײַנע קויכעס און איכ בינ אוועקגעלאָפנ צומ פע־
טער און האָב געבעטנ דעמ פעטער, ער זאָל בעטנ די מומע, אז זי
זאָל בעטנ דעמ באקאנטנ, אז ער זאָל בעטנ דעמ קאָרעוו, אז דער

קאָרעוו זאָל פּויעלן בא זײַן מעכוטן דעם רײַכן באלעבאָס, אז ער זאָל נעמען מיך, ניט קיין אנדערן, וואָרעם אכוץ מיר איז פאראן אין מאזעפּעווקע נאָך אזעלכע באָכערימלעך, וואָס קענען יִידיש און רוסיש און דײַטש און בוכהאלטעריע, און וואָס זײַנען אויך גרייט צו פאָרן אין דער וועלט ארײַן, אבי א שטיקל ברויט. נישט אזוי גיך האָט מײַן באלעבאָס ארויסגערעדט דאָס גוטע וואָרט, אז ער נעמט מיך; ער האָט זיך לאנג געשלאָגן מיט דער דייע: ערשטנס, צי זאָל ער נעמען א לערער, צי ניין? און צווייטנס, אויב נעמען, צי זאָל ער נעמען מיך, צי אן אנדערן? ביז גאָט האָט געהאָלפן, ס'איז בא אים געבליבן, אז ער זאָל יאָ נעמען, און דער גורל איז געפאלן אף מיר, מאכמעס די קענטעניש (אזוי האָט ער געזאָגט) שפּילן בא אים א קליינע ראָליע; קענערס, האָט ער געזאָגט, זײַנען הײַנט פאראן ווי די הינט; דער איקער איז בא אים, אז דער לערער זאָל זײַן „א טאטנס א קינד". און אזוי ווי איך בין א טאטנס א קינד, דערפאר „נעמט ער מיך". אזוי האָט ער מיר געזאָגט, מײַן נײַער פּרינציפּאל. נאָר איך האָב מוירע, אז ער האָט געזאָגט, מעכילע, ליגן: מײַנע איבעריקע קאָנקורענטן זײַנען אויך „טאטנס קינדער" נישט ווינציקער פון מיר. נאָר וואָס דען? זכוס־אָוועס, פּראָטעקציעס.

יאָ, גרויס און שטארק איז דער קויעך פון פּראָטעקציע! און אז ווייל איז דעם מענטשן, וואָס האָט א פעטער, וואָס ער האָט א מומע, וואָס זי האָט א באקאנטן, וואָס יענער האָט א קאָרעוו, וואָס ער האָט א מעכוטן א רײַכן באלעבאָס, וואָס וווינט אין א דאָרף און האָט א בעניאָכיד און זוכט א לערער אף יִידיש און אף רוסיש און אף בוכהאלטעריע, און זאָל זײַן „א טאטנס א קינד", און ס'זאָל קאָסטן וואָלוול!..

דאָס צווייטע קאַפּיטל

מײַנ פּרינציפּאַל פּאַרוויגט מיכ מיט זײַנע גוזמעס, אונ איכ כאַפּ אַ דרימל

ווער איז געווענ מײַנ פּרינציפּאַל? וואָס איז ער געווענ? וואָס פאַר אַ פּאָנעמ האָט ער געהאַט: צי אַ הויכער, צי אַ נידעריקער? צי אַ דינער, צי אַ גראָבער? צי אַ געלער, צי אַ שוואַרצער? איכ מיינ, אַז ס׳איז אײַכ ניט אַזוי נייטיק צו וויסנ. וויאַזוי מע רופט אימ — איז אײַכ, דאַכט מיר, אויכ ניט נעגייע אינ לעבנ. עס קאָנ זײַנ, אַז ער לעבט נאָכ ערגעצ, פּאַסט מיר גאָר ניט, איכ זאָל אַרויסשטעלנ דעמ נאָמענ זײַנעמ. לאָמיכ אײַכ בעסער איבערגעבנ דעמ שמועס, וואָס מיר האָבנ געהאַט דאָס ערשטע מאָל, בעשאַס ער האָט מיכ גענומענ צו זיכ אינ וואָגנ אַרײַנ — אַ גאַנצ פײַנער עקיפּאַזש מיט צוויי שיינע פערד — אונ האָט מיכ מעכאַבעד געווענ מיט אַ ציגאַר — די ערשטע ציגאַר, וואָס איכ האָב אַפּ מײַנ לעבנ פאַרייכערט אונ וואָס האָט מיכ אָפּגעקוילעט אַפּ אייביק.

— פאָרט איר אַרויס, הייסט דאָס, יונגערמאַנ, דאָס ערשטע מאָל פונ שטאָט אינ דאָרפ אַרײַנ? — אַזוי מאַכט ער צו מיר, אונ קוקט אַפּנ גרויענ אַש פונ דער שוואַרצער ציגאַר. — איר קערט אַ־זוי־אַדע מיינענ, יונגערמאַנ, אַז אַ דאָרפ איז מי־יעדייע וואָס, אונ מיר, דאָרפ־ייִדנ, ווייסנ ניט וואָס גוט איז? איר וועט זיכ פאַרגינענ אָנקוקנ, יונגערמאַנ, אַ זיצעכצ פונ אַ דאָרפ־ייִד, אַ שטוב מיט אַ הויפ מיט אַ גאָרטנ — אַ פּאַלאַצ, אַ דוואָרעצ! כאַדאָרימ אונ כאַדאָרימלעכ, איכ זאָל אײַכ זאָגנ, יונגערמאַנ, בעלי־גוזמע, קימאַט

ביז צוואנציק. וואָס זאָג איכ צוואנציק? אריבער דרײַסיק! אײַ, צו וואָס דארפ איכ אזויפיל כאדאָרימ? איכ ווייס אליינ ניט: צוליב די געסט. עס קומענ צו מיר אָפטמאָל געסט. וואָס זאָג איכ אָפט־מאָל? אלע וואָכ, אלע טאָג. ניטאָ דער טאָג, סע זאָל ניט קומענ קיינ גאסט, צוויי געסט, דרײַ געסט, אונ נאָכ וואָסערע געסט! א פּאָרעצ, א פּריסטאוו, אנ איספּראווניק, א מיראָוווי... איכ לעב מיט זיי אלע זייער גוט. לאָמיכ האָבנ די בראָכעס, וויפל מאָל סע מאכט זיכ: איכ זע א קארעטע מיט פיר פערד פאָרט צו גלײַכ צומ גאנעק; פרעג איכ: ווער איז דאָס געקומענ? זאָגט מענ מיר: יעוואָ פּרעוואָס־כאָדיטעלסטוואָ, דאָס הייסט דער גובערנאטאָר אליינ... נו, קאָנ מענ ניט זײַנ קיינ דאָווראכער, אונ מע מוז אימ אופנעמענ, ווי סע קער צו זײַנ, אימ אָפּטרעטנ די גרעסטע כאדאָרימ מיטנ גאנצנ גאָרטנ. אונ בא מיר א גאָרטנ — מעג מענ אימ אָנקוקנ! א וואלד, ניט קיינ גאָרטנ! מײַנע עפּל, מיט מײַנע בארנ, מיט מײַנע פלוימענ! הײַנט ווײַנטרויבנ? אלצדינג איז בא מיר, באָרעכאשעמ, פאראנ אייגנס: וווישניק פונ מײַנע ווײַנשל, אונ ווײַנ פונ מײַנע ווײַנטרויבנ, אונ ראָזינקעס אייגענע, אונ אפילע פיש אויכ אייגענע פונעמ איי־גענעמ טײַכ, אונ נאָכ וואָסערע פיש, קאָרעסנ אונ קארפּנ אונ שלײַענ אונ לעשטשעס — לעשטשעס אָט אזעלכע אָ... — דערבײַ טוט מײַנ פּרינציפּאל א מאכ מיט בײדע הענט אינ דער ברייט, אונ איכ בייג זיכ אָנ א ביסל אפּ א זײַט, בײכדיי איכ זאָל אימ קאָנענ דורכלאָזנ זײַנע לעשטשעס...

ער הערט נישט אופ צו דערציילנ גוזמעס, אונ איכ האָרכ, האָרכ מיט קאָפּ, שלינג, שלינג די ווערטער. די קארעטע וויגט זיכ ווי א וויג־בעטל, די פערדלעכ שמײַסנ מיט די ווײדלענ אונ לויפנ אָנ אנ אָפּשטעל, אונ איכ קאָנ אײַכ אקוראט ניט זאָגנ,

צי פונעם וויגנ זיך אינ דער ווייכער קארעטע, צי פונ די פערדס שמײַסנ מיט די ווײדלענ, צי עפשער פונעם פרינציפּאלס גוזמעס — איך הייב אָנ צו כאַפּנ א דרימל... עס איז א שיינע ווארעמע זומער־נאכט! א גרינג ווינטל פארגאנווועט זיך אלעמאָל אונ טוט מיך א שמיר, א גלעט, ווי מיט סאמעט, איבערנ פּאָנעם, אונ איך ווער אנשלאָפנ, אונ פונעם שלאָף הער איך, אז מײַנ פרינציפּאל כראָ־פּעט געשמאק.

אז מיר זײַנענ געקומענ צו פאָרנ אפנ אָרט, האָט שוינ די זונ געהאט אײַנגעפאָרנ א שטיק הימל; רײנ איז זי געווענ, די יעפּויר־פּע, רײנ אונ לויטער, ליכטיק אונ לעבעדיק, געשמייכלט צו מיר גאָר פרײַנטלעך אונ אָפּגעגעבנ מיר אפנ נײַעמ אָרט א שיינעמ, א ברייטנ גוט־מאָרגנ.

דאָס דריטע קאפּיטל

א צעטל פונ ליגנערס, א קאלטער קוק אונ א ווארעמע רעקאָמענדאציע

פאראנ אלערליי מינים ליגנערס אפ דער וועלט. פאראנ ליג־נערס אזעלכע, וואָס קיינער גלויבט זיי ניט, קיינער שלעפּט זיי ניט פאר דער צונג, נאָר גלאט אזוי — ס׳איז דאָ א מויל אונ סע רעדט. צווישנ די דאָזיקע ליגנערס זײַנענ פאראנ דרײַערליי מינים: א ליג־נער אפ נעכטנ, א ליגנער אפ הײַנט אונ א ליגנער אפ מאָרגנ. דער נעכטיקער ליגנער וועט אײַך דערציילנ באָבע־מײַסעס, וואָס נישט געשטויגנ, נישט געפלויגנ; ער וועט אײַך שווערנ, אז ער איז דער־

בײַ אַליין געווען — און גייט זײַט בויקער־ווערדירעש, זוכט איי־
דעם, לייקנט אים אָפּ!.. אַ הײַנטיקער ליגנער — דאָס איז ניט
קיין ליגנער, אייגנטלעך, נאָר אַ באַרימער; ער וועט אײַך דערציילן,
אַז ער האָט, אַז ער ווייסט, אַז ער קאָן — און גייט פאַרהערט זיך
מיט אים!.. דער מאָרגנדיקער ליגנער — דאָס איז גלאַט אַ גוטער
מענטש, וואָס זאָגט אײַך צו גילדענע בערג: ער וועט גיין, ער
וועט ריידן, ער וועט טאָן פּונקטערטוועגן — און איר דאַרפט
אים גלייבן אַפּ נעמאָנעס. די אַלע דרײַ מינים ליגנערס ווייסן, אַז
זיי זאָגן אַ ליגן, נאָר עס מאַלט זיך זיי אויס, אַז יענער גלייבט זיי.
פאַראַן אָבער אַזאַ מין ליגנער, וואָס בעשאַס ער זאָגט אָפּ דעם
ליגן, מיינט ער אַליין, אַז ער האָט געזאָגט אַן עמעס און איז איי־
בערצײַגט, אַז יענער מיינט אויך, אַז ס'איז אַן עמעס, און בעשאַס־
מײַסע האָט ער בעעמעס האַנאָע. דאָס איז אַ מענטש, וואָס לעבט
אינעם אוילעם־האַדימיען, אַ מענטש, וואָס פאַנטאַזירט. מע קאָן
זאָגן: דאָס איז אַ מין מעכאַבער, וואָס קלערט אויס אַלעמאָל
אַ נײַע מײַסע, פאַרגעסט, וואָס ער האָט נעכטן דערציילט, און די
פאַנטאַזיע אַרבעט בײַ אים אַלעמאָל אַ פרישן געדאַנק, אַ שפּאָגל־
נײַע אידיי.

אָט פון דעם לעצטן מין ליגנערס איז געווען מײַן פּרינציפּאַל.
איר פאַרשטייט שוין אַליין גאַנץ גוט, אַז פונעם דוואָרעץ האָט זיך
אויסגעלאָזט אַ גאַנץ געוויינלעכער הויף, פונעם פּאַלאַץ — אַ גאַנץ
געוויינלעכע שטוב מיט אַ סאַך ווינציקער פון דרײַסיק כאַ־
דאָרים און כאַדאָרימלעך. דער גאָרטן איז געווען אַ גאַנץ גע־
וויינלעכער גאָרטן, אַפּן אָרט פון ווײַנטרויבן זײַנען געווען גרינע
אַגרעסן, אַפּן אָרט פון ווײַן — פּאַשעטער עפּל־קוואַס, און אַפּן
אָרט פון די גרויסע לעשטשעס זײַנען געווען קליינע העכטלעך,

אי דאָס — ניט פונעם אייגענעם טײַך, נאָר געבראַכטע פון מאַרק.

באַגעגנט האָט אונדז אַ גראָבע ייִדענע מיט אַ פּאַק שליסלען. דער קוק, וואָס זי האָט אַף מיר געוואָרפן, איז געווען אַ קאַלטער קוק, און מע קאָן ניט זאָגן, אַז ס'איז מיר געווען זייער שטאַרק אָנגענעם. דער דאָזיקער קוק האָט באַטײַט: „וואָס איז דאָס פאַר אַ שלימאַזל?"... מײַן באַלעבאָס האָט דעם קוק פאַרשטאַנען און האָט מיט אַ כניפּעלע ווי פאַרענטפערט זיך פאַר איר:

— דאָס האָב איך געבראַכט אַ נײַעם לערער פאַרן „קינד"... ווו איז דאָס „קינד"?

— דאָס קינד שלאָפט נאָך, — האָט זי אים געענטפערט מיט אַ קאָל פון אַ מאַנצבל און האָט מיך מעכאַבעד געווען מיט נאָך איין קאַלטן קוק, וואָס קאָן פאַרקילט ווערן פון אים אין די געדע־רים. אַ גליק, וואָס דער פּרינציפּאַל האָט געהייסן, מע זאָל עפּעס געבן צום טיש, און האָט מיך באַזעצט נעבן זיך און האָט מיר אין עטלעכע מינוט, ביז מע האָט דערלאַנגט דעם סאַמאָוואַר, אויס־דערציילט וואָס זײַן זון קען, ווי גוט ער לערנט און ווי שיין ער שרײַבט.

— זײַן שרײַבן האָט אַ שעם! די וועלט טראָגט זיך אַרום מיט זײַנע בריוו! דײַטש איז בא אים די מוטערשפּראַך. הײַנט רעדט ער פראַנצויזיש!

די באַלעבאָסטע מיט די שליסלען האָט דערלאַנגט צום טיש קעז און פּוטער און סמעטענע און מילך און האָניק, און נאָך גוטע זאַכן, און עס וואָלט געווען גאָר ניט שלעכט, ווען זי זאָל אַליין זיך ניט געווען אַוועקזעצן אַנטקעגן און וואַרפן אַף מיר מיט אירע זיסע אויגן. מײַן פּרינציפּאַל האָט פאַרשטאַנען איר קוק און

האָט איר אַפּ אַ מינוט אויסגערעכנט דעם יִכעס מײַנעם, װער איך בין און װאָס איך קען, און איך האָב געפילט, אַז עס ברענט אַפּ מיר דאָס פּאָנעם מיט די אױגן מיטן קאָפּ און מיט די האָר פונעם קאָפּ. נאָך מײַן פּרינציפּאַלס װאַרעמער רעקאָמענדאַציע איז אױסגעקומען, אַז איך בין דעם באַלשעמס אַן אײניקל און קום אַרױס פון סאַמע ראַבאָנים, מעיוכאָסים און גװירים־אַדירים, און קאָנען קאָן איך מער פון אַ סטודענט און פון אַ דאָקטער און פון אַ פּראָפעסער און פון דרײַ פּראָפעסאָרן... צי זי האָט געגלײבט די דאָזיקע פּיזמױנעס — װײס איך ניט. נאָר דער קאַלטער האַרטער קוק אירער איז געװאָרן, דאַכט מיר, אַ ביסל װאַרעמער און װײכער.

דאָס פערטע קאַפּיטל

דאָס „קינד" עסט פאַר דרײַ סאָלדאַטן, און דער לערער גײט אױס פאַר הונגער

דאָס קינד איז געװען אַ הױכער, אַ גראָבער, אַ געזונטער, אַ װײַסער, אַ שײנער, אַ לעבעדיקער, אַ פרײלעכער באָכער, מיט װײַסע רױטפּאַרביקע באַקן, מיט היפּשע פעטע פּיסקעס, מיט אַ הױכן װײַסן שטערן, מיט גוטע גרױע אױגן, מיט פּעכקע װײַסע הענט, װי פּאַמפּעשקעס, און האָט ליב געהאַט דרײַ זאַכן: עסן און שלאָפן און לאַכן. נאָר מער פון אַלץ האָט ער ליב געהאַט דאָס עסן. און עסן האָט מען דאָרט געגעסן פון אינדערפרי ביז באַנאַכט. אַחוץ טײ און קאַװע און איבערבײַסן און אָנבײַסן און

וואַרמעס אונ מיטיק אונ וועטשערע, האָט די מאַמע אַלעמאָל אַרײַנ־געשיקט דעמ „קינד“ אַ גלעזל שאָקאָלאַד, אַ בייגל, אַ קיכל, אַ לע־קעכל, אַ ביסל אײַנגעמאַכטס, אונ אָפטמאָל אַ לעבערל, אַ פּופּעקל, אונ גלאַט אַ שטיקל בולקע, דאָס האַרצ זאָל ניט כאַלעשנ... אונ דער לערער האָט דאָס באַדאַרפט צוזענ, שלינגענ די שליימ אונ פאַרשטילנ דעמ הונגער מיט אַ ציגאַר טיטונ.

די ערשטע צײַט, ביז דער רעבע איז זיכ ניט צונויפגעגאַנגענ מיטנ טאַלמיד, האָט ער געליטנ דעמ עמעסנ טאַמ פונ הונגער, וואָרעמ דעמ טאַלמידס מוטער, די באַלעבאָסטע מיט די שליסלענ, האָט אימ געגעבנ מאַקעס, ניט קיינ עסנ. אינ שטוב האָט זיכ טאָר מער געפונענ עסנוואַרג, אונ איבערהויפּט מילכיקס, לאָרויו, נאָר אַלצדינג איז געווענ אונטערנ שלאָס. דער פּרינציפּאַל פלעגט זיכ אָפטמאָל אַרײַנמישנ, מע זאָל געבנ דעמ לערער עסנ; דערויף פלעגט די באַלעבאָסטע אָנהייבנ קלינגענ מיט די שליסלעכ — אַ סימענ, אַז זי איז אינ קאַס — אונ זאָגנ:

— סטײַטש, ווי דענ? מע גיט אימ עסנ דרײַ מאָל אַ טאָג, האָסטו געהערט אַ ביסל!..

אונ דאָס איז געווענ אַ גרויסער ליגנ! נישט נאָר דרײַ מאָל אַ טאָג — אפילע איינ מאָל ניט. איכ האָב וויפל מאָל באַמערקט פונ־דערווײַטנ, ווי מע וואַרפט אַרויס שטיקער פלייש, ווי מע גיסט אויס קריגלעכ מיט מילכ — אינ דער צײַט, ווענ איכ האָב געכאַלעשט באַ זיכ אינ כיידער נאָכ אַ שטיקל ברויט. די טעג, וואָס דער פּרינ־ציפּאַל איז ניט געווענ אינ דער היימ, בינ איכ פּאַשעט אויסגע־גאַנגענ פונ הונגער. מײַנ גליק איז געווענ, וואָס איכ בינ באַצײַטנס געוואָרנ כאַווער מיט מײַנ טאַלמיד.

דאָס פינפטע קאַפּיטל

דער רעבע מיטן טאַלמיד שלאָגן בלאַט און מע לעבט א גוטן טאָג

— אויב איר ווילט זיך האַלטן דאָ און מיר זאָלן זײַן כּאַ־ווער, — אַזוי האָט זיך אָנגערופן איינמאָל אין אַ פרימאָרגן צו מיר דאָס „קינד", בעשאַס מיר זײַנען געזעסן אַליין אין אונדזער באַ־זונדער כיידער מיט אָפענע פענצטער אין גאָרטן אַרויס, — אויב איר ווילט, מיר זאָלן זײַן כאַווער און איר זאָלט ניט אַוועקפאָרן, זאָלט איר די ספאָרים מיט די ביכער פאַרוואַרפן אונטערן טיש, און אַליין זאָלן מיר אָדער שפּילן אין „דאַמקעס", אָדער אין „זעקס־און־זעכציק", אָדער מיר זאָלן זיך גאָר אויס־ציִען אַף די בעטלעך מיטן פּאָנעם אַרויף און שפּײַען אַף דער סטעליע.

און נישט לאַנג געטראַכט, נעמט מײַן טאַלמיד און טוט אַ שלײַדער די ספאָרים מיט די ביכער אונטערן טיש, טוט זיך אַ וואָרף אַפן בעטל מיטן פּאָנעם אַרויף און טוט אַ שפּײַ דורך די ציינער, נאָר אַזוי קונציק, אַזוי בעריִיש, אַז ער דערלאַנגט גלײַך צו דער סטעליע, און מיר ביידע הייבן אָן לאַכן.

פון דעמלט אָן איז אַוועקגעגאַנגען בײַ אונדז אַ לעבן, ווי גאָט אין אָדעס. דער טאַלמיד האָט אויסגעלערנט דעם רעבן שפּילן אין „דאַמקעס" און „זעקס־און־זעכציק" (איך בין זיך מוידע, אַז ביז דעמלט האָב איך ניט געוווּסט קיין צורע פון קיין קאָרט, און אַז איך האָב מיך באַקענט מיט דעם שפּיל, האָב איך ליב געקריגן אַ קערטל דאָס כּעס!). דער רעבע האָט געשלאָגן בלאַט מיטן טאַלמיד און האָט פאַרוואָרפן אַלע ספאָרים מיט אַלע ביכלעך און

האָט געשפּילט מיטן טאַלמיד אין „דאָמקעס” אָדער אין „זעקס־און־זעכציק”, אָדער געלעגן און געשפּיגן אַף דער סטעליע, אָדער גע־געסן איניינעם מיט אים, פאַרזוכט פון אַלע מײַכאָלים צו ביס־לעך, און האָט זיך אַרום אים גוט אונטערגעפּיטערט. אין אַ פּאָר באַדאָשים אַרום האָט ער פאַרבײַגייענדיק אַ קוק געטאָן אַף זיך אין שפּיגל, דערזען אַ פּאָר באַקן — און האָט זיך אַליין ניט דערקענט...

צו אונדז אין כיידער איז נישט אַרײַנגעקומען קיינער, אַחוץ דער דינסט מיט עסנוואַרג. מײַן פּרינציפּאַל איז זעלטן געווען אין דער היים, און די באַלעבאָסטע מיט די שליסלען האָט געהאַט צו טאָן טאָג ווי נאַכט מיטן מילכיקס און מיט די קריגלעך און האָט ניט אַרײַנגעשמעקט צו אונדז. מיר האָבן דאָס געלעבט בעעמעס אַ גוטן טאָג, געווען פראַנק און פרײַ, נישט געהאַט אַף זיך קיין שום אָל פון קיין שום זאַך און פון קיין שום מענטשן — מאַמעש אַ גאַנײידן!

נאָר איינמאָל האָט מיך דער פּרינציפּאַל אַ כאַפּ געטאָן:

— נו! וויאַזוי לערנט ער?

— אויסגעצייכנט! — זאָג איך און פאַרקרים זיך ניט אפילע.

— איאָ? וואָס האָב איך אײַך געזאָגט? — מאַכט ער צו מיר, און איך וווּנדער זיך, וויאַזוי איך קוק אים גלײַך אין די אויגן אַרײַן.

אין דער דאָזיקער שטובּ, ווו איינער האָט גענאַרט דעם אַנ־דערן, ווו אַלע האָבן געפאַלשט, געזאָגט ליגן, ווו דער שעקער איז געהאַנגען אויבן אויף, געשוועבט, זיך געלאָזט הערן אין דער לופט — אין דער דאָזיקער שטוב האָט מען געקאָנט זיך אויס־לערנען זאָגן אַ ליגן.

דאָס זעקסטע קאַפּיטל

די ערשטע ליבע־בריוולעך צווישן כאָסן־קאַלע, און דאָס ערשטע פּיערל ציגנדט זיך אָן

איינע ארבעט איז בא אונדז יאָ געווען: אָפּנעמען די פּאָסט און ענטפערן אַף די בריוו. און בריוו האָבן מיר געהאַט קימאַט אַלע טאָג; איך זאָג „מיר" האָבן געהאַט, ווײַל מיר ביידע האָבן באַדאַרפט אַף זיי געבן טשוווע. די בריוו זײַנען געווען געשריבן צו מײַן טאַלמיד פון זײַן פילגעליבטער קאַלע, כאָטש ער אַליין האָט זיך מיר מוידע געווען, אַז ער האָט זי ווינציק וואָס ליב.

טכילעס זײַנען די בריוו געווען ניט אַזוי אָפט — איין מאָל אין צוויי וואָכן, איין מאָל אין וואָכן; נאָר פון זינט איך בין אָנגעקומען, איז דאָס שרײַבן געוואָרן פאַרגרינגערט, און די בריוו האָבן אָנגעהויבן גיין הין און צוריק אָפטער.

— נאַט לייענט איבער און ענטפערט איר אָפּ. וואָס דולקט זי מיר א מויעכן! — אַזוי האָט מיר מײַן טאַלמיד איינמאָל געזאָגט און א וואָרף געטאָן מיר אין פּאָנעם ארײַן זײַן פילגעליבטער קאַלעס א בריוול.

איך האָב איבערגעלייענט דאָס בריוול, און ס'איז מיר געפעלן געוואָרן וואָס זי שרײַבט:

מײַן ליבער טײַערער כאָסן! דו ווייסט, עס האָט זיך מיר צוגעגעסן דײַנע גרוסן, וואָס זײַנען געראָטן איינס אינעם אַנדערן, ווי איינע מאַמע וואָלט זיי געהאַט, ווי צוויי טראָפּן וואַסער, וואָס

גייען פון איין טײַך. איך װיל הערן פון דיר עפּעס אַ פריש װאָרט, אַזאַ װאָרט, װאָס זאָל מיר דערװאַרעמען דאָס האַרץ און באַלײַכטן די נעשאָמע. צו קאַלט איז דאָס האַרץ, צו טונקל די נעשאָמע!..

פון מיר דײַן געטרײַע קאַלע...

איך האָב ניט לאַנג געטראַכט און האָב דערויף אָפּגעענטפערט פאַר מײַן טאַלמיד בעזע האַלאַשן:

מײַן ליבע געטרײַע קאַלע! דו שרײַבסט מיר, אַז מײַנע װערטער זײַנען געראָטן איינס אינעם אַנדערן, װי איין מאַמע װאָלט זיי געהאַט; װי קאָן דען אַנדערש זײַן, אַז איין געפיל האָט זיי געבוירן? דו זאָגסט, אַז זיי זעען אויס, װי צװיי טראָפּן װאַסער, װאָס גייען פון איין טײַך; װי קאָן דאָס אַנדערש זײַן, אַז זיי גייען פון איין קװאַל, פון איין האַרצן? דו בעטסט בײַ מיר אַ פריש װאָרט; קאָן דען זײַן פרישער װי דאָס װאָרט „ליב"? קאָן דען זײַן ניט ליכטיק אויף דער נעשאָמע, אַז איך דערמאָן זיך אין דיר, טײַערע קאַלע?!

פון מיר דײַן געטרײַער כאָסן...

דערויף האָבן מיר אינגיכן באַקומען אַ טשװוּע:

ליבער טײַערער כאָסן!

דײַנע זיסע װערטער האָבן מיך איצטיקס מאָל דערפרישט און דערװאַרעמט, און ס'איז מיר ליכטיק געװאָרן אין אַלע װינקעלעך. איך װאָלט געמעגט שװערן, אַז איך האָב דערהערט אַ נײַ מין געזאַנג, אַ גאַניידן־מעלאָדיע פון אַ טײַערער, אַ ליכטיקער נעשאָמע,

און איך האָב דערפילט עפּעס ווי א נײַע הויט אף זיך. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז עס וואַקסן בא מיר פליגל, און איך שוועב, איך שוועב אינדערלופטן, און א גאנצע קאַפּעליע מאַלאָ־כים גייען מיר אנטקעגן, באַגריסן מיך, טראָגן מיר א גרוס פון מײַן ליבן טײַערן זיסן כאָסן, וואָס שרײַבט אזעלכע זיסע ווערטער, וואָס מײַן האַרץ און מײַן נעשאָמע זײַנען אים אינגאַנצן, אינגאַנצן איבערגעגעבן פון איצט אָן אף טאָמעד, אף אייביק!

פון מיר דײַן דיך ליבנדע
און טאָמעד געטרײַע קאַלע...

ליבע, זיסע, טײַערע און געטרײַע נעשאָמע מײַנע!

ניין, דו האָסט זיך נישט טויע געווען, מײַן טײַערע קאַלע! נישט קיין פּאָשעטע קאַלטע ווערטער זײַנען דאָס געווען, נאָר גע־פילן, וואָס גיסן זיך אַרויס גלײַך פונעם האַרצן און גיסן זיך אַרײַן צו יענעם; פּעדעמ, וואָס צִיִען זיך גלײַך פון דער נעשאָמע און ציִען צו צו זיך און פאַרבינדן און פאַרקניפּן צוויי יונגע נעשאָ־מעס אף שטענדיק, אף אייביק, אף אייביק. אָט די־אָ־יענע אייגענע קאַפּעליע מאַלאָכים, וואָס האָבן דיר אָפּגעגעבן א גרוס פון מיר, האָבן מיר געבראַכט צו טראָגן פון דיר נאָך א סאַך א פרײַנטלע־כערן גרוס, און מיט דער אייגענער קאַפּעליע מאַלאָכים שיק איך דיר איבער איצטער, מײַן טײַער האַרץ, א הייסן קוש, א הייליקן קוש פון דײַן אייביקן, אייביקן פרײַנט, וואָס טראָגט דײַן ליכטיק געשטאַלט בא זיך אין האַרצן טאָמעד, אף דער וואָר און אין חלום.

פון מיר דײַן ברענענדיק פאַרליבטער כאָסן...

דאָס זיבעטע קאַפּיטל

מאַטעריאַל פאַר אַ נײַעם בריוונשטעלער

א פונק ווערט אומגערן פארטראָגן גאָט ווייסט פונוואַנען און פאַלט אַף אַ שטרויענעם דאַך, צינדט זיך אָן פון דעם אַ פײַערל; קומט דער ווינט און צעבלאָזט דאָס פײַערל, און עס ווערט אַ העליש פײַער, אַ סריפע, אַ סריפע!

די ערשטע בריוולעך זײַנען געווען דער ערשטער פונק, וואָס האָט זיך צעבלאָזן, צעברענט און צעפלאַקערט אין אַ העליש פײַער. די בריוולעך זײַנען געווען וואָס ווײַטער אַלץ הייסער און הייסער; דאָס פײַער איז געוואַקסן יוואָס ווײַטער אַלץ גרעסער און שטאַרקער. עס האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסע, אַ מוירעדיקע סריפע בײַ מיר אין האַרצן, אַ פײַער האָט זיך צעוואָרפן אין מײַן גאַנצן לײַב, אָנגעצונדן אַלע מײַנע נערוון, אופגעזאָדן און אופגעקאָכט מײַן בלוט, מיך געמאַכט קראַנק, אוים מענטש. איך האָב פאַרלאָרן דעם אַפּעטיט צום עסן, איך האָב אופגעהערט שלאָפן, איך בין אַרומגעגאַנגען ווי אַ צעדולטער. מײַן נעשאָמע איז געלעגן דאָרטן, אין די בריוולעך, און אין זיי טאַקע איז געווען מײַן איינציקע טרייסט און מײַן פרייד. אַ בריוו אַז עס פלעגט אָנקומען, איז געווען בײַ מיר אַ יאָמטעוו; איך האָב דעם בריוו געעפנט, איך האָב אים געלייענט און איך האָב אַף אים געענטפערט. מײַן טאַלמיד האָט נאָר באַדאַרפט איבערשרײַבן מיט זײַן האַנט, און איך האָב אים באַדאַרפט אונטערטרײַבן צו דער אַרבעט. און וויפל האָט דאָס מיך געקאָסט בלוט, אַז איך האָב באַדאַרפט טראָגן דעם ווייטעק אינווייניק בײַ זיך אין האַרצן טיפ־טיפ פאַרבאָרגן, זיך באַהאַלטן בעכאַדריי־כאַדאָרים מיטן קאָפּ אין קישן און שטילערהייט זיך אויס־

זוינען, אופשטיין און מאכן א פריילעכ פּנעם און זיך זעצן מיט מײַן ליבן טאַלמיד צו דער ארבעט — שפּילן אין „דאַמקעס" אָדער אין „זעקס־און־זעכציק".

איין שטיקל גליק איז געווען, וואָס קיינער האָט נישט באַמערקט אַפּ מײַן פּנעם, אַז איך גיי אויס, אַז איך צאַנק, ווי א ליכט. איין שטיקל גליק, וואָס מײַן טאַלמיד האָט זיך צו מיר ניט אַזוי שטאַרק צוגעקוקט; ווען ער זאָל זיך צו מיר שטאַרק צוקוקן, וואָלט ער מיך געווים געפּאַקט. איך שטעל מיר פאָר, וואָס פאַר א פּנעם איך וואָלט בא אים געהאַט אין די אויגן, ווען ער זעט מיך קושן זײַן קאַלעס בריוולעך פון אַלע זײַטן!.. און וואַזוי קושט מען ניט אַזעלכע בריוולעך? זעט אַליין, וואָס זי שרײַבט צו מיר:

מײַן ענגעל, מײַן נעשאָמע, מײַן טרייסט!

איך דאַרף דיר זאָגן דעם עמעס, איך בין זיך מוידע פאַר דיר, מײַן טײַערער, אַז איך האָב דיך ביז אַהער ניט געקענט. איך האָב מיר קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אַז איך וועל געפינען אין דיר אַזא קוואַל פון סאַמע געהויבענע געפילן, פון סאַמע הויכע געדאַנקען, פון סאַמע טיפן פארשטאַנד, און אַזא אַן אויצער פון וויסנשאַפט! פון דײַנע קלוגע ווערטער זע איך ארוים, ווי ווײַט דו ביסט באַלעזן, ווי ווײַט דו ביסט פול אומעטום!

און עס וווּנדערט מיך זייער, פארוואָס האָב איך דאָס נישט געוווּסט פריִער? דאָס באַווײַזט מיר נאָר דײַן טמימעס מיט דײַן פּראַסטקײַט, וואָס גיבן דיר צו חיין אין מײַנע אויגן נאָך מער ווי ביז אַהער. זאָל איך מיך ניט שעצן פאַר איינע א גליקלעכע, וואָס מײַן גורל איז געפאַלן אַפּ א מענטשן, וואָס אין אים שפּיגלען זיך אָפּ אַלע בעסטע מײַלעס: שיינקײַט, קלוגשאַפט, קענטעניש,

טמימעס און גוטסקייט? דיין גוטסקייט קוקט ארויס פון דיינע זיסע קלוגע ווערטער. דו טוסט מיך באשענקען מיט דיינע ליבע בריוו פון דיין מילדער האנט, און איך דאנק דיר טויזנט מאָל, און איך בעט דיך אַפּ ווייטער נישט פארגעסן

דיין געטרייע און אַפּ אייביק דיך ליבנדע קאַלע...

דערויף האָב איך איר געענטפערט א ביסל פארשטעלט:

מיין טייערע, מיין ליבע, מיין קלוגע און מיין ווילע! דו האָסט מיך ניט געקענט דערפאר, ווייל דו האָסט מיך ניט געזען, און דער, וואָס דו האָסט אים געזען, איז געווען ניט איך, נאָר אַן אָפּשיין פון מיר. שטעל דיר פאָר, אז מיר האָבן זיך נאָרוואָס באקענט, אז מיר האָבן זיך נאָך גאָרנישט געזען, אז מיר ביידע זיינען נייגעבאָרן, און אך! ווי גליקלעך זיינען מיר, וואָס מיר קענען נישט די וועלט, די פאלשע ביטערע וועלט מיט די פאלשע ביטערע מענטשן!..

פון מיר דיין שטערבלעך פארליבטער כאָסן...

האָב איך באקומען פון איר אזא מין ענטפער:

מיין ליבער, מיין טייערער, מיין מאַלעך פון גאָט! דיין זיסן בריוו, וואָס איך האָב פון דיר דערהאלטן, איז פאר מיר געווען א סייפער האכאָסום, א רעטעניש. דו שרייבסט אזוי פארשטעלט, אז איך באדארף מיר לאנג ברעכן דעם מויעך, ביז איך זאָל דיך פארשטיין, און מיר דאכט, אז איך מעג מיך איבערנעמען און זאָגן, אז איך פארשטיי דיך אקוראט. דו זאָגסט, אז מיר דארפן זיך

שעצנ גליקלעכ, וואָס מיר קענענ נאָכ ניט די פאלשע ביטערע וועלט מיט די פאלשע ביטערע מענטשנ. ס'איז א סי־מענ, אז איכ בינ טאקע איינע אנ אומגליקלעכע, וואָ־רעמ איכ קענ שוינ גראדע יאָ די פאלשע ביטערע וועלט מיט די פאלשע ביטערע מענטשנ! אונ ווי זיס איז מיר צו דענ־קענ, אז ס'איז פאראנ כאָטש איינער א לײַטישער אונ א פײַנער, אנ עמעסער, א קלוגער אונ א גוטער מענטש, אונ דער איינער — דאָס ביסטו, מײַנ אויסדערוויילטער באשערטער. זײַ געזונט, מײַנ טײַערער, שרײַב מיר, וואָס לייענסטו אצינד אונ וואָס פאר א ביכער קאָנסטו מיר רעקאָמענדירנ צומ לייענענ? איכ קוועטש דיר די האנט מיט גרויס ליבשאפט אונ בלײַב אפ אייביק

דײַנ געטרײַע, געטרײַע קאלע...

האָב איכ דערופ געענטפערט בעזע־האלאָשנ:

מײַנ לעבנ, מײַנ זעלע, מײַנ גאנײדנ!

אז דו וווּנדערסט זיכ אזוי אפ מיר, הײַנט וואָס פאר א כידעש, וואָס פאר א רעטעניש באדארפסטו שוינ זײַנ פאר מיר? איכ האָב מיר קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט אינ כאָלעמ אפילע, אז איכ זאָל האָבנ אזעלכע בריוו פונ דיר! פונ די געציילטע לאָשנקוידעש־ווער־טער, וואָס וואַרפנ זיכ דורכ אינ דײַנע בריוו, זע איכ ארויס, אז דיר איז ניט פרעמד אונדזער הייליקע שפראכ. אָ, דערפאר אליינ שעצ איכ דיכ אזוי הויכ, אז איכ האָב מוירע, איכ בינ נישט ווערט דײַנ נאָמענ צו דערמאָנענ! איכ קוק אפ דײַנ פאָרטרעט אונ זאָג זיכ אליינ: אָט דאָס איז זי, די עמעסע יידישע טאָכטער! אָט דאָס

איז מײַן אידעאַל און פֿאַר דיך בין איך גרייט אַלע מינוט זיך מאַקריוו זײַן מיט מײַן גאַנצן לעבן! דו פֿרעגסט מיך, וואָס זאָל־סטו לייענען? איך שיק דיר דאָ אַ גאַנץ צעטל פֿון די בעסטע רו־סישע און אויסלענדישע קלאַסיקער, ווי גאָגאָל, טורגעניעוו, טאָל־סטאָי, דאָסטאָיעווסקי, פּושקין, לערמאָנטאָוו, שעקספּיר, געטע, שילער, היינע, בערנע. איך האָף, אַז דו וועסט געוויס האַנאָע האָבן. און שרײַב מיר באַלד ענטפֿער, וואָרעם דער טאָג, וואָס איך האָב פֿון דיר אַ בריוו, איז בײַ מיר אַ יאָמטעוו. לעב וווּל, מײַן טײַערע! לעב וווּל, מײַן געטרײַע! ווי עס ווינטשט דיר פֿון טיפֿן האַרצן

דײַן דיך ליבנדער און איבערגעגעבענער כאַסן...

האָט זי מיר דערויף אַזוי געענטפֿערט:

מײַן קרוין, מײַן שאַץ, מײַן טרייסט, מײַן האַרץ!

איך פֿאַרשטיי ניט, וואָס דו ביסט אַזוי ניספּאָעל געוואָרן פֿון אַ פּאָר לאַשנקוידעש־ווערטער, וואָס דו האָסט באַגעגנט אין מײַנע בריוו! לאַשנ־האַקוידעש — דאָס איז דאָך אונדזער נאַציאָנאַל־שפּראַך, דאָס כומעש — דאָס איז דאָך אונדזער איינציקער נאַציאָ־נאַל־פֿאָנד, אונדזער גאַנץ פֿאַרמעגן! וואָס פֿאַר אַ דאַנק פֿאַרדינט אַ ייִדישע טאָכטער דערפֿאַר, וואָס זי פֿאַרשטייט ייִדיש? שעמען באַדאַרף זיך אַ ייִדישע טאָכטער, אויב זי ווייסט ניט כאָטש עט־לעכע שירים פֿון יעהודע־האַלייווי אויסווייניק; אַ כאַרפּע און אַ בושע באַדאַרף זײַן אונדז אַלעמען, אַז אַ ייִדיש מיידל, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ גימנאַזיע, ווייסט ניט, ווער איז מאַפּו, לעווינזאָן, סמאָלענסקין, גאָרדאָן אוקעדוימע אונדזערע אייגענע קלאַסיקער!..

פאַר דײַן צעטל דאַנק איך דיר פיל מאָל. עס טוט מיר באַנק, װאָס איך האָב די אַלע קלאַסיקער, װאָס דו האָסט מיר אױסגערעכנט, שױן לאַנג דורכגעלײענט אײנײנעם מיט נאָך באַרימטע שרײַבערס און פּאָעטן, װי, לעמאָשל: בײַראָן, סװיפט, סערװאַנטעס, דיקענס, טעקערײ, שעלי, באַלזאַק, דאָדע, הוגאָ, סענקעװיטש, אָרזשעשקאָ, און נאָך און נאָך א סאַך אַנדערע. איך האָב געװאָלט עפּעס נײַס, עפּעס א פרישע זאַך אַפּ צו לײענען, און ניט קײן ראָמאַן, נאָר אַן ערנסט װאָרט.

פאַרבלײַב געזונט, מײַן ליבער און מײַן זיסער, און שאַץ מיך ניט צו הױך, װאָרעם װאָס צו איז איבעריק; איך בין א גאַנץ געװײנלעכע ייִדישע טאָכטער, װאָס איז דיר איבערגעגעבן מיט לײַב און לעבן.

דײַן געטרײַע קאַלע...

האָב איך דערױף געענטפערט...

נאָר טאָמער װאָלט געװען גענוג שױן צו ברענגען בריװ פֿון באָסנס צאַד פֿון קאַלעס צאַד? איך האָב מורא, עס װעט אױסקומען ניט קײן ראָמאַן, נאָר א בריװנשטעלער. איך דאַרף דאָ זאָגן נאָך אײן זאַך: די דאָזיקע בריװ ליגן נאָך אַדאַיאָם בא מיר אין טישקעסטל באַהאַלטן, פאַרוקט העטרוװעט אין א װינקעלע. קײן בענאָדאָם האָט זײ נישט אָנגעקוקט. זײ זײַנען בא מיר טײַער, װי אַלטע־אַלטע קסאָװים, שטילע אײדעס פֿון מײַנע ערשטע פרײדן און לײדן. זײ זײַנען אױסגעטריקנטע אָפּגעבליאַקעװעטע בלומען אַפֿן קײװער פֿון מײַן ערשטער ליבע, פֿון מײַן ערשטן ראָמאַן.

דאָס אכטע קאַפּיטל

איך באָד זיך אין ליגן און גלי ווי אַף פּאָקן

דער מענטש, וואָס איז פאַרליבט, קאָן מען דאָס איבערלייענען בא אים אַפן פּאָנעם, ארויסזען נאָך דער נאָז; מע באַדאַרף זיך נאָר רעכט צוקוקן צו אים, ווי די אויגן בלאָנדזשען בא אים ארום, ווי ער שמייכלט עפּעס מאָדנע, ווי ער ענטפערט נישט צו דער זאַך, ווי ער קוקט אַלע מינוט אין שפּיגל, בייט אַלע טאָג דאָס האַלדזטיכל, און אַז ער גייט, טאַנצט ער, און איז אַ גוטערפריינט דער גאַנצער וועלט — ער זאָל זיך ניט שעמען פאַר לייטן, וואָלט ער זיך צעקושט מיטן קוימענקערער...

נאָך מיר איז אָבער ניט געווען ווער עס זאָל נאָכקוקן. עמעס, אַ פּאָר מאָל האָט מיך מיין טאַלמיד אַ פרעג געטאָן, בעשאַס מיר האָבן געשפּילט אין „דאַמקעס", וואָס בין איך עפּעס אַזוי צעטראָגן, וואָס איך שלאָג מיינע אייגענע ציגלעך? האָב איך מיך געוווּנדערט און געפרעגט: „וואָסערע ציגלעך?" אויך מיין פּרינציפּאַל האָט באַם טיש זיצנדיק מיך אַ כאַפּ געטאָן, וואָס האָב איך אַזאַ שלעכט פּאָנעם? האָט אים די באַלעבאָסטע מיט די שליסלען אַ זאָג געטאָן (קלוימערשט מיט אַ ראַכמאָנעס־פּאָנעם, און אין האַרצן איז איר צוגעקומען אַ שטיק געזונט), אַז פון אַ צייט, אַז דער לערער עסט גאָרניט!..

— וואָס איז די מייסע? — האָט מיך דער פּרינציפּאַל אַ פרעג געטאָן און האָט אַליין געענטפערט פאַר מיר: — ס'איז פון צופיל אַרבעטן, פון צופיל לערנען; גאַנצע טעג זיצט איר פאַרשפּאַרט אין צווייען און לערנט. גייט זיך אַמאָל דורך!..

— ווען האָבן מיר צײַט גיין, אַז מיר האָבן אַזויפֿיל אַר־בעט? — האָט זיך אַרײַנגעמישט מײַן טאַלמיד אַזוי טאַמעוואַטע־נאַזוו, אַז עס האָט זיך מיר געגלוסט אים אָנשפּײַען אין פּאָנעם און אויסשרײַען אַף אַ קאָל:

— גוואַלד, גוואַלד, ייִדישע קינדער, וואָס פֿאַר ליגנערס איר זײַט! אַ ליגנער אַף אַ ליגנער, איין ליגנער גרעסער פֿונעם אַנ־דערן!..

איך האָב דאָס אָבער ניט געזאָגט; אָנשטאָט דעם, וואָס איך זאָל זאָגן דעם עמעס, האָב איך בעסער געזאָגט אַ ליגן:

— איך האָב מיך פֿאַרבענקט אַהיים...

— נישקאָשע, ער מעג בענקען! — האָט מיר מײַן פּרינציפּאַל אונטערגעהאָלפֿן דעם ליגן מיטן גאַנצן קויעך פֿון זײַן רײַכער פֿאַנטאַזיע. — ער האָט נאָך וועמען צו בענקען; זייער מישפּאָכע איז די ערשטע, די איינציקע מישפּאָכע, ניט נאָר בײַ זיי אין שטאָט — מע קאָן זאָגן, אַז אין גאַנצן קאַנט געפֿינט מען ניט אַזאַ מישפּאָכע. דער קאָוונער ראָוו איז, דאַכט זיך, אײַערער אַן איי־גענער געוועזן?

— אַ פֿעטער, — זאָג איך אומפֿאַרשעמט.

— און דער פֿאַרעצער מאַגיד איז, דאַכט זיך, אויך געווען אײַערער אַ פֿעטער?

— אַן עלטערפֿעטער, — זאָג איך.

— און עפּשטיין, דער גרויסער עפּשטיין — וואָס קער זיך מיט אײַך אָן?

— אַ שייני שעבעשלישי, — זאָג איך.

— און רעב מוישעלע האָלפּערין איז, דאַכט זיך, אויך אײַערס אַ פֿרײַנטל...

— פונ דער מאמעס צאַד, — זאָג איך.

— נו, אונ די טאָלטשינער, — זאָגט ער, — די טאָלטשינער גווירים, האָב איך געהערט, זיינענ אייך נאָר נאָענטע קרויווים, דאַכט זיך?

— שוועסטערקינדער, — זאָג איך, — פונ דער מאַמעס צאַד, אייגענע שוועסטערקינדער.

אונ איך בינ העכסט צופרידנ, נישט אזוי מיט מיינע ביי־געבאָרענע קרויווים, ווי מיט דעם, וואָס איך קאָנ מיר זיינ רויק, וואָס איך קאָנ מיר בלייבנ אליינ מיט מיינע זיסע באַלוימעס, מיט מיינע הייליקע געפילנ אונ מיט די ליבע, זיסע, טייערע בריוולעך פונ מיינ טאַלמידס קאַלע, וואָס זיינענ בא מיר טייערער פונ אַלע מיינע אויסגעטראַכטע אונ עמעסע פריינט, פונ אַלע מיינע ווייטע אונ נאָענטע קרויווים.

אָט וואָס זי שרייבט מיר אינ איינעם פונ אירע ווייטערע בריוו:

מיינ איינציקער טרייסט! מיינ מאַלעך פונ הימל!

וואָס זאָל דאָס באַדייטנ, וואָס דו ביסט אזוי טרויעריק? פאַרוואָס זעענ אויס דיינע לעצטע בריוו אזוי מעלאַנכאָליש? לעמיי רעדסטו פונעם טויט? וואָס באַדייטנ דיינע רעטענישנ, וואָס דו לייגסט מיר פאָר? פאַרוואָס זאָגסטו אפ זיך, אז דו ביסט דער אומגליקלעכסטער פונ אַלע אומגליקלעכע? לעמיי זאָלסטו מיר אָנטאָנ אזויפיל יעסורימ? פאַרוואָס זאָלסטו מיר ניט אַנטפּלעקנ יענעמ גרויסנ סאָד, וואָס דו טראָגסט באַהאַלטנ? וואָס פאַר סוי־דעס קאָנענ בא דיר זיינ פאַר דער, וואָס האָט אזוי ליב נאָר

דיך און וויטער קיינעם ניט און וואָס קוקט שוין אַרויס, ציילט שוין די טעג פון אונדזער גיכן גליקלעכן פאַרבינדן זיך אַף אייביק!..

דערויף איז אָוועקגעגאַנגען פון כאַסנס צאַד אַזאַ מין טשוווע:

מיין הייליקע נעשאָמע, מיין שוואַרצאַפּל פונעם אויג! מיין גאָטהייט! איך בעט דיך, זיי מיר מויכל מיינע לעצטע בריוו! פאַרגעס, וואָס איך האָב דיר געשריבן! דו ביסט גערעכט, מיין טייערע, דו ביסט גערעכט. איך טאָר מיך נישט באַקלאָגן, איך טאָר מיך נישט אָנרופן מיט דעם נאָמען „אומגליקלעכער”. אומגליקלעך איז דער, וואָס האָט קיינמאָל נישט ליב געהאַט, וואָס איז קיינמאָל נישט געווען געליבט!.. איך זאָג דיר נאָכאַמאָל, אַז פאַר מיר איז גענוג דיינע בריוו אַליין, פאַר מיר איז גענוג, איך זאָל דערלעבן נאָר איין קוק טאָן אַף דיר — און שטאַרבן... נאָר ניין, איך האָב זיך געגעבן דאָס וואָרט, איך זאָל מער ניט ריידן פונעם טויט! דו ווילסט וויסן יענעם גרויסן סאָד? אוי, ניין, דו וועסט אים ניט וויסן ביז עס וועט קומען די גליקלעכע (אָדער די אומגליקלעכע) שאָ פון זעען זיך פאַר דער כופּע; דעמלט וועסטו געוואָר ווערן פון אַלצדינג... דערווייל זיי מיר געזונט, מיין טייערע, מיין הייליקע, און שרייב מיר, שרייב מיר, שרייב מיר!

דיין אומגליקלעכער גליקלעכער, אָדער דיין
גליקלעכער אומגליקלעכער, וואָס וואָלט אַ באַלן
געווען, די צייט זאָל זיך ציען און ציען...
אייביק און אייביק...

* * * * * * * * * * * * * * * * * *

דאָס נײַנטע קאפיטל

דאָס גרייטנ זיכ צו דער כאסענע און מײַנע נארישע כאלוימעס

דער, וואָס איז אמאָל אליינ געווענ פארליבט כאָטש א דריט־ביילעק פונ דעמ, וואָס איכ, — דער וועט פארשטיינ מײַנ הארצ, בעשאס ס'איז געקומענ די גליקלעכע אָדער די אומגליקלעכע צײַט פונ אונדזער גרייטנ זיכ צו דער כאסענע; און דער, וואָס האָט געלייענט מיט קאָפ די פריִערדיקע קאפיטלעכ, — דער וועט פארשטיינ מײַנ הארצ, בעשאס מע האָט אָנגעמאָסטנ מײַנ טאלמיד די כאסענע־מאלבושימ, וואָס מע האָט אימ גענייט דרײַ וואָכנ קעסיידער. כיבעט־האקיווער איז גאָרניט אקעגנ מײַנע שמערצנ; דער גענעמ — איז א גאניידנ אקעגנ מײַנ גרויסנ, גרויסנ ווייטעק.

איר רעכנט מיסטאמע: קינע, סינע? כאָלילע! איכ האָב געוווסט גאנצ גוט, אז ליב האָט מענ ניט מײַנ טאלמיד, נאָר מיכ — מיכ, דעמ עמעסנ מעכאבער פונ די בריוו. איכ האָב געוווסט גאנצ גוט, אז בעשאס זעענ זיכ וועל איכ איר באדארפנ נאָר אנטפלעקנ דעמ סאָד, יענעמ הייליקנ סאָד, זאָגנ נאָר איינ וואָרט, וועט זי מיכ פארשטיינ, און עס וועט אלצדינג זײַנ רעכט. נאָר וויאזוי טוט מענ דאָס אָפ? וויאזוי מאכט מענ, אז איכ זאָל קאָנענ מיט איר ריידנ אונטער פיר אויגנ כאָטש עטלעכע מינוט? איכ האָב מיר געבראָכנ דערופ דעמ קאָפ, געבויט זיבעצנ טויזנט פלאנענ, איינער ערגער פונעמ אנדערנ, און זיבעציק טויזנט פאנטאזיעס, איינע נארישער פונ דער אנדערער. איכ בינ זיכ מוידע־אומיסוואדע, אז עס זײַנענ מיר געקראָכנ אינ קאָפ אזעלכע מיִעסע מאכשאָוועס, וואָס איכ שעמ זיכ זיי איבערגעבנ אפ פאפיר, כאָטש ס'איז שוינ אוועק־

געגאנגענע פון דעמלט אָן א היפּשע שטיק צײַט. מיינט נישט, כאָלי־לע, אז איך האָב געוואָלט אומברענגען מײַן קאָנקורענט, סאַמענ דעם טאַלמיד מײַנעם! לאָז גאָט אָפּהיטן אַלע ייִדישע קינדער פון אַזעלכע מיִעסע מאַכשאָוועס! איך האָב נאָר געבעטן גאָט, ער זאָל אזוי עפּעס טאָן א נעס, אז מײַן טאַלמיד זאָל פון זיך אַליין ווערן קראַנק, זיך אוועקלייגן און אָפּטראָגן זיך אַפּ יענער־וועלט, אָפּ־רייניקן מיר דעם אָרט...

איך בין זיך מוידע־אומיסוואָדע, אז איך האָב געטראַכט פון דעם טאָג מיט נאַכט, ארויסגעקוקט, אז מײַן טאַלמיד זאָל כאַפּן ערגעץ א פאַרקילונג, זיך דערשוויצן און כאַפּן א ריוינטל, אָנהייבן הוסטן, אָדער ליגן אַפּ א היציקער שלאָפקײַט, אָדער אויסגליטשן זיך אַפּן גלײַכן וועג, זיך ברעכן האַלדז־און־נאַקן אָדער אומגערן כאַפּן פון עמעצן א שטיין אין קאָפּ ארײַן, אָדער א מעשוגענער הונט זאָל אים באַפאַלן, און ער זאָל אראָפּ פונעם זינען, אָדער א שטורעמווינט זאָל אויסרײַסן א בוים מיטן וואָרצל און אומ־וואַלגערן גלײַך אַפּ אים, אָדער אַן אַנדער נעס זאָל געשען, — אבי ער זאָל מיר אָפּרייניקן דעם פּלאַץ.

און בעשאַסמײַסע האָט מיר געקלעמט דאָס האַרץ, ווײַ געטאָן אַפּ אים, נעבעך אַן אומשולדיקער נעפעש — פאַר וואָס קומט דאָס אים? פאַר וואָס זאָל ער גיין אזוי יונג פון דער וועלט? און אין האַרצן האָב איך אים שוין באַוויינט, בעעמעס באַוויינט, אָנגע־שריבן אַפּ אים א קלאָג־בריוו צו מײַן געליבטער און צו מײַן טײַע־רער, אויסגעלאָזט מיט זייער א טרויעריק ליד. אינעם ליד באַוויין איך און באַקלאָג גאַנץ ערנסט מײַן יונגן טאַלמיד, וואָס איז אַוועק נעבעך פאַר דער צײַט; די וועלט האָב איך געגליכן צו א בעסוילעם און אים צו א יונגן בוים. אַפּן בוים —

שטייט און קלאָגט, אוי וויי,
דער בעסוילעם־סאָלאָוויי,
און די שטערן גיסן טרערן...

וואָס ווײַטער שטייט — געדענק איך ניט.

און ווידער כאָלעמט זיך מיר אין דער פאַנטאַזיע, אַז ס'איז שוין אוועקגעגאַנגען אַ יאָר נאָך זײַן טויט, און מיר ביידע, איך און מײַן געליבטע, זײַנען געקומען צו אים אַף „קייווער־אָוועס" אַ ביסל זיך אויסוויינען, אים געבראַכט אַ מאַטאָנע פרישע שמעקנ־דיקע בלומען מיט אַ ליד, וואָס לאָזט זיך אויס אַזוי:

אַף דײַן קייווער די בלומען זאָלן בליִען,
אין גאַניידן דײַן נעשאָמע זאָל רוען!..

אַז בלומען אַף אַ קייווער זאָלן בליִען — דאָס איז עפּעס ניט אַזוי מעגלעך; נאָר אַז מײַן טאַלמיד האָט געבליט, געבליט, ווי אַ רויז, — דאָס איז געוויס. ער איז געוואָרן וואָס אַ טאָג געזינטער, דאָס פּאָנעם ליכטיקער, דאָס קלאָר־ווײַסע לײַב פאַרוואַקסן מיט שמאַלץ, און איז געווען צופרידן, פריילעך, לעבעדיק און גליק־לעך — גליקלעך נישט פון ליבע, נאָר פון דעמ, וואָס ער פאָרט אַריבער אין אַ נײַ אָרט, אין אַ גרויסער שטאָט, צווישן נײַע מענטשן, און וועט נישט אָנקוקן מער זײַנע אייגענע, וואָס האָבן זיך אים צוגעגעסן, געווען נימעס ווי דער טויט.

אַזוי האָט ער זיך מיר אַליין מוידע געווען ניט איין מאָל, כאָטש אין די אויגן האָט ער זיי נאָכגעגעבן, אַז ער וועט שטאַרק בענקען נאָך זיי, אַז ער ווייסט גאָר ניט, וויאַזוי ער וועט דאָס גאָר איבערטראָגן אַפילע.

— אָבער נאָך מיר וועסטו בענקען? — האָב איך אַ פרעג געטאָן מײַן טאַלמיד.

— געוויס! געוויס! — האָט ער מיר געענטפערט און האָט מיך אַרומגענומען גאָר פרײַנטלעך. — דיך וועל איך נעמען מיט זיך! מיר וועלן דאָרטן לעבן אַ גוטן טאָג. מיר וועלן שפּילן אין „דאַמקעס", גיין אין טעאַטער, איך וועל דיך ניט אָפּלאָזן פון זיך קיינמאָל, קיינמאָל ניט!

איך האָב געוווּסט, אַז ס'איז אַ גרויסער ליגן.

געבאָרן, אויפגעוואַקסן און אויפגעצויגן געוואָרן אויף שאָוו־וועשעקער, האָט ער דאָ אויך געזאָגט אַ ליגן.

דאָס צענטע קאַפּיטל

באָרוך־האַבאָ — געסט

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דאָס אויפנעמען מיטן קאָוועד, וואָס מע האָט אונדז אָפּגעגעבן, אַז מיר זײַנען געקומען אויף דער באַסעגע. קוידעמקאָל האָט מען אונדז אַרויסגעשיקט אַ גרויסער אַרטיקע קאַרעטע צום וואָקזאַל און מע האָט אונדז פאַרפירט אין זייער אַ שיינער שטוב, אָפּגעגעבן איטלעכן באַזונדער אַן אַנדער בײַדער און מעכאַבעד געווען מיט דער גוטער קאַווע מיט פּוטערגעבעקס, און נאָכדעם מיט שיינעם אָנבײַסן, פרישע פּײַנקוכנס מיט געבראָטענע קאַטשקעס, און מענטשן — מענטשן ווי מיסט זײַנען געקומען אונדז מעקאַבל־פּאָנעם זײַן, אָפּגעבן שאָלעם, אַלעמאָל נײַע פּאַרשוינען.

בא מיר האָבן דאָ אַלע מענטשן אויסגעזען ווי מוראַשקעס, געשעמעריקט אין די אויגן, געזשומעט ווי די פֿליגן. איך בין געווען פֿאַרנומען מיט מײַנע אייגענע מאַכשאָוועס, מיט מײַנע זייער ניט פֿריילעכע געדאַנקען: „וואָזוי מאַכט מען דאָ, איך זאָל זיך קאָנען מיט איר זען? מי־יעדייע, צי עס וועט מיר געראָטן? און וואָס וועט זײַן, אַז זי וועט געוואָר ווערן פֿונעם הייליקן סאָד? און טאָמער כאָלילעוועכאָס...״ איך האָב גאָר מוירע זאָגן וואָס... אַ שרעק! אַ שרעק!..

אין קעשענע איז בא מיר געווען, נאָך פֿון דער היים אַרויספֿאָרנדיק, צוגעגרייט... שרעקט זיך נישט — ניט קיין פּיסטאָלעט, כאָלילע, נאָר אַ בריוו צו „איר״, אַ בריוו אויף דרײַ בויגן פּאַפּיר, באַשריבן מײַן ראָמאַן, וואָזוי ער האָט זיך אָנגעהויבן, און מײַן ביאָגראַפֿיע אין קורצן. נאָר וואָזוי גיט מען איר איבער דעם בריוו? דורך וועמען? און ווען וועט זי צײַט האָבן אים איבערלייענען?

און די מעכוטאָנים מיט די מעכוטענעסטעס פֿון קאָלעס צאַד לויפֿן אַרום הין און צוריק, ווי די פֿאַרסאַמטע מײַז, טרײַבן די סאַרוועס, זיי זאָלן זיך גרייטן צו דער כופּע־וועטשערע, און טרײַבן די שאַמאָסים, זיי זאָלן ברענגען די קלעזמער מיטן ראָוו, מע זאָל שטעלן די כופּע וואָס פֿריִער, וואָרעם כאָסן־קאַלע פֿאַסטן.

אַז דער כאָסן האָט ניט געפֿאַסט — בין איך אַן איידעס; ער האָט בא מיר אין ביידער זייער פֿײַן איבערגעביסן מיט אַ האַלבער קאַטשקע, און געזאָגט האָט ער, אַז ער פֿאַסט, בעריִיש אָנגעצויגן אויף זיך אַ פּאָנעם פֿון אַ כאָסן, וואָס פֿאַסט און וואָס דער קאָפּ איז אים פֿאַרטיפֿט אין זייער ערנסטע מאַכשאָוועס.

געבאָרן, אופֿגעוואַקסן און אופֿגעצויגן געוואָרן אויף שאָור־וועשעקער, האָט ער דעם טאָג פֿון דער כופּע אויך געזאָגט אַ ליגן.

און דערווײַל זײַנען אָנגעקומען די קלעזמער און מע האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן צום באדעקנס. ס'איז געוואָרן נאָך א גרעסערער טומל, ווי פריער; אלע האָבן געדעדט, אלע האָבן זיך געכאפט, אלע האָבן זיך געמאכט גלײַך ווי מע טוט עפּעס — „גיכער, גיכער! לאָז מען גיין! קומט־קומט!"...

און מע האָט אונדז גענומען — ווער ווייס איך ניט; און מע האָט אונדז געפירט אונטער די הענט — וווּהין ווייס איך ניט; און מע האָט צו אונדז עפּעס גערעדט, עפּעס געזאָגט — וואָס ווייס איך ניט. מיר האָט זיך געדרייט דער קאָפּ, געשעמערירט אין די אויגן, געזשומעט אין די אויערן, און דאָס הארץ, דאָס הארץ — טיק־טאק! טיק־טאק!

די קלעזמער האָבן געשפּילט. עס האָט געוויינט א פידל, עס האָט געטערעלייקעט א טראָמייט, עס האָט געפּיפּעט א פלייט, עס האָט געבאראבאנעט די קעסל־פּויק — באם־באם־באם! און דאָס הארץ, דאָס הארץ — טיקטאק! טיק־טאק!..

דאָס לעצטע קאַפּיטל

דער „עפּילאָג" פונעם ראָמאַן

צווישן אלע פּארשוינען, וואָס האָבן זיך ארומגעדרייט און געשעמערירט פאר מײַנע אויגן, האָב איך באמערקט איינעם, וואָס האָט זיך ארומגעדרייט גלײַך מיט מיר, ווי א ווילד־פרעמדער. דאָס איז געווען א יונגערמאן מיט ברילן און מיט לאנגע האָר, וואָס האָט געהאט אָפּ זיך נאָך איין ארבעט; זײַן ארבעט איז געווען —

אפ אלצדינג קוקנ אונ אלצדינג זענ, אונ ווי עס האט אויסגעוויזנ, האט ער די ארבעט געטאנ גאנצ געשמאק: ער האט געהאלטנ אינ איינ קוקנ.

אז זײַנע ברילנ האבנ זיכ אפגעשטעלט אפ מיר, האט זיכ מיר אויסגעוויזנ, אז ער זעט מיכ דורכ אונ דורכ, אז ער זעט מײַנ הארצ, אז ער זעט מײַנ סאד, מײַנ הייליקנ סאד, אונ איכ האב אראפגעלאזט די אויגנ. איכ האב אבער דערפילט אפ זיכ די ברילנ; איכ האב געפילט, אז ער הערט ניט אופ אפ מיר צו קוקנ, אונ איכ האב ניט ווילנדיק אופגעהויבנ די אויגנ אונ האב זיכ ווידער באגעגנט מיט זײַנע ברילנ, וואס האבנ געקוקט מיר אינווייניק אינ הארצנ ארײַנ אונ געצויגנ מיכ צו זיכ, ווי א מאגנעט.

איכ ווייס ניט, וויאזוי דאס איז געווארנ, נאר איכ אונ דער יונגערמאנ מיט די ברילנ זײַנענ געשטאנענ נאענט איינער נעבנ דעם אנדערנ אונ האבנ גערעדט, געוויינלעכ פונ דער כאסענע, פונעם באדעקנס אונ פונ כאסנ־קאלע.

דעמ כאסנ האבנ ביידע מעכוטאנימ צוגעפירט אונטער די הענט צו דער קאלע, אונ די קאלע איז געזעסנ אינמיטנ שטוב אפ א בענקל מיט צעלאזטע האר, דאס פאנעמ פארשטעלט מיט ביידע הענט — אפאנעמ, זי האט געוויינט. די קלעזמער האבנ געשפילט. עס האט געוויינט א פידל, עס האט געטערעלייקעט א טראמייט, עס האט געפײַפט א פלייט, עס האט געבאראבאנעט די קעסל־פויק — באמ־באמ־באמ! אונ דאס הארצ — טיק־טאק! טיק־טאק!

„אט־אט! — האב איכ מיר געטראכט — אט־אט, נאכ א מינוט, נאכ א מינוט — אונ אלצ איז פארפאלנ!”...

— א טעלעצע! — רופט זיך אָן צו מיר פּלוצעם דער יונגערמאַן מיט די ברילן גלײַך אין די אויערן אַרײַן.

— וואָ איז א טעלעצע? — פרעג איך אים און קוק זיך אַרום אַף אַלע זײַטן.

— אָט זיצט זי דאָך! — מאַכט ער צו מיר און באַווײַזט מיר מיט די ברילן אַף דער קאַלע.

ער האָט דערזען נאָך מײַן פּאָנעם, אַז איך בין שטאַרק פאַר־בידעשט, מאַכט ער צו מיר שטילערהייט אַפן אויער:

— א קאַלב, א בעהיימע, א גלאַטע, א קאָשערע בעהיימע! קיין צײלעם פאַר קיין אַלעפ, און א מאַרשאַס דערצו! און נעמט אַזא פּנינעם כאָסן! איר זעט, דאַכט זיך, זײַן לערער?

איך זוייס ניט, צי ער האָט מיך אָװעקגערופן, צי איך האָב אים אָװעקגערופן, צי מיר האָבן זיך ביידע אָװעקגערופן אַף א זײַט, נאָר אין צוויי מינוט אַרום זײַנען מיר געזעסן איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן, ווי אַלטע באַקאַנטע, און דער יונגערמאַן מיט די ברילן — ער איז געווען דער קאַלעס א לערער — האָט מיר איבער־געגעבן אַף איר אַזעלכע זאַכן, וואָס עס וואָלט געווען גלײַכער און געזינטער פאַר מיר, איך זאָל דאָס בעסער ניט וויסן...

— סטײַטש, און אירע בריוו? — האָב איך אויסגעשריגן.—אומ גאָטעס ווילן, אירע בריוו?!

דערהערט די דאָזיקע ווערטער, האָט דער יונגערמאַן מיט די ברילן זיך געכאַפּט פאַרן האַרצן און האָט אָנגעהויבן צו לאַכן און צו קאַטשען זיך פאַר געלעכטער.

— אירע בריוו? כאַ־כאַ־כאַ! אירע בריוו! אוי, איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטן — אירע בריוו!

— וועמעס דענ בריוו זײַנענ דאָס?

— אירע? כאַ־כאַ־כאַ! אירע בריוו? מײַנע! כאַ־כאַ־כאַ, מײַנע בריוו! מײַנע! מײַנע! מײַנע!!!

איכ האָב געמיינט, אז דער יונגערמאַנ איז נאָר אראָפּ פונ זינענ אונ ער וועט דעמ שלאָג באַקומענ. ער האָט מיכ געכאַפּט פאַר ביידע הענט, מיכ גענומענ דרייענ איבערנ שטוב, מיכ געשלאָגנ אינ די פּלייצעס אונ ניט אופגעהערט צו לאַכנ:

— אירע, כאַ־כאַ־כאַ! אירע בריוו!??

עס האָט זיכ אײַכ ווענ געכאָלעמט א זיסער כאָלעמ: א פּאַלאַצ א שיינער, גוטע מײַכאָלימ, די בעסטע ווײַנענ, פרישע פּיירעס, נאָר־וואָס פונעמ בוימ, א רייעכ פונ בסאָמימ, א גאַניידנ... אונ איינע עפּעס א „זי" אינעמ געשטאַלט פונ א פּרינצעסנ מיט גילדענע באַזילבערטע האָר... אונ איר שוועבט, ניט איר גייט, אונ איר פליט־פליט אַלצ העכער־העכער, גלײַכ אינ הימל ארײַנ... פּלוצעמ הערט איר א פײַפנ, וואָס גייט פונ וואַלד ארויס — פּי־יו־יט! אונ א פּאַטש פונ פליגלענ אונ א מעשונע־מאָדנע געלעכטער „כאַ־כאַ", וואָס צעטראָגט זיכ איבערנ גאַנצנ וואַלד אונ לאָזט זיכ אויס מיט א לאַנגנ גענעצ — אאאײַ!!! פאַר אײַערע אויגנ איז א טיפער אָפּגרונט, אָט־אָט פאַלט איר אראָפּ. איר טוט א ציטער אונ כאַפּט זיכ אופ מיט א קאָפּווייטעק אונ קאָנט לאַנג נישט קומענ צו זיכ...

דעמ דאָזיקנ זיסנ כאָלעמ האָב איכ איבערגעלעבט אינ דער מינוט, וואָס דער יונגערמאַנ מיט די ברילנ איז געשטאַנענ איבער מיר אונ האָט ניט אופגעהערט צו לאַכנ פונ מײַנע בריוו אונ אויס־רעכענענ די מײַלעס פונ מײַנ געליבטע... ער האָט געלאַכט, אונ מיר

האָט זיכ געטריפט בלוט, א טראָפּנ נאָכ א טראָפּנ, אונ געפאלנ אפ מיינ פארוווּנדעט הארצ, אפ מיינ פארסאמטע נעשאָמע.

אונ דאָרט אינ זאל האָבנ געשפּילט די קלעזמער. די פּידל האָט געוויינט, די טרומייט האָט געטערעליקעט, די פּלייט האָט געפּייפּט, דער באס האָט געברומט, די קעסל־פּויק האָט געבאראבא־נעט — באמ! באמ! אונ דאָס הארצ — דאָס הארצ איז מיר געווענ פּוסט אונ ליידיק, אפ דער נעשאָמע וויסט אונ פינצטער, כווישעכ, כווישעכ אינ אלע ווינקעלעכ.

1903

12—1985

מאָנאָלאָגן

דאָס טעפל

לעבע! איכ וויל אײַכ פרעגנ א שײַלע וויל איכ אײַכ. איכ ווייס נישט, צי קענט איר מיכ, צי קענט איר מיכ נישט. איכ בינ יענטע בינ איכ, יענטע די קורעלאפניטשקע. איכ האנדל מיט אייער האנדל איכ, מיט אויפעס, מיט גענדז אונ מיט קאטש־קעס. איכ האָב מיר מײַנע שטענדיקע קוינעטעס האָב איכ מיר, א צוויי־דרײַ הײַזער, האלטנ זיי מיכ אונטער, זאָל זיי גאָט געבנ געזונט אונ אלדאָסגוטס; וואָרעמ איכ זאָל נאָכ דארפנ צאָלנ פריי־צענט, וואָלט נישט געקלעקט די כאלע אפ דער „אמויצע". כאפ איכ א דרײַערל כאפ איכ, אמאָל דאָ, אמאָל דאָרטנ, דאָ גענומענ, דאָרט געגעבנ, דאָרט געגעבנ, דאָ גענומענ — מע דרייט זיכ, מישטיינסגעזאָגט! אזואדע, וואָס זאָלט איר קלערנ, ווענ מײַנ מאנ אָלעוואשאָלעמ זאָל מיר אצינד לעבנ — טע־טע־טע!.. כאָטש אז

מע וויל שמועסנ דאָס אייגענע צוריק. האָב איכ קיינ האָניק פאַר אימ נישט געלעקט, וואָרעמ קיינ פאַרדינער, זאָל ער מיר מויכל זײַנ, איז ער דאָכ נישט געווענ, נאָר געזעסנ אונ געלערנט, געזעסנ אונ געלערנט, אונ געהאָרעוועט האָב אי כ, אונ האָרעווענ בינ איכ געוווינט נאָכ פונ קינדווײַז אופ, נאָכ בײַ מײַנ מאַמע אַלעאַשאַלעמ, באַסיע האָט זי געהייסנ, באַסיע די ליכטציִערנ, זי איז געווענ א ליכטציִערנ, פלעגט אופקויפנ ביילעו בײַ די קאַצאַווימ אונ ציִענ ליכט, ביילעווגע צעפלעכ, מע האָט נאָכ נישט געוווּסט דעמלט פונ קיינ גאַז אונ פונ קיינ לעמפלעכ מיט גלעזלעכ, וואָס טרישטשענ אַלעמאָל. ערשט יענע וואָכ געפלאַצט בײַ מיר א גלעזל, אונ פאַרצווייוואָכנ א גלעזל...

— יאָ, אַקעגנ וואָס איז דאָס געקומענ צו רייד? אַקעגנ דעמ, וואָס איר זאָגט: יונג געשטאָרבנ... אַז מײַנ מוישע־בענציִענ אַלעוואַשאָלעמ איז געשטאָרבנ, איז ער אַלט געווענ סאַכאַקל זעקס אונ צוואַנציק יאָר. הא? נאָכאַמאָל: וויאַזוי זעקס אונ צוואַנציק? נײַנצנ איז ער אַלט געווענ צו דער כאַסענע, א יאָר אַכט איז פאַראַנ, אַז ער איז געשטאָרבנ, איז אײַנײַנעמ נײַנצנ אונ אַכט — אַפּאָנעמ, אַזוי גרויס ווי דרײַ אונ צוואַנציק. פאַרוואָס זשע איז בײַ מיר אויסגעקומענ זעקס אונ צוואַנציק? ווײַל איכ האָב פאַרגעסנ די זיבנ יאָר, וואָס ער האָט געקרענקט, דאָס הייסט קרענקענ האָט ער געקרענקט א סאַכ מער, ער איז געווענ פונ טאָמעד אָנ א קראַנקער, דאָס הייסט אַזוי איז ער אפילע געווענ א געזונטער, נאָר דער הוסט, דער הוסט האָט אימ אָוועקגעלייגט! ער פלעגט, נישט פאַר אײַכ געדאַכט, שטענדיק הוסטנ, דאָס הייסט נית שטענדיק, נאָר דעמלט, ווענ דער הוסט איז אָנגעקומענ, פלעגט ער זיכ פאַרהוסטנ, אונ אַז ער האָט זיכ פאַרהוסט, האָט ער געהוסט אונ גע־

הוסט אונ געהוסט... די דאָקטוירימ האָבנ געזאָגט, אז ס'איז בא אימ א ספּאַזמע אזעלכע, דאָס הייסט אזעלכעס, וואָס אז מע וויל הוסטנ, הוסט מענ, אונ אז מע וויל ניט הוסטנ הוסט מענ ניט. שטראָמ־גראָמ, מאַכ מיר א האַרמידער! ציגנ זאָלנ אזוי וויסנ אינ פרעמדע גערטנער שפּרינגענ, ווי זיי ווייסנ, די דאָקטוירימ הייסט דאָס, ווער ס'האָט זיי געשלייערט!.. אָט האָט איר רעב ארנ דעמ שויבעטס יינגל, יאָקל הייסט ער, עס האָט אימ ווי געטאָנ א צאָנ האָט אימ ווי געטאָנ, האָט מענ אימ געטאָנ אַלצדינג, געשפּראָכנ אונ געשטאָכנ, אונ געזענ, אז עס העלפט נישט. גייט ער, יאָקל הייסט דאָס, אונ לייגט ארײַנ א קנאָבל אינ אויער ארײַנ, — מע זאָגט, אז ס'איז א רעפוע קנאָבל צו ציינווייטעק — האָט ער זיכ געריסנ אפ די גלײַכע ווענט. יאָקל הייסט דאָס. אונ פונעמ קנאָבל זאָגט ער נישט אויס. קומט דער דאָקטער אונ טאַפּט אימ באַמ דויפּעק. וואָס טאַפּסטו אימ באַמ דויפּעק, דו נארישער לעקיש?.. אוואדע, מע זאָל אימ, יאָקלענ הייסט דאָס, נישט געווענ אָפּפירנ קיינ יעהופּעצ, וואָלט ער שוינ איצטער אָנגעשפּארט, ווייסט איר ווו? דאָרטנ, ווו די שוועסטער זײַנע, פּערל נעבעכ, וואָס איז אוועקגעגאַנגענ פונ א גוט־אויג, ניט פאר אײַכ געדאַכט, אינ קימפּעט...

— יאָ, אקעגנ וואָס איז דאָס געקומענ צו רייד? אקעגנ דעמ, וואָס איר זאָגט: אנ אלמאָנע... איכ בינ געבליבנ אנ אלמאָנע, ניט דאָ געדאַכט, נאָכ גאָר א יונגט הייסט דאָס. מיט א קליינ קינד אונ מיט א האַלבער שטוב אפּ די „קאַפּצאָניוקעס", די אנדערע פונ לייזער דעמ סטאָליערס דירע, אויב איר ווייסט; נישט ווײַט פונ דער באָד. וועט איר דאָכ פרעגנ, וואָס עפּעס א האַלבע שטוב נאָר? מאַכמעס די אנדערע האַלבע איז נישט מײַנע; זי געהערט צו מײַנ

שוואַגער געהערט זי, אזריעל הייסט ער, איך קען אים, אליין איז ער א וועסעלעקוטער, פון וועסעלעקוט, א שטעטל אזעלכעס, און האנדלען האנדלט ער מיט פיש, און פארדינט, קיין אײנאָרע, זייער שיין, עס ווענדט זיך נאָר וויאַזוי דער טײַך האלט: איז אין דרויסן שטיל, כאַפּט זיך פיש, און אז סע כאַפּט זיך פיש, איז וואָלוול פיש; איז אין דרויסן א ווינט, כאַפּט זיך נישט קיין פיש און ס'איז טײַער פיש. נאָר גלײַכער איז, אז עס כאַפּט זיך און ס'איז וואָלוול... אזוי זאָגט ער, אזריעל הייסט דאָס. פרעג איך אים: „וואָס איז דער סייכל?" זאָגט ער: „דער סייכל איז א פּראָסטער סייכל: איז אין דרויסן שטיל, כאַפּט זיך פיש, און אז סע כאַפּט זיך פיש, איז וואָלוול פיש; איז אין דרויסן א ווינט, כאַפּט זיך נישט קיין פיש, און ס'איז טײַער פיש. נאָר גלײַכער איז, אז עס כאַפּט זיך און ס'איז וואָלוול"... זאָג איך: „יאָ, אָבער וואָס איז דער סייכל?" זאָגט ער: „דער סייכל איז א פּראָסטער סייכל: איז אין דרויסן שטיל, כאַפּט זיך פיש, און אז סע כאַפּט זיך פיש, איז וואָלוול פיש..." „טפו זאָלסטו ווערן! — זאָג איך צו אים. — גיי טײַנע מיט א גראָבן-יונג"...

— יאָ, אקעגן וואָס זשע איז דאָס געקומען צו רייד? אקעגן דעם, וואָס איר זאָגט: אן אייגענע דירע... אוואדע איז גלײַכער איין ווינקעלע אן אייגנס, איידער שלעפּן זיך אין שכינעס. ווי זאָגט איר: „מײַנס איז נישט יענעמס!"... האָב איך מיר, הייסט דאָס, מײַן האלבע שטוב, א שטיקל נאכלע, נישט צו פאַרזינדיקן. נאָר איך בעט אײַך, צו וואָס באדארף אן אלמאָנע, מישטיינסגעזאָגט, מיט איין-און-איינציק קינד א גאנצע האלבע שטוב? פאראן ווי דעמ קאָפּ אנידערלייגן — געווען! אוביפראַט, אז מע באדארף זי דעקן, די שטוב, זי שטייט שוין היפשע עטלעכע יאָר נישט גע-

דעקט שטייט זיך; דעקוטשעט ער מיר, דער זיסער שוואַגער מײַ־נער, אזריעל הייסט דאָס, מע זאָל זי דעקן!.. „צײַט, זאָגט ער, מע זאָל זי דעקן!" „נו, זאָג איך, לעמײַ זשע דעקט מען זי נישט?" זאָגט ער: „לאָמיר זי דעקן"... זאָג איך: „לאָמיר זי דעקן"... דעקן־דעקן, דעקן־דעקן — און דערבײַ בלײַבט דאָס. וואָרעם אַפּ דעקן באַדאַרפּ מען שטרוי, פון שינדל שמועסט מען נישט, ווו האָב איך אַפּ שינדל? פאַרדינג איך צוויי כאַדאָרים פאַרדינג איך. אין איין ביידערל זיצט בא מיר כאַזמ־כאָנע דער טויבער, אן אַלטער מאַן, שוין אן אויוועד־באָטל. די קינדער צאָלן מיר פאַר אים פינף גילדן א וואָך דירע־געלט, און עסן עסט ער בא זיי, א טאָג איבער א טאָג, דאָס הייסט א טאָג עסט ער און א טאָג פאַסט ער, און דעם טאָג, וואָס ער עסט, עסט ער אויך מאַקעס. אַזוי זאָגט ער, כאַזמ־כאָנע דער טויבער. און עפשער איז דאָס א ליגן עפשער? אַלטע לײַט האָבן ליב וואָרטשען; וויפל מע גיט זיי, איז ווינ־ציק, ווו מע זעצט זיי, איז שלעכט, און ווו מע לייגט זיי, איז האַרט...

— יאָ, אַקעגן וואָס זשע איז דאָס געקומען צו רייד? אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט: שכיינים... קיין גוטער יִיד זאָל זיי נישט קענען! מיילע יענער, דער טויבער, איז א טויבער, כאָטש א שטילער שאָכן, ווי זאָגט איר: מע הערט אים נישט און מע זעט אים נישט... האָט מיך אָבער דער גוטער־יאָר געטראָגן, איך זאָל דעם אַנדערן ביידער פאַרדינגען דער מיטניטשקע, גנעסיע הייסט זי. זי האַלט א קלייטל פון מעל האַלט זי. א גוטע שטוקע!.. טכילעס, איר זאָלט זען, איז זי געווען ווייך, ווי א האָניק־טייגל, קוצעניו־מוצעניו, נעשאָמעניו, האַרצעניו, זי וועט מיר דאָס, זי וועט מיר יענץ... וואָס באַדאַרפּ זי דען, מישטיינסגעזאָגט? א שטיקל אויוון אַפּ

צושטעלן דאס טעפל, אן עק בענקל אפ אויסזאלצן דאס שטיקל פלייש איין מאל אין וואך, און א ברעג טישל אפ אויסקאטשען א בלעטל לאקשן איין מאל אין א יוויול... „און די קינדער, זאג איך, ווו וועט איר אהינטאן די קינדער אנדערע ווו? איר האט דאך, גנעסיע, זאלן געזונט זיין, קליינע קינדער האט איר דאך!"... „ווייס איך, זאגט זי, וואס איר רעדט, יענטע־לעבן! איר ווייסט דען, וואס דאס איז פאר קינדער? בעריליאנטן, נישט קיין קינדער! זומער־לעבן וואלגערן זיי זיך אין דרויסן א גאנצן טאג, און ווינטער פארקלייבט מען זיך אפן אויוון, ווי די שעפעלעך, און מע הערט נישט פון זיי קיין פיפס. אייך כיסארן נאר, וואס זיי דארפן, קיין אנדערע, א סאך, האבן ליב קנען, פיקערס, קיין אנדערע"... נו־נו! אוודאי האב איך מיר געקויפט אן אומגליק אפ מיינע סאנימס קעפ! מיילע קינדערלעך — איינס און איינס, איבערגעוואשענע, גאט זאל נישט שטראפן פאר די רייד, א שטיקל ברויט איז פאר זיי נישט אופצועסן! טאג ווי נאכט איז בא זיי הו־הא! מע שרייט און מע קוויטשעט, מע הארגעט זיך און מע שלאגט זיך — א גענעם! וואס זאג איך א גענעם? דער גענעם, זאג איך אייך, איז גאלד!.. נאר מיינט נישט, אז איר זייט פארטיק. דאס וואלט נאך געווען א האלבע צרה, זוארעם א קינד קאן מען איינשטילן: א זעץ, א פאטש, א קניפ — פארט א קינד! האט איר גאט געגעבן א מאן, אויזער הייסט ער; איר מוזט אים קענען, ער איז אונטערשאמעש אין אונטערשטן קלויזל, נעבעך א קאשערער ייד און, דאכט זיך, גאר נישט אזא גרויסער נאר אויך; זאלט איר הערן, ווי זי באגראבט אים, גנעסיע הייסט דאס: אויזער, אהין! אויזער, אהער! אויזער, דאס! אויזער, יענץ! אויזער־אויזער! אויזער־אויזער!.. און ער — אדער ער זאגט אפ א ווערטל (ער איז נאך

א ווערטלזאָגער צו די צאָרעס), אָדער ער רוקט אָן דאָס היטל און גייט אוועק... ס'איז נאָר, זאָג איך אײַך, א האצלאָכע און געווּג!..

— יאָ, אקעגן וואָס איז דאָס געקומען צו רייד? אקעגן דעם, וואָס איר זאָגט: שלעכטע שכיינים... שלעכט צו שלעכט איז נישט גלײַך! לאָז מיר דאָס דער ריבוינעשעלוילעם נישט פארעכענען פאר קיין לאָשנהאָרע; איך דארף אפ איר, וואָס איז שכנעכ, קיין שלעכטס נית ריידן. וואָס האָב איך צו איר? זי איז א ייִדענע, וואָס האָט ליב געבן אן אָרעמאן א שטיקל ברויט. נאָר דער גו־מער יאָר זאָל זי ווייסן: אז עס קומט איר אָן די מאנקאָליע — זאָל גאָט שוימער אומאצל זײַן! ס'איז א ביזויען צו דערציילן: קיין אנדערן וואָלט איך דאָס געווים נישט געזאָגט, נאָר בא אײַך, ווייס איך, וועט דאָס זײַן א סאָד... ששש... זי פאטשט אים אונ־טער... דעם מאַן, הייסט דאָס... אז קיינער זעט נית... „אײַ, זאָג איך צו איר, גנעסיע, גנעסיע! ווי האָט איר קיין מוירע נישט פאר גאָט? פאר גאָט ווי האָט איר קיין מוירע נישט?“... זאָגט זי: „ס'איז נישט אײַער באבעס דײַגע“... זאָג איך: „א שיינע ריינע קאפאָרע“... זאָגט זי: „לאָז דער זײַן די קאפאָרע, ווער עס קוקט ארײַן אין יענעמס טעפּל“... זאָג איך: „לאָז דעם ארוים די אויגן, ווער עס האָט קיין בעסערס נישט געזען“... זאָגט זי: „לאָז דעם פארלייגן, ווער סע הערט זיך צו“... וואָס זאָגט איר אפ אזא פּיסקאטע?..

— יאָ, אקעגן וואָס איז דאָס געקומען צו רייד? אקעגן דעם, וואָס איר זאָגט: איך האָב ליב ריין... לעמײַ זאָל איך לייקענען? איך האָב טאקע ליב, ס'זאָל זײַן ריין אין איטלעכס ווינקעלע. וואָס קומט מיר דערפאַר? קאָן זי עפשער נישט לײַדן, גנעסיע הייסט

דאָס, לעמײַ באַ מיר איז ריין, באַ מיר איז שיינ, באַ מיר איז ציכטיק, באַ מיר איז ליכטיק. און באַ איר? איר זאָלט זען — טאָמער כוישעכ, שטענדיק פינצטער, פאַרטיאַפּעט און פאַרשליאָפּעט ביזנ האַלדז, די פּאַמוניצע פול ווי אַנ אויג — טפו!.. קומט דער פרימאָרגנ — איז הימל עפנ זיכ! ס'איז דענ קינדער? שיידים, נישט קיינ קינדער! פּונקט ווי מײַנ דאָווידל, לעהאַוודל בעלעפּ האַוודאָלעס! וואָרעמ מײַנ דאָווידל, זאָל געזונט זײַנ, איז דאָכ אַ גאַנצנ טאָג אינ כיידער איז ער, און קומט באַנאַכט, נעמט ער זיכ צו דער אַרבעט: אָדער ער דאַוונט, אָדער ער לערנט, אָדער ער קוקט אַזוי אַרײַנ אינ אַ סײפער קוקט ער. און אירע קינדערלעכ — גאָט זאָל נישט שטראָפנ פאַר די רייד! אָדער סע עסט, אָדער סע וויינט, אָדער סע שלאָגט זיכ קאָפּ אָנ וואַנט... איר פאַרשטייט? בינ איכ שולדיק, אַז גאָט האָט זי געבענטשט מיט אַזאַ כאַליאַסטרע פונ סאַוווּלעס און פונ גאַנצעס, און מיר האָט ער געשענקט אַזאַ מאַטאָנע, אַ שטיק גאָלד, אַ בעריליאַנט, עס זאָל מיר נאָר נישט פאַרשטערט ווערנ, ריבוינעשעלוילעמ. וואָרעמ ער קאָסט מיכ גענוג טרערנ קאָסט ער מיכ! קוקט נישט, וואָס איכ בינ אַ ייִדענע! אַ מאַנצבל אַפּ מײַנ אָרט וואָלט דאָס געווים נישט איבערגעטראָגנ! עס זאָל אײַכ צו קיינ כאַרפּע נישט זײַנ. פאַראַנ מאַנצבילנ אַזעלכע, וואָס זײַנענ טויזנט מאָל ערגער פונ ווײַבער זײַנענ זיי; אַז סע קוועטשט זיי צו עפּעס אַ זאַכ, ווייסנ זיי נישט, וווּ זיי זײַנענ אינ דער וועלט... וואָס דאַרפט איר אַ סאַכ רייעס? אָט נעמט, לעמאָשל, יאָסיע מוישע-אַווראָמס: קאַלזמאַנ פרומע-נעכע האָט אימ געלעבט, האָט ער זיכ געהאַלטנ, און אַז זי איז, נישט דאָ געדאַכט, געשטאָרבנ, האָט ער אָפּגעלאָזט הענט און פים און לײַב און לעבנ... „רעב יאָסיע, זאָג איכ צו אימ, גאָט איז מיט אײַכ! מיילע,

אַז סע שטאַרבט אַ ווײַב, וואָס זאָל מען טאָן? ס'איז אַ גאָטס זאַך!"... אדוינוי לאָקאַך אדוינוי נאָסאַן, וויאַזוי שטייט דאָרטן געשריבן בא אונדז אין די הייליקע ספאָרים? אײַך באַדאַרף מען נישט דערציילן, מיסטאָמע ווייסט איר בעסער...

— יאָ, אַקעגן וואָס זשע איז דאָס געקומען צו רייד? אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט: אַ בעניאָכיד... ער איז בא מיר איינער-און-איינציקער, ווי זאָגט איר: איין אויג אין קאָפּ, דאָווידל הייסט עס. איר קענט אים נישט? ער הייסט נאָך מײַן שווער דאָוויד-הערש הייסט ער. איר זאָלט אים זען — אינגאַנצן דער פאָטער, אים צו לענגערע יאָר, אינגאַנצן מוישע-בענציענ, אפילע די וווּקס די אייגענע, און דאָס פּאָנעם — ווי בא אים, אָלעוואַשאָלעם: געל, אויסגעדאַרט, אויסגעדיווערט, הויט און ביינער, און שוואַך, שוואַך, אויסגעמוטשעט נעבעך פונעם ביידער, פון דער געמאָרע... „אָבער גענוג דיר, זאָג איך צו אים, גענוג דיר, זונעניו, רו זיך אָפּ אַ ביסל, זע וואָס פאַר אַ פּאָנעם דו האָסט, נעם עפּעס אין מויל אַרײַן, זאָג איך, עס עפּעס, טרינק עפּעס, נאַ דיר אַ גלעזל ציקאָריע בא דיר!"... „ציקאָריע, זאָגט ער, טרינק בעסער אַליין, מאַמע; דו האָרעוועסט, זאָגט ער, איבערן קויעך. איך וואָלט דיר בעסער געהאָלפן, זאָגט ער, טראָגן דעם קאָשעק פונעם מאַרק"... „ס'אַ מאָשל! — זאָג איך. — וואָס רעדסטו וואָס? דו ווייסט, וואָס דו רעדסט? וואָס הייסט, דו וועסט טראָגן קאָשעקעס? ניט דערלעבן וועלן דאָס מײַנע סאָנים, איך האָב גענוג סאָנים! דו באַדאַרפסט, זאָג איך, לערנען, זיצן און לערנען!"... און בעשאַס־מײַסע קוק איך אַף אים, אַף מײַן דאָווידלען הייסט דאָס, — אינגאַנצן ער, אָלעוואַשאָלעם, אפילע מיטן הוסט, פאַרפינצטערט און פאַרוויסט בין איך געוואָרן! יעדער הוסט, וואָס ער טוט,

רײַסט מיר אויס א שטיק הארצ! װאָרעמ אײדער איכ האָב אימ דערלעבט צו זענ א שטיקל מענטש, זײַנענ מיר גוט די אויגנ ארויסגעקראָכנ! אז בעסאכאקל, דארפט איר װיסנ, האָט זיכ גאָר קײנעמ נישט געגלײבט, אז דאָס קינד זאָל בלײַבנ לעבנ זאָל דאָס, װאָרעמ װו ערגעצ א שלאק, א צאָרע, א כאלאס — איז דאָס געװענ בא אימ: טאָמער װילט איר מאָזלענ — איז מאָזלענ, פאָקנ — איז פאָקנ, אונ דיפטעריטנ, אונ שקארלאטינעס, אונ זאװולקעס, אונ זוביטשעס, אונ װאָס ניט?.. די נעכט, װאָס איכ בינ אויסגעזעסנ איבער אימ, זאָל מיר גאָט ניט רעכענענ; אפאָנעמ, אז די טרערנ מײַנע, אונ א ביסל טאקע זכוסאָװעס האָבנ זיכ ארײַנגעמישט, אונ איכ האָב קוימ־קוימ דערלעבט די בארמיצװע זײַנע! מײנט איר דאָכ, אז ס׳איז אנ עק? הערט זשע אויס אנ אַנטיק: באדארפ ער ניט גײנ אײנמאָל באנאכט, װינטער איז דאָס געװענ, פונעמ כײדער, אונ באגעגענענ עפעס אײנעמ אָנגעטאָנ אינ גאָלע װײַסנ אונ פאטשנ מיט בײדע הענט?.. אַװאדע האָט זיכ נעבעכ דאָס קינד איבערגעשראָקנ אפ טויט אונ איז אנידערגעפאלנ כאלאָשעס אפנ שנײ, אונ מע האָט אימ געבראכט אהײמ א טויטנ האָט מענ אימ געבראכט, קוימ־קוימ אָפגעמינטערט; אונ אז מע האָט אימ אָפגעמינטערט, האָט ער זיכ ערשט דעמלט אנידערגעלײגט, א װײטעק איז דער מאמע זײַנער, אונ איז אָפגעלעגנ אינ א העליש פײַער אזוי גרויס אזוי קלײנ, װי זעקס װאָכנ!.. װאזוי איכ האָב אי־בערגעלעבט אָט דאָס שטיקל צײַט — איז טאקע נאָר א נעס מינ האשאָמאימ! װאָס האָב איכ דעמלט נישט איבערגעטאָנ? געגעבנ נעדאָרימ, פארקויפט אימ אונ צוריק אויסגעקויפט, צוגעזעצט אימ נאָכ א נאָמענ (כאימ־דאָװיד־הערש), אונ טרערנ — טרערנ, װער רעדט פונ טרערנ? „גאָטעניו, האָב איכ געװײַנעט צומ ריבוינע־

שעלוילעמ, ווילסט מיכ שטראָפנ? שטראָפ מיכ מיט וואָס דו ווילסט, נאָר מײַנ קינד זאָלסטו בא מיר ניט צונעמענ זאָלסטו ניט!"... אונ אַז גאָט האָט מיר געשענקט די מאַ־אָנע, ער איז געזונט געוואָרנ, מאַכט ער צו מיר: „דו ווייסט, מאַמע? איכ קאָנ דיר אָפּגעבנ א גרויס פונעמ טאַטנ. דער טאַטע איז בא מיר געווענ צוגאַסט"... דערהערט די דאָזיקע ווערטער, איז מיר שיר די נעשאָמע אַרויס, אונ דאָס האַרצ — טיאָכ־טיאָכ־טיאָכ!.. „לאָז ער זיכ מיִענ, זאָג איכ. א סימענ, אַז דו וועסט אימירצעשעמ, לאַנג לעבנ אונ זײַנ געזונט"... אַזוי זאָג איכ אימ, אונ דאָס האַרצ — טיאָכ־טיאָכ־טיאָכ!.. ערשט אָט שפּעט, אינ א צײַט אַרומ, ווער איכ געוואָר, אַז דער, וואָס איז געווענ אָנגעטאָנ אינ ווײַסנ אונ געפּאַטשט מיט די הענט, ווייסט איר, ווער דאָס איז געווענ? אַנו, טרעפט, רעבע, איר זײַט דאָכ א כאָכעמ! — רעב ליפּע איז דאָס געווענ, ליפּע דער וואַסערפירער! ער האָט זיכ יענעמ טאָג, פאַרשטייט איר מיכ, געקויפט א נײַעמ פּעלצ א ווײַסנ, אונ מאַכמעס דער פראָסט האָט געברענט, האָט ער זיכ געוואָלט א ביסל דערוואַרעמענ, האָט ער געפּאַטשט א האַנט אָנ א האַנט — מײַנע צאָרעס אַפ זײַנ קאָפּ! האָט איר געהערט א האַסאָגע, א ייִד זאָל זיכ אָנטאָנ אינ א ווײַסנ פּעלצ גאָר אינמיטנדערינענ?..

— יאָ, אַקעגנ וואָס איז דאָס געקומענ צו רייד? אַקעגנ דעמ, וואָס איר זאָגט: געזונט... געזונט — דאָס איז דער איקער. אַזוי זאָגט דער דאָקטער אונדזערער אונ הייסט מיר, איכ זאָל אימ פּילנעווענ זאָל איכ אימ, קאָכנ ייַיכלעכ, אַלע טאָג א ייַיכל, זאָגט ער, כאָטש פונ א פערטל אָפּ, אויב איכ קאָנ, זאָגט ער, אויספירנ, האָדעווענ אימ, זאָגט ער, מיט מילכ אונ מיט פּוטער אונ מיט טשעקאָלאַד, אויב איכ קאָנ, זאָגט ער, אויספירנ... א שיינער

מאָשל — אויב איכ קאָנ אויספירנ? אפּאָנעמ, ס'איז דענ פּאראָג איינ זאכ אפ דער וועלט, וואָס איכ זאָל פונ דאָווידלס וועגנ ניט קאָנענ אויספירנ? ס'איז עפּעס א טערעצ? אונ אז מע זאָל מיר זאָגנ, אשטייגער, קעדוימע לעמאָשל: גיי, יענטע, גראָב ערד, האַק האָלצ, טראָג וואסער, קנעט ליימ, באגאנווע א קלויסטער, אבי פונ דאָווידלס וועגנ — איז אפילע אינמיטנ האלבע נאכט אינעמ גרעסטנ פראָסט! אָט האָט זיכ אימ פארוואָלט הײַנטיקנ זומער ביכלעכ אזעלכע, ספּאָרימ מיסטאמע, וואָס איכ האָב זיי ניט, אונ מאכמעס איכ גיי ארײַנ אינ די גרעסטע הײַזער גיי איכ, האָט ער מיכ געבעטנ, טאָמער קאָנ איכ אימ קריגנ די דאָזיקע ביכלעכ, צי די ספּאָרימ, אונ האָט מיר פארשריבנ אפ פּאפּיר האָט ער מיר. קומ איכ צו גיינ אונ באווײַז דאָס פּאפּיר אונ בעט בא זיי די ביכלעכ, צי די ספּאָרימ, איינ מאָל אונ צוויי מאָל אונ דרײַ מאָל. לאכנ זיי פונ מיר: „צו וואָס טויג אײַכ, יענטע, אזעלכע ביכער? איר האָדעוועט מיט זיי די אויפעס, די גענדז מיט די קאטשקעס?“... „לאכט, לאכט, טראכט איכ מיר, אבי מײַנ דאָווידל וועט האָבנ אינ וואָס ארײַנצוקוקנ וועט ער האָבנ“... גאנצע נעכט, גאנצע נעכט קוקט ער ארײַנ אינ די דאָזיקע ביכלעכ, צי די ספּאָרימ, אונ בעט מיכ, איכ זאָל אימ ברענגענ נאָכ אונ נאָכ. וועל איכ אימ זשאלעווענ? טראָג איכ אָפּ די אונ נעמ נאָכ... קומט צו גיינ א כאָכעמ א דאָקטער אונ פרעגט מיכ, צי קאָנ איכ אויספירנ פונ־ ווײַנטוועגנ אלע טאָג א ײַכל כאָטש פונ א פערטל אָפּ? אונ פונ דרײַ פערטל אָפּ, אז מע באדארפ, וועל איכ קוקנ אפ דערעכערעצ? פונוואנענ נעמענ זיכ, פרעג איכ אײַכ, אזעלכע דאָקטוירימ אפ דער וועלט? ווו וואקסנ זיי אויס? אפ וועלכע הייוונ ראָשטשינעט מענ זיי אונ אפ וואָסער אויוונ באקט מענ זיי?..

— יאָ, אקעגן וואָס איז דאָס געקומען צו רייד? אקעגן דעם, וואָס איר זאָגט: ייַכלעך... שטעל איך אים צו אלע טאָג א ייַכל פון א פערטל אָפּ, און פארנאכט, אז ער קומט צו גיין פונעם לערנען, עסט ער, און איך זעץ מיך אוועק אקעגן מיט אן ארבעט אין דער האנט און ווער גרעבער און ווי לענגער ווער איך, און איך בעט גאָט, גאָט זאָל מיר העלפן, איך זאָל אים מאָרגן, אימירצעשעם, ווידער קאָנען צושטעלן א ייַכל פון א פערטל אָפּ... „מאמע, זאָגט ער מיר, פארוואָס עסטו נישט מיט מיר?" „עס געזונט, זאָג איך, איך האָב שוין אָפּגעגעסן"... „וואָס האָסטו געגעסן?" זאָגט ער. „וואָס איך האָב געגעסן, זאָג איך, האָב איך געגעסן, אבי איך האָב שוין געגעסן; עס געזונט!" און אז ער לערנט אָפּ די ביכלעך, צי די ספאָרים, נעם איך ערשט דעמלט ארויס פונעם אויוון א פאָר געבאקענע קארטאָפל נעם איך, אָדער איך רייַב אָן א שטיקל ברויט מיט ציבעלע רייַב איך, און מאך מיר א סודע... און איך שווער אייַך בענעמאָנעס, איך זאָל אזוי דערלעבן אָן אים נאכעס מיט אלדאָסגוטס, אז איך האָב האנאָע פון דער דאָזיקער ציבעלע א סאך מער, ווי פון דעם שענסטן געבראָטנס, ווי פון דער בעסטער יויך, וואָרעם איך דערמאָן מיך, אז דאָווידל האָט, קיין אייַנאָרע, געגעסן א ייַכל פון א פערטל אָפּ, און, אימירצעשעם, אָפּ מאָרגן איז ווידער פאראן א ייַכל פון א פערטל אָפּ!.. איין שטיקל כיסאָרן נאָר — אָט דאָס הוסטן, וואָס ער הוסט נעבעך אלע־מאָל: קאכי־קאכי! קאכי־קאכי!.. איך בעט דעם דאָקטער בעט איך, ער זאָל אים עפּעס געבן צום הוסט. זאָגט ער: „וויפל איז אלט געווען דער מאן מייַנער, מוישע־בענציען אָלעוואשאָלעם, בעשאס ער איז געשטאָרבן, און פון וואָס איז ער געשטאָרבן?"... „פונעם טויט, זאָג איך, איז ער געשטאָרבן, פונעם טויט. ס'איז אים אויס־

געגאַנגען, זאָג איך, יאָרן, איז ער געשטאָרבן... וואָס איז דאָס פאַר
א מאָשל אַהערצוצו?"... „איך באַדאַרף דאָס וויסן, זאָגט ער, איך
האָב באַטראַכט אײַער זון, איר האָט א ווילן זון, א געראָטענעם"...
„א שיינעם דאַנק אײַך, זאָג איך, דאָס ווייס איך אַליין. איר גיט
מיר בעסער א רעפּוע צום הוסט גיט מיר, ער זאָל אופהערן הוסטן
זאָל ער מיר"... „דאָס קאָן מען ניט, זאָגט ער, איר דאַרפט נאָר,
זאָגט ער, אַכטונג געבן, ער זאָל ווייניקער לערנען"... „וואָס דען,
זאָג איך, זאָל ער טאָן?" „ער זאָל עסן א סאַך, זאָגט ער, און גיין
שפּאַצירן אַלע טאָג, און דעריקער — ניִשט זיצן באַנאַכט איבער
די ביכער. אויב עס איז אים באַשערט, זאָגט ער, זײַן אַמאָל א
דאָקטער, וועט ער ניִשט אָנווערן שפּעטער מיט עטלעכע יאָר"...
„וואָס עס האָט זיך מיר געכאָלעמט, טראַכט איך מיר, יענע נאַכט
און הײַנטיקע נאַכט און א גאַנצ יאָר! עפּעס רעדט ער ניִשט צו דער
זאַך, טאַקע נאָר ווי א דולער רעדט ער! וואָס הייסט, מײַן דאָווידל
וועט זײַן א דאָקטער גאָר? פאַרוואָס זאָל ער בעסער ניט זײַן קיין
גובערנאַטאָר פאַרוואָס?"... קום איך צו גיין אַהיים און דערצייל
דאָס מײַן דאָווידלען דערצייל איך דאָס, ווערט ער רויט ווי פײַער
און רופט זיך אָן צו מיר: „ווייכטו וואָס, מאַמע? גיי ניִשט מער צום
דאָקטער און רייד ניִשט מיט אים"... „איך וויל שוין אַפילע, זאָג
איך, זײַן פּאָנעם ניט אָנקוקן! איך זע דען ניט, אז ער איז א כור-
שים?"... א דאָקטער זאָל דיר האָבן א מאָרנע טעווע, ליב האָבן
זיך אַרײַנלאָזן אין אַזעלכע דראָכים, נאָר אויספרעגן באַם כוילע:
פון וואָס ער לעבט, און וויאַזוי ער לעבט, און ווו נעמט ער אַפּ
צו לעבן?.. וואָס גייט דיך אָן? מע שענקט דיר א האַלב קערבל? —
נעם און פאַרשרײַב א רעצעפּט!..
— יאָ, אַקעגן וואָס זשע איז דאָס געקומען צו רייד? אַקעגן

דעמ, וואָס איר זאָגט: מע איז קעסיידער פארטארערמט... אוודע איז מענ פארטאַרעראַמט אונ מע שלאָפט אינ שלייער, איז מע האָט א קאָשעק מיט אייער, מיט אויפעס, מיט גענדז אונ מיט קאטשקעס, אונ עטלעכע נעגידעסטעס אפ זיכ, ווײַאָס איטלעכע וויל פרײַער, האָט מוירע, טאָמער האָט יענע אויסגעקליבנ די בעסטע אייער מיט די שענסטע אויפעס. ווענ האָב איכ צײַט, זאָגט שוינ איר אלייג, קאָכנ ײַיבלעכ, אז איכ בינ קיינמאָל ניטאָ אינ דער היימ? נאָר א ייִד א לאמדנ, ווי זאָגט איר, גיט זיכ אנ אייצע: גאנצע פרי, איידער איכ קלײַב מיכ ארויס אינ מארק, הייצ איכ אײַנ אינ אויווונ הייצ איכ, נאָכדעמ כאפ איכ מיר אראָפ אפ א מינוט אונ זאלצ אויס דאָס פערטל אָפ זאלצ איכ, אונ גיי אפ דער ארבעט, אונ כאפ מיכ ווידער אראָפ אונ גיס אָפ דאָס פלייש גיס איכ, אונ שטעל צו דאָס טעפל שטעל איכ, אונ בעט זי, די שכיינע מײַנע, געזעסענע הייסט דאָס, זי זאָל אכטונג געבנ אפנ טעפל זאָל זי, דאָס הייסט, אז דאָס טעפל וועט פארזידנ, זאָל זי דאָס צודעקנ מיט דער פאָקרישקע אונ פארשארנ מיט אש — א גרויסע ארבעט, מישטיינסגעזאָגט! וויפל מאָל מאכט זיכ, אז איכ קאָכ אָפ פונירט־וועגנ א גאנצע וועטשערע? מע איז דאָכ עפעס ייִדנ, וויי איז מיר, מע זיצט דאָכ צווישנ מענטשנ, ניט אינ קיינ וואלד זיצט מענ!.. אונ שפעטער, אפ דער נאכט, אז איכ קומ אהיימ פונ דער ארבעט, צעבלאָז איכ ערשט א פײַער צעבלאָז איכ, אונ ווארעמ אָנ דאָס טעפל, אונ ער עסט א פריש ײַיבל עסט ער... זואָלט, דאכט זיכ, געווענ גוט, איאָ? איז דאָכ אָבער מײַנ שכיינע, ניט אויסגע־רעדט זאָל זײַנ, מעכילע א גרויסע... איכ וויל ניט זאָגנ וואָס... איז זי זיכ מעיאשעוו הײַנט אינדערפרי אונ שטעלט זיכ אוועק קאָכנ פונ אירע קינדערסוועגנ א מילכיקנ אָנבײַסנ — האלעשקעס

אָדער באַלאַבעשקעס מיט מילך. וואָס איז דאָס פאר אַ מײַכל באַ־לאַבעשקעס מיט מילך? און וואָס עפּעס פּלוצעם אינמיטן מיט־וואָך שאַבעסצונאַכטס? לאָז מיך אַזוי וויסן אַ בייזע וועטשערע! אַ מאָדנע ייִדענע אָט די מיטניטשקע! באַ איר איז אָדער גאָר, אָדער גאָרניט. דרײַ טעג קאָן אוועקגיין, זאָל זי ניט צעלייגן קיין פײַער אין אויוון, און פּלוצעם קומט איר אָן — זאָל זי נעמען אָנבויטען אַ גאַנצע פּאָמוניצע, קלוימערשט אַ הירזשענעם קוליש אָדער אַ קרופּניק, וואָס מע באַדאַרף אָנטאָן אַ פּאָר ברילן, מע זאָל דאַרטן דערזען אַ הירזשעלע, אָדער גאָר אַ טאָפּ מיט פּיש־קאַרטאָפּליעס, וואָס די ציבעלעס לאָזן זיך הערן פאַר אַ מײַל, און פונעם פעפער, וואָס זי האָט אָנגעפּעפערט, גייען זיי אום נאָכדעם אַלע אַ גאַנצן מעסלעס, האַלטן אָפּן די מײַלער און האַקן: הוא־הוא!..

— יאָ, אַקעגן וואָס זשע איז דאָס געקומען צו רייד? אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט שלימאַזל... איז זיך מעיאַשעוו די שבייִנע מײַנע און פאַרקאָלאָטשעט באַלעבאַשקעס פון רעטשענע מעל און שטעלט צו אַ קריגל מיט מילך שטעלט זי אין אויוון, סע זאָל אויפ־זידן, און צווישן די קינדער אירע ווערט אַ סימכע, אַ געדולע, טאַטעניו! זיי האָבן קיינמאָל ניט געזען קיין ביסל מילך, אַפּאָנעם. מאָלט אײַך, נישט מער זאָלן אונדזערע סאָנים פאַרמאָגן, וויפל דאָרט איז געווען מילך! עפּשער צוויי לעפל, דאָס איבעריקע וואַ־סער. נאָר באַ אַזעלכע קאַפּצאָנים, מישטיינסגעזאָגט, איז דאָס אויך אַ זאַך.. דערווײַל טראָגט אָן דער גוטער־יאָר דעם שאַמעש. עס זײַזט אוים, אַז אויזער האָט נאָך אין קלײַזל אָנגעשמעקט, אַז אין דער היים באַ אים קאָכט זיך אַ נעגידישער אָנבײַסן קאָכט זיך, איז ער געקומען צו פּלינען מיט אַ ווערטל, ווי דער שטייגער זײַנער:

„א גוט־יאָמטעוו!“... „א ווײסטער, א פינצטערער גוט־יאָמטעוו אפ דיר, זאָגט זי, וואָס אזוי פרי?“... „איכ האָב מוירע געהאַט, זאָגט ער, טאָמער, כאָלילע, פארשפּעטיק איכ דאָ א באָרכו... וואָס קאָכט זיכ דאָ בא דיר אינ אויוונ?“... „קאָדאָכעס, זאָגט זי, פונדײַנטוועגנ אינ א קלײנ טעפּעלע“... „פארוואָס ניט, זאָגט ער, אינ קײנ גרויסנ טאָפּ, וואָלט שוינ געווענ פאר אונדז ביידנ“... „א, פארכאַפּט זאָלסטו ווערנ מיט דײַנע ווערטלעכ!“ — זאָגט זי אָנגעצונדנ, אונ נעמט דעם ראָהעטש אונ טוט א כאַפּ דאָס קריגל. טוט זיכ דאָס קריגל א קער איבער, אונ די מילכ — פליוכ איבערנ גאַנצנ אויוונ!.. א גוואַלד, א ראַש, א געפילדער! גנעסיע שעלט דעם מאַנ מיט טויטע קלאָלעס; זײַנ גליק, וואָס ער האָט זיכ אָפּגעטראָגנ באַצײַטנס. אונ די קינדער נעבעכ זײַנענ אראָפּ פונ דעם אפנ־אויוונ אונ האָבנ געמאַכט א געוויינ מיט א געשריי, גלײַכ ווי מע האָט זיי אָפּגעקוילעט טאַטע־מאַמע... „א קאַפּאָרע, זאָג איכ, אײַערע באַלאַבעשקעס מיט מילכ — מײַנ דאָווידלס ייַכל, האָב איכ מוירע, איז יאָ פארפאלנ, אונ דאָס טעפּל מײַנס איז כאָלילע טרייפ געוואָרנ!“... „כאַפּט דער רועכ דאָס ייַכל אײַערס מיטנ טעפּל, זאָגט גנעסיע, מײַנע באַלאַבעשקעס מיט מילכ זײַנענ עפשער בא מיר אזוי טײַער, ווי אײַערע אַלע טעפּלעכ מיט אַלע אײַערע ייַכלעכ, וואָס איר קאָכט פונ אײַער קאַדעש וועגנ!“... „ווייסט איר וואָס, זאָג איכ, זײַנ זאָלט איר אַלע די קאַפּאָרע פאר מײַנ דאָווידלס מינדסטנ נאָגל פונעמ קלענסטנ פינגערל!“... „ווייסט איר וואָס, זאָגט זי, זײַנ זאָל דאָווידל די קאַפּאָרע פאר אונדז אַלעמענ, ער איז אײנער!“... וואָס זאָגט איר אפ אזא הולטײַקע? איז זי ניט ווערט געווענ, מע זאָל איר צעפּאַטשנ די פּיסקעס מיט א נאַסער האַנטשירקע?..

— יאָ, אקעגנ וואָס איז דאָס געקומענ צו רייד? אקעגנ דעמ, וואָס איר זאָגט: פינ מילכיקס מיט פליישיקס אינ איינ אויוונ קאָנ קיינ גוטס ניט ארויס... האָט זיכ דאָס קריגל, הייסט דאָס, געשטעלט פאָפערעק, אונ די מילכ — הוצ איבערנ גאנצנ אויוונ. האָב איכ מוירע, טאָמער, כאָלילע, האָט זיכ דאָס אָנגעריירט אָנ מײַנ יויכנ-עפל, בינ איכ א פארפאלענע בינ איכ! כאָטש אפילע, צוריק שמועסנדיק, ווי קומט די מילכ צו מײַנ טעפל, אז מײַנ טעפל איז געשטאנענ פארוקט אינ אש העט־העט אינ א ווינקעלע? נאָר אויכ די אייגענע מײַסע, איכ קאָנ אָרעיִו זײַנ? א קאשע אפ א מײַסע! מײַנ פינצטער מאזל! טאָמער?.. איכ וועל אײַכ זאָגנ דעמ רעבנס עמעס וועל איכ אײַכ: מיילע, דאָס יײַכל ווי דאָס יײַכל; עס טוט מיר אוואדע הארצעדיק באנק. וואָס וועט ער נעבעכ עסנ, דאָווידל? נאָר מיסטאמע וועל איכ שוינ עפעס צוטראכטנ פונזײַנטוועגנ מיסטאמע; איכ האָב נעכטנ געבראכט געענדז פונ דער שכיטע, געמאכט אָבדירקעס אפ צו פארקויפנ, איז מיר פארבליבנ א ביסל דרויב אפ שאבעס: קעפלעכ, קישקעלעכ, דאָס, יענצ — מע קאָנ שוינ עפעס מאכנ דערפונ! איז מיר אָבער שלעכט — איכ האָב נישט קיינ טעפל האָב איכ נישט. איכ האָב מוירע, טאָמער מאכט איר מיר טרייפ דאָס טעפל, בינ איכ געבליבנ אָנ א טעפל, אונ אָנ א טעפל בינ איכ ווי אָנ א האנט בינ איכ, וואָרעמ איכ האָב אינגאנצנ איינ טעפל. דאָס הייסט האָבנ האָב איכ געהאט דרײַ טעפלעכ פליישיקע, האָט בא מיר גנעסיע, אפ קיינ גוט אָרט זאָל זי אײַכ ניט שטיינ, איינמאָל אנטלײַענ א טעפל, א שפּאָגל-נײַ טעפל, אונ גייט אונ גיט מיר אָפּ א שטשערבאטע טעפל. זאָג איכ צו איר: „וואָס איז דאָס פאר א טעפל?”... זאָגט זי: „ס׳איז אײַער טעפל”... זאָג איכ: „ווי קומט צו מיר א שטשערבאטע טעפל, אז איר האָט

באַ מיר גענומענ אַ גאַנצ טעפּל?"... זאָגט זי: „שאַט, שרײַט ניט אַזוי, מע ווערט פונ אײַכ ניט גליקלעכ! ערשטנס, האָב איכ אײַכ אָפּגעגעבנ אַ גאַנצ טעפּל; צווייטנס, אַז איכ האָב באַ אײַכ גענומענ דאָס טעפּל, איז דאָס געווענ אַנ אָנגעשטשערבעט טעפּל; אונ דריטנס, האָב איכ באַ אײַכ קיינמאָל ניט גענומענ קיינ טעפּל, איכ האָב מיר מײַנ טעפּל, אונ טשעפּעט זיכ אָפּ פונ מײַנ לעבנ!"... אַ הולטײַקע קאָנ!..

— יאָ, אַקעגנ וואָס זשע איז דאָס געקומענ צו רייד? אַקעגנ דעמ, וואָס איר זאָגט, אַז טעפּלעכ אינ באַלעבאַטישקײַט איז קיינמאָל נישט צופיל... בינ איכ, הייסט דאָס, ווי איר זעט, געבליבנ באַ צוויי טעפּלעכ גאַנצע טעפּלעכ אונ איינ טעפּל אַ שטשערבאַטע טעפּל, דאָס הייסט צוויי טעפּלעכ... נאָר ווי טאָר אַנ אָרעמאַנ האָבנ צוויי טעפּלעכ? באַדאַרפ זיכ מיסטאַמע טרעפנ אַזוי, אַז איכ קומ איינמאָל צוגייענ פונעמ מאַרק מיט די אויפּעס קומ איכ, בינדט זיכ אָפּ אַנ אָפּ אונ דערשרעקט זיכ פאַר דער קאַץ... וועט איר פרעגנ: ווי קומט אַהער אַ קאַץ? אַלצ זי מיט אירע קאַדיישימ! דערטאַפּנ זיי ערגעצ אַ קעצל, מוטשענ זיי דאָס אַזוי לאַנג, ביז זיי פאַרמוטשענ דאָס. „אַ צאַרבאַלעבײַזמ! — טײַנעט מיט זיי מײַנ דאָווידל. — אַ לעבעדיקע זאַכ!"... נאָר גיי רייד מיט אַזעלכע היצלעס, לײדיקגייערס, פּוסטעפּאַסניקעס!.. בעקיצער, זיי האָבנ עפּעס אָנגעהאַנגענ דער קאַץ אַפנ שפּיץ ווײדל, האָט זי אָנגעהויבנ שפּרינגענ, מאַכנ אָנשטעלנ, האָט זיכ דאָס אָפּ דערשראָקנ אונ איז אַרופגעפלויגנ גלײַכ אַפ דער אייבערשטער פּאָליצע — אונ טראַכ אַ טעפּל אינ דער ערד אַרײַנ! איר מיינט עפּשער — דאָס שטשערבאַטע טעפּל? אַוודאי יאָ, ס'פאַרשטייט זיכ! אַז ברעכנ, וועט זיכ ברעכנ אַ גאַנצ טעפּל! דאָס איז שוינ טאָמעד אַזוי, פונ זינט די וועלט איז

א זועלט!.. איך האָב געוואָלט וויסן האָב איך געוואָלט, פאַרוואָס איז דאָס, לעמאָשל: צוויי מענטשן גייען. דער גייט און דער גייט; איינער איז א בעניאָכיד, אייג־און־איינציקער, א ציטעריקער בא דער מאַמען, און דער אנדערער איז...... רעבעניו! גאָט איז מיט אײַך! וואָס איז מיט אײַך אזעלכס? רעבעצן! רעבעצן! ווו זײַט איר ערגעץ?.. אהערצו גייט! גיכערט! דער ראָוו איז עפּעס נישט מיט אלעמען! ניט גוט געוואָרן... אפּאָנעם, אפ צו כאַלעשן!.. וואסער! וואסער!..

1901

אנ אייצע

שוין פונ א טאָג דרײַ, אז עס גייט צו דיר א יונ־געראַנ אלע אינדערפרי אונ באַטאָג אונ אפדערנאַכט, אונ טרעפט דיכ ניט אינ דער היים. ער דאַרפ דיכ, זאָגט ער, זייער נייטיק זענ!

אזוי האָט מענ מיר אָנגעזאָגט א פסורע, בעשאַס איכ בינ געקומענ איינמאָל צו פאָרנ פונ וועג אהיים.

מיסטאָמע א מעכאַבער מיט א „ווערק"! — אזוי האָב איכ מיר געטראַכט אונ האָב מיכ אוועקגעזעצט צום טיש, אונ נאָר גענומענ זיכ צו דער ארבעט — אהא, מע קלינגט שוינ! עס עפנט זיכ די טיר אונ עמעצער דאָרטנ פאָרקעט זיכ, טוט אויס די קאַלאָשנ, הוסט, שנײַצט די נאָז — אלע סימאָנימ פונ א מעכאַבער. איכ וואָלט שוינ וועלנ זענ דעמ פארשוינ! גאָט האָט געהאָלפנ,

ער איז ארײַנ. אָפּגעמאַכט צו מיר א גאַנצ פּײַנעמ „בויִ־בעשאָ־לעמ“, דאָס הייסט אָפּגעטראָטנ אפ א פּאָר טריט צוריק, געמאַכט א מינ רעווערנס, געריבנ בעשאַסמײַסע א האַנט אָנ א האַנט, האָט ער זיכ מיר פאָרגעשטעלט אונ אָנגערופנ א נאָמענ פונ דער האַגאַדע, איינעמ פונ די נעמענ, וואָס אָט האָט איר דאָס געהערט, אונ אָט האָט איר דאָס פארגעסנ — אַוועקגעפלויגנ.

— זיצט! מיט וואָס קאָנ איכ אײַכ דינענ?

— איכ בינ געקומענ צו אײַכ מיקויעכ זייער א נייטיקער זאַכ. דאָס הייסט פאַר מיר איז די זאַכ נייטיק, זייער נייטיק, מאַמעש, קאָנ מענ זאָגנ, נעגייע אינ לעבנ ארײַנ, אונ נאָר איר, אזוי מיינ איכ, וועט דאָס פארשטיינ. איר שרײַבט אזוי פיל, אז איכ מיינ, אז איר באַדאַרפט וויסנ אַלצדינג אונ איר באַדאַרפט זײַנ א מייווינ אָפ אַלצדינג. אזוי מיינ איכ. דאָס הייסט, ניט איכ מיינ, נאָר איכ בינ איבערצײַגט, אז ס'איז אזוי.

איכ באַטראַכט מײַנ פארשוינ: א טיפּ פונ א קליינשטעטלדיקנ מאַסקל, א מעכאַבער. א יונגערמאַנ מיט א בלאַס פּאָנעמ, מיט גרויסע שוואַרצע ראַכמאָנעס־אויגנ, דאָס הייסט אַזעלכע אויגנ, וואָס בעטנ זיכ: „האָט ראַכמאָנעס אפ אַנ עלנטע, א פארבלאָנד־זעטע נעשאָמע“. איכ האָב נישט ליב אַזעלכע אויגנ, פאַר אַזעל־כע אויגנ האָב איכ מוירע: קיינמאָל לאַכנ זיי נישט, טוענ נישט קיינ שמייכל, שטענדיק פארטיפט אינ זיכ — איכ האָב פײַנט אַזעלכע אויגנ.

— אנו, ווײַזט, וואָס האָט איר דאַרטנ? — מאַכ איכ צו אימ, לייג אַוועק די פּענ, שפּאַר מיכ אָנ אפנ בענקל אונ וואַרט, אז אָט באַלד נעמט ער זיכ צומ בוזעמ אונ שלעפּט אַרויס א היפּש פּעקל קסאַווימ, געווּיס א ראָמאַנ אינ דרײַ טיילנ, לאַנג ווי דער יידישער

גאָלעס, אָדער א דראמע אינ פיר אקטנ, וואָס די פאַרשווינענ הייסנ: מערדערזאָנ, ערלעכמאנ, פרומהארצ, ביטערצווייג, אוקעדוימע אזעלכע נעמענ, וואָס פונ זיי אליינ זעט איר שוינ ארויס, מיט וועמענ איר האָט צו טאָנ... אונ עפשער איז דאָס גאָר נייע לידער פונ ציִענ?

„אהינ אפ די בערג טוט אימ ציִענ,
דאָרט, ווו דער אָדלער טוט פליִענ,
דאָרט, ווו דער איילבערט טוט בליִענ,
דאָרט, ווו די נעוויִמ האָבנ געטאָנ רוִענ,
אונ פאר גאָט געטאָנ קניִענ...”

מיר זיינענ קענטלעכ די דאָזיקע לידלעכ, די דאָזיקע גראמענ, וואָס קריכנ פונעמ האלדז, שעמערירנ אינ די אויגנ, זשומענ אינ די אויערנ אינ לאָזנ איבער אינ הארצנ נאָכ זיכ א ווילדע פוסט־קייט, א מאָרנע וויסטעניש אפ דער נעשאָמע.

שטעלט אייכ אָבער פאָר — איצטיקס מאָל האָב איכ דאפקע נישט געטראָפנ: דער יונגערמאנ האָט זיכ נ י ט גענומענ צו דער בוזעמ־קעשענע, נ י ט ארויסגעשלעפט קיינ פעקל קסאָווימ, נ י ט אינ זינענ געהאט אפילע לייענענ מיר א ראָמאנ, א דראמע, אָדער נייע לידער פונ ציִענ. ער האָט נאָר צורעכט געמאכט דעמ קאָל־נער פונ העמד, אויסגעהוסט זיכ פריִער אונ א זאָג געטאָנ צו מיר:

— איכ בינ געקומענ צו אייכ אהער, הייסט דאָס, נישט מער ווי אויסדערציילנ אייכ מיינ ביטער הארצ אונ זיכ אנ אייצע האלטנ מיט אייכ, אזא מענטש ווי איר, באדארפט מיכ פארשטיינ. איר שרייבט אזוי פיל, אז איר מוזט וויסנ אלצדינג, אונ נאָר איר

קאָנט מיר געבן די רעכטע אייצע, און גלייבט מיר, וואָס איר וועט מיר זאָגן, דאָס וועל איך טאָן. איך גיב אײַך מײַן ערנוואָרט! האָט קיין פאריבל נישט, עפשער נעם איך צו באַ אײַך צײַט?

— נישקאָשע, עס מאַכט נישט אויס. דערציילט, דערציילט! — מאַך איך צו אים און פיל, ווי א שטיין איז מיר אראָפּ פונעם הארצן. און דער יונגערמאַן רוקט זיך צו צום טיש און הייבט אָן צו דערציילן זײַן ביטער הארץ, פרײַער פּאַוואָלינקע, געלאַסן, און וואָס ווײַטער מיט אַלץ מער היץ.

— אַליין בין איך, דאַרפט איר וויסן, א יונגערמאַן, ווי איר זעט מיך, פון א קליין שטעטל. דאָס הייסט דאָס שטעטל איז גאָר ניט אַזאַ קליין שטעטל, און דאַפקע א היפּש שטעטל, א שטאָט קאָן מען זאָגן, נאָר קעגן אײַער שטאָט הייסט דאָס א שטעטל. דאָס דאָזיקע שטעטל, אַזוי מיין איך, קענט איר דאַפקע זייער גוט, נאָר איך וויל דאָס אײַך נישט פאַרעש בישמוי זײַן, מאַכמעס, א קאַשע אָפּ אײַך, איר קאָנט דאָס נאָך באַשרײַבן, פּאַסט דאָס מיר ניט איבער א סאַך טײַמים... מיט וואָס איך פאַרנעם זיך, ווילט איר וויסן? המ... איך פאַרנעם זיך... הייסט דאָס, טאָן טו איך לעסאַטע גאָרנישט ניט, זיץ נאָך, הייסט דאָס, אָפּ קעסט באַ שווער און שוויגער, דאָס הייסט נישט אָפּ קעסט, נאָר אינײַנעם זיצן מיר, אָפּ אַלעמ גרייטן, מאַכמעס זי איז, דאַרפט איר וויסן, א באַסיעכידע, אַן איין־און־איינציקע הייסט דאָס, מער נישטאָ באַ זיי קיין קינדער, אַכוץ די איינע טאָכטער, און זיי קאָנען נישקאָשע, באַשטיין אונדז אויסהאַלטן נאָך צען יאָר, מאַכמעס זיי זײַנען, דאַרפט איר וויסן, פאַרמעגלעכע לײַט, מע קאָן אָפּ זיי זאָגן נעגידים און ווערליק באַ אונדז — הייסן זיי גרויסע נעגידים,

גווירים אדירים, וואָרעם רײַכער פון זיי איז שוין באַ אונדז נישטאָ. מײַן שווער באַדאַרפט איר געווייס קענען. אַזוי מיין איך. איך וויל אײַך נישט פֿוירעש בישמוי זײַן, סע פּאַסט נישט. ער איז אַ ייִד, דאַרפט איר וויסן, וואָס האָט ליב זיך לאָזן הערן אַף דער וועלט, מע זאָל אים קענען. לעמאָשל, אַף באָברויסקער נים־ראָפּים האָט ער געגעבן די שענסטע נעדאָווע, אַף קעשענעוו האָט ער געשענקט מער פון אַלעמען. אין שטאָט גופע באַ אונדז גיט ער אַפילע וױנציק־וואָס, נאָר אין דער פרעמד האָט ער ליב זיך אויסשטעלן פײַן, אַלע זאָלן וויסן. ער איז, פאַרשטייט איר מיך, גאָר קיין נאַר˚נישט. ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז דאָ, אין שטאָט, האָט מען סטווויסײַ פאַר אים דערעכערעץ — פאַר וועמען באַדאַרף ער זיך דאָ אויספּײַנען? איז ער זיך מעיאַשעוו און שטעלט זיי גאָר אַ פּײַג. ער איז אַ מענטש, וואָס קאַטאָרע ער קאָן נישט געבן. ער זאָגט אַלײַן, אַז ער קאָן נישט געבן. אַז מע קומט צו אים נאָך אַ נעדאָווע, ווערט ער טויט און זאָגט: „שוין? איר זײַט שוין געקור־מען נעמען? נאַט אײַך די שליסעלעך און גייט אײַך אַלײן צו דער שאַפע און נעמט אײַך, וויפל איר דאַרפט“... מיינט איר דאָך מיס־טאַמע, אַז אָט נעמט ער אַרויס די שליסעלעך? האָט איר בימכילע אַ טאָעס! די שליסעלעך פון דער שאַפע ליגן באַ אים סאַכאַקל פאַרשלאָסן אין אַ טישקעסטל, און אַכוץ דעם ליגט דאָס שליסעלע פון טישקעסטל אויך ערגעץ באַגראָבן. אָט אַזאַ מענטש איז ער, דער שוועער מײַנער. און וואָס זאָלט איר קלערן? אַוואַדע, ווי דער מענטש פאַרדינט, אַזאַ נאָמען האָט ער. צווישן אינדז ריידנדיק, הייסט ער טאַקע באַ אונדז אין שטעטל „דער דאָווראַכער“... גע־ווינטשלעך, הינטער די אויגן; אין די אויגן כאַנפעט מען אים אַזוי, אַז סע שלאָגט צום האַרצן. און ער איז זיך מעיאַשעוו און נעמט

דאָס אָנ דאפקע פאר גוט געלט, גלעט זיכ דאָס בײַכל אונ לעבט זיכ אָפּ א גוטנ טאָג. סטײַטש געלעבט! לעבנ צו לעבנ איז נישט גלײַכ! בארעכנט אײַכ נאָר אליינ: א מענטש טוט נישט קיינ האנט אינ קאלט וואסער, שיינ געזעסנ, פײַנ געגעסנ, גוט געשלאָפנ — וואָס ווילט איר נאָכ? נאָכנ שלאָפנ הייסט מענ אײַנשפאנענ דאָס פאיעטאָנדל אונ מע פאָרט ארויס א ביסל אפנ שפאציר איבער דער בלאָטע. אונ קומט פארנאכט, גייט מענ זיכ צונויפ מענטשנ פונ שטאָט, דער מיט אזא פיזמענ, דער מיט אזא מינ רעכילעס, א נעכטיקנ טאָג, אונ מע בארעדט די גאנצע שטאָט, אונ מע לעצעוועט אָפּ פונ דער גאנצער וועלט. נאָכדעמ דערלאנגט מענ דעמ גרויסנ סאמאָוואר אונ מע זעצט זיכ אוועק מיט שמועל-אבע דעמ שויכעט שפּילנ אינ דאָמינעס. שמועל-אבע דער שויכעט, דארפט איר וויסנ, איז א יונגערמאנ טאקע מיט פייעלעכ, נאָר א היינט-וועלטיקער שוינ, מיט א ווײַסנ קאָלנער, מיט אויסגעפוצטע שטי-וועלעכ אונ אנטלויפט נישט פאר קיינ יונגע ווײַבלעכ, אונ האָט א פײַנ העלדזל, קאָנ שיינ זינגענ, אונ שרײַבט אויס א בלאט, אונ שפּילט זייער גוט אינ שאָכ אונ אינ דאָמינעס. אונ אז זיי זעצנ זיכ שפּילנ אינ דאָמינעס, קאָנענ זיי אוועקשפּילנ אָט אזוי א גאנצע נאכט, אונ דו זיץ אונ קוק אונ גענעץ. דאָס מויל ווערט שיר נישט צעריסנ! נעמ זשע, דו שוטע, שטיי אופ אונ גיי דיר אוועק צו זיכ אינ ביידערל אונ זעצ זיכ איבער א בוכ, צי איבער א בלאט-צײַטונג? איז ניינ! פארוואָס? סע פאסט נישט. סע זיצט א פרעמ-דער מענטש — וויאזוי הייבט מענ זיכ אופ אונ מע נעמט אונ מע גייט אוועק אינמיטנדערינענ? פאר אזא מײַסע, דארפט איר וויסנ, ווערט דער שווער בארויגעז. דאָס הייסט זאָגנ זאָגט ער גארנישט, נאָר ער בלאָזט זיכ אָנ, ווי אנ אינדיק, אונ ענטפערט נישט, כאָטש

רייד צו אימ צעזעצטערהייט! און אפּ אימ קוקנדיק — אויכ די
שוויגער! און וויבאלד שווער און שוויגער זײַנענ נישט שאָווע בע־
שאָווע מיטנ איידעמ, קוקט שוינ זי אויכ צו אלדי שווארצע יאָר—
פּאָרט א באסיעכידע, איינ און־איינציקע בא טאטע־מאמע. וואָס
זיי זײַנענ, זאָגט זי, בא איר דאָס כּיעס מיט דער נעשאָמע, און זי
בא זיי — דאָס אויג אינ קאָפּ מיט סאקאָנעס־נעפאָשעס, אזוי אז
טאָמער מאכט זיכ, זי ווערט עפּעס נישט מיט אלעמענ, איז באלד
דער דאָקטער, באלד קערט זיכ איבער די וועלט! נו, איז שוינ עפּעס
א כידעש, וואָס איזא נעפעש, ווי זי, נעמט זיכ איבער און מיינט,
אז די גאנצע וועלט איז באשאפנ געוואָרנ נאָר פונירטוועגנ? אינ
דערצו, דארפט איר וויסנ, איז זי נאָכ נישט איבעריק קלוג אויכ.
דאָס הייסט, אזוי אפילע, אז איר וועט מיט איר ריידנ, איז זי,
דאכט זיכ, נישט קיינ נאר, גאָר קיינ נאר נישט, מע קאָנ זאָגנ א
קלוגע, א גאנצ קלוגע, א כרוצע, א מאנצבילשער קאָפּ אפּ איר!
נאָר וואָס דענ? אָט דאָס, וואָס זי איז צעבאלעוועט, צעפּיעסטעט,
א ווילדע ציג. טאָג ווי נאכט אָדער כא־כא כא, אָדער גאָר א וואָרפ
געטאָנ זיכ אינ בעט אריינ און צעוויינט זיכ, ווי א קליינ קינד.
„וואָס איז דיר? וואָס פעלט דיר? וואָס וויינסטו? וואָס וויל־
סטו?” — ענטפערט די וואנט... מיילע. וואָלט דאָס נאָכ אויכ
געווענ א האלבע צאָרע. א ווײַב, אז זי וויינט, וויינט זי אזוי לאנג,
ביז זי וויינט זיכ איבער! איז אָבער דער כיסאָרנ — די שוויגער.
ווערט געוואָר די שוויגער, קומט זי צו לויפנ אינ איינ אימפּעט
מיטנ טערקישנ שאל אפּ די פּלייצעס, ברעכט די הענט און לייענט
מיט א נוסעכ פונ טכינעס, אינ א קאָל האָט זי, דארפט איר וויסנ,
פונ א מאנצבל: „וואָס איז דיר, טאָכטער־לעב? ווידער ער? אָט
דער רעצייעכ, דער גאזלענ, דער מערדער? ווינד איז מיר! וואָס ארט

דאָס אימ, אשטייגער, וואָס איכ האָב נאָר איינ אויג אינ שטערנ?
דער בויכ האָט אימ ווי געטאָנ? צי ער האָט בלוט פאַרגאָסנ?"...
שיט, שיט מיט רייד, ווי פונ א זאק! עס ווײַזט זיכ מיר אויס,
אז זי וועט אייביק אזוי שיטנ, קיינמאָל נישט אופהערנ, און עס
זייגט מיכ באמ הארצנ, עס נאָגט די נעשאָמע, און עס נעמט
מיכ אָנ א כיישעק נעמענ איר טערקישנ שאל, צעקנייטשנ מיט
די הענט, צעטרעטנ מיט די פיס און צערײַסנ אפ שטיק-שטיק-
לעכ! כאָטש, אייגנטלעכ, אז מע וויל שמועסנ צוריק, וואָס האָב
איכ צו איר שאל? א שאל ווי אלע טערקישע שאלנ, וואָס מע
ברענגט זיי צו פירנ פונ בראָד. אײַכ באדארפ זײַנ באקאנט די
דאָזיקע טערקישע שאלנ: געמאָלטע, מיט רויטע געלע, גרינע,
ווײַסע, שווארצע קעסטעלעכ, מיט שפרענקעלעכ באשפרענקלט און
מיט פרענדזעלעכ באפרענדזלט...

— זײַט זשע מויכל, יונגערמאנ! — האק איכ אימ איבער סא-
מע אינמיטנ. — דאכט זיכ, איר האָט געזאָגט, איר ווילט זיכ
עפעס אָנ אייצע האלטנ מיט מיר מיקוייעכ אָנ איניענ?..

— האָט קיינ פאריבל ניט, — מאכט ער און כאפט איבער
דעמ אָטעמ, — עפשער נעמ איכ צו בא אײַכ צײַט? נאָר דאָס
איז נייטיק געוועזנ, פארשטייט איר מיכ, טאקע צומ איניענ, איר
זאָלט ווערנ א ביסל באקאנט מיט דער שטוב און מיט די מענטשנ,
און אז איר וועט ווערנ באקאנט מיט דער שטוב און מיט די
מענטשנ, וועט איר ערשט דעמאָלט פארשטיינ די לאגע מײַנע... איז
וויבאלד זי ווערט, כאָלילע, נישט מיט אלעמענ, מײַנע הייסט דאָס,
הייבט אָנ די שוויגער זאָרטשענ, און דער שווער הייסט אײַנשפא-
נענ דאָס פאיעטאָנדל און שיקט אוועק נאָכנ דאָקטער, דעמ נײַעמ
דאָקטער, — אזוי טאקע רופט מענ אימ בא אונדז: „דער נײַער

דאָקטער", — איך וויל אײַך ניט פֿוירעש בישמוי זײַן, כאַפּט אים דער וואַטנמאַכער!.. און אַט־אָ־דאָ הייבט זיך ערשט אָן די רעכטע כאַסענע, וואָס וועגן דעם טאַקע האָב איך אײַך געוואָלט דער־ציילן און זיך מיט אײַך אָן אייצע האַלטן.

מײַן פּאַרשוין שטעלט זיך אָפּ אַף א מינוט, ווישט זיך אויס דאָס פּאַרשוויצטע פּאָנעם, רוקט זיך צו צו מיר מיטן בענקל א ביסל נעענטער און גרייט זיך צו דערציילן ווײַטער, נעמט בעשאַס מײַסע אין האַנט אַרײַן א זאַך אַף צו האַלטן, מאַכמעס ס'איז פאַ־ראַן מענטשן, וואָס אַז זיי רײדן, מוזן זיי עפּעס האַלטן אין דער האַנט, אַנדערש קאָנען זיי ניט דערציילן קיין מײַסע. בא מיר אַפן שרײַבטיש שטייען אויסגעשטעלט פּאַרשיידענע זאַכלעך, ראַריטעטן, צאַצקעס. און צווישן זיי אויך א קליין וועלאָסיפּעדל, א ציגאַרן־שנײַדער. דאָס דאָזיקע וועלאָסיפּעדל האָט אַזוי נײַסעכיין געווען באַם אוילעם, אַז איטלעכער, ווער עס קומט אַרײַן צו מיר, איז קוידעמקאָל נעמט ער זיך צום וועלאָסיפּעדל. אויך דעם דאָזיקן פּאַרשוין מײַנעם איז דאָס וועלאָסיפּעדל, אַפּאָנעם, שטאַרק גע־פעלן. פריִער האָט ער דאָס בעשאַס דערציילן באַטראַכט, נאָכדעם גענומען אין האַנט, נאָכדעם געפּרוּווט דרייען די רעדלעך — אַקלאַל, ער האָט דאָס וועלאָסיפּעדל שוין מער פון די הענט ניט אַרויסגעלאָזט, און אַזוי האָט ער אָנגעהויבן צו דערציילן ווײַטער:

— אַלזאָ, „דער נײַער דאָקטער". דאָקטוירים, דאַרפט איר וויסן, איז פאַראַן בא אונדז אין שטעטל אַזוי ווי די הינט: פאַ־ראַן דאָקטוירים קריסטן, און פאַראַן יידישע דאָקטוירים און

דאָקטוירימלעכ; פאראנ אויכ דאָקטוירימ צױעניסטנ, דאָס הייסט אזעלכע, וואָס פארנעמענ זיכ מיט צױעניזמ. נאָר דער דאָקטער, וואָס איכ דערצייל אײַכ, איז נאָכ גאָר א יונגער דאָקטער, טאקע א היימישער, א שנײַדערס א זונ, דאָס הייסט דער פאָטער זײַנער איז געווענ אמאָל א שנײַדער — הײַנט איז ער שוינ אויס שנײַדער, וואָרעמ ווי שטייט אימ אָנ זײַנ א שנײַדער, אז ער האָט א זונ א דאָקטער? מיינ איכ פארקערט: ווי שטייט אָנ דעמ זונ דעמ דאָקטער צו האָבנ א טאטנ א שנײַדער, אונ נאָכ אזא מינ שנײַדער, וואָס איז צווישנ שנײַדערס א שנײַדער? דערהײַנע: אלײנ איז דאָס א ייִדל, דארפט איר וויסנ, א קליינס, מיט א וואטאָווער קאפּאָטע אונ מיט א קאסאָקע אייגל אונ מיט אנ אײַנגעבויגענעמ פינגער, אונ א קאָל האָט דאָס, ווי א גרײַנער, אונ סע גייט ארומ טאָג ווי נאכט אונ סע גרײַנערט: „מײַנ דאָקטער האָט דאָס נעכטנ געהאט א פּראקטיקע, אײַ א פּראקטיקע! מײַנ דאָקטער, אז ער וויל, קאָנ ער! מײַנ דאָקטער!“... ער פארהאקט איטלעכנ באזונדער דעמ קאָפּ מיט זײַנ דאָקטער! אונ דערצו איז נאָכ דער דאָקטער, צו די צאָרעס, דארפט איר וויסנ, א ווײַבערשער דאָקטער, דאָס הייסט אנ אקושאָר, — איז ווי ערגעצ א סאָד, פּויקט ער אויס, דער קאסאָקע שנײַדער, איבער דער גאנצער שטאָט. אז אָב אונ ווי איז שוינ יענעמ ווײַבל אָדער יענעמ מיידל, וואָס פאלט ארײַנ צומ דאָזיקנ דאָקטער אינ די הענט אונ צו זײַנ פאָטער דעמ שנײַדער אינ מויל ארײַנ... עס האָט זיכ אנומלענגנ געטראָפנ בא אונדז א מײַסע, א מיידל איז געווענ בא אונדז...

— זײַט זשע מויכל, יונגערמאנ! — האק איכ אימ איבער נאָכאמאָל אינמיטנ די רייד. — דאכט זיכ, איר האָט געוואָלט מיט מיר זיכ עפּעס אנ אייצע האלטנ?

— האָט קיין פאריבל ניט, עפשער נעם איך צו בא אײַך צײַט? נאָר איך האָב אײַך אָנגעהויבן מיטן דאָקטער, ווײַל ער איז אינגאנצן דער מאלכאמאָוועס טאקע! ווען ניט ער, וואָלט דאָך מיר געווען גוט ווי די וועלט, וואָרעם וואָס פעלט מיר, איך בעט אײַך? אז א ווײַבל האָב איך, דארפט איר וויסן, א פארשוין, א יעפאסטויאר קאָן מען זאָגן, און קיין קינדער, דארפט איר וויסן, האָבן מיר נאָך ניט, און א באסיעבידע איז זי, איין־און־איינציקע, איבער הונדערט און צוואנציק יאָר איז דאָס אינגאנצן אירס, מײַנס הייסט דאָס, און קאָווער האָב איך אויך, ניט צו פארזינדיקן, ווערליק א נאָגידס אן איידעם, ניט זשעדנע, דאנקען גאָט, נישט קיין אויבנאָן, נישט קיין מאפטיר שאבעס און יאָמטעוו, נישט קיין קיבעד, אז סע מאכט זיך ערגעץ א ברים; אויך מיטן עסרעג, צו די הוישײַנעס, בין איך דער ערשטער נאָכן שווער: פריִער דער כאזן, געוויינטלעך, נאָכדעם דער ראָוו, נאָכדעם דער שווער, נאָכדעם איך, נאָכדעם ערשט דער איבעריקער אוילעם. און אפילע אין מערכעצ, לעהאוודל, אז איך טו מיך אויס און קום ארײַן, מאכט דער בעדער א טארעראם: „לאָזט נאָר, יידן, מאכט א ווארע, דעם נאָגידס איידעם גייט!" איך שווער אײַך בענעמאָנעס, אז סע איז מיר פריקרע, איך האָב עס פײַנט. שײַעך זאָגן פײַנט? כניפע האָט איטלעכער ליב, און פון קאָווער זאָגט זיך קיינער נישט אָפעט, נאָר וואָס דען? ס'איז שוין צופיל, אוביפראט, אז איך ווייס, אז איך האָב עס קלאל נישט פארדינט. וואָס איז? באשער דער שווער איז א נאָגיד? לאָזן זיי אים כאנפענען, לאָזן זיי אים לעקן, זײַט מיר מויכל, צעזעצערהייט, וואָס קער זיך דאָס אָן מיט מיר? ווילדע מענטשן, זאָג איך אײַך, נאָך גאָר ווילדע מענטשן, און איך באדארף זיצן מיט זיי, ווי אין געפענ־

קעניש, וואָרעמ צונויפגיינ זיכ מיט אבי וועמענ לאָזט מענ מיכ נישט; ווי פאַסט דאָס פאַרנ נאָגידס אײדעמ? רײדנ מיטנ שווער — איז נישטאָ מיט וועמענ. ער איז, דאַרפט איר וויסנ, א פראָסטער נעפעש, זייער א פראָסטער נעפעש, א גרויסער אמאָרעצ, זאָל ער מיר מויכל זײַנ, — ווי ער הערט נישט, אזוי זאָל אימ נישט שאַטנ. אונ זי — א ווילדע ציג, א באַסיעבידע, ווי איכ האָב אײַכ געזאָגט; אָט לאַכט זי, אונ אָט וויינט זי, אָט איז כאַ־כאַ־כאַ, אונ אָט טוט זי זיכ א וואָרפ אינ בעט אַרײַנ, אונ מע שיקט נאָכנ נײַעמ דאָקטער. אונ דער נײַער דאָקטער — פאַרכאַפּט זאָל ער ווערנ! דערמאָנ איכ זיכ אָנ אימ, ווערט מיר מיִעס־אומאָעס דאָס לעבנ מײַנס! איר מעגט מיר זיכער גלייבנ, סע מאַכט זיכ אַמאָל א צײַט, אז סע ווילט זיכ מיר אָדער כאַפּנ א מעסער אונ שטעכנ זיכ, אָדער אַוועקלויפנ צומ טײַכ אונ טרינקענ זיכ — אזוי ווײַט איז מיר נימעס דער דאָזיקער דאָקטער!

אונ דער יונגערמאַנ פאַרטראַכט זיכ, ווערט טרויעריק.

— וואָס זשע, איר זײַט זי, הייסט דאָס, כוישעד? — זאָג איכ צומ יונגנמאַנ, אונ היט זיכ מיט אנ איבעריק וואָרט.

— כאַסוועשאָלעמ! — מאַכט ער צו מיר אונ כאַפּט זיכ אויפ, ווי אנ אָפּגעבריטער, אונ רוקט זיכ צו צו מיר נאָכ נעענטער. — וואָס איז שײַעכ זאָגנ, איכ בינ זי כוישעד? א יִדישע טאָכטער! א קאָשער קינד!.. איכ רייד פונ אימ רייד איכ, פונ שיינעמ דאָק־טער, ברענענ זאָל ער. אונ נישט אזוי נאָכ דער דאָקטער, ווי דאָס שיינע פאָטערל זײַנס, דאָס קאַסאָקע שנײַדערל מיט דער וואַטאָווער קאַפּאָטע. פאַרכאַרפּעט זאָל ער ווערנ! ער גייט אַרומ טאָג ווי נאַכט אונ גרײַנערט אונ פּויקט איבער דער גאַנצער שטאָט. איר מיינט, דאָס גרײַנערנ האָט עפּעס א מאַמאָשעס? בלאָטע, גאָלע גאָרנישט!

עס האָט אַ צונג, און סע רעדט! עס וואָלט מיך געאַרט, מאָלט אײַך, ווי דער פּאַראַיאָריקער שניי. איז אָבער דער כּיסאָרן, וואָס אַ מענטש האָט אויערן, און אויערן האָבן ליב האָרכן, און אַז מע האָרכט זיך גוט צו, דערהערט מען אַזעלכעס, וואָס מע וואָלט דאָס נישט געוואָלט האָרכן. אויספּראַט נאָך בײַ אונדז אין שטאָט — אַ שטאָט, חאַרפּט איר וויסן, פֿון גאָלע רעכילעסניקעס מיט לאָשנהאָרעניקעס מיט לאַנגע צינגער, וואָס האָבן אַ שעם אַף דער וועלט! נעמט מען אַרײַן בײַ אונדז אַ מענטשן אין מויל אַרײַן, מעג ער זיך שוין אָפּגעזעגענען! פֿאַר מיר אין די אויגן, מאָלט אײַך, היט מען זיך, נאָר הינטער די אויגן האָב איך עטלעכע מאָל געהערט אַזעלכע ווערטער, אַז איך האָב מיך אָנגעהויבן צוקוקן, שטאַרק צוקוקן, כאַפּן ווערטער, טאַפּן רייד, און — לעמײַ זאָל איך זאָגן? — איך האָב נישט אַרויסגעזען גאָרנישט, לאַבסאָלוטן גאָרנישט, בילטי אײַן זאַך האָב איך אַרויסגעזען, וואָס אַז ער קומט צו גיין, ווערט זי גאָר אַן אַנדער מענטש, מיט אַן אַנדער פּנים, מיט אַנדערע אויגן. דאָס הייסט, דער מענטש איז דער זעלבער מענטש, מיטן זעלביקן פּנים, מיט די זעלביקע אויגן; נאָר דער קוק איז אַן אַנדערער. איר פֿאַרשטייט? ס'איז גאָר אַן אַנדער קוק, מיט אַן אַנדער גלאַנץ! איר מיינט, איך בין נישט קיין באַלן געווען עפּשער אַ פֿרעג טאָן זי: „זאָג מיר נאָר, וואָס איז די מײַסע, נעשאָמע מײַנע, וואָס אַז ער קומט צו גיין, ווערסטו גאָר אַן אַנדער מענטש?” טרעפֿט, וואָס זי האָט מיר דערויף געענטפֿערט. זי האָט זיך צעלאַכט מיט אַזאַ מין כאַ־כאַ־כאַ, אַז איך האָב געמיינט, איך וועל מיך באַגראָבן אַ לעבעדיקער! און טאַקע באַלד נאָכן גרויסן געלעכטער האָט זי זיך אַרײַנגעוואָרפֿן אין בעט אַרײַן מיט אַזאַ מין יעלאָלע, אַז ס'איז געקומען צו לויפֿן די

שוויגער מיטנ טערקישנ שאַל אונ האָט זיכ גענומענ מינטערנ, אונ בעשאַסמײַסע האָט זי אויסגעלייענט איר ביסל טכינעס, אונ דער שווער האָט געכאַפּט דאָס פּאַיעטאָנדל אונ געשיקט נאָכנ דאָקטער, טאַקע מיכ אַליינ; אונ אַז דער דאָקטער איז געקומענ, איז איר די רעגנ געוואָרנ גרינגער, ס׳איז איר אַרײַנ די פאַרב אינ פּאָנעמ, אונ די אויגנ האָבנ איר אָנגעהויבנ גלאַנצנ, ווי ברי־ליאַנטנ אַקעגנ דער זונ... אונ שטעלט אײַכ פאָר די שיינע לאַנגע מײַנע: אַז איכ באַדאַרפ צו אימ אַרײַנקומענ אינ שטוב אַרײַנ, איז, מעגט איר מיר זיכער גלייבנ, גלײַכ ווי אַפ יענער־וועלט. אינ גע־נעמ אַרײַנצוגיינ באַדאַרפ זײַנ אַ סאַכ מער ניכע! הײַנט אָנקוקנ דאָס פּאָנעמ זײַנס, אַנ איידל פּענעמל! רויט ווי אַ צוויק, אַזש בלוילעכ, אונ יעדער פּרישטש, יעדער פּרישטש, באַזעצט מיט פּרישטשעס! אונ האָט אַ טעווע שמייכלענ — שמייכלט, ווי אַ פּיי־גער אומגעוואַשנ. צי מע דאַרפ, צי מע דאַרפ נישט — ער שמייכלט! שטענדיק געשמייכלט, אונ צו איטלעכנ באַזונדער איז ער צוגעלאָזנ, אונ ווער שמועסט, צו מיר? צו מיר איז ער טאָמעד צוקער־זיס אונ ווייכ, כאָטש לייג אימ צו צו אַ מאַקע. זײַנ גוטס־קײַט צו מיר האָט נישט קיינ שיר אונ קיינ ערעכ! אַנומלטנ בינ איכ געווענ נישט אינ בעסטנ געזונט, געהאַט די הײַנטמאָדישע קרענק, די אינפלוענצע, זאָלט איר באַדאַרפט זענ, ווי דער מענטש האָט זיכ דאָס אַוועקגעלייגט פאַר מיר, עס איז מיר אַזש געווענ איבער דער טעווע! אונ מערקווירדיק! וואָס מער ער איז צו מיר גוט, אַזוי מער (גאָט זאָל מיכ נישט שטראָפנ) האָב איכ אימ פײַנט, אָנקוקנ קאָנ איכ אימ נישט, אוביפּראַט דעמלט, ווענ ער זיצט באַ אונדז אונ זיי קוקנ זיכ דורכ מיט איר!... מיר דאַכט זיכ, אַז ווענ איכ קאָנ אימ אָנעמענ פאַרנ קאַרק אונ אַרויסוואַרפנ אינ

דרויסנ ארויס, וואָלט מיר צוגעקומענ א שטיק געזונט! איך קאָנ נישט איבערטראָגנ זײַנ קוקנ, וואָס ער קוקט אפ איר, מיט זײַנ שמייכלענ, וואָס ער שמייכלט צו איר. און איך האָב מיר געגעבנ דאָס וואָרט: איינמאָל פאר אלעמאָל — אנ עק! לאָז דאָס האָבנ! ביזוואנענ איז דער שיר צו לײַדנ ביזיוינעס? די גאנצע שטאָט דארפט איר וויסנ, האָט שוינ מיט מיר צו טאָנ! קיינ אנדערע אייצע איז פאר מיר נישט פאראנ — נאָר א געט! קיינ אנדער מאָווי זע איך גאָר נישט! אײַ, וואָס? א טאכלעס? א שווער א גוויר? א באסיעכידע? איבער הונדערט יאָר אינגאנצנ אירס, מײַנס הייסט דאָס? א שיינע ריינע קאפּאָרע! עלעהיי, וואָס האָב איך געטאָנ פריִער? וואָס טוענ א סאך אנדערע יונגעלײַט? נישטאָ קיינ אנדער פלאנ! ווי זאָגט איר? איאָ, נישטאָ קיינ אנדער פלאנ, אכוץ געטנ זיך?..

. . . .

דאָ האָט מײַנ פארשוינ ווידעראמאָל איבערגעכאפּט דעמ אָטעמ, אויסגעווישט דאָס פּאָנעמ און געוואַרט אפ מיר, וואָס וועל איך זאָגנ.

— איך ווייס? איך מיינ אויך אזוי, אז ס'איז נישטאָ פאר אײַך קיינ אנדער פלאנ, אכוץ געטנ זיך. אוביפראַט, אז איך זע נישט ארויס, אז די ליבע בא אײַך זאָל זײַנ אזוי פלאקערדיק, און קיינ קינדער, הער איך, האָט איר בעמיילע נישט, און די שטאָט רעדט,— הײַנט צו וואָס נוצט אײַך דער גאנצער מיסכער?

די גאנצע צײַט, וואָס איך האָב גערעדט, האָט מײַנ פארשוינ געדרייט די רעדעלעך פונעמ וועלאָסיפּעדל און געקוקט אפ מיר מיט זײַנע שווארצע טיפע ראכמאָנעס-אויגנ, און אז איך האָב אויסגעלאָזט, האָט ער זיך צוגערוקט צו מיר נאָך נעענטער און אָנגעהויבנ מיט א זיפץ:

— איר זאָגט: ליב האָבנ... וואָס איז שײַנ צו זאָגנ? פֿײַנט האָב איכ זי נישט. פֿאַרוואָס זאָל איכ זי פֿײַנט האָבנ? איכ האָב זי בעפּיירעש ליב — נײנ, טאַקע שטאַרק ליב!.. אונ וואָס איר זאָגט, די שטאָט רעדט? לאָז זי ריידנ פֿונ פֿײַער אונ פֿונ וואַסער! מיכ ברענט נאָר אָפּ איִמ, אַ פֿײַער ברענט אינ מיר! אָפּ אימ אונ אָפּ איר! וואָס איז אָפּ איר אַזאַ געדולע, אַז זי דערזעט אימ? פֿאַרוואָס, זאָגט מיר, איכ בעט אײַכ, ווערט זי נישט רויט אונ פֿריילעכ, אַז זי דערזעט מיכ? מיט וואָס בינ איכ ערגער פֿונ אימ? דערמיט, וואָס ער איז אַ דאָקטער אונ איכ נישט? מע זאָל מיכ געוועג לערנענ, אַזוי ווי אימ, וואָלט איכ עפּשער אויכ געווענ אַ דאָקטער, אונ עפּשער נאָכ אַ גרעסערער דאָקטער ווי ער? איר מעגט מיר גלייבנ בענעמאָנעס, אַז אינ די קליינע אויסיִעס, ווי איר זעט מיכ, וועלנ מיר זיכ נאָכ אויסגלײַכנ מיט אימ, אונ אָפּ לאָשנקוידעש וועל איכ אימ נאָכ עפּשער פֿאַרשטעקנ אינ גאַרטל אויכ! בינ איכ מיכ אָבער מעיאַשעוו ווידער צוריק: וואָס האָב איכ, איינגנטלעכ, אָפּ איר אַזעלכעס דערזענ, וואָס איכ זאָל איר געבנ אַ געט? אײַ, דער נײַער דאָקטער? וואָס וואָלט איכ געטאָנ, ס'זאָל זײַנ אָפּנ אָרט פֿונ דעמ נײַעמ דאָקטער אַנ אַנדער שוואַרצ־יאָר? אונ יִוו שטייט דאָס געשריבנ, אַז אַ ווײַבל טאָר נישט זײַנ באַקאַנט מיט אַ דאָקטער? האָט איר אײַכ איינ מאָל אָוועק. וועהאַשיינים, וואָס וועט זײַנ פֿונ מיר דער טאַכלעס, ווענ, לעמאָשל, איכ געט זיכ מיט איר אָפּ? אַז אַליינ, דאַרפֿט איר וויסנ, בינ איכ אַ יִונגל אַ יאָסעמ, אַנ עלנטער, אָנ אַ קאָרעוו, אָנ אַ גוטנ פֿרײַנט — גיי ווער צוריק אַנ אָרעמבאָכער אונ האָב כאַסענע, הייב אָנ נאָכאַמאָל, הייסט דאָס, אַלעפּבייז! אונ פֿונוואַנענ ווייס איכ, אַז איכ וועל מאַכנ בעסער? טאָמער פֿאַל איכ אַרײַנ נאָכ אינ אַנ ערגערנ גענעמ?

ווי די מײַסע איז, דאָ ווייס איכ שוינ מײַנ צאָרע, אונ בינ פאָרט, ווי זאָגט ער, קראָנפּרינצ, דעמ נאָגידס איידעמ, איבער הונדערט יאָר איז דאָס פאָרט אירס, מײַנס הייסט דאָס... איר פאַרשטייט? וואָס וועל איכ גיינ מאַכנ קאָמבינאַציעס, שפּעגעלירנ? ס'איז דאָכ נישט מער ווי א שפּיל, א לאָטעריי. וואָס? נישט אזוי? וואָס זאָגט איר? ס'איז נישט קיינ שפּיל? נישט קיינ לאָטעריי?

— איכ מיינ, — זאָג איכ, — אויכ אזוי: ס'איז א שפּיל, א לאָ־טעריי. אוואדע איז בעסער שאָלעמ, איידער געטנ זיכ.

איכ בינ זיכ מעכײַע, וואָס עס האָט זיכ אזוי געמאַכט, אז מײַנ אייצע קומט אויס מער אַפּ שאָלעמ, איידער אַפּ געט. אונ איכ מיינ, אז איכ בינ שוינ מיט אימ פאַרטיק. צומ סאָפ כאַפּט ער דאָס וועלאָסיפּעדל אונ רוקט זיכ צו צו מיר גאַנצ נאָענט אונ רעדט מיר גלײַכ אינ פּאָנעמ אַרײַנ:

— שאָלעמ? איר זײַט עפּשער גערעכט. איכ דערמאָנ מיכ אָבער אָנ א ימ, פאַרכאַפּט זאָל ער ווערנ, אָנ דעמ דאָקטער הייסט דאָס, מיטנ פּרישטשעוואַטנ פּאָנעמ! דער טאַטע זײַנער, דער קאַסאָקע שנײַדער, דאַרפט איר וויסנ, גייט אַרומ סײַוויסײַ אונ פּויקט איבערנ שטאָט, אז דעמ נאָגידס טעכטערל האַלט באַ געטנ זיכ. איר פאַרשטייט א נידעריקײַט פונ א פּאַלגע? בע־כײַבי וואָלט ער כאָטש ניט געפּויקט! איז וויבאַלד מע רעדט שוינ דערפונ אינ שטאָט, הײַנט וואָס האָב איכ דאָ אָנצוווערנ? ווי זאָגט מענ: דאָס שאַרבנ וועט שוינ שאַרבנדיקער ניט ווערנ. קאָלזמאַנ עס איז נאָכ געווענ בעסאָד, איז גאָרניט, א קניפּ אינ באַק — די פאַרב זאָל שטיינ. אָבער איצט, אז אַלע ריידנ שוינ וועגנ געט, איז שוינ פונ מיר אַליינ, דאַכט מיר, א גראָבקײַט,

וואָס איכ האַלט זיכ, עס איז שוינ קיינ אַנדער בריירע נישט פאַ־
ראַנ, אַכוצ געט, האַ? וואָס [זאָגט] איר? נישט אַזוי?

— איכ מיינ, — זאָג איכ, — אויכ אַזוי, ווײַבאַלד אַלע ווייסנ
שוינ און אַלע ריידנ שוינ וועגנ געט, איז דאָס פונ אײַכ שוינ
גראָבלעכ, און איר האָט שוינ טאַקע קיינ אַנדער ברייַרע ניט,
אַכוצ געט.

— האַלט איר, הייסט דאָס, — מאַכט ער צו מיר און רוקט
זיכ צו מיט'נ בענקל קימאַט אַפ מיר, — האַלט איר, הייסט דאָס,
אַז איכ באַדאַרפ איר דורכויס געבנ געט? באַקלערט נאָר די זאַכ
אַקוראַט. לעמאָשל, איר זײַט דער ראָוו, און איכ קומ צו אײַכ מיט
מײַנ ווײַב זיכ געטנ, און איר טוט מיכ אַ פרעג: „זאָג מיר, יונ־
גערמאַנ, פאַרוואָס געטסטו זיכ מיט דײַנ ווײַב?" וואָס קאָנ איכ
אײַכ דערויפ ענטפערנ פאַר אַ טשוווּוע? באַשער, וועל איכ אײַכ
ענטפערנ, זי קוקט אַפנ דאָקטער, און דער דאָקטער קוקט אַפ איר,
נו? האָט דאָס אַ טאַמ? פרעג איכ אײַכ! זאָל איכ זיי גיינ פאַר־
שטעלנ די אויגנ? און וואָס פאַר אַ פּאָנעמ וועל איכ דערמיט
האָבנ פאַר דער וועלט? אַדרעראַבע, זאָגט שוינ איר אַלײנ! געוווּ־
מענ און אָפּגעגעט אַ ווײַבל אַ יעפּאַסטויאַר, אַ באַסיעכידע, אַ נאָ־
גידס אַ קינד, איבער הונדערט יאָר אײַנגאַנצנ אירס, מײַנס הייסט
דאָס... וואָס? וואָס וועט זאָגנ די וועלט? מעשוגע! האַ? וואָס? עפּ־
שער ניט אַזוי? איאָ, פריש און געזונט און מעשוגע?

— איכ זאָג אויכ אַזוי: פריש און געזונט און מעשוגע.

דאָ האָט מײַנ פאַרשוינ זיכ צוגערוקט צו מיר שוינ אַזוי
נאָענט, אַז אונדזערע ביידנס פיס זײַנענ אויסגעקומענ אײַנײַנעמ,
ווי צונויפגעפלאָכטנ, און אַפנ אָרט פונעמ וועלאָסיפּעדל וואָס ער

האָט דאָס געפּאַטערט, האָט ער צוגערוקט צו זיך דאָס טינטערל מײַנס. ער האָט אַ זיפֿץ געטאָן און ווידער געדאַרשנט:

— אײַך איז גרינג צו זאָגן אַף יענעם: פֿריש און געזונט און מעשוגע! איך וואָלט אַ באַלן געוועז ווײסן, וואָס וואָלט איר געטאָן, לעמאָשל, ווען עס טרעפֿט זיך מיט אײַך אַזאַ מײַסע? דאָס הייסט, ווען איר האָט אַ שווער אַ גראָבן־יונג, אַ שוויגער מיט אַ טערקישן שאַל, וואָס זי האַלט אין איין וואָרטשען, און אַ ווײַב, וואָס זאָל זײַן געזונט און שטאַרק און זאָל זיך קעסיידער דאָקטערן, און די שטאָט זאָל אַף אײַך טײַטן מיט די פֿינגער: „אָט גייט ער, דער יונגערמאַן פֿון דער ציג!" מיר דאַכט, אַז איר וואָלט אינמיטן האַלבע נאַכט זיך אויפֿגעכאַפּט, אָפּגעגעט און אַנטלאָפֿן, ווו דער שוואַרצער פֿעפֿער וואַקסט. וואָס, עפּשער נישט אַזוי?

— איך מיין, — זאָג איך, — אַויך אַזוי, אַז איך וואָלט אינמיטן האַלבע נאַכט זיך אויפֿגעכאַפּט, אָפּגעגעט און אַנטלאָפֿן, ווו דער שוואַרצער פֿעפֿער וואַקסט.

— אוודע איז אײַך גרינג צו זאָגן, — מאַכט ער, — אויפֿגעכאַפּט, אָפּגעגעט און אַנטלאָפֿן, ווו דער שוואַרצער פֿעפֿער וואַקסט! גלאַט גערעדט „אַנטלאָפֿן"! וואָס אַנטלאָפֿן? ווער אַנטלאָפֿן? ווו־הין אַנטלאָפֿן? אין דער ערד אַרײַן?.. און דאָס, וואָס זי איז אַ באַסיעכידע... איין־און־אייכציקע... איבער הונדערט יאָר אינגאַנצן אירס, מײַנס הייסט דאָס?.. דאָס איז גאָרניט?.. און גלאַט, וואָס האָב איך צו איר? וואָס האָב איך צו איר?.. נייט, זאָגט מיר: וואָס האָב איך צו איר?..

— איך מיין, — זאָג איך, — אויך אַזוי: וואָס האָט איר צו איר?

— סטײַטש, — זאָגט ער, — נו, און דער דאָקטער? דעם דאָקטער האָט איר פאַרגעסנ?! קאָלזמאַנ איך זע דעם דאָזיקנ מאַלכאַמאָװעס פאַר די אױגנ, קאָנ איך זי נישט זענ, קאָנ איך אַפ איר פאַנעמ נישט קוקנ!

— װיבאַלד אַזױ, — זאָג איך, — מוזט איר זיך גטנ.

— װאָס זשע, — זאָגט ער, — װעט זײַנ דער טאַכלעס? װאָס קאָנ אַזאַ יונגערמאַנ, װי איך, טאָנ בײַ הײַנטיקע ביטערע צײַטנ? אָדערראַבע, זאָגט איר! זײַט אַ ייִד אַ כאָכעמ!

— דאַרפ מענ זיך, — זאָג איך, — ניט גטנ!

— ניט גטנ? נו, און דער דאָקטער? קאָלזמאַנ...

— דאַרפ מענ זיך גטנ! — זאָג איך און װיל מאַכנ אַנ עק.

— גטנ? װאָס זשע איז פאַר אַ טאַכלעס? סטײַטש...

— איז ניט גטנ?

— נו, און דער דאָקטער?..

איך װײס ניט װאָס מיט מיר איז אַזעלכעס געשענ. עס האָט מיר אַ זעץ געטאָנ דאָס גאַנצע בלוט אינ קאָפּ אַרײַנ, ס'איז מיר פינצטער געװאָרנ אינ די אױגנ. איך האָב אָנגעכאַפּט מײַנ פאַרשױנ פאַרנ גאָרגל, אים צוגעקװעטשט צו דער װאַנט און נישט מיט מײַנ קאָל געשריגנ:

— גטנ זי זאָלסטו, מאַמזער! גטנ זי! גטנ זי! גטנ זי!!!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַפ אונדזער בײדנס געשרײ האָט זיך צונױפגעלאָפנ מײַנ גאַנצ הױזגעזינד. װאָס איז? װאָס איז דאָ געשענ? — גאָרניט! גאָרניט! דערזענ מײַנ טױט פּאַנעמ אינ שפּיגל, האָב איך זיך אַלײנ ניט דערקענט, און בײַ מײַנ פאַרשױנ האָב איך נאָכדעמ

עטלעכע מאָל געמוזט בעטנ מעכילע, אימ געקוועטשט די האַנט, אָנגעזאָגט טויזנט מאָל, ער זאָל פאַרגעסנ, וואָס צווישנ אונדז איז פאָרגעקומענ... „עס מאַכט זיכ אַמאָל, האָב איכ אימ געזאָגט, אַז אַ מענטש גייט אַרויס פונ די קיילימ". מײַנ יונגערמאַנ איז געווענ אַ ביסל מעוואָוול, ווי צעמישט, מוידע געווענ, אַז אַ מענטש איז ניט בײַ זיכ אינ די הענט. עס מאַכט זיכ, אַז אַ מענטש גייט אַרויס פונ די קיילימ... אונ מיט דעמ זעלבנ „בויז־בעשאָלעמ", וואָס ער איז אַרײַנגעקומענ צו מיר, איז ער אַרויסגעגאַנגענ פונ מיר: דאָס זעלבע בייגנ זיכ, די זעלבע עטלעכע טריט צוריק, די זעלבע רעווערענסנ, דאָס זעלבע רײַבנ מיט די הענט.

— האָט קיינ פאַריבל ניט, באַמער האָב איכ בײַ אײַכ צוגענומענ צײַט, אונ אַ דאַנק פאַר דער אייצע... אַ גרויסנ דאַנק אײַכ... אונ זײַט געזונט!

— ניטאָ פאַר וואָס... פאָרט געזונט.

1904

יויסעף

דערציילונג פונ א „דזשענטלמענ“

איר מעגט אײַכ לאַכנ פונ מיר, איר קאָנט אײַכ מאַכנ פונ מיר א פעליעטאָנ, אפילע א בוכ, אויב איר ווילט — איכ האָב פאַר אײַכ קיינ מוירע ניט, זאָג איכ אײַכ פריִער, וואָרעמ איכ בינ, ווי איר קוקט מיכ אָנ, ניט פונ די שרעקעדיקע. איכ שרעק מיכ נישט איבער פאַר קיינ שרײַבער, איכ ווער נישט באַטל פאַר קיינ דאָקטער, פאַל נישט אראָפּ בא זיכ פאַר קיינ אַדוואָקאַט אונ הייב נישט אָנ ניספּאָעל צו ווערנ, אַז מע זאָגט מיר, יענער שטודירט אפ אינזשעניער. איכ האָב אויכ אַמאָל געשטודירט, איכ בינ אַליינ אויכ געווענ אַמאָל א גימנאַזיסט. עמעס, איכ האָב די גימנאַזיע ניט געענדיקט, איבער א מײַסע מיט א מיידל. עס האָט זיכ אינ מיר פאַרליבט א מיידל (א שיינער יונג בינ איכ געווענ פונ טאָמער!). זי האָט געזאָגט, דאָס מיידל הייסט עס, אַז טאָמער נעמ

איך זי ניט, נעמט זי אײַן סאַם. און איך האָב זי אַזוי געוואָלט נעמען, ווי איר האָט זי געוואָלט נעמען. זי איז בײַ מיר געווען נישט קיין באַסיעכידע, פאַרשטייט איר מיך... ס'איז אָבער פאַרגאַנגען בײַ אונדז צו זײַט, האָט זיך אַרײַנגעמישט אַ ברודער אירער, אַ פּראָוויזאָר פון אַן אַפּטייק, און האָט געזאָגט, אַז טאָמער סאַמט זיך אוועק די שוועסטער זײַנע, גיסט ער מיך אָפּ — ער ווייסט שוין מיט וואָס... און איך האָב זי געמוזט נעמען, זיך אָפּגעמוטשעט מיט איר אַ יאָר דרײַ. זי האָט פאַרלאַנגט פון מיר נאָר צוויי זאַכן: איך זאָל זײַן אין דער היים, און נישט קוקן אַף פרעמדע... איר האָט עפּעס ליב אַזאַ געשעפט? וואָס זאָל איך טאָן, אַז גאָט האָט מיך פאַרט באַשאַפן מיט אַזאַ פּנים, אַז אַלע מיידלעך מיט אַלע ווײַבלעך זײַנען נאָך מיר די קאַפּאָרע? איר מיינט וואָס?.. חלילה!.. גאָרנישט, מע האָט מיך ליב — און אַ סאַך. ווּ איך קום, ווּ איך פאָר, באַפאַלט מען מיך, ווי די בינען, שאַדכאָנים עסן מיר אָפּ דעם קאָפּ. באַשער וואָס? אַזוי־ווי איך בין אַ יונגערמאַן אַ הײַנטיקער, און אַ שיינער יונג, אַ געזונטער, מיט אַ שטיקל באַמען, און אַ היפּשער פאַרדינער, און אַ קערבל איז בײַ מיר בלאָטע, אי טאָמו פּאַדאָבנע, לאָכיינע, ווילן זיי מיך אָפּגילטן! לאָז איך זיך מיסטאָמע נישט: „טשעפּעט זיך אָפּ, זאָג איך, איך האָב מיך שוין איין מאָל אָפּגעבריט!"... טײַנען זיי מיט מיר: „וואָס וועט אײַך אַרגן, אַז איר וועט אָנקוקן נאָך אַ מיידל?"... נו, ווער זאָגט זיך אָפּ פון אַזאַ זאַך? קוק איך דערווײַל אָן מיידלעך, און מיידלעך קוקן אָן מיך, שלאָגן זיך איינס פאַר דאָס אַנדערע, הענגען זיך, ווי איר זעט מיך לעבן, הענגען זיך אַף מיר! אַלע ווילן מיך, אָבער אַלע! וואָס זשע קומט מיר אַרויס, וואָס זיי ווילן מיך, אַז איך וויל זיי ניט? אַז די, וואָס איך וויל, —

ווייסט קיינער ניט, נאָר איך אַליינ!.. און דאָס איז מײַנ קרענק, און דאָס וויל איך אײַך טאַקע דערציילנ, און אינ אײנוועניגס טאַקע בעטנ אײַך, אַז צווישנ אונדז זאָל דאָס בלײַבנ. נישט מאַכמעס מיר — איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, אַז פאַר „באַשרײַבנ" האָב איך קײנ מוירע ניט. נאָר גלאַט, צו וואָס חאַרפּ מענ עס?.. אָט דאָס האָט איר אײַך, הייסט עס, אַ האַקדאָמע. אַצינד וועל איך אײַך דערציילנ די מײַסע אַליינ.

דאָס פאַרשטייט איר שוינ אַליינ מיסטאָמע, אַז איך וועל אײַך ניט זאָגנ, ווער זי איז, און וואָס זי איז און פונוואַנענ זי איז. אַ נעקייווע איז זי, אַ מיידל, און דאַפקע אַ שײנ מיידל, און דאַפקע אַנ אָרעמס, אַ יעסוימע נעבעכ; זיצט מיט דער מוטער, אַ יונגע אַלמאָנע, אויכ אַ שיינע; האַלט אַ ייִדישע רעסטאָראַציע, קאָשער. און איכ, דאַרפט איר וויסנ, כאָטש איכ בינ, ווי איר זעט מיכ, אַ יונגערמאַנ אַ הײַנטיקער, און אַ שיינער פאַרדיינער, און אַ קערבל איז בלאָטע, אי טאָמו פּאַדאָבנע, — פונדעסטוועגנ עס איכ דאַפקע קאָשער. נישט מאַכמעס איכ בינ אַזאַ צאַדיק און האָב באַלילע מוירע פאַר דעמ, וואָס קוויטשעט, נאָר, פאַרשעט, איך היט מיר אָפּ דעמ מאָגנ, — איז איינס; און צווייטנס, זײַנענ די ייִדישע עסנס טאַקע מער באַטאַמט אויכ... אַלזאָ, האַלט זי אַ רעסטאָראַציע, די אַלמאָנע הייסט עס, און קאָכט אַליינ און באַקט אַליינ; און זי, די טאָכטער הייסט עס, דערלאַנגט אַליינ צום טיש. נאָר ווי אַזוי קאָכט מענ דאָרטנ! ווי אַזוי דערלאַנגט מענ דאָרטנ! עס זינגט, זאָג איך אײַך, סע פינקלט און סע שעמערירט! דאָרט צו עסנ איז אַ פאַרגעניגנ. נישט אַזוי דאָס עסנ אַליינ, ווי דאָס אָנקוקנ די מוטער מיט דער טאָכטער — איינע שענער פאַר דער אַנדערער. איר זאָלט אָנקוקנ אַ ווײַבל! שטייט

באַם אויוון, קאָכט און באַקט, און זעט אויס אַזוי פריש, אַזוי זויבער! אַ פּאָנעם — געפאַלענער שניי! הענט — גאָלד און זיל־בער! אויגן — פייער־פלאַם! איך בין אייך מאַפּטיִעך, אַז מע קאָן זיך נאָך אין איר אויך פאַרליבן!.. היינט שטעלט אייך פאָר אירס אַ טעכטערל... איך ווייס ניט, צי זייט איר קלאָר אין די איניאָ־נים; איך שמועס פון „הילכעס מיידל" שמועס איך... אַ פּע־נעמל — בלוט און מילך, בעקלעך צוויי — נאָר פּאַמפּעשקע־לעך, אויגן — קאַרשן צוויי, האָר — זייד, ציין — פּערל, אַ האַלדז — אַלבאַסטער, אַ הענטל — אַף אויסצוקושן יעדעס גליד, דאָס אויבערשטע ליפּל קוקט אַרויף, ווי בא אַ קליין קינד — האָט איר געזען אַמאָל? איך זאָג אייך: אַלץ, אַלץ איז געטאָקט, גע־שניצט, טאַקע עפּעס נאָר אַ מין מאָדעל אַף אויסצושטעלן, ווי איינער רעדט: „נאַט, קוקט און ווערט צעפּיקעט!"... דערצו פאַר־מאָגט זי איר אייגנס אַ געלעכטערל מיט כיין־גריבלעך אין די בעקלעך, וואָס דאָס אַליין איז שוין ווערט דאָס גאַנצע געלט, וואָרעם אַז זי לאַכט, לאַכט אַלצדינג: איר לאַכט, און דער טיש לאַכט, און די בענקלעך לאַכן, און די ווענט לאַכן — דאָס גאַנצע לעבן לאַכט! אָט אַזאַ מין געלעכטערל איז דאָס. נו, אַדרעאַבע, גייט קוקט אַזעלכעס אָן און האָט דאָס פּיינט!..

אַקלאַל, וואָס זאָל איך אייך לאַנג צייען, איך האָב קימאַט פון ערשטן מינוט אָן געפילט, אַז איך בין אַ געקאָכטער; פּאָשעט אָפּגעקאָכט — און שוין! כאָטש ובא מיר אַ מיידל, בא־דאַרפט איר שוין אַליין פאַרשטיין, איז עפּעס ניט איי־איי־איי... און יענע מייסעס: „ליבע", „ראָמאַן" — פון דעם האָב איך קיינ־מאָל ניט געהאַלטן. גאָרניש, אַזוי — מאַכטייסע, פאַרוואָס ניט?.. נאָר גיין שיסן זיך צוליב דעם — פע! דאָס פּאַסט פאַר אַ גימ־

נאָזיסטל פֿונ זעקסטנ קלאַס, נישט, ווי זאָגט איר, פֿאַר קיינ מאַנס־פֿאַרשווינ...

דערפֿילט, אַז איכ בינ אַ געקאָכטער, האָב איכ געגעבנ אַ נעמ די מוטער אַפֿ אַ זײַט, נישט, ווי עס רופֿט זיכ אָנ, „געבעטנ אַ האַנט“... נייִנ! איכ בינ נישט פֿונ די כאַפּנדיקע... נאָר גאָרניט, ווי זאָגט איר, אַ טאַפּ אינ וואָגנ שאַדט ניט... אונ האָב געגעבנ מיט איר אַ רייד אַרײַנ: „וואָס אונ ווענ, אהינ־אהער, ווו האַלט איר מיט דער טאָכטער?“... זאָגט זי: „ווו זאָל איכ מיט איר האַלטנ?“ זאָג איכ: „איכ שמועס פֿונ טאָכלעס שמועס איכ“... „אוואַדע, זאָגט זי, דאַרפֿ מענ זיכ זאָרגנ פֿאַר איר טאָכלעס? זי איז שוינ, זאָגט זי, אַ פֿאַרזאָרגטע“... ווי זי האָט אויסגערעדט די דאָזיקע ווערטער, האָט דאָס מיכ געגעבנ עפּעס ווי אַ שטאָכ אינ האַרצנ אַרײַנ: „וואָס הייסט, זאָג איכ, זי איז אַ פֿאַרזאָרגטע?“ „איר זעט דאָכ, מאַכט זי צו מיר, וואָס פֿאַר אַ זאָרגעדיקע נעשאָמע דאָס איז!“... אונ אַקוראַט צו די דאָזיקע ווערטער קומט אָנ מיסטאָמע זי אַליינ, די טאָכטער הייסט עס, אונ אַז זי קומט אָנ, ווערט ליכ־טיק אינ אַלע ווינקעלעכ.

— מאַמע, נישט געווענ נאָכ יויסעפֿ? — זאָגט זי צו דער מוטער. אונ דער נאָמענ „יויסעפֿ“ טוט זי אַ רייד אויס עפּעס מיט אַ מאָדנעמ מינ געזאַנג. מיט אַזאַ מינ געזאַנג רעדט אויס נאָר אַ קאַלע דעמ נאָמענ פֿונ איר כאָסנ... אַזוי מיינ איכ, דאָס הייסט איכ בינ איבערצײַגט, אַז ס'איז אַזוי. אונ נישט נאָר יענצ מאָל, וואָס איכ דערצייל אײַכ; אַלעמאָל, ווענ זי האָט געגעבנ אַ רייד אויס דעמ נאָמענ „יויסעפֿ“, איז דאָס אויסגעקומענ בא איר עפּעס ווי מיט אַ מינ געזאַנג: „יוי־סעפֿ“. איר פֿאַרשטייט? דאָס איז ניט גלאַט „יויסעפֿ“, דאָס איז „יוי־סעפֿ!“...

קורצ, אומעטום און אלעמאל האב איכ נאר געהערט „יויסעף" און „יויסעף". האט מענ זיכ געזעצט עסנ, איז דאס ערשטע ווארט געווענ: „ווו איז יויסעף?"... „יויסעף וועט הײַנט ניט זײַנ"... „יויסעף האט געזאגט"... „יויסעף האט געשריבנ"... „יויסעף איז געקומענ"... „יויסעף האט גענומענ"... „יויסעף האט געגעבנ"... יויסעף־יויסעף, יויסעף־יויסעף! איכ וואלט שוינ וועלנ אנקוקנ אט דעמ „יויסעפנ", זענ וואס פאר א פאנעמ ער האט!..

פארשטייט זיכ פונ זיכ זעלבער, אז איכ האב אט דעמ „יויסעפנ" פײַנט געקראגנ, ווי א שפינ, כאטש וואס קער ער זיכ אנ מיט מיר? ווייס איכ! עפעס א יונגל דארטנ, אוואדע א „בעוורעמאנ" פונ די „בעוורעלײַט", אדער פונ די „יענקעלעכ", ווי זי פלעגט זיי אנרופנ מיט איר געלעכטערל. „די יענקעלעכ" — דער נאמענ איז פאר זיי, זאג איכ אײַכ, ווי אנגעמאסטנ. דאס זײַנענ טאקע נישט מער ווי י ע נ ק ע ל ע כ, עפעס מאדנע קליינע מענטשעלעכ, צומיינסטנ פונ דעמ סארט מענטשעלעכ, וואס טראגנ לאנגע האר אונ שווארצע העמדלעכ — אקוראט דאס, וואס איכ האב פײַנט... האט קיינ פאריבל ניט. איר אלײנ, דאכט מיר, טראגט אויכ לאנגע האר מיט א שווארצ העמדל, אונ אויב איר מיינט, אז ס'איז שיינ, האט איר מעכילע א טאעס. איכ זאל האבנ די בראכעס, וואס א „סמאקינג" מיט א ווײַסנ זשילעט איז שענער... איכ, אז איכ דערזע א שווארצ העמדל, שטעלט זיכ מיר פאר, איכ בעט איבער אײַער קאווער, אויסגעריבענע הויזנ... איר מיינט עפשער, איכ האב זיי עס ניט געזאגט? געזאגט! איכ בינ א מענטש אנ אפנטלעכער, בא מיר איז נישטא קיינ באנפענעג אונ קיינ אונטערלעקנ זיכ. האט איר עפעס אפ מיר צו זאגנ — קאנט איר מיר זאגנ

גלייך אין די אויגן, איך האָב נאָר פיינט, אז מע זאָגט מיר, אז איך בין א „בורזשוי". איך, פארן וואָרט בורזשוי, קאָן געבן א פאָר ארײַן אין באק ארײַן!.. וואָס פאר א בורזשוי בין איך? איך בין א מענטש גלייך מיט אלע. איך פאַר־שטיי אלצדינג און ווייס אלצדינג, וואָרעם איך לייען אלע ביכלעך, מיט אלע הײַנטיקע נײַע גאזעטן לייען איך גלייך מיט אלעמען, — הײַנט וואָס בין איך פאר א בורזשוי? דערפאר, וואָס איך טראָג א „סמאָקינג" מיט א ווײַסן זשילעט, און איר — א שוואַרץ העמדל? איך מיין ניט אײַך, איך מיין אָט א יענע „יענקע־לעך", מיט א יענעם יויסעפן, וואָס איך דערצייל אײַך... איך האָב מיט זיי געהאט עטלעכע מאָל באַם טיש אזעלכע מינע געשפרעכן, וואָס פון זיי האָב איך גאנץ גוט ארויסגעזען, אז זיי האָבן מיך אזוי ליב, פונקט ווי איך זיי. א הארץ, ווי זאָגט איר, פילט א הארץ. נאָר גאַרנישט, גיין ארויסזאָגן זיי, וואָס איך טראָג בא זיך אינעווייניק, — בין איך אויך ניט מעכוייעוו; און אגעוו האָב איך מיך טאקע צו זיי א ביסל צוגעלאָנטשעט, געוואָלט אײַנקויפן זיך אין כעוורע, נישט אזוי צוליב זיי, ווי צוליב דעם „יויסעפן", און נישט אזוי צוליב דעם „יויסעפן", ווי צוליב איר! מיך האָט פאַר־דראָסן, פארשטייט איר מיך, וואָס זי לאָזט אים נישט ארויס פונעם מויל, און איך האָב מיר געגעבן דאָס וואָרט: איינמאָל פאר אלע־מאָל, שטיינער פונעם הימל זאָלן פאלן, די וועלט זאָל זיך קערן — איך מוז זיך באקענען מיט דעם דאָזיקן פארשוין! און איך האָב אויסגעפירט מײַנס. בא מיר, אז איך וויל עפּעס דערגיין א זאך, איז גאָר נישטאָ קיין טערעץ. פון געלט שמועסט מען ניט. איך בין דאָך א יונגערמאן, ווי איך האָב אײַך שוין געזאָגט, א סויכער, און א שיינער פארדינער, און א קערבל איז בלאָטע, אי טאָמו פאדאָבנע...

פאַרשטייט זיכ פונ זיכ זעלבער, אַז אײַנקויפנ זיכ אינ כעוורע איז מיר געווענ נישט אַזוי גרינג, ווי איר מיינט. איכ בינ מיר גע־גאַנגענ פאַוואָלינקע, טריט בײַ טריט. טכילעס האָב איכ אָנגעהויבנ טאָנ אַ וואָרפ אַרײַנ אַ וואָרט אַזוי מינ־האַצאַד, מיט אַ זיפצ, אַ קרעכצ אַפ צאָרעס־האַקלאַל, געבנ אָנצוהערעניש, אַז אַפ אַ זעלכע זאַכנ שפּילט בײַ מיר געלט קיינ ראָליע, אַז מע באַדאַרפ אַרויס־וואַרפנ אַ קערבל, מוז מענ אַרויסוואַרפנ. איר פאַרשטייט, וואָס הייסט „אַרויסוואַרפנ” אַ קערבל? איינער „נעמט אַרויס” אַ קערבל, דער אַנדערער „וואַרפט אַרויס” אַ קערבל. ס'איז אַ כילעק! „אַרויסוואַרפנ” ווערט אָנגערופנ: געגעבנ אַ כאַפ־אַרויס דאָס בײַ־טעלע אונ אַ נעמ־אַרויס די מאַטבייע: איזוואָלטיע, — נאַט אײַכ, הייסט עס — נישט געציילט! אָט אַזוי האָב איכ ליב; נישט אַלע־מאָל, פאַרשטייט זיכ, נאָר דעמלט, ווענ מע דאַרפ. דעמלט, ווענ מע דאַרפ געבנ אַ וואָרפ אַרויס אַ פינפ־אונ־צוואַנציקער, צי אַ פופ־ציקער, צי אַפילע אַ הונדערטער, טאָר די האַנט ניט ציטערנ. לע־מאָשל, איר זיצט מיט אַ קאָמפּאַניע אונ צאָלט פאַר אַ מיטיק אָדער פאַר אַ וועטשערע, אונ מע דערלאַנגט אײַכ אַ כעזשבנ, באַדאַרפט איר נאָר געבנ אַ כאַפ אַ קוק אַפ דער אונטערשטער שורע אונ ריידנ בייסמײַסע פונ עפּעס אַנדערש; אונ אַז מע ברענגט אײַכ אויסגאָבי, באַדאַרפט איר נישט ציילנ, ווי אַ מאַרק־ייִדענע פאַר ציבעלעס, נאָר געבנ אַ נעמ אונ אַ לייג אַרײַנ אינ קעשענע — אונ שוינ! דאָס לעבנ איז, פאַרשטייט איר מיכ, אַ כיידער, וואָס מע דאַרפ אימ דורכגיינ, דורכמאַכנ; לעבנ דאַרפ מענ קאָנענ! איכ מעג זאָגנ אַפ זיכ, אַז איכ קאָנ לעבנ, וואָרעמ איכ ווייס ווו אײַנ אונ ווו אויס, ווו מע דאַרפ אונ ווו מע דאַרפ נישט. איר קאָנט זײַנ זיכער, אַז איכ וועל נישט איבערזאָלצנ קיינמאָל, אונ אַפ מיר וועט

איר נישט דערקענען קיינמאָל, צי בין איך מילכיק, צי בין איך פֿליישיק? איר זאָלט מיך געוועזן זען דעמאָלט צווישן די „יענקע־לעך", וואָלט איר געווים מיינען, אַז איך בין אַ „יענקעלע" גלײַך מיט אַלע „יענקעלעך". דאָס הייסט קיין לאַנגע האָר האָב איך מיר נישט פֿאַרלאָזט, און קיין העמדל האָב איך נישט אָנגעטאָן; איך בין געגאַנגען דעם זעלבן סמאָקינג מיטן זעלבן ווײַסן זשי־לעט, וואָס איצט. נאָר וואָס דען? איך האָב מיך אינטערעסירט מיט אַלץ, וואָס זיי אינטערעסירט, און האָב געהערט פֿון דעם, וואָס זיי ריידן: „פּראָלעטאַריאַט"... „בעבעל"... „מאַרקס"... „רעאַגירן"... אוקעדוימע אַזעלכע ווערטער האָבן זיך געגעבן אַלעמאָל אַ שאָט בײַ מיר פֿונעם אַרבל — און מערקווירדיק! וואָס מער איך האָב מיך צו זיי געלאָנטשעט, אַזוי מער האָבן זיי זיך פֿון מיר דערווײַטערט. בײַם איך פֿלעג אָנהייבן שיטן מיט יענע ווערטער: „פּראָלעטאַ־ריאַט"... „בעבעל"... „מאַרקס"... „רעאַגירן"..., האָב איך באַ־מערקט, אַז די „יענקעלעך" ווערן שטיל, קוקן עפּעס מעשונע איינס אַף דאָס אַנדערע, רייניקן זיך בײַסמײַסע די ציין... און נאָך מער! געלט האָבן זיי בײַ מיר דאַפֿקע גענומען אַלעמאָל. אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק, דאַרפֿט איר וויסן, איז בײַ זיי געווען קאָנצערטן, און אַלעמאָל בין איך געווען דער ערשטער אויפֿן פּײַער: — „דער דזשענטלמען" וועט מיסטאָמע הײַנט אויך נעמען אַ בילעט ערשטע ריי פֿאַר אַ דרײַערל?

„דער דזשענטלמען" — קיין אַנדער נאָמען האָב איך בײַ זיי ניט געהאַט — האָט געמוזט נעמען אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק אַ בילעט פֿאַר אַ דרײַערל. אַ ברירה האָט ער געהאַט? דערפֿאַר אָבער, איז „דער דזשענטלמען" פֿלעגט אַרײַנקומען בײַם די „יענקע־לעך" האָבן געהאַלטן אינמיטן אַ שמועס, פֿלעגט ווערן שטיל, שאַ,

גלײַכ ווי מע האָט גאָרניט גערעדט קיינמאָל! שטומע מענטשנ!.. פאַרשטייט זיכ פונ זיכ זעלבער, אַז דעמ „דזשענטלמענ" האָט דאָס געבדענט אונ געבראָטנ. נאָר וואָס האָט ער געקאָנט מאַכנ? איכ האָב דאָכ אײַכ געזאָגט, אַז ווײַבאַלד איכ וויל עפּעס דערגיינ, איז בײַ מיר נישט פּאַראַנ קיינ טײַער. אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, איכ האָב מיכ ארײַנגעלאָנטשעט צו כעוורע, כאָטש אפ אַזויפיל, אַז מע האָט מיר דערלויבט צו זײַנ בײַ זיי אפ אַ „דיסקוסיע" — דאָרט, האָט מענ מיר געזאָגט, וועט „יויסעפ" האַלטנ אַ רעדע... קאָנט איר פאַרשטיינ מײַנ סימכע, אַז איכ האָב דערלעבט אַזאַ זאַכ? איכ וועל זויכע זײַנ זענ אָט דעמ „יויסעפנ" אונ וועל אימ הערנ ריידנ!..

ווי וועט זײַנ די דיסקוסיע אונ ווענ וועט זי זײַנ — דאָס האָט מענ מאַקעס געקאָנט בײַ זיי וויסנ. איכ האָב זיי גאָר ניט געוואָלט פרעגנ אַפילע: איכ האָב געוווּסט, אַז מע וועט מיסטאַמע קומענ אונ מע וועט מיר זאָגנ. בײַ די „יענקעלעכ", דאַרפט איר וויסנ, גייט אַלצדינג צו בעסאָד. אַפ זייער לאָשנ ווערט עס אָנגערופנ „קאָנספּירײשנ" — איכ געדענק דאָס דאָזיקע וואָרט אַפ אויסווייניק. איכ האָב עס פאַרשריבנ בײַ זיכ אינ ביכל. איכ, אַז איכ דערהער אַ שיינ וואָרט, טו איכ עס באַלד אַ נעמ אונ אַ שרײַב אַרײַנ צו זיכ אינ ביכל. אויב עס וועט צוניצקומענ, אָדער נײנ — ווייס איכ ניט; נאָר שאַטנ אַוואַדע ניט.

אַקלאַל, איינמאָל אינ אַ שיינעמ זומער־טאָג, שאַבעס איז דאָס געווענ, טוענ אַ קומ אַרײַנ צו מיר צוויי „יענקעלעכ", מיט שוואַרצע העמדלעכ געווײנטלעכ, אונ טוענ מיכ אַ רופ אַרויס: „קומט!" „וווהינ?" „וואָס גייט'ס אײַכ אָנ? קומט מיט אונדז!"... העלפט נישט, מוז מענ גיינ... אונ מיר האָבנ זיכ געטאָנ אַ לאָז העט־ווײַט

הינטער דער שטאָט ארויס, אונ טאַקע אינ וואַלד אריַינ, אונ בע־שאַס גיינ באַגעגענענ מיר אַלעמאָל אַנ אַנדער „יענקעלע" זיצנ אונטער א בוימ, קוקט קלוימערשט קיינ פּאַצנ־זיַיט אונ טוט א מורקע־ארויס: „רעכטס!" אָדער „לינקס!"... זאָגנ, אז איכ האָב מוירע געהאַט — איז א נאַרישקיַיט; וואָס האָט מענ מוירע צו האָבנ פאַר א ייִדנ? נאָר גלאַט, ס'איז מיר עפּעס ניט אָנגעשטאַנענ די מיַיסע, וואָס איכ, א יונגערמאַנ א סויכער, מיט א שטיקל נאָ־מענ, אונ א שיינער פאַרדינער, אונ א קערבל איז בלאָטע, אי טאָמו פאַראָבנע, זאָל מיכ לאָזנ פירנ פונ ייִנגלעכ, „יענקעלעכ"! איר פאַרשטייט?..

וואָס טויג איַיכ, מיר זיַינענ געגאַנגענ אונ געגאַנגענ, געגאַנגענ אונ געגאַנגענ, ווי זאָגט איר, וואַלד־איַינ, וואַלד־אויס, אזוי לאַנג, אזוי ברייט, ביז מיר האָבנ זיכ דערשלאָגנ צו א גרויסנ הויכנ באַרג. אונ ערשט אז מיר האָבנ ארופגעקלעטערט אפ דעם דאָזיקנ באַרג, געגעבנ זיכ א לאָז באַרג־אראָפּ, האָב איכ דערזענ פאַר זיכ א שוואַרצע מאַכנע קעפּ. דאָס זיַינענ געזעסנ אפ דער ערד כעוורע „יענקעלעכ", באָכערימלעכ אינ שוואַרצע העמדלעכ, מיידלעכ אינ בלוזקעס, אונ גלאַט יונגעליַיט. אָבער א גוזמע! איכ האָב מוירע, אויב ניט א דריַי טויזנט שטיק, אונ עפּשער נאָכ מער, אונ שטיל — כאָטש א פליג פלי דורכ! שטיל, אפ די שפּיצ פינגער, זיַינענ מיר צוגעגאַנגענ צו דער מאַכנע קעפּ, זיכ געגעבנ א זעצ אנידער אפ דער ערד, אונ איכ האָב גענומענ איַינקוקנ זיכ, ווו איז דאָ ערגעצ דער „יוסעפ"? אונ איכ האָב דערזענ... שטעלט איַיכ פאָר ווע־מענ? איכ האָב דערזענ א באַקאַנטנ פאַרשוינ, טאַקע איינעמ פונ די „יענקעלעכ", וואָס האָבנ איניינעמ מיט מיר געזעסנ בא דער אַלמאַנע אינ דער רעסטאָראַציע!.. אָט האָסטו דיר!

דער ערשטער געדאַנק מײַנער איז געווען: „סאָבאָקל?.. אָט דאָס איז גאָר?.. אָט דאָס איז ער, אָט דער „יויסעפ"?.. און איך האָב געמיינט, אַז ער איז מי־יעדייע וואָס! מיט הערנער!.." איך וועל אײַך זאָגן דעם רעכטן עמעס, עס האָט מיר קימאַט האַנאָע געטאָן — ניין, טאַקע שטאַרק האַנאָע געטאָן, וואָס ס'האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזט... איך האָב געמאַכט א פאַרגלײַכונג צווישן אים מיט מיר — נישט מאַכמעס איך האַלט מיך פאַר אַזאַ גרויסן פאַרשוין, וואָס ס'זאָל ניט זײַן שוין קיין שענערס פאַר מיר. איך בין ניט געענאַרט; איך ווייס, אַז ס'איז פאַראַן שענערע פון מיר אויך. נאָר ווערליק ער... איר פאַרשטייט? איך וועל אײַך אים אויסמאָלן אַקוראַט, ווי אַזוי איך האָב אים דערזען די ערשטע מינוט: צוגעשפּאַרט צו א בוים איז געשטאַנען א קליינס, א בליכס, אַן אויסגעדאַרטס, אַן אויסגעטריקנטס, מיט א שמאָל האַרצ, מיט ווײַסע בלאַסע אײַנגעפאַלענע בעקלעך, עטוואָס רויטלעך און פאַרברעמט, מיט נאָך גאָר קליינע בלאָנדע הערלעך; נאָר א שטערן א הויכער, א ווײַסער, א ברייטער, און אויגן א פּאָר גרויע, ווי בא א קאַץ, נאָר ברענענדיקע, און א מויל—און סע רעדט! שטראָף מיך גאָט, אויב איך הייב עס אָן צו פאַרשטיין נאָך אַדאַיעם. פונוואַנען האָט זיך עס גענומען אַזא קויעך בא דעם דאָזיקן נעפעש אפ צו ריידן אַזוי הויך, און אַזוי גיך, און אַזוי פיל, און אַזוי לאַנג, און מיט אַזא היץ, און מיט אַזא ברען, און מיט אַזא פײַער! איך קאָן אײַך זאָגן, אַז דאָס איז געווען ניט גלאַט גערעדט, ווי מענטשן ריידן. דאָס איז געווען אָדער א שוואַרץ־יאָר, אָדער א מאַשינע אַזעלכע, וואָס מע האָט זי אָנגעדרייט, אָדער פון אויבן איז געווען עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט געשאָטן מיט ווערטער, געגאָסן מיט פײַער, אָדער דאָס האָט גאָר דער בוים גערעדט... עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט אַלעמאָל, אַז אָט־

אַט הייבט זיכ אופ אַט דער קליינער נעפעש מיט די אײַנגעפאַלענע רויטלעכע בעקלעכ אונ מיט די גרויע אויגנ אונ טוט אַ פלי אַוועק אינײַנעמ מיט די ווערטער אַהינצו, ערגעצ אַרופ... ניינ! זאָגט אײַכ וואָס איר ווילט, איכ האָב שוינ געהערט אפ מײַנ לעבנ די גרעסטע אונ די שענסטע אַדוואָקאַטנ — אַזאַ מינ ריידנ האָב איכ קיינמאָל נישט געהערט אונ וועל שוינ, האַכט זיכ, קיינמאָל ניט הערנ אויכ...

וויפל דאָס ריידנ זײַנס האָט געדויערט — ווייס איכ ניט; איכ האָב נישט געקוקט אפנ זייגער. איכ האָב געקוקט אפ אימ אונ האָב געקוקט אפ דער מאַכנע קעפ, וואָס זײַנענ געזעסנ אפ דער ערד אונ האָבנ געשלונגענ איטלעכס וואָרט, ווי די הונגע-ריקע אונ ווי די דאָרשטיקע... נאָר ווער עס האָט ניט געזענ בייס-מײַסע ז י, דער האָט נישט געזענ קיינ שיינס אפ זײַנ לעבנ! צווישנ דער מאַכנע קעפ האָב איכ דערזענ זי זיצנ אפ דער ערד, די פיס אונטער זיכ, די הענט צונויפגעלייגט אפנ האַרצנ, דאָס פּאָנעמ לײַכט, די בעקלעכ פלאַמענ, דאָס אייבערשטע ליפּל קוקט אַרופ, אונ די שיינע קאַרשנ-אויגנ שמייכלענ, אונ גלײַכ צו אימ, גלײַכ צו אימ!.. לעמײַ זאָל איכ לייקענענ? איכ האָב אינ דער מינוט מע-קאַנע געווענ אימ, נישט אַזוי אפ דעמ קויעכ פונ זײַנ ריידנ, נישט אַזוי אפ דעמ קאָזועד מיטנ פּאַטשנ בראַוואָ, וואָס מע האָט אימ געפּאַטשט נאָכדעמ, אַז ער האָט אופגעהערט צו ריידנ, — נישט אפ די זאַכנ האָב איכ אימ אַזוי מעקאַנע געווענ, ווי אפ דעמ קוקנ, וואָס ז י האָט אפ אימ געקוקט! פאַר איינ קוק אַזעלכנ, פאַר אירנ, וואָלט איכ אָוועקגעגעבנ — איכ ווייס אַליינ ניט וואָס! דער דאָזי-קער קוק האָט גערעדט ווערטער. עס האָט זיכ מיר אויסגעדאַכט, אַז איכ הער איר קאָל, ווי זי זאָגט, מיט יענעמ באַקאַנטנ געזאַנג:

„יוי־סעפ!” איכ האָב אײַכ דאָכ געזאָגט שוינ, אַז בא מיר איז א מיידל נישט קיינ אײַ־אײַ־אײַ! איכ האָב שוינ געזענ מיידלעכ, וואָרעמ איכ בינ א יונגערמאַנ, קאָנ מענ זאָגנ, נישט קיינ מיעסער, א הײַנטיקער, און א שיינער פאַרדינער, און א קערבל איז בלאָטע, אַי טאָמו פאַדאָבנע... נאָר א ז ו י קוקנ האָט אפ מיר נישט געקוקט מײַנ ווײַב אפילע אינ די גוטע יאָרנ, בייס זי איז אויסגעגאַנגענ נאָכ מײַנע טריט... איכ בינ א באַלנ געווענ מיטאַקיוונ צוגיינ צו איר נאָענט, זיכ אַוועקזעצנ קיימאַט נעבנ איר, זיכ דרייענ איר פאַר די אויגנ, ווי א פליג, זשומענ אינ אויער אַרײַנ, ווי א קאָמאַר, — ווער? וואָס? א נעכטיקער טאָג! אירע אויגנ האָבנ זיכ, ווי צוויי פיאַווקעס, אײַנגעזויגנ אינ זײַנע אויגנ, און זײַנע אויגנ — אינ אירע אויגנ, און עס האָט זיכ מיר אויסגעדאַכט, אַז די צוויי, ער און זי, זעענ קיינעמ ניט פאַר זיכ, נאָר איינס דאָס אַנדערע: ער ז י און זי א י מ, און ווײַטער דאַרפנ זיי קיינעמ ניט! ליבעט־האַקייווער, זאָג איכ אײַכ, איז א נאַרנישט אַקעגנ דעמ, וואָס איכ האָב בייסר מײַסע געפילט. א געגעמ האָט געקאָכט בא מיר אינ האַרצנ, איכ וויים ניט אפ וועמענ: אפ „איר”, צי אפ „אימ”, צי אפ זיי ביידנ, צי גאָר אפ זיכ אַליינ?.. איכ בינ יענעמ אָפּדערנאַכט געקומענ אַהיימ מיט א מוירעדיקנ קאַפּווייטעק און האָב מיכ געלייגט שלאָפנ מיט דער דייע, אַז ווײַל איכ וועל לעבנ זאָל מײַנ פוס דאָרטנ ניט זײַנ, בא דער אַלמאָנע הייסט עס. איכ דאַרפ זיי אַלע אפ זיבנ הונדערט קאַפּאָרעס! וואָס דאַרפ איכ זיי? וואָס, ניט אַזוי?.. און אַז איכ בינ אופגעשטאַנענ אינדערפרי, האָב איכ קוימ דערלעבט די מינוט, די רעגע, ס'זאָל שוינ ווערנ זייגער צוויי, די צײַט פונ מיטיק, און בינ מיסטאַמע גלײַכ אוועק א ה י נ, און האָב דאַפקע גע־טראָפנ באַמ טיש די גאַנצע כעוורע „יענקעלעכ”, וואָס טאָמער, און

ער איז אויך געווען בעסויכאם... איך ווייס נישט, וויאזוי איר; איך, אז איך זע אן ארטיסט, אדער א מיניסטער, אדער אזוי א באַ־רימטן מענטשן, וואס אפילו מיר אלע ווייסן גאנץ גוט, אז ער איז א מענטש גלייך מיט אלע מענטשן, עסט גלייך מיט אלעמען און טרינקט גלייך מיט אלעמען, נאר קוים זאגט מען מיר, אז דאס איז אן ארטיסט, אדער א מיניסטער, אדער אזוי א באַרימטער מענטש, דאכט זיך מיר שוין אויס, אז ער איז נישט גלייך מיט אלעמען, אז עפעס ליגט אין אים אזעלכעס, וואס מע קאן עס, ווי זאגט איר, נישט אנטאפן... אזוי איז געווען מיט מיר, אז איך האב דערזען א י מ נאך דער דראשע; דאכט זיך, דער אייגענער „יענקעלע", וואס טאמעד, נאר פארט נישט דער. עפעס ליגט אין אים אזעלכעס. עפעס שטייט אנגעצייכנט בא אים אפן פנים; וואס — ווייס איך אליין נישט, נאר איך וואלט פאר דעם „עפעס" אוועקגעגעבן מי־יעדייע וויפל! נישט מאכמעס איך באדארף עס האבן; אף וואס באדארף איך עס? אף נייַן און ניינציק קאפּאַ־רעס! איך האב עס נאר געוואלט צוליב א י ר, ווארעם ז י איז נישט אפּגעטראטן פון א י מ אף קיין מינוט, און אפילו דעמלט, ווען זי איז צוגעגאנגען צו מיר און גערעדט מיט מיר, האט זי אויך אין זינען געהאט א י מ, נישט מיך. איך בין, דארפט איר וויסן, א מיוחס אף די זאכן, מיך קאסט עס גענוג רעבע־געלט... עס האט זיך אנ־געהויבן פאר מיר א נייער געניעם: פריער, איידער איך האב גע־וווּסט ווער דער יויסעפ איז, האט זיך מיר געמאלט אין מיין קויעכ־האדימיען א הויכער, א שיינער, א געזונטער, א מאנספּארשוין, און איך האב אים נישט געקאנט ליידן, מעקאנע געווען און פיינט געהאט, ווי איר קאנט זיך נאר פארשטעלן. איצט, אז איך בין שוין געוואר געווארן, ווער דער מאנספּארשוין איז, אז דאס איז

גאָר א „יענקעלע" גלײַכ מיט אלע „יענקעלעכ", האָט מיכ פאַרדראָסנ... איכ ווייס ניט אפ װעמענ: צי אפ א י ר, וואָס זי פאַרגעטערט אימ אזוי (אונ אז זי פאַרגעטערט אימ — דאָס זעט דאָכ א בלינדער אויכ!), צי אפ א י מ, וואָס גאָט האָט אימ געגעבנ אזא קויעכ־האָדיבער, צי אפ זיכ אלײנ האָט מיכ פאַרדראָסנ. לעמײַ האָב א י כ ניט אזא קויעכ?.. נישט מאַכמעס איכ דאַרפ עס אזוי גײַטיק האָבנ. צו וואָס דאַרפ איכ עס? אונ נישט מאַכמעס איכ בינ באַלילע אָנ א צונג. מיינט ניט! איכ, אז איכ וויל רײדנ — קאָנ איכ! איכ האָב שוינ אמאָל גערעדט אפ א „זאַסעדאַניע", אונ דאַפקע אינ „קופּעטשעסקע קלוב", זאָגט דער אוילעמ, אז איכ רײד ניט שלעכט, גאָר ניט שלעכט!.. דער פאַרדראָס, װאָס מיכ האָט פאַרדראָסנ, קאָנ איכ אײַכ מיט ווערטער ניט ארויסגעבנ; דאָס דאַרפ מענ פאַרשטײנ — נײנ, דאָס דאַרפ מענ פילנ, מע באַדאַרפ זײַנ אפ מײַנ אָרט, קומענ אלע טאָג אינ דער רעסטאָראַציע, אָנקוקנ ז י מיטנ ווײַסנ פאַרטעכל, וואָס סע שעמערירט, איר שײנ ליכטיק פּאָנעמ, וואָס סע שײַנט אונ וואָס סע זינגט, הערנ איר זיס קאָל, וואָס קוויקט, איר געלעכטערל, וואָס צעגײט זיכ אינ יעדנ אייווער, אונ בעשאַסמײַסע זענ א י מ אונ פילנ, אז דאָס איז אינגאַנצנ צוליב אימ, אונ נאָר צוליב אימ אלײנ, אונ ווײַטער קײנעמ ניט! נײנ, מע דאַרפ אימ צונעמענ פונעמ וועג, מע דאַרפ, ער זאָל אַװעק, מע דאַרפ זײַנער פּטור װערנ. נאָר וויאַזוי? איכ זאָל דאָכ נישט גײנ סאַמענ אימ, אָדער שיסנ; איכ בינ דאָכ נישט קײנ רעציִעכ, איכ בינ דאָכ א ייִד... ארויסרופנ אימ אפ א דועל? — פע! אינ א „ראָמאַנ" רופט מענ ארויס אפ א דועל, אי דאָס — גלײב איכ ניט, ס׳זאָל זײַנ עמעס; ס׳איז נאָר גלאַט אזוי, אפ צו באַשרײַבנ, קומט אויס שענער... אזוי האַלט איכ... איכ בינ גע-

פאלנ אפ א שיינער האמצאָע: איכ וועל מיכ דורכשמועסנ מיט אימ אליינ, ווי זאָגט איר: „אָפּגעבנ דעמ שליסל דעמ גאנעוו אינ האנט ארײַנ"... איאָ, א פלאנ? אונ נישט לאנג געטראכט, — איכ האָב פּײַנט לאנג טראכטנ — טו איכ מיכ א רופ אָנ צו אימ איינ־מאָל נאָכנ עסנ:

— איר ווייסט? איכ האָב צו אײַכ א נייטיקנ אייסעק. איכ האָב מיט אײַכ וואָס צו ריידנ.

אונ ער? ער זאָל דאָס אפילע א ריר טאָנ מיט אנ איווער. גאָרניט! נאָר אנידערגעשטעלט אפ מיר זײַנע פּראָסטע גרויע אויגנ, ווי איינער רעדט:

— הינייני, איכ בינ אָנגעברייט.

— ניינ, — מאכ איכ צו אימ, — ניינ, ניט דאָ. איכ וויל, ס'זאָל זײַנ, ווי מע זאָגט, אונטער פיר אויגנ.

— קומט! — מאכט ער צו מיר אונ פירט מיכ ארויס אינ דרויסנ ארויס אונ שטעלט זיכ אוועק אקעגנ מיר אונ ווארט, ווי איינער רעדט:

— נו? פארוואָס דאבערט מענ ניט?

— נישט אָט דאָ, — מאכ איכ צו אימ. — ווענ טרעפט מענ אײַכ אינ דער היימ?

— איכ קאָנ זײַנ בא אײַכ... — מאכט ער צו מיר אונ פאר־כאפּט זיכ אָבער באלד. — אונ אויב איר ווילט... זײַט איר בא מיר מאָרגנ פונ... (אונ ער גיט א נעמ ארויס דעמ זייגער) פונ האלב צענ ביז האלב עלפ אינדערפרי... נאָט אײַכ מײַנ אדרעס.

אזוי מאכט ער צו מיר אונ קוועטשט מיר, אונ קוועטשט מיר די האנט, אונ קוקט מיר גלײַכ אינ די אויגנ ארײַנ, ווי איינער רעדט: „קאָנספּירייִשנ?"...

— קאָנספּירייִשנ, האָט קיינ יעסורימ ניט! — מאַכ איכ צו אימ, אונ מיר צעגייענ זיכ, ווי זאָגט איר, איטלעכער אינ זײַנ רו אַרײַנ.

אַוואָדע בינ איכ יענע נאַכט ניט געשלאָפֿנ. איכ בינ, פֿאַרשטייט איר מיכ, געלעגנ אינ איינע אַנגסטנ אונ נאָר געטראַכט: וואָס וועל איכ אימ זאָגנ, אַשטייגער? פֿונוואַנענ זאָל איכ אָנהייבנ? אונ וואָס וועל איכ טאָנ, טאָמער טוט ער מיר אַ זאָג:

— הער דזשענטלמענ, וואָס האָט איר אײַכ צו מישנ אינ פֿרעמדע אייסאָקימ? וואָס פֿאַר אַ מעכוטנ זײַט איר, הער דזשענטלמענ, מיט אַ מיידל, וואָס איינער פֿונ די „יענקעלעכ" רעכנט זי פֿאַר אַ קאַלע שוינ פֿונ ווייס איכ וועננ?..

וואָס ענטפֿערט מענ אימ דערויפֿ? אָדער וואָס טו איכ, אַז ער נעמט מיכ, אַשטייגער, פֿאַרנ קאַרק אונ טוט מיכ אַ שמײַס אַראָפּ פֿונ אַלע טרעפּ? דאָס הייסט קיינ מוירע האָב איכ ניט. וואָס האָב איכ פֿאַר אימ מוירע? איכ בינ דאָכ געקומענ צו אימ מיקויעכ אַנ אייסעק. מימאָנעפּשעכ: יאָ — יאָ, ניינ — ניינ. וואָרפֿנ זיכ איז ניטאָ פֿאַר וואָס!..

אָט אַזוי בינ איכ געלעגנ אינ מאַכשאָוועס די גאַנצע נאַכט, אונ אַפֿ מאָרגנ האַלב צענ דעמ זייגער האָב איכ שוינ געקלעטערט צו אימ ערגעצ אינ אַלדי שווואַרצע יאָר אַפֿ אַ בוידעמ, עפּשער דריטהאַלבנ הונדערט טרעפּ, אונ האָב אימ אַקוראַט געטראָפֿנ אינ דער היימ מיט נאָכ אַ פּאָר „יענקעלעכ", וואָס אַז זיי האָבנ מיכ דערזענ, האָבנ זיי זיכ עפּעס מאָדנע איבערגעקוקט איינס מיטנ אַנדערנ, ווי איינער רעדט: „וואָס האָט דאָ צו טאָנ דער דזשענטלמענ?"... נאָר מײַנ פֿויגל האָט זיי געגעבנ אַ ווונק, זיי זאָלנ נעמענ דעמ וועג, אונ מײַנע „יענקעלעכ" האָבנ זיכ דאַפּקע

געשטויסנ, וואָס מע מיינט, געטאָנ זיכ א נעמ צו די היטלעכ — אונ נעלעמ געוואָרנ.

געבליבנ מיט אימ אליינ, ווי זאָגט איר, אונטער פיר אויגנ, נעמ איכ אונ טו אימ א לייג אוועק א דראָשע: אזוי אונ אזוי, איז איכ בינ אליינ, כאָטש איכ בינ א געשעפטסמאַנ, א מענטש מיט א שטיקל נאָמענ, אונ א שיינער פאַרדינער, אונ א קערבל איז בלאָטע, אי טאָמו פאָדאָבנע, פונדעסטוועגנ ווייס איכ אלצדינג, וואָס אפ דער וועלט טוט זיכ, וואָרעמ איכ בינ, דאַרפט איר וויסנ, א ה ײַ נ ט י ק ע ר, איכ לייענ אלצדינג, אלע נײַע גאַזעטנ אונ זשורנאלנ, — אונ איכ נעמ אונ טו א שיט אויס אלע מאָדנע ווערטער: „פראָלעטאריאט”... „בעבעל”... „מארקס”... „רעאַ-גירנ”... „קאָנספירייישנ”... אויקעדוימע. אויסגעהערט, מאַכט ער צו מיר דאַפקע פראָסט אונ ווייכ אונ אָנ שום הויכע ווער-טער:

— מיט וואָס זשע קאָנ איכ אײַכ דינענ?

— מיט א קלייניקייט — זאָג איכ: — מיט אנ אייצע.

— איכ?.. אײַכ?.. אנ אייצע?..

אזוי מאַכט ער צו מיר אונ טוט א שטעל אוועק אפ מיר די פראָסטע גרויע אויגנ, ווי איינער רעדט: „ווי קומ איכ, אזא שנעק ווי איכ בינ, געבנ אנ אייצע אזא דזשענטלמענ?”... איר פאַרשטייט? ס'איז אימ אליינ געווענ פריקרע, ווי זאָגט איר, איבער דער טעווע. אונ מיר איז דאָכ אוואדע געווענ פריקרע. נאָר וואָס זאָל איכ טאָנ? איכ האָב דאָכ שוינ אָנגע-הויבנ, באַדאַרפ מענ דערפירנ, ווי זאָגט איר, צו א ברעג. אונ איכ נעמ אונ טו אימ א זאָג אויס, וואָס מיכ קוועטשט, מיט א דערצייל אויס, וואָס בא מיר אפנ האַרצנ טוט זיכ פונ דער

ערשטער מינוט, וואָס איך האָב זי דערזענ, ביז צו הײַנטיקנ טאָג, מאַמעש איך לעב נישט, דאָס הייסט, זי לאָזט מיך נישט לעבנ!.. „איך בינ דאָס גאָר נישט געוווינט געוואָרנ, זאָג איך, אַז איבער אַ מיידל — זי מעג זיך זײַנ אַפילע די באַסמאַלקע אַליינ — זאָל איך אַזוי „רעאַגירנ“, וואָרעמ סאַכאַקל בינ איך דאָך גאָר אַ יונגערמאַנ, כאָטש אַ הײַנטיקער, דאָך אַ סויכער מיט אַ שטיקל נאָמענ, אונ אַ שיינער פּאַרדינער, אונ אַ קערבל איז בלאָטע, אי טאָמער פּאַדאָבנע“...

אויסגעהערט, מאַכט ער צו מיר ווידעראַמאָל פּראָסט אונ ווייך אונ אָנ שום הויכע ווערטער:

— אויב איר פרעגט בײַ מיר אַנ אייצע, וואָלט איך אײַך זאָגנ, איר זאָלט ריידנ מיט איר אַליינ...

— נו, אונ איר? — זאָג איך.

— איך וויל ניט, — מאַכט ער צו מיר אונ פאַרכאַפּט זיך באַלד, — איך קאָנ ניט, איך האָב קיינ צײַט ניט פאַרנעמענ זיך מיט אַזעלכע זאַכנ.

— ניינ! — מאַך איך צו אים. — ניט דאָס מיינ איך. איך פאַרלאַנג נישט פונ אײַך, אַז איר זאָלט מיט איר ריידנ. ווי קאָנ איך דאָס פאַרלאַנגענ? איך פרעג אײַך נאָר, וואָס זועט איר זאָגנ דערויף?..

— וואָס קאָנ איך, — זאָגט ער, — דערויף זאָגנ? אויב איר געפיל צו אײַך איז אַזוי, ווי אײַער געפיל צו איר...

אַזוי מאַכט ער צו מיר פּראָסט אונ ווייך אונ אָנ שום הויכע ווערטער, אונ גייט אונ טוט אַ נעמ אַרויס דעמ זייגער, ווי איינער רעדט: „אונדזער שמועס איז שוינ באַלד ווי געענדיקט“... די קונצ פונ קוקנ אויפנ זייגער, דאַרפט איר וויסנ, פאַרשטיי איך

גאַנצ גוט. איכ, אַז איכ וויל יענעמ פּאָטער ווערנ, בינ איכ מיכ אויכ אַזוי נויהעג. דער כיסאָרנ איז, וואָס ניט יעדער שטויסט זיכ, וואָס מע מיינט. איכ, זעט איר, האָב מיכ דאַפקע יאָ אָנגע־שטויסנ, אונ האָב מיכ געגעבנ אַ הייב אויפ, געבעטנ אימ, אַז די מײַסע זאָל בלײַבנ צווישנ אונדז, „קאָנספּיריישנ" הייסט עס, אונ בינ אַוועק אַהיימ. וואָס זאָל איכ אײַכ זאָגנ? דאָס וואָרט „פּריי־לעכ" איז אַ הונט! „גליקלעכ"? — נאָכ אַלצ נישט דאָס! אַפנ זיי־בעציקסטנ הימל!!! וועמענ איכ האָב ניט באַגעגנט, האָט זיכ מיר, הערט איר, געגלוסט נאָר אַרומכאַפּנ קושנ. אַלע אונ אַלצ האָבנ באַקומענ אינ מײַנע אויגנ גאָר אַ באַזונדער כיינ. פונ יויסעפנ אַליינ שמועסט מענ ניט: איכ האָב אימ יענעמ טאָג ליב געקראָגנ, מאַמעש ווי אַנ אייגענעמ ברודער. איכ זאָל מיכ ניט שעמענ, וואָלט איכ מיכ אומגעקערט אימ אַ קוש טאָנ, אונ איכ זאָל ניט מוירע האָבנ, אַז ער וועט זיכ געפינענ באַליידיקט, וואָלט איכ אימ אונ־טערגעטראָגנ אַ מאַטאָנע: אַ גאָלדענעמ זייגער מיט אַ שיינ קייטל מיט אַ היפּשנ ברעלאָק.

פאַר גרויס סימכע בינ איכ גאָר אַוועק אינ קלוב. איכ, דאַרפט איר וויסנ, טו מיכ אַ כאַפּ אַרײַנ אַמאָל אינ קלוב אַרײַנ, ווי זאָגט איר, „צווישנ טאָג אונ נאַכט", נישט מאַכמעס איכ האָב ליב דאָס שפּיל. איכ אַליינ שפּיל ניט; נאָר איכ האָב ליב זענ, ווי יענער שפּילט. אונ אַמאָל, זעלטנ־זעלטנ, געבנ אַ „שמיר" אונטער אַפ יענעמס קאָרט, — איז איינס פונ די צוויי: אָדער מע נעמט אויס, אָדער מע ווערט באַגראָבנ. דאָס מאָל איז מיר דאַפקע געראָטנ; ס'איז מיר אַוועקגעגאַנגענ דאָס קערטל, זאָג איכ אײַכ, ווי קיינ־מאָל נישט! איכ האָב אָנגעשלאָגנ אַ שיינ קערבל אונ האָב געגעבנ אַ רופ צונויפ די בעוורע „באַסיאַקעס" (אַזוי הייסנ בײַ אונדז אינ

קלוב די האָזיקע, וואָס בלײַבנ אָנ קליינגעלט) אונ האָב געגעבנ א שטעל אוועק א וועטשערע, אונ דאפקע מיט שאמפאניער־ווײַנ, „רעדערער", אונ אז איך בינ געקומענ אהיים — געווענ שוינ גרויסער טאָג, — האָב איך געטראָפנ בא זיך אפנ טיש א דעפעש, אז מע רופט מיך ארויס עקסטרע צוליב זייער א נייטיקנ געשעפט. אונ דאָס ווייסט איר דאָך מיסטאָמע, אז „נאָש בראַט", וויבאלד ער באַקומט א דעפעש מיקויעכ געשעפט, איז א סאָפ, פארפאלנ, ווי זאָגט איר, די יקו מיטנ שטריקל, א קאַפּאָרע אלצדינג. מע הייבט זיך אופ אונ מע פאָרט.

אוועקגעפאָרנ בינ איך, אייגנטלעכ, אפ צוויי טעג אונ גע־זאמט האָב איך מיך, געווייִנטלעכ, דרײַ וואָכנ. אונ אז איך בינ געקומענ צוריק, האָב איך דאָך באלד געגעבנ א לויפ אוועק אינ דער רעסטאָראציע עסנ, אונ האָב געטראָפנ דאָרטנ אנ איבערקע־רעניש: פונ די „יענקעלעכ" איז ניט געבליבנ קיינ האָר אפילע, אונ די, וואָס זײַנענ געבליבנ, זײַנענ אויכ געווענ נישט דאָס, וואָס טאָמער: עפעס זײַנענ זיי מיר געווענ ווי צעדרייט, מעשונע צע־רודערט אונ צעפלאָכטנ. זיי האָבנ אָפגעכאפט דאָס עסנ, ווי זאָגט איר, אל־רעגל־אכאס, אונ צעקראָכנ זיך מיט אראָפגעלאָזטע קעפ, ווי די הינט נאָכ א רעגנ. דער אהער אונ דער אהינ...

נאָר מער פונ אלצ האָט מיך געוווּנדערט: ווו איז יויסעפ? פארוואָס זעט מענ ניט יויסעפנ? איך קוק מיך צו צו די „יענקע־לעכ" — עפעס איז מענ מיר מאָדנע האָפערדיק, עפעס שטיקט מענ זיך: שו־שו! שו־שו!.. ס'איז בא זיי ניט נאָר קאָנספירייִשנ — ס'איז שוינ, ווי זאָגט איר, „קאָנספירייִשנ שעבעקאָנספירייִשנ"!... איך טו מיך א קוק אײַנ אינ איר — זי איז מיר אויכ מעשונע שווײַגנדיק, פארטראכט אונ שטארק „קאָנספירייִשנדיק"... די שיינע

בעקלעכ פלאַמענ נישט, די קאַרשנ־אויגנ שמייכלענ ניט, ווו זײַנענ אַהינגעקומענ די כיינגריבלעכ, וואָס בעטנ זיכ: נאַ, קוש מיכ!? עפעס הערט מענ נישט מער איר געלעכטערל, יענצ געלעכטערל, וואָס אַז זי הייבט אָנ צו לאַכנ, לאַכט מיט איר אַלצדינג — איר, אונ דער טיש, אונ די בענקלעכ, אונ די ווענט, אונ דאָס גאַנצע לעבנ!..

דאָס פאַרשטייט איר דאָכ מיסטאָמע אַליינ, אַז שטאַרק בענקען האָב איכ נאָכ דעמ יויסעפנ נישט געבענקט... איכ האָב מיר נאָר געבראָכנ דעמ קאָפ: ווו האָט ער געקאָנט נעלעמ ווערנ? צי אַפ אַ קורצע צײַט, צי אַפ שטענדיק? צי שרײַבט ער בריוולעכ, צי ניינ? פרעגנ באַ די „יענקעלעכ" — ענטפערנ זיי דענ? זיי קוקנ אײַכ אינ די אויגנ אַרײַנ, קאַלופענ בעשאַסמײַסע די ציינ אונ שווײַגנ, ווי איינער רעדט: „יונגערמאַנ, אַז איר וועט וועלנ אַלצדינג וויסנ, וועט איר גיכ אַלט ווערנ"...

ערשט מיטאָמאָל, אינ אַ שיינעמ פרימאָרגנ, איכ קומ צו גיינ איינמאָל אינ דער רעסטאָראַציע עסנ, טרעפ איכ די „יענקעלעכ" זיצנ אַלע אַרומ טיש, איינער לייענט פונ אַ בלאַט, אונ דער גאַנצער איבעריקער אוילעמ הערט. אַפאָנעמ, אַז דאָס מוז זײַנ פונ יויסעפנ. פונוואַנענ ווייס איכ עס? פונ איר. זי, מיטנ ווײַסנ פאַרטעכל אונ מיט די קאַרשנ־אויגנ, שטייט באַ דער זײַט, צונויפגעלייגט די הענט אַפנ האַרצנ, דאָס פאָנעמ לײַכט, די בעקלעכ פלאַמענ, דאָס אייבערשטע ליפל קוקט אַרופ — פונקט ווי דעמלט אינ וואַלד... דער כילעק איז נאָר געווענ, וואָס דעמלט האָבנ די שיינע קאַרשנ־אויגנ געקוקט אַפ יויסעפנ, אונ איצט האָבנ זיי געבלאָנדזעט ערגעצ אינדערלופטנ, געזוכט, אַפאָנעמ, אַלצ אימ, אַלצ יויסעפנ!.. וואָס טויג אײַכ, איכ האָב קוימ דערלעבט, זיי זאָלנ

אוועקלייגנ דאָס בלאַט, האָב איך עס געגעבנ אַנ עפנ אופ אונ אַ קוק אַרײַנ אינווייניק — אונ עס איז מיר מיטאַמאָל פאַרענטפערט געוואָרנ אַלע קאַשעס: מ ײַ נ י ו י ס ע פ ה אָ ט ג ע ה אַ ל ט נ א י נ ד ע ר אַ ר ב ע ט!.. איך האָב אָבער געוווּסט, אַז ער וועט ניט גוט אָפּשנײַדנ; אַז ניט הײַנט, מאָרגנ — אַרײַנ אינ קרויט מ ו ז ער... דעמ שפּיצ האָט מענ, געווײַנטלעכ, נאָכ נישט געקאָנט וויסנ, נאָר פאַרשטאַנענ האָט מענ, אַז אַ קניפּ אינ בעקעלע, ווי זאָגט איר, וועט מענ אימ נישט געבנ, קיינ האָניק וועט ער נישט לעקנ אונ קיינ בסאָמימ וועט ער נישט שמעקנ...

וואָס בײַ מיר איז געווענ דעמלט אפנ הארצנ — קאָנ איך אײַכ נישט איבערגעבנ; זאָגנ, אַז ס'זאָל מיכ שטאַרק אַרנ, קאָנ איכ נישט. וואָרעמ ער איז מיר דאָכ פאָרט געשטאַנענ פּאָפּערעק, ווי זאָגט איר, אַ ביינ אינ האַלדז... אונ ווידער, איכ זאָל זאָגנ, אַז עס האָט מיכ געפרייט, איז דאָס אויכ ניט אינגאַנצנ עמעס. ווי זאָגט איר, מע טאָר דאָכ אַזעלכעס נישט ווינטשנ דעמ ערגסטנ סוינע אפילע. אַדרעבע, איכ האָב אימ געווינטשנ מיטנ גאַנצנ האַרצנ, מעגט איר מיר זיכער גלייבנ, אַז גאָט זאָל אימ אַ נעמ טאָנ אונ מע זאָל אימ... אינגאַנצנ, הייסט עס, אָפּרייניקנ? — דאָס קאָנ דאָכ ניט זײַנ; נאָר אַזוי עפּעס אַ גרינגע שטראָפ... איר פאַרשטייט?..

ווי אינ אַ טשאַד, זאָג איך אײַכ, בינ איך אַרומגעגאַנגענ די עטלעכע טעג, זיכ גאָר קיינ אָרט נישט געקאָנט געפינענ. אונ אַז איכ בינ געוואָר געוואָרנ, אַז דער אייסעק האָט זיכ שוינ, באָרעכ־אשעמ, געענדיקט, אונ אַז מאָרגנ וועט אַרויסגעטראָגנ דער פּסאַק, שווער איך אײַכ בײַ מײַנ לעבנ, — ס'איז בײַ מיר טײַער, — אַז איכ בינ יענע נאַכט ניט געשלאָפנ, ניט אָנגעהויבנ שלאָפנ, זיכ

געקאַטשעט פונ איינ זײַט אפ דער אנדערער, אונ געמוזט סאָפ־
קאָלסאָפ אופשטיינ, אונ האָב מיכ געפרווט געבנ א קוק ארײַנ
אינ קלוב ארײַנ, נישט אזוי צוליב דעמ שפּיל, ווי איכ האָב גע־
רעכנט, טאָמער וועל איכ קאָנענ פארגעסנ כאָטש אפ א מינוט...
דאָס הארצ איז מיר עפּעס געוועזנ צו שווער, איכ האָב געפילט,
קימאט געוווּסט, אז ע ר ה א ל ט ש מ אָ ל.

אונ קאַכאווע. איכ קומ אינ דער געווינטלעכער צײַט אינ
דער רעסטאָראציע, באַגעגנ איכ פונ דאָרט ארויסשפּרינגענ צוויי
„יענקעלעכ", שטארק צעפּלאָכטנ, פארטארעראמט — סאַקאָנעס־
נעפּאָשעס! ארײַנגעקומענ אינעווייניק, האָב איכ געטראָפנ א פּאָר
פרעמדע מענטשנ עסנ. צומ טיש דערלאַנגט שוינ ניט זי, נאָר די
מוטער, אונ די מוטער אליינ איז עפּעס אויכ, ווי זאָגט איר, לוי־
אליכעמדיק, איכ וואָלט געמעגט שווערנ, אז פארווייכט... ביכ
איכ נישט פויל אפ דער פּענ אונ נעמ אונ טו זי א רופ אָפּ אפ
א זײַט:

— ווו איז ערגעצ אײַער טאָכטער?

— בא זיכ, — מאכט זי צו מיר אונ טוט מיר א ווײַז מיט די
אויגנ אהינ, אפ א קליינ אלקערל, וואָס זעט אויס ווי א שטײַגל
מיט א טירל.

דאָס שפּיל, וואָס איכ האָב געשפּילט מיט דער מוטער, איז
געוועזנ, דארפט איר וויסנ, א מאָדנע שפּיל. ריידנ עפּנטלעכ מי־
קויעכ אכצינ אונ דרײַצנ האָב איכ מיט איר קיינמאָל ניט גערעדט;
נאָר פארשטאַנענ האָב איכ, אז זי וויל דעמ שידעכ: א יונגערמאַנ
א הײַנטיקער, מיט א שטיקל נאָמענ, אונ א שיינער פארדינער, אונ
א קערבל איז בלאָטע, אי טאָמו פאדאָבנע — פארוואָס זאָל זי
ניט וועלנ? אדעראבע, איכ האָב איר א פּאָר מאָל געגעבנ אָנ־

צוהערעניש, אַז איך אינטערעסיר מיך מיט איר טאָכטער זייער געשמאַק! אַ סימען — איך קאָן ניט ליַידן, וואָס זי דערלאַנגט אַליין צום טיש... טרעפט זשע, וואָס ענטפערט זי מיר דערויף?

— איר קאָנט ניט ליַידן, וואָס זי דערלאַנגט? דערלאַנגט מען אַליין!..

אַזוי טוט זי צו מיר אַ זאָג, די מוטער הייסט עס, און דער־לאַנגט זיך אַ שמיר אַרויף מיטן נאַקעטן עלנבויגן איבערן פּאָנעם, און גיי טו איר עפּעס!

וווּ זשע האַלט איך? — באַם קליינעם אַלקערל. וויאַזוי און מיט וואָס פאַר אַן אויפן איך האָב געטאָן אַ גיי אַריַין אין דעם קליינעם אַלקערל אַריַין? וואָס זיַינען געווען די ערשטע ווערטער, וואָס איך האָב איר געגעבן אַ זאָג? — פרעגט מיך בעסיירעם, אויב איך הייב אָן געדענקען אַפילו! איך געדענק נאָר, אַז איך האָב זי געטראָפן אינעם זעלביקן וויַיסן פאַרטעכל, וואָס טאָמער, זיצן באַם פענצטער, צונויפגעלייגט די הענט אַפן האַרצן. דאָס פּאָנעם בלאַס, די בעקלעך וויַיס, קיין טראָפּן בלוט ניטאָ, דאָס איי־בערשטע ליפל קוקט אַרויף און די שיינע קאַרשן־אויגן, איבערגע־צויגן ווי מיט אַ רויכל, קוקן ערגעץ וויַיטוויַיט, פאַרטראַכט, און נישט קיין איינציקע טרער, נישט קיין סימען פון קיין טרער, נאָר אַ שטילער, שטומער טרויער, זעט מען, ליגט אויסגעגאָסן אַפן קוימ־קוים אָנגעקנייטשטן וויַיסן שטערן. איך שווער איַיך באַ מיַין לעבן, הערט איר, — ס'איז באַ מיר טיַיער, — זי איז אין דער דאָזיקער מינוט געווען אַזוי שיין, אַזוי געטלעך, אַז איך בין גרייט געווען זיך געבן אַ טו אַ וואַלגער פאַר אירע פיס און אויסקושן איר די טריט!.. דערזען מיך, האָט זי זיך דאַפקע ניט איבער־געשראָקן, דאַפקע ניט געגעבן זיך קיין כאַפּ אוף און דאַפקע

נ י ט געפרעגט מיכ, וואָס איכ דארפ. איכ האָב אליינ גענומענ און געשטעלט אוועק א בענקל און אוועקגעזעצט זיכ אקעגנ איר און גענומענ ריידנ, ריידנ אָנ אנ אויפהער, אָנ א ברעג. א קוואל פונ ווערטער האָט זיכ מיר געגעבנ אנ עפנ אופ, און איכ האָב גערעדט און גערעדט און גערעדט. וואָס איכ האָב גערעדט — זאָג איכ דאָכ אייכ, אז איכ ווייס ניט. דער פשוט, אפּאָנעם, איז געווענ אזוי: איכ האָב איר געוואָלט אויסריידנ דאָס הארצ, טרייסטנ זי, איר געבנ צו פארשטיינ, אז זי טאָר ניט „רעאגירנ" אזוי שטארק... אָפּ אונדזער לאָשנ הייסט עס: זי זאָל זיכ נישט נעמענ אזוי צומ הארצנ, וואָרעמ זי איז נאָכ צו יונג, און צו פריש, און צו שיינ... איכ האָב איר געדרונגענ, אז איר גליק קאָנ מענ נאָכ גאָר ניט וויסנ... אָט, לעמאָשל, בינ איכ א יונגערמאנ א סויכער, א היינ-טיקער, מיט א שטיקל נאָמענ, און א שיינער פארדינער, און א קערבל איז בלאָטע, אי טאָמו פאדאָבנע... א סימענ: לאָז זי מיר נאָר זאָגנ איינ וואָרט, אז זי איז גרייט צו פארגעסנ אלצדינג, וואָס ס'איז געווענ ביז אהער, גלייכ ווי עס וואָלט גאָרניט געווענ, גאָר-ניט, קיינ שומ יויסעפ, מיט קיינ שומ „יענקעלעכ", מיט קיינ שומ „קאָנספירייישנ" אפ דער וועלט!..

הערט איר? איכ ווייס אליינ ניט, פונוואנענ עס האָט זיכ צו מיר גענומענ אזא קויעכ-האדיבער! און טאָמער מיינט איר, אז זי האָט מיר עפעס געענטפערט דערופ? אָסער! געזעסנ און געקוקט און געקוקט און געקוקט... וואָס האָט געקאָנט באטייטנ דער דאָזי-קער קוק? דער דאָזיקער קוק האָט געקאָנט באטייטנ: „איר מיינט עס מיט אנ עמעס? עס גלייבט זיכ מיר עפעס ניט"... אָדער: „איכ וועל מיכ איבערלייגנ"... אָדער: „לאָזט מיכ צורו"... אָדער גאָר: „יויסעפ"... איר פארשטייט? ניט „יויסעפ", נאָר: „יוי-סעפ"!..

וואָס פאר א פאָנעמ איך האָב נאָכדעמ געהאט בא זיך אליינ אינ די אויגנ — מעגנ שוינ מײַנע סאָנימ האָבנ אזא יאָר!.. איך האָב עטלעכע טעג דורכאנאנד מיך געשעמט ווײַזנ זיך פאר די אויגנ... אונ אגעוו איז מיר אפנ הארצנ געווענ אזוי וויסט, גלײַכ ווי איך אליינ וואָלט מיך פילנ דאָ פאר א שטיקל בײַעוו אינעמ אומגליק, וואָס זיי איז געשענ... וויפל איך האָב מיך ניט געמוטשעט, איך זאָל אימ ארויסשלאָגנ פונ די געדאנקענ, פארגעסנ אימ, אָט דעמ יויסעפנ — אוממעגלעכ!.. איר דארפט וויסנ, אז איך פונ כאלוימעס האלט ניט, פאר מייסימ האָב איך קיינ מוירע ניט, אונ אינ קישעפ גלייב איך ניט, נאָר איך שווער אײַכ בעמעמאָנעס, ס'איז נישט אוועקגעגאנגענ די נאכט, ער זאָל ניט קומענ מיר צו כאָלעמ. יויסעפ הייסט עס, מיך ניט אופוועקנ אונ באווײַזנ מיט דער האנט אפנ האלדז, אז ס'איז בא אימ, ניט אינ מײַנ מאָס, ארומ אונ ארומ האלדז א בלויער צייכנ... ווי מיינט איר, א כאָלעמ האָט עפעס א מאמאָשעס? איך וויים א פאקט, וואָס האָט זיך געטראָפנ אמאָל מיט מײַנעמ א פעטער... נאָר נארישקײַטנ! איך האלט נישט פונ כאלוי־מעס!.. איך בינ גלאט אזוי געווענ צעדרייט, פארלאָרנ דעמ אפע־טיט צומ עסנ, אופגעהערט שלאָפנ... פאר פאכעד מיינט איר? ניינ! גאָר א באקאנטער מענטש, געזעסנ מיט אימ וויפל מאָל בא איינ טיש — איר פארשטייט? האָב איך מיך מעיאשעוו געווענ, ווי זאָגט איר, וואָס ס'וועט זײַנ וועט זײַנ — כ'האָב מיך אנגענומענ מיט הארצ אונ האָב געטאָנ א גיי אוועק אהינ גלײַכ צו זיי אינ דער רעסטאָראציע ארײַנ.

איך קומ צו גייענ אינ דער רעסטאָראציע — ווער מיר רעסטאָ־ראציע? וואָס מיר רעסטאָראציע? עס הייבט זיך גאָר ניט אָנ — אויסגעטריקנט דאָס אָרט אפילע! ווו איז אהינגעקומענ די רעסטאָ־

ראציע? „ארויסגעפאָרנ שוינ פונ עטלעכע טעג!" „וואָס הייסט ארויסגעפאָרנ?" „ארויסגעפאָרנ הייסט ארויסגעפאָרנ"... איך טו א קלונג אָנ אינ הויפ ארײַנ, א לויפ ארײַנ צום באלעבאָס: „ווו איז אהינגעקומענ די רעסטאָראציע? וווהינ איז זי אריבערגעפאָרנ?" א נעכטיקער טאָג — קיינער ווייסט ניט, קיינער קאָנ מיר ניט זאָגנ, וווהינ! הייב איך דאָך אָנ מיסטאמע צו פײַערנ, ווי זאָגט איר, ארײַנ אינ דער אמביציע. אונ איך, אז איך טו א קום ארײַנ אינ דער אמ־ביציע, איז סאַקאָנעס־נעפאָשעס! איך בינ ארומגעלאָפנ, שווער איך אײַך, ווי א משוגענער, אויסגעווענ ווו די וועלט האָט אנ עק!.. אונ די „יענקעלעך"? ווי אפצעלאָכעס, איר זאָלט זאָגנ, כאָטש איינ „יענקעלע" אפ א רעפועו!.. בינ איך אוועק אינ פּאָליציי כויקער־וועדוירעש זײַנ, מאכנ א „ספּראווקע" הייסט עס... געקומענ אינ פּאָליציי, טוט מענ מיך א נעמ אופ: „טשטאָ נאדאָ?" זאָג איך: „דאָס אונ דאָס, אזוי אונ אזוי, ווו איז אהינגעקומענ די רעסטאָראציע?"... פרעגט מענ מיך: „וואָסער רעסטאָראציע?" זאָג איך: „די אונ די". פרעגט מענ מיך: „אפ וואָס דארפ איך זי?"... איר פאר שטייט — זאָל איך זיי גיינ דערציילנ, אפ וואָס איך דארפ זי?.. שווײַג איך דאָך. פרעגנ זיי מיך נאָכאמאָל אונ נאָכאמאָל, איך זאָל זיי זאָגנ, אפ וואָס איך דארפ זי?... וואָס טויג אײַך, איך האָב מיר געקויפט, ווי זאָגט איר, מאפטיר... נו־נו, איך האָב עס געהאט א לויפעניש! דער רועך האָט מיך געטראָגנ!.. כאָטש, אז מע וויל צוריק, וואָס, אייגנטלעך, האָב איך געהאט מוירע צו האָבנ, אז סאכאקל בינ איך דאָך גאָר א יונגערמאנ א סויכער, מיט א שטיקל נאָמענ, אונ א שיינער פארדינער, אונ א קערבל איז בלאָטע, אי טאָמו פאדאָבנע?.. איך אינ אזעלכע אייסאָקימ מיש מיך ניט! ווי זאָגט איר: „ניע יעוושי טשעסנאָקו — אז מע עסט נישט קיינ

קנאַבל, הייסט עס...״ נאָר וואָס דענ? איך האָב עס פײַנט! איר פאַרשטייט? א י ך ה אָ ב ע ס פ ײַ נ ט — אונ שוינ!.. איך האָב מיר פאַרשאָלטנ, זאָג איך אײַך, דאָס געביינ. נא דיר א רעסטאָראַציע! נא דיר א מיידל! נא דיר א יויסעפ!.. איך וואָלט שוינ אליינ געוואָלט זי פאַרגעסנ, אונ א סאָפ. איז אָבער, ווי אפּצעלאָכעס, קריכט זי מיר ניט ארויס פונ קאָפּ! נאָך אדאיעמ שטייט זי מיר פאַר די אויגנ מיטנ ווײַסנ פאַרטעכל, וואָס שעמערירט, מיט די שיינע קאַרשנ־אויגנ, וואָס קוויקנ, מיטנ קליינעמ ליפּל, וואָס קוקט ארופּ, מיט די ביינגריבלעכ, וואָס בעטנ זיך: נא, קוש מיך, אונ מיטנ געלעכטערל, וואָס צעגייט זיך אינ איטלעכנ איווער.... אונ אָפּטמאָל מאַכט זיך באנאַכט, אז איך האַלט אינ רעכטנ שלאָפּ, הער איך איר קאָל: „יוי־סעפ! יוי־סעפ!״... כאַפּ איך מיך אופּ אינ א קאַלטנ שווייס. וואָרעמ קוימ דערמאָנ איך מיך אָנ איר, אזוי קומט מיר באַלד אפּ די געדאַנקענ ע ר...

זעט איר? איך וואַרט ניט, ביז איר וועט זיך געבנ א טו א נעמ צומ זייגער; איך ווייס אליינ, אז אלצדינג אפּ דער וועלט מוז האָבנ א סאָפ... האָט נאָר קיינ פאַריבל ניט, וואָס איך האָב בא אײַך צוגענומענ א ביסל צופיל צײַט, אונ גיט מיר אײַער האַנט, אז אלצדינג, וואָס כ׳האָב אײַך דאָ דערציילט, וועט דאָס בלײַבנ צווישנ אונדז ביידנ, ווי זאָגט איר: קאָנפידענציאַל...

אדיע!

1905

א וואָרט פאַר א וואָרט

א מײַסע שעהאָיאָ, וואָס מיר אליין האָט געטראָפן, דער־
ציילט לעקאָוועד פייסעך, כאָטש ס׳האָט ניט צו טאָן ניט
מיט פייסעך, ניט מיט שוועס, ניט מיט סוקעס, און עס קאָן
זייער שיין דערציילט ווערן אין א וואָכעדיקן טאָג אויך, אבי
מע זאָל נאָר וועלן הערן

ניט הײַנט געדאַכט, ניט פאַר אײַך געדאַכט — איך בין אמאָל געווען א ראַבינער. א ראַבינער, נישט קיין ראָוו, דאָס הייסט טאַקע א ראָוו, נאָר א „קאַזיאָנער"...

וואָס א „קאַזיאָנער" ראָוו איז דער היום באַטײַט — באַדאַרף איך פאַר מײַנע היימישע ייִדן קיין סאַך נישט דערקלערן. זיי ווייסן שוין אליין, וואָס דאָס איז פאַר א מין כּלי. א מעטריקע, א ברית, א כאַסענע, א געט — דאָס איז זײַן אַרבעט. און ער האָט זיך א טאַקסע פון טויט און פון לעבעדיק... אין שול קומט אים דער אויבנאָן, מיזרעך־ראָוו; צו „האַנויסן־טשואָ" שטייט ער אויף דער ערשטער; און קומט א יאָמטעוו, א טאַבל־טאָג הייסט עס, איז אַרײַן אין צילינדער און אַרוים מיט לאָשן, און דאַפקע „רי־

שעס": „גאָספּאָדא פּריכאַזשאַנע!" אָדער „בלאַגאָטשעסטיוויע בראַ־
טיא!"... זאָגנ, אז מע האָט בא אונדז שטארק ליב א ראבינער —
עט! גאָרניט, מע האַלט זיכ מיט אים, עלעהיי א פּריסטאוו אָדער
אנ אנדער קנעפּל, א שווארצ־יאָר. אונ דאָכ ווערט ער געוויילט אלע
דרײַ יאָר דורכ וויבאָרעס — א מינ עלעקשאָנ, ווי בא אײַכ א פּרע־
זידענט, לעהאַווּדיל. אונ אויסגעקליבנ ווערט ער דאַפּקע פונעמ
פאָלק, דאָס הייסט מע שרײַבט ארײַנ א פּאַפּיר צו דער קעהילע: „נא
אָסנאָוואַניע פּרעדפּיסאַניא יעוואָ פּרעוואָסכאָדיטעלסטווא גאָספּאָדי־
נא גובערנאַטאָרא — פּריקאַזאַל"... אפ אונדזער לאָשנ וועט דאָס
הייסנ קימאַט אזוי שיינ ווי: „דער אָדנ דער גובערנאַטער הייסט
אײַכ, איר זאָלט אײַכ צונויפקומענ, יידעלעכ פּאַרכעס, אינ שול
ארײַנ אונ אויסקלײַבנ אײַכ א ראַבינער!"...

דערנאָכ הייבנ זיכ אָנ די „וויבאָרעס": קאַנדידאַטנ, מאַכלוי־
קעס, בראָנפנ אונ כאַבאַר... דערנאָכ הייבנ אָנ לויפנ דאָנאָסלעכ,
מעסירעלעכ הייסט עס, אינ דער „גובערנסקע פּראַוולעניע"... איז
מענ מעוואַטל די וויבאָרעס, אונ מע הייסט מאַכנ נײַע וויבאָרעס,
אונ ווידער „נא אָסנאָוואַניא פּרעדפּיסאַניא יעוואָ פּרעוואָסכאָדי־
טעלסטווא", אונ ווידער קאַנדידאַטנ, מאַכלויקעס, פּאַרטיעס,
בראָנפנ אונ כאַבאַר — כײַ געלעבט!

בינ איכ געווענ, עס כאַטאָ אני מאַזקיר האַיוימ, — א ראַבי־
נער אינ א קליינשטעטל. ס'איז נישט קיינ סאָד, איכ קאָנ אײַכ
זאָגנ אפילע מיט א סימענ: אינ פּאָלטאַווער גובערניע. געוואָלט
האָב איכ אָבער זײַנ מאָדערנ, א יויצע מינ האַקלאַל, נישט ווי אלע
ראַבינערס, האָב איכ אראָפּגעוואָרפנ פונ זיכ דאָס „קנעפּל"
אונ גענומענ ארײַנקוקנ בעסער אינ קאָהאָלשנ טאָפּ ארײַנ.
אָפּגעבנ זיכ מיט קלאַל־זאַכנ, א טאַלמעטוירע, א גמילעסכאָסאָ־

דימ, א פארלאָזעניש, א בוירערס, א דינטוירע און גלאט אַ אײַצע.

א פארלאָזעניש, א בוירערס, אַ אײַצע, — דאָס האָב איך געיאַרשנט פון מײַן טאַטן און פון מײַנע פעטערס. זיי, אליהו־העמר האַשאָלעמ׳, האָבן אויך ליב געהאַט, מע זאָל זיי „באַדערן״ מיט פרעמדע „ביזנעס״. פאַראַן אַלערליי מינימ מענטשן אויף דער וועלט. פאַראַן מענטשן אַזעלכע, וואָס מע קאָן זיי ניט באַדערן בעשומויפן. איר וואָלט זיי געבאַדערט — לאָזן זיי זיך ניט. און פאַראַן ווידער מענטשן אַזעלכע, וואָס איר קאָנט זיי אַרופקריכן גלײַך אויף דעם קאָפּ, נישט מיטאַמאָל, ביסלעכווײַז: פריִער אויפן שויס, דערנאָך אויפן קאָפּ און דערנאָך מיט די טיפע קאַלאָשן אין האַרצן אַרײַן אויף א גאַנצן ווינטער.

אָט פון דעם מין ראַבינערס בין איך געווען, און האָב געהאַט, איך מעג זיך באַרימען, א סאַך אָנהענגער און גאַנצע הייסע כסי־דימ, וואָס האָבן זיך ניט געשעמט צו קומען אַלע טאָג, אָנבאַראַ־באַנעווען א פולן קאָפּ און אָוועקזיצן ביז העט־ווײַט אין דער נאַכט אַרײַן; ניט אָפּגעזאָגט זיך קיינמאָל פון א גלעזל טיי; פאַ־פּיראָסן, פאַרשטייט זיך, מײַנע; צײַטונגען און ביכער — שמועסט מען שוין ניט. מיט איינעם וואָרט, אָבינו אַתּאָ — נאָוש בראָט און שויך.

ווײַהי האַיוימ, עפּנט זיך איינמאָל די טיר, און עס קומען אַרײַן די שיווע־טוווע־האַיר, דער העכטער שפּיגל, דער סאַמע ציי־מעס פון שטאָט — פיר יִדן באַלעבאַטימ, מע קאָן זאָגן, נע־גידימ.

„א גוט מאָרגן, ראַבינער!״ ווער זײַנען דאָס געווען? דרײַ פון זיי זײַנען געווען די „טרויקע״ — אַזוי האָט מען זיי א נאָמען גע־

געבנ אינ שטעטל דערפאר, ווײַל זײ האָבנ טאָמעד געהאנדלט אלע דרײַ בעשוטפעסדיק, אלעמאָל געקריגט זיכ, שטענדיק כוישעד געווענ אײנס דאָס אנדערע און געקוקט זיכ אינ האנט ארײַנ — און פונדעסטוועגנ איז מענ קײנמאָל ניט צעגאנגענ זיכ, איבער א פּרינציפּ פונ א מימאָנעפשעכ: „איז דאָס געשעפט א גוט געשעפט און מע ווערט פארדינענ, פארוואָס זאָל איכ אויכ ניט אָפּלעקנ א בײנדל? עלע וואָס דענ, ס'איז אנ אומגליק — ווער דו אויכ בא־ גראָבנ מיט מיר און ליג אויכ אינ דר'ערד"... וואָס טוט גאָט? „זינט גאָט האנדלט מיט גאנאָווים, דרײַערס און זשוליקעס, האָט ער נאָכ אזא גאנעוו, אזא דרײַער און אזא זשוליק ניט געזענ!" אזוי טײַנענ נעבעכ די דרײַ שוטפים אפנ פערטנ. און ער, דער פערטער, טײַנעט פונקט דאָס איגענע אפ זײ: „זינט גאָט האנדלט מיט גאנאָווים, דרײַערס און זשוליקעס, האָט ער נאָכ אזעלכע גאנאָווים, אזעלכע דרײַערס און זשוליקעס ניט באגעגנט!" ווער זשע איז געווענ אָט דער פערטער? דאָס איז געווענ א ייִד ראפּקע א שטילינקער, א נעבעכל, אנ אָפּגעפוצטער, מיט א האדראָס־פּאָנעם, מיט געדיכטע שווארצע ברעמענ, אונטער וועלכע עס האָבנ ארויסגעקוקט א פּאָר מאמזעריש־שמײכלענדיקע אויגנ, און געהײסנ האָט ער מיט זײַנ ליבנ נאָמענ „רעב נאכמענ־ לאָקאָכ".

דאָס הײסט, הײסנ האָט ער געהײסנ נאכמענ־נאָסנ, נאָר גע־ רופנ האָט מענ אים „נאכמענ־לאָקאָכ" דערפאר, ווײַל „לאָקאָכ" איז דער טײַטש ער האָט גענומענ, און „נאָסנ" — ער האָט געגעבנ, און אָט דער נאכמענ־נאָסנ האָט אפ זײַנ לעבנ קײנמאָל ניט גע־ געבנ, נאָר גענומענ... און נאכמענ־נאָסנ האָט א טעווע, אז ער

רעדט, מישט ער אריַינ אלעמאָל, צי מע דארפ, צי מע דארפ ניט, די צוויי ווערטער: „מאכמעס דערימאכ".

איז מענ דאָס געקומענ צומ ראבינער, הייסט עס, מיט א פארלאָזעניש — ער זאָל אויסהערנ, הייסט עס, זייערע טײַנעס, טאָמער וועט ער געפינענ עפּעס א מיטל זיי אויסצוגלײַכנ אינ זייערע פארפלאָנטערטע כעזשבוינעס. „וויַאזוי איר וועט געפינענ, פאני ראבינער, אונ וואָס איר וועט אָפּאסקענענ אונ וואָס איר וועט זאָגנ, איז געזאָגט"...

אזוי האָבנ באשלאָסנ די דרײַ שוטפים, אונ דער באלדאָווער זייערער, רעב נאכמענ־לאָקאָכ, האָט צוגעבאָמקעט מיט א נעבעכפּאָנעמ, אז ער פארלאָזט זיכ אינגאנצנ אפ מיר: „מאכמעס דערימאכ, וואָס ער ווייסט, אז ער איז גאָט די נעשאָמע שולדיק". אונ ער האָט זיכ אוועקגעזעצט אינ א ווינקעלע, צונויפגעלייגט די הענט אפנ הארצנ, ווי א ייִדענע, צונויפגענומענ די געדיכטע ברעמענ אונ געקוקט מיט זײַנע מאמזעריש־שמייכלענדיקע אויגנ אפ מיר אונ געווארט, וואָס וועלנ טײַנענ די שוטפים. אונ אז די שוטפים האָבנ ארויסגעלייגט אלע זייערע טײַנעס־אומטײַנעס, איז ער אופגעשטאנענ, אויסגעגלעט די געדיכטע ברעמענ, נישט געקוקט אפ זיי, נאָר די גאנצע צײַט אפ מיר, טיפ־טיפ, מיט זײַנע מאמזעריש־שמייכלענדיקע אויגנ, אונ ער האָט אזוי בערייִש צעשלאָגנ אלע זייערע טײַנעס, אז ס'איז אויסגעקומענ, אז דרייערס, שווינדלערס, גאנאָווימ אונ זשוליקעס זײַנענ טאקע זיי, די דרײַ שוטפים זײַנע, אונ ער, נאכמענ־לאָקאָכ, איז א צאדיק־וועיאָשאָר אונ א קאָפּערע־הינדל, אנ עמעסער קאָרבנ: „מאכמעס דערימאכ, וואָס אלצדינג, וואָס איר האָט דאָ געהערט פונ זיי, איז שאָוו־וועשעקער, לוי האָיאָ וועלוי ניוראָ, נישט געשטויגנ, נישט געפלויגנ"... אונ

ער האָט אויסגעוויזן מיט טויזנטער ראיות, אַז אַלץ, וואָס ער זאָגט, איז הייליק, טויראס מוישע עמעס...

די גאַנצע צײַט, וואָס דער האָט געטײַנעט, האָבן יענע, די טרויקע, ניט געקאָנט אײַנזיצן. אַלע מינוט איז אויפגעשפּרונגען עמעצער פון זיי, זיך געכאַפּט באַם קאָפּ, באַם האַרצן: „סטײַטש, סטײַטש! ווי קאָן אַ ייִד זאָגן אַזעלכע זאַכן? האַקן אַזעלכע שקאָרים אובזאָוויום?״ עס האָט געקאָסט מי די כעוורע צו באַרויִקן. זיי זאָלן פאַר גרויס ערגערניש ניט אַרײַנפאַלן זייער באַלדאָוואָר אין באָרד אַרײַן, און דעם ראַבינער איז שווער געווען, זייער שווער, אַרויסצוקריכן פון דעם דאָזיקן פּלאָנטער. וואָס האָט אַרויסבאַוויזן, אַז ער האָט פאַר זיך אַ גוטע קאָמפּאַניע, אין אַז שווינדלערס, גאַנאָווים און זשוליקעס זײַנען זיי אַלע פיר, און נאָך מאָסרים דערצו, און אַז זיי פאַרדינען, מע זאָל זיי אַלע באַשטראָפן. וואָס זשע טוט מען? בין איך געפאַלן אָפּ אַן אייצע און רופּ מיך אָן צו זיי:

— הערט זשע אויס, מײַנע ליבע ייִדן. מײַן פּסאַק־דין איז שוין בײַ מיר פאַרטיק אין קאָפּ קימאַט אינגאַנצן, נאָר וואָס דען? איך וועל אײַך אים ניט אַרויסזאָגן ביז איר וועט ניט אײַנלייגן בײַ מיר אַלע פיר צו „כאָפּהייער״, צו פינף־און־צוואַנציקער הייסט עס, אַז איר וועט מעקײַעם זײַן דעם פּסאַק, וואָס איך וועל אַרויסטראָגן.

— אָכ! מיטן גרעסטן קאָוועד! — האָבן זיך אַלע דרײַ אַ וואָרפ געגעבן, און נאָכמען־לאָקאַכ נאָך זיי, און מע האָט זיך אַ נעם געטאָן אַלע פיר צו די קעשענעס און מע האָט אַרויסגעציילט מיר אַפן טיש איטלעכער זײַן פינף־און־צוואַנציקער, וועלכע איך האָב צונויפגענומען און פאַרשלאָסן בײַ זיך אין טישקעסטל. און

דערנאָך האָב איך אַרויסגעזאָגט מײַנ רעזאָליוציע בעזע האַ־
לאָשנ:

„אויסגעהערט די טײַנעס מיט די רייד פונ בײדע צדאָדימ אונ גוט אַרײַנגעטראַכט זיך אינ אײַערע אייסאָקימ, כעזשבוינעס אונ סיכסוכימ, האָב איך געפונענ, נאָך מײַנ פאַרשטאַנד אונ טי־פער איבערצײַגונג, אַז אומגערעכט זײַט איר אַלע פיר, אונ נישט נאָר אומגערעכט, — ס'איז אַ כאַרפּע, אַ ביזויענ, אַז ייִדנ זאָלנ אַזוי קאָנענ האַנדלענ צווישנ זיך, ווײַזנ פאַלשע כעזשבוינעס, שווערנ זיך אַפּ אַ ליגנ אונ אַפילע פאַרמאַסערנ אײנס דאָס אַנ־דערע... אַלקיינ האָב איך געפונענ, אַזוי ווי מיר האָבנ אַ טאַלמע־טוירע אינ שטאָט מיט אַ סאַך קינדער, וואָס גײענ נעבעך נאַקעט אונ באָרוועס, אונ סכאַר־לימעד צו צאָלנ איז ניטאָ פונוואַנענ, וואָרעמ אײדער מע רײַסט אויס באַ אײַך אַמאָל אַ פּאָר גראָשנ, קומט עס אָנ מיט גרינע ווערעמ, איז אַ יוישער, אַז אָט דער הונ־דערטער אײַערער זאָל גײנ אַפ דער טאַלמעטוירע, אונ איר זאָלט גײנ אַהײמ געזונטערהײט, אונ אַ דאַנק אײַך פאַר דער שײנער נעדאָווע — די אָרעמע קינדער וועלנ שוינ האָבנ הוילעך אונ שטיוועלעך אונ אַרבעקאַנפעסלעך אונ וועלנ גאָט בעטנ פאַר אײַך אונ פאַר אײַערע קינדער — אָמיינ”.

אויסגעהערט דעמ פּסאַק־דינ, האָבנ מײַנע דרײַ שוטפימ (די טרויקע) נאָר איבערגעקוקט זיך צווישנ זיך, געשוויצט אונ נישט געווענ אימשטאַנד אַ וואָרט אַרויסצורײדנ, אַפּאָנעמ, אַפ אַזאַ פּסאַק האָבנ זײ זיך ניט געריכט! לאָשנ האָט באַקומענ נאָר זײער באַל־האָוואָר, רעב נאַכמענ־לאָקאַך. ער האָט זיך אויפגעהויבנ, אויס־געגלעט די געדיכטע ברעמענ, אויסגעצויגנ אַ האַנט, אונ, קוקנ־

דיק אַפּ מיר מיט זײַנע מאַמזעריש־שמייכלענדיקע אײגעלעך, מאַכט ער צו מיר אַזוי:

— איך דאַנק אײַך, רעב ראַבינער, פון אונדזער אַלעמענס נאָמען פאַר אײַער קלוגן פּסאַק־דין, וואָס איר האָט אונדז אַרויס־געגעבן. מאַכמעס דערימאַך, וואָס אַזוי פּאַסקענען וואָלט געקאָנט סײַדן שלוימע האַמעלעך... איין זאַך האָט איר נאָר פאַרגעסן זאָגן, רעב ראַבינער, וויפל קומט אײַך פּסאַק־געלט פאַר אײַער קלוגן יוישערדיקן מישפּעט?

— האָט קיין פאַריבל ניט, איר האָט נישט געטראָפן די קרעטשמע. איך בין נישט פון די ראַבינערס, וואָס נעמען פון טויט און פון לעבעדיק... — אַזוי האָב איך אים אָפּגעענטפערט, ווי אַן עכטער רזשעשענטלמען, און האָב באַקומען פון מײַן בעוורעמאַן אַזאַ מין ענטפער:

— אויב אַזוי, זײַט איר ניט נאָר אַ כאָכעמ אַ ראַבינער, איר זײַט נאָך אַ נעקי־קאַפּאַימניק אויך! עפּשער וואָלט איר געוועזן אַזוי גוט אויסהערן אַ געשיכטע, מיר זאָלן אײַך, הייסט עס, דערימאַך באַצאָלן אײַך פאַר אײַער טירכע כאָטש מיט אַ מײַסע?

— אָך, אפילע מיט צוויי מײַסעס!

— וויבאַלד אַזוי, זעצט זיך, רעב ראַבינער, און זײַט אונדז מעכאַבעד מיט פּאַפּיראָסן, וועל איך אײַך דערציילן אַ שיינע, אַן עמעסע געשיכטע, וואָס האָט זיך געטראָפן מיט מיר אַליין טאַקע, מאַכמעס דערימאַך, איך האָב פײַנט פרעמדע מײַסעס.

און מיר האָבן פאַררייכערט צו פּאַפּיראָסן, זיך אוועקגעזעצט אַלע אַרום טיש, און רעב נאָכמען־לאָקאַך האָט פאַנאַנדערגעגלעט

זײַנע געדיכטע ברעמענ אונ, קוקנדיק אפ מיר מיט זײַנע מאמזע־רישרישמייכלענדיקע אויגנ, האָט ער אָנגעהויבנ פאוואָלינקע צו דערציילנ זײַנ עמעסע געשיכטע, וואָס מיט אים אליינ האָט זיכ געטראָפנ. איכ גיב זי אײַכ איבער וואָרט אינ וואָרט, טאקע מיט זײַנ לאָשנ:

— דאָס איז געווענ, איכ זאָל אײַכ ניט זאָגנ קיינ ליגנ, מאכ־מעס דערימאכ, ס'איז א מײַסע פונ א יאָר מיט א מיטוואָכ, איכ בינ נאָכ דעמלט געווענ א יונגערמאנ אונ געזעסנ ניט ווײַט פונ הי, אינ א דאָרפ, אפ א סטאנציע פונ דער באנ, געדרייט געשעפט־לעכ, געהאלטנ א שטיקל אכסאניע, גאנצ פײַנ פארדינט געלט. קיינ רויטשילד בינ איכ ניט געוואָרנ, נאָר גאָרנישט, דאָס שטיקל ברויט האָט זיכ געשלעפט אונ, ווי דער שטייגער איז, האָבנ אכוצ מיר זיכ געדרייט ארומ וואָקזאל נאָכ א מיניענ ייִדנ, מאכמעס דע־רימאכ, אז א ייִד האָט פארנאָסע, איז מענ אים מעקאנע. מע מיינט, ער זשעברעוועט גאָלד. נאָר נישט דאָס איז דער איקער־האמײַסע. איכ וויל אײַכ נאָר דערציילנ, אז סאמע אינ רעכטנ ברענ פונ סעזאָנ, ווענ ברויט גייט אונ וואגאָנעס לויפנ, אונ די מעקאָ־כימ שטײַגנ, איז זיכ מעיאשעוו מײַנע אונ ווערט מיר געלעגנ אונ האָט מיר א בענ־זאָכער — מאזלטאָוו! מיט מאזל זאָלט איר לעבנ! וואָס טוט מענ? דארפ מענ, מאכמעס דערימאכ, פראווענ א ברית. אוועקגעוואָרפנ אלע געשעפטנ, בינ איכ אוועק אינ שטאָט ארײַנ, אײַנגעקויפט אלע גוטע זאכנ אונ אראָפגעבראכט דעם שויכעט, דעם מוייעל הייסט עס, מיט זײַנ גאנצנ קלאפערגעצײַג, אונ דעם שאמעש פונ שול, מאכמעס דערימאכ, וואָס איכ האָב גערעכנט, אז מיט די צוויי קלייקוידעש אונ מיטנ באלבריסניק, מיט מיר אליינ הייסט עס, וועלנ מיר שוינ געוויס האָבנ א מיניענ, אונ נאָכ

מיט א סמיטשיק. וואָס טוט גאָט? איז זיכ מעיאשעוו איינער פונ מײַנע דאָרפלײַט אונ ווערט כוילע, ליגט זיכ אוועקעט, קאָנ ניט גיינ צו מיר אפנ בריס, כאָטש ברענג אים צו טראָגנ מיטנ בעט; אונ נאָכ איינער הייבט זיכ אופ אינמיטנדערינענ אונ פאָרט גאָר אוועק צו אלדי שווארצ-יאָר אינ שטאָט ארײַנ. מאכמעס דערימאב, ער האָט, זאָגט ער, יאָרצײַט, אונ — וואָס טויג אײַכ גרויס? — איכ בלײַב אָנ א מיניענ, כאָטש נעמ ליג זיכ אוועקעט אונ שטארב! אונ דאָ איז אקוראט ערעוו שאבעס (פרײַטיק געפעלט מײַנ יידענע צו פראווענ א בריס!), דער שויכעט, דער מויעל הייסט עס, זעצט די נעשאָמע; דער שאמעש וויינט מיט טרערנ — „וואָס'ט איר אונדז געשלעפט?" — ביטער ווי דער טויט! פאל איכ אפ אנ אייצע אונ לויפ ארויסעט אפנ וואָקזאל, מאכמעס דערימאב, טאָ־מער וועט גאָט צושיקנ, א קאשע אפ א מײַסע, עס פאָרנ דורכ אזויפיל מענטשנ!

אונ קאבאווע: איכ קומ צו לויפנ אפנ וואָקזאל, כאָרוואָס אָנ־געלאָפנ דער קוריער אונ האלט שוינ אָט־אָט באמ אוועקצוגיינ. איכ טו א קוק, עפעס א פארשוינ, א פעמפיק, א בײַכיקער הייסט דאָס, מיט א היפשנ טשעמאָדאנ, פליט א פארשוויצטער אונ גלײַכ צומ בופעט — אפאָנעמ עפעס נעמענ אינ מויל ארײַנ. נאָר וואָס קאָנ, מישטיינסגעזאָגט, א ייִד נאשנ פונ א גוייִשנ בופעט אפנ וואָקזאל? זוכט ער מיט די אויגנ א שטיקל הערינג, אנ איי, די סלינע געבעכ רינט אימ פונעמ מויל — א גאָטס האכמאָנעס! אז איכ טו אימ א נעמ פארנ ארבל: „פעטער! איר ווילט עפעס גע־ניסנ?" מײַנ ייִד האָט זיכ אזוש א וואָרפ געטאָנ פאר שרעק, ווי איינער רעדט: ווער האָט אײַכ געזאָגט, אז איכ וויל עפעס גע־ניסנ?.. רופ איכ מיכ אָנ צו אים: „ניט דאָס! איכ האָב אײַכ גע־

וואָלט זאָגנ, זאָג איכ, אַז הונדערט יאָר זאָלט איר לעבנ, גאָט אַליינ האָט אײַכ, זאָג איכ, צוגעשיקט!" קוקט ער אַפ מיר אונ פאַרשטייט ניט. זאָג איכ צו אימ: „איר ווילט, זאָג איכ, פאַרדינענ אוילעמהאַבע אונ נאָכ עסנ דערצו אַ ראָסל־פלײשל, וואָס צעגײט זיכ אינ אַלע אייווורימ, מיט פרישע כאַלע, זאָג איכ, נאָרוואָס פונעמ אויװנ?" קוקט ער מיכ נאָכ אַלצ אָנ, ווי אַ משוגענעמ: — ווער זײַט איר? וואָס ווילט איר? דערצייל איכ אימ די גאַנצע געשיכטע, וואָסער אַנ אומגליק. „מאַכמעס דערימאַכ, ס'איז בא מיר אַ ברית, ס'איז אַלצדינג דאָ, זאָג איכ, אַ מוהל, אונ אַ שאַמעש אונ אַ סודע אַ פרישע, זאָג איכ, נאָר עס פעלט מיר אַ צענטער צו אַ מיניענ". זאָגט ער: „וואָס זשע גײט זיכ עס אָנ מיט מיר?" זאָג איכ: „עס גײט זיכ אָנ, מאַכמעס דערימאַכ, איכ וויל, איר זאָלט זײַנ, זאָג איכ, דער צענטער צומ מיניענ. איכ בעט אײַכ, איר'ט פאַרדינענ, זאָג איכ, אוילעמהאַבע אונ עסנ אַ גוטנ וואַרמעס אויכ". „משוגע זײַט איר? — מאַכט ער צו מיר — צי כאַסערדייע? וואָס הייסט, דער פּאָיעזד וועט דאָכ אַוועקגײנ אונ ס'איז ערעוו שאַבעס, זאָגט ער, אונ איכ פאָר, זאָגט ער, פּאָדיעלאָ"... „וואָס קאָנ דאָ זײַנ? — זאָג איכ — וועט איר פאָרנ מיטנ צווייטנ פּאָיעזד אונ דערווײַל, זאָג איכ, וועט איר זיכ קויפנ אוילעמהאַבע אונ געניסנ, זאָג איכ, פונ אַ סודעס־מיצווע, אַ יויכ אַ פרישע מיט פאַרפעלעכ, אַפ מיר אַזאַ יאָר"...

בעקיצער, צו וואָס זאָל איכ אײַכ לאַנג מאַריכ זײַנ, אַז מע קאָנ עס מאַכנ בעקיצער? איכ האָב דעמ ייִדנ בײַגעקומענ. אַפּאַנעמ, דאָס ראָסל־פלײשל אונ די יויכ מיט פאַרפעלעכ האָבנ געטאָנ זייער זאַכ, מאַכמעס דערימאַכ, מײַנ ייִד האָט זיכ אַזש באַלעקט. האָב איכ געגעבנ אַ נעמ אַוועק בא אימ דעמ טשעמאָדאַנטשיק, אונ

מיר זײַנען אװעק בײדע צו מיר אַהײם, און מיר האָבן געפּראַװעט אַ ברית — אַף אַלע אונדזערע ליבע געזאָגט געװאָרן. דאָס ראָסל־פּלײשל האָט זיך געלאָזט הערן נאָך בעשאַם שנײַדן, מאַכמעס רע־רימאַך, ס'איז געװען פאַרפּראַװעט מיט קנאָבל. אַזאַ ראָסל־פּלײשל מיט פרישן קױלעטש איז טאַקע אַן אַפּעטיט פון גאָט, און דערצו נאָך גוטע געזײַערטע אוגערקעס, און אַ פלעשל ביר, און אַ ביסל קאָניאַק פאַרן עסן, און אַ גלעזל װישניק נאָכן עסן — װאָס אַרט אײַך, מײַן ייִד האָט מעקײַעם געװען דעם פּאָסעק פון װאַיױכײלו גאָר בעױפן אַכער. דער שטערן האָט אים אַזש געשװיצט! נאָר װאָס רענן? ביז עפּעס װאָס, ביז מע האָט זיך אומגעקוקט, װערט אױס טאָג, מײַן ייִד טוט זיך אַ כאַפּ אױף — אַ צאָרע איז אים! אַ שלאַק איז אים! און ער נעמט זיך צום טשעמאָדאַן. „װוּהין איז — זאָג איך צו אים. — גאָט איז מיט אײַך! ערשטנס, זאָג איך, זײַט איר דאָך ניט דער ייִד, װאָס קאַטאָרע איר'ט זיך לאָזן פאָרן לעכאַט־כילע אין שאַבעס אַרײַן. אײדער שאַבעס האַלטן ערגעץ אינמיטן פעלד, איז שױן, זאָג איך, גלײַכער בײַ מיר". אױקעט ער מיסטאָ־מע און אָנקעט: סטײַטש, לעמײַ האָב איך אים פאַרהאַלטן? און װאָס האָב איך געהאַט צו אים? און פאַרװאָס האָב איך אים ניט געזאָגט פריִער? טײַנעס מיט טײַנעס מיט טײַנעס! זאָג איך צו אים: „ערשטנס, זאָג איך, האָב איך אײַך נישט באַדאַרפט זאָגן, זאָג איך, אַז ס'איז ערעװ שאַבעס, מאַכמעס דערימאַך, זאָג איך, װאָס איר אַלײן האָט גאַנץ גוט געװוּסט, אַז ס'איז ערעװ שאַבעס. און צװײטנס, זאָג איך, פונװאַנען װײסט איר? עפּשער איז דאָס אַ באַשערטע זאַך פון גאָט, אַז איר זאָלט, זאָג איך, שאַבעס האַלטן דאַפקע בײַ מיר און פאַרזוכן מײַן װײַבס פיש? איך בין אײַך אָרעװ, זאָג איך, אַז זינט איר עסט פיש, האָט איר נאָך אַזעלכע פיש, װי

מײַנ װײַבס פיש, זאָג איך, אפילע אינ כאָלעמ נישט געגעסנ!" איך האָב, װאָס ארט אײַך, געװוּסט, מיט װאָס מע קאָנ דעמ ייִדנ נעמענ. װעהאָרײַע? מיר האָבנ אָפּגעדאַװנט מינכע, מעקאַבל־שאַבעס געװענ, געמאַכט קידעש, אונ מײַנע האָט דערלאַנגט די פיש. האָבנ זיך בײַ מײַנ ייִדנ צענומענ די נעזלעכער, די אויגנ האָבנ בײַ אימ באַקומענ גאָר אַנ אַנדער גלאַנצ, — אונ מײַנ אוירעך האָט זיך צוגעכאַפּט צו די פיש גלײַך װי נאָך אַ טאָנעס, אונ שטאַרק געלויבט די פיש, מאַמעש בײַזנ הימל אַרײַנ, זיך ניט אָפּגעזאָגט בעשומויפנ פונ אַ ביסל בראָנפנ פאַר די פיש אונ אַ ביסל בראָנפנ נאָך די פיש. אונ אַז ס'איז געקומענ צו דער שאַבעסדיקער יויך מיט לאָקשנ, זײַנענ אימ די לאָקשנ אויך געפעלנ אונ דער צימעס אויך, אונ אפילע דאָס פלײש פונ צימעס, אַ שטיקל ברוסטנ־פלײש, האָט ער אויך שטאַרק געלויבט, פּאָשעט געלעקט די פינגער! „װײסט איר, זאָגט ער, װאָס איך װעל אײַך זאָגנ? — מאַכט ער צו מיר פאַרנ בענטשנ. — בעדיעװעד, אַז ס'האָט זיך שוינ אַזױ געמאַכט, זאָגט ער, בינ איך גאַנצ צופרידנ, װאָס איך בינ פאַרבליבנ בײַ אײַך אָפּ שאַבעס, איך האָב שוינ, זאָגט ער, לאַנג אַזױ האַנאָע ניט געהאַט פונ שאַבעס, װי אַצינד!" „אויב אַזױ, זאָג איך, טוט עמ מיר האַנאָע. נאָר װאַרט אויס, זאָג איך, איר װעט ערשט זענ מאָרגנ, מאַכמעס דערימאַך, ס'איז שאַבעס אונ אָפּ שאַבעסדיקע פּאָטראַװעס, זאָג איך, איז מײַנע אַ מאַזיק!"...

אונ קאַכאַװע. ס'איז געקומענ מאָרגנ, נאָכנ דאַװנענ אונ נאָכנ קידעש מאַכנ, אַז מע האָט אָנגעהויבנ דערלאַנגענ די פאַרבײַסעכצנ, די קיכעלעך מיטנ געהאַקטנ הערינג, מיט ציבעלקעס מיט שמאַלצ, מיטנ רעטעך, מיט די געהאַקטע אייער, לעבערלעך אונ גריװנ, אונ

דערנאָך ערשט די קאַלטע פיש מיטן קאַלטן שטיקל ברוסט פון נעבעכטיקן צימעס און דערנאָך די פּעטשאַ, אָדער „פּיסנאָגע“, ווי מע רופט עס בײַ אײַך, מיט די גוטע פּענעצלעך מיט קנאָבל, און נאָכדעם דעם גאַנצן טשאָלנט מיטן גוטן פעטן הייסן קוגל — האָט דער אוירעך גאָר ניט געקאָנט אָפּלויבן זיך! זאָג איך צו אים: „דאָס איז נאָך גאָרנישט! וואַרט אויס, זאָג איך, וועט איר פאַרזוכן, אימירצעשעם, אונדזער וואָלכישן באָרשטש צו דער מעלאַווע־מאַלקע, וועט איר, זאָג איך, ערשט דערמאַלט וויסן, וואָס הייסט גוט!“ צעלאַכט ער זיך גאַנץ ברייטלעך און מאַכט צו מיר: „עט־נו, ווו וועל איך שוין זײַן, זאָגט ער, ביז אײַער וואָלכישער באָרשטש וועט אַמאָל פאַרטיק ווערן?“ צעלאַך איך מיך אויך נאָך ברייטער פון אים און מאַך צו אים:

— מאָלט אײַך, לאָז זיך אײַך דאַכטן, זאָג איך, אַז איר האָט אַ טאָעס, אויב איר רעכנט אָפּדערנאָכט אוועקפאָרן, זאָג איך, זאָלט איר עס פאַרגעסן טייקעף־אומיאַד, מאַכמעס דערימאַך, דער, וואָס פאָרט, זאָג איך, אום שאַבעס, דער זיצט אַ גאַנצע וואָך אין דער היים.

און קאַכאַווע. באַלד ווי מע האָט אָפּגעמאַכט האַוודאָלע און אָפּגעזאָגט די „האַמאַוודלס“, הייבט מײַן ייִד אָן צו פּאַקן זיך אין וועג אַרײַן. רופ איך מיך אָן צו אים: „מעשוגע מײַנע סאָנים? ערשטנס, ווער וועט אײַך אַוועקלאָזן אַף באַנאַכט אין דער וועלט אַרײַן? און, צווייטנס, זאָג איך, ווו האָט איר אַ פּאָיעזד?“

— סטײַטש, — זאָגט ער, — האָט איר דאָך מיך געקוילעט! זאָג איך: „קיין גרעסערן אומגליק זאָלט איר ניט האָבן ווײַל איר וועט לעבן! אַ פּאָיעזד וועט איר האָבן, אימירצעשעם, מאָרגן פאַרטאָג.

איר, זאָג איכ, גרייט אײַכ בעסער צו, זאָג איכ, א מאָגנ מיט אנ אפע־טיט, מאכמעס דערימאכ, זאָג איכ, דער באָרשטש לאָזט זיכ שוינ הערנ! איכ וועל אײַכ גאָר בעטנ, זאָג איכ, איר זאָלט מיר זאָגנ דעמ עמעס, צי האָט איר ווענ געגעסנ אזא באָרשטש? נאָר דעמ רייִנעמ עמעס!" וואָס טויג אײַכ, ער האָט זיכ נעבעכ געמוזט מוידע זײַנ, אז זינט ער לעבט, עסט ער דעמ ערשטנ מאָל אזא באָרשטש! אונ ער האָט שוינ גאָר באקומענ כיישעק געוואָרע צו ווערנ, וויאזוי מאכט מענ עס אזא מינ באָרשטש? אונ פארוואָס האָט מענ אימ געקרויִנט מיטנ נאָמענ „וואָלכישער" אונ נאָכ אזעלכע זאכנ. זאָג איכ: „צו וואָס טויג עס אײַכ? איר פארזוכט בעסער, זאָג איכ, אָט דאָס גלעזל ווײַנ אונ זאָגט מיר, זאָג איכ, אפ דערופ מעווינעס. נאָר דעמ עמעס! דעמ רייִנעמ עמעס! מאכמעס דערימאכ, איכ האָב פײַנט, זאָג איכ, קאָמפלימענטנ"...

קאכאווע. מע האָט גענומענ א גלעזל אונ נאָכ א גלעזל אונ מע האָט זיכ געלייגט שלאָפנ. אונ מײַנ אורעכ האָט, וואָס ארט אײַכ, פארשלאָפנ דעמ פארטאָגיקנ פאָיעזד אונ איז אופגעשטאנענ ווי א צעקאָכטער, מאָלע־גאזלענ, אָנגעפאלנ אפ מיר, אז איכ בינ מעכוייעוו געווענ אלפי יוישער אונ אלפי מענטשלעכקײַט אימ אופצוּוועקנ, אונ אז איבער מיר וועט ער האָבנ העזעק — ער ווייסט נאָכ אלײנ ניט וויפל. אקלאל, איכ האָב אימ גאָר אומגליקלעכ געמאכט! הער איכ אימ אויסעט גאנצ פײַנ אונ רופ מיכ אָנ צו אימ:

— זאָגט אלײנ, זאָג איכ, זײַט איר ניט א מאָדנער ייִד? ערשטנס, זאָג איכ, וואָס איז ביכלאל, זאָג איכ, דאָס אײַלעניש, וואָס מע אײַלט זיכ? מישטיינסגעזאָגט, וויפל לעבט דאָס אינגאנצנ א מענטש אפ דער וועלט? איז נומער איינס. וועהאשיינים, האָט איר

פאַרגעסנ, זאָג איכ, אַז הײַנט איז דער דריטער טאָג נאָכנ בריס, שלישי לעמילע הײסט עס, א קלײניקײט? בא אונדז איז מענ זיכ נוהג, זאָג איכ, אַז צום דריטנ טאָג נאָכנ בריס מאַכט מענ א סודע נאָכ א גרעסערע ווי אױפנ בריס אַלײנ, מאַכמעס דערימאָכ, וואָס שלישי לעמילע, זאָג איכ, איז נאָכ טײַערער פונ דער מילע אַלײנ... נישט שוינ זשע, זאָג איכ, וועט איר וועלנ אומזיסט־אומניסט, זאָג איכ, מיר נעמענ אונ פאַרשטערנ א סימכע?..

אונ קאַכאָווע. מײַנ ייִד האָט זיכ שוינ ניט געקאָנט אײַנהאַלטנ אונ האָט זיכ אַזש צעלאַכט פאַר צאָרעס: „וואָס טויג מיר גרויס, זאָגט ער, איר זײַט א רעכטער קלעשטש!”... „לאָז זײַנ אַזוי, זאָג איכ, אַבי אַנ אוירעכ!”...

זיצנדיק באַם וואַרעמעס אונ געגומענ צו ביסלעכ לעכאַיִמ, רופ איכ מיכ אָנ צו איִמ: „הערט זשע אויס, מײַנ ליבער ייִד, די מײַסע דערפונ איז אַזוי, זאָג איכ, ס'איז אַפילע, זאָג איכ, נישט אַזוי קעדײַ אַצינדערטאָ, זאָג איכ, צו רײדנ וועגנ מילכיקע מײַכאָלימ, מאַכמעס דערימאָכ, וואָס מיר האַלטנ, זאָג איכ, סאַמע באַם פלײש, נאָר איכ וואָלט, זאָג איכ, וועלנ האָרכנ פונ אײַכ, זאָג איכ, וואָס איז אײַער מײנונג וועגנ קרעפלעכ מיט קעז”... קוקט ער מיכ אָנ: „אַקעגנ וואָס, הײסט עס, איז דאָס געקומענ צו רײד?”... „אַקעגנ דעם, זאָג איכ, וואָס איכ וואָלט וועלנ, איר זאָלט פאַרזוכנ, זאָג איכ, די מילכיקע קרעפלעכ, וואָס מײַנ ווײַב מאַכט, מאַכמעס דערימאָכ, וואָס הײַנט אַפדערנאַכט, זאָג איכ, איז בא אונדז א מילכיקע וועטשערע”... ווערט ער אופגעטראָגנ, דער אוירעכ, הײסט עס, אונ רופט זיכ אָנ צו מיר: „אײַ־פע! איכ זע, זאָגט ער, אינ אײַכ, אַז איר ווילט מיכ פאַרהאַלטנ נאָכ אױפ א מעסלעס! ס'איז

פֿון אײַך, זאָגט ער, אַן אוולע! אַ גרויסע אוולע!״... און פֿון זײַן קאָכן זיך, וואָס ער קאָכט זיך, פֿאַרשטיי איך, אַז לאַנג בעטן וועט מען אים פֿונדעסטוועגן נישט באַדאַרפֿן, און קריגן זיך אוואדע נישט, מאַכמעס דערימאַך, ס׳איז אַ ייִד מיט אַן אַפּעטיט, וואָס האַלט פֿון דער אַכילע... מאַך איך צו אים אַזוי: „איך גיב אײַך מײַן ערנוואָרט, זאָג איך, און טאָמער איז אײַך ווינציק, נאָט אײַך, זאָג איך, מײַן טקיִעסקאַפּ, אַז אימירצעשעם מאָרגן פֿאַרטאָג וועק איך אײַך אויף צום פֿאַרטאָגעדיקן פּאָיעזד — די גאַנצע וועלט מעג זיך איבערקערן, אַניט, זאָג איך, זאָל איך אַזוי און אַזוי״... ווערט ער שוין אַ ביסל ווייכער און רופֿט זיך אָן צו מיר: „געדענקט זשע — אַ טקיִעסקאַפּ!״ זאָג איך: „טקיִעסקאַפּ איז טקיִעסקאַפּ!״

און מײַנע האָט געמאַכט אַ מילכיקע וועטשערע, וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, מיט אַזעלכע קרעפּלעך, אַז דער אוירעך האָט געמוזט מוידע זײַן, אַז ס׳איז עמעס: ער האָט אויך אַ ווײַב, און זײַן ווײַב מאַכט אויך קרעפּלעך, נאָר ס׳איז אַזאַ בילעק ווי פֿון טאָג צו נאַכט! ווייס איך וואָס — קירכויק מיזרעב מימײַרעוו!

און קאַכאַווע. איך האָב געהאַלטן וואָרט, מאַכמעס דערימאַך, וואָס אַ טקיִעסקאַפּ איז אַ טקיִעסקאַפּ.

איך האָב מײַן אוירעך אופגעוועקט פֿאַרטאָג, געשטעלט דעם סאַמאָוואַר. ער האָט זיך גענומען פּאַקן אין וועג אַרײַן, און טאַקע גאַנץ פֿײַן געזעגענען זיך מיט מיר און מיט מײַן הויזגעזינד. רופֿ איך מיך אָן צו אים: „געזעגענען, זאָג איך, וועלן מיר זיך געזע־גענען, נאָר פֿריִער, זאָג איך, דאַרף מען זיך צערעכענען״. קוקט ער מיך אָן, מאַכמעס דערימאַך, ער פֿאַרשטייט ניט, וואָס איך זאָג. „וואָס הייסט, זאָגט ער, צערעכענען?״ „צערעכענען, זאָג איך, הייסט מאַכן אַ כעזשבן; איך, זאָג איך, וועל אײַך געבן אַ כעזשבן,

וואָס פון אײַך קומט, און איר, זאָג איך, וועט זײַן אַזוי גוט און מאַטריעך זײַן זיך באַצאָלן". ווערט ער רויט אַזוי ווי פֿײַער: „באַצאָלן? פֿאַר וואָס באַצאָלן?" „וואָס הייסט, זאָג איך, פֿאַר וואָס? פֿאַר אַלצדינג: פֿאַרן עסן, זאָג איך, פֿאַרן טרינקען, פֿאַר סטאַנציע". ווערט ער שוין ווײַס, ניט רויט, און מאַכט צו מיר: „איך פֿאַרשטיי אײַך ניט, זאָגט ער: איר האָט מיך פֿאַרבעטן צו זיך, זאָגט ער, אויפֿן ברית, איבערגעכאַפּט אויף דער באַן, אַרויסגעריסן בײַ מיר דעם טשעמאָדאַן פֿון די הענט, צוגעזאָגט אויל־עמהאַבע"... שלאָג איך אים איבער און מאַך צו אים:

— עמעס, אַלצדינג עמעס; נאָר וואָס גייט זיך עס אָן צו דעם? דאָס, זאָג איך, וואָס איר זײַט געווען בײַ מיר אויפֿן ברית, האָט איר פֿאַרדינט אַ מיצווע, אָבער עסן און טרינקען און סטאַנציע — דאָס בין איך דאָך ניט מעכויעוו, זאָג איך, צו געבן אומזיסט! מאַכמעס דערימאַך, איר זײַט דאָך, זאָג איך, אַ ייִד אַ סויכער און פֿאַרשטייט, זאָג איך, אַליין גאַנץ גוט, אַז פֿיש קאָסט געלט, און ווײַן האָט איר געטרונקען דעם בעסטן, און ביר אויך, און וויש־ניק אויך, און דעם צימעס מיט די קוגלען מיטן באָרשטש האָט איר, דאַנקען גאָט, געלויבט אין טאָג אַרײַן, געלעקט די פֿינגער, און די קרעפּלעך, זאָג איך, מיט קעז האָבן אײַך אויך גוט גע־שמעקט. לאָז אײַך, זאָג איך, וווּיל באַקומען. איך פֿאַרגין אײַך מיטן גאַנצן האַרצן. איר וועט דאָך אָבער ניט פֿאַרלאַנגען, זאָג איך, אַז, מאַכמעס דערימאַך, וואָס איר האָט פֿאַרדינט, זאָג איך, אַ מיצווע און געהאַט האַנאָע, זאָל אַ ייִד צו אײַך דערלייגן אי טירכע אי געלט! — מײַן ייִדן נעבעך, זע איך, האָט באַשלאָגן אַ שוויים. ער האָט שיִער דעם שלאַג באַקומען! ער האָט גענומען זיך וואַרפֿן, פֿילדערן, שרײַען, גוואַלדעווען:

— ס'איז סדוים! ערגער פונ סדוים! אזא רעציכע איז, זאָגט ער, נאָכ ניט געהערט געוואָרנ אינ דער גאנצער וועלט!!! וויפל קומט אײַכ? — גיי איכ און נעמ א פאפיר מיט א בלײַשטיפט און מאכ אימ א כעזשבנ ארומ־און־ארומ, פאר עסנ און טרינקענ און נאכטלעגער, פאר שאבעס, פאר ווײַנ און פאר ווישניק, און פאר ביר, און פאר באזונדער באשטעלטע קרעפּלעכ מיט קעז, אכאס לעאכאס האָט זיכ צונויפגענומענ א קײַמעלאָנ פונ עטלעכע און דרײַסיק קארבנ מיט קאָפּעקעס — איכ געדענק שוינ ניט אקוראט...

דערזענ דעמ כעזשבנ, איז מײַנ ייִד געוואָרנ געל און גרינ, די הענט האָבנ אימ געציטערט און די אויגנ זײַנענ אימ שיר פונ קאָפּ ניט ארויס, און ער האָט גענומענ שרײַענ נאָכ מיט גרעסערע קוילעס און גוואלדנ: „ווו איז ער עס ארײַנגעפאלנ? צווישנ פעלד־גאזלאָנימ? גאָר קיינ מענטשנ ניט פאראנענ? קיינ גאָט נישטאָ?” רופ איכ מיכ אָנ צו אימ:

— שאט, ווייסט איר וואָס, רעב ייִד? וואָס דארפט איר שרײַענ? זיכ אָפּעסנ דאָס הארצ? אמער לאָמיר זיכ דורכפאָרנ, זאָג איכ, אינ שטעטל ארײַנ, ס'איז ניט ווײַט פונדאנענ, מאכמעס דערימאכ, דאָרט איז דאָ מענטשנ, דאָרט איז דאָ א ראָוו, לאָמיר פרעגנ דעמ ראָוו, וואָס דער ראָוו וועט זאָגנ, אזוי וועט זײַנ.

דערהערט פונ מיר אזעלכע דיבורימ, איז דעמ ייִדנ געוואָרנ א ביסל גרינגער אפ דער נעשאָמע. און וואָס ארט אײַכ — מיר האָבנ געדונגענ א פורל און האָבנ אופגעזעצט זיכ און אוועק אינ־צווייענ אינ שטעטל ארײַנ, און גלײַכ צומ ראָוו.

געקומענ צומ ראָוו, טרעפנ מיר אימ אקוראט נאָכנ דאַווענענ, ווי ער לייגט צונויפ טאַלעס-אונ-טפילנ. שאָלעמ-אַלייכעמ, אַלייכעמ-שאָלעמ, וואָס'ט איר זאָגנ? כאַפּט זיכ ארויס מײַנ ייִד מיט א פײַער אונ הייבט אָנ צו דערציילנ די גאַנצע מײַסע פונ „אַלעפ" ביז „טאָוו", ווי:אזוי ער איז געפאָרנ פארבײַ אונדזער סטאַנציע, ווי:אזוי ער האָט זיכ אראָפּגעכאַפּט מיטנ טשעמאָדאַנ אפנ וואָקזאַל עפּעס נעמענ אינ מויל ארײַנ, אפילע גאָר ניט אינ זינענ געהאַט קיינ בריס, פּליט אונטער אָט דער ייִד (ווײַזט אָנ אפ מיר) אונ פאַלט צו מיט טאַכנוניִמ מאַכמעס דערימאַכ, אזויווי בא אימ איז הײַנט א בריס אונ עס פעלט אימ א צענטער צו א מיניענ, אלקיינ האָט גאָט אַלייִנ אזוי געפירט! אונ דערנאָכ ווי:אזוי איכ האָב ארויסגעריסנ בא אימ דעמ טשעמאָדאַנ פונ די הענט, דערנאָכ ווי אזוי ער איז געקומענ אפנ בריס אונ געוואָלט פאָרנ ווײַטער, האָב איכ אימ פארהאַלטנ אפ שאַבעס אונ אפ שאַבעסצונאַכטס אונ אפ זונטיק שלישי לעמילע אונ אפ מילכיקע קרעפּלעכ — אקיצער, ער האָט ניט דורכגעלאָזט קיינ זאַכ. אונ גייט אונ דערלאַנגט דעמ ראָוו דעמ כעזשבנ, וואָס איכ האָב אימ געגעבנ. האָט אימ דער ראָוו אויסגעהערט דאַפקע מיט קאָפּ אונ ביזנ רעכטנ סאָפּ. אונ אז דער ייִד האָט געענדיקט, רופט זיכ אָנ דער ראָוו: „האָבנ מיר אויסגעהערט, הייסט עס, אייִנ צאַד. איצינד, זאָגט ער, וועלנ מיר הערנ דעמ אַנדערנ צאַד. וואָס האָט איר דערויפ צו זאָגנ?" רופ איכ זיכ אָנ צומ ראָוו: „איכ, פונ מײַנ זײַט, האָב גאָרנישט צוצולייגנ, מאַכמעס דערימאַכ, זאָג איכ, וואָס אלצדינג, וואָס דער ייִד האָט אײַכ דאָ דערציילט, איז קאָשער-וועיאָשער, לויטער עמעס. נאָר וואָס דענ, זאָג איכ, אייִנ זאַכ לאָז ער אײַכ, זאָג איכ, זאָגנ אפ זײַנ ייִדישקײַט:

ווענ אונ וואָסער טאָג איז ער געקומענ, אונ ווי האָט ער גע־האַלטנ שאַבעס, אונ צי האָט ער געגעסנ פיש אונ געטרונקענ ווײַנ מיט ביר, מיט קאָניאַק, מיט ווישניק, אונ צי האָט ער געלויבט דעמ וואָלכישנ באָרשטש מיט די מילכיקע קרעפּלעכ, וואָס מײַנ ווײַב האָט געמאַכט?" ווערט דאָכ מיסטאָמע מײַנ ייִד נאָכ מער אופּגע־קאָכט, שמיצט זיכ אונ וואַרפט זיכ, מאַמעש ער באַקומט אַפּאָ־פּלעקציע! בעט אימ דער ראָוו, ער זאָל זיכ אַזוי ניט קאָכנ אונ ניט זײַנ אינ קאַס, מאַכמעס דערימאַכ, וואָס קאַס איז אַוווידעזאָרע, אונ ער פרעגט אימ איבער נאָכאַמאָל וועגנ די פיש מיטנ באָרשטש מיט די קרעפּלעכ, אונ צי ס'איז עמעס, אַז ער האָט געטרונקענ אי ווײַנ, אי ביר, אי קאָניאַק, אי ווישניק? דערנאָכ טוט ער אָנ די שפּאַקולנ, דער ראָוו הייסט עס, קוקט איבער דעמ כעזשבנ פונ אויבנ ביז אַראָפּ, פירט אונטער די אונטערשטע שורע — סע שטימט: עטלעכע אונ דרײַסיק רובל מיט קאָפּעקעס, דערנאָכ ציט ער אויס אונדז די פּאַטשיילע, מיר זאָלנ, הייסט עס, מעקאַבל־קיניענ זײַנ, אַז מיר וועלנ מעקײַעמ־פּסאַק זײַנ, אונ דער ראָוו האָט אַרויסגעגעבנ זײַנ פּסאַק אינ קורצע ווערטער: אַז דער ייִד באַ־דאַרפ מיר באַצאָלנ קעפּי־האַכעזשבנ די עטלעכע אונ דרײַסיק רובל מיט קאָפּעקעס אונ הויצאָעס פאַר דער נעסיִע אַהער אונ אַהינ, אונ פּסאַק־געלט דעמ ראָוו — דאָס זאָל זײַנ לאַכצאָינ, אָפּ דער האַלב, הייסט עס, ביילעק קעביילעק.

אַרויסגעכאַפּט זיכ פונעמ ראָוו, ווי פונ אַ שוויצ־באָד, נעמט דער ייִד אַרויס דעמ טײַסטער, כאַפּט אַרויס פונ דאָרטנ אַ פופצי־קער (צוויי כאַפּהייערס), טוט מיר אַ שמיצ אינ פּאָנעמ אַרײַנ, איכ זאָל אימ געבנ אויסגאָב. זאָג איכ צו אימ: „וואָסער אויסגאָב?" זאָגט ער: „נאָכ די עטלעכע אונ דרײַסיק, וואָס קומט אײַכ אַלפּי

בעזשבנ". זאָג איכ: „וואָסער בעזשבנ? וואָסערע עטלעכע אונ דרײַסיק? וואָס מיינט איר, זאָג איכ, איכ בינ טאַקע אַ פעלדגאַז־לענ? צי אַ מעשוגענער? וואָס הייסט, איכ וועל בא אײַב נעמענ געלט? איכ כאַפ אָנ, זאָג איכ, אַ ייִדנ אפנ וואָקזאַל, אַ ווילד־פרעמדנ, איכ קענ אימ ניט, איכ ווייס אימ ניט, נעמ אַוועק בא אימ דעמ טשעמאָדאַנ פונ די הענט אונ פאַרשלעפ אימ, זאָג איכ, מיט גוואַלד צו מיר אַפ אַ ברים, אונ פאַרברענג, זאָג איכ, מיט אימ אַ שאַבעס, אַפ אַלע ייִדנ געזאָגט געוואָרנ — וועל איכ גיינ, זאָג איכ, מאַכמעס דערימאַכ, אונ וועל בא אימ נעמענ געלט פאַר דער טויווע. וואָס ער האָט מיר געטאָנ, אונ פאַרנ טײַנעג, וואָס איכ האָב פונ אימ געהאַט?"... קוקט ער מיכ אָנ טאַקע מיט אַנ עמעס ווי אַ מעשוגענעמ אונ מאַכט צו מיר: „וואָס זשע האָט איר געדרייט אַ מויעכ? אונ וואָס האָט איר מיכ געשלעפט צומ ראָוו?" „אַ מאָדנער ייִד, זאָג איכ, איר זײַט! איכ האָב עס געטאָנ, זאָג איכ, ניט פאַר קיינ זאַכ, נאָר, מאַכמעס דערימאַכ, וואָס איכ האָב געוואָלט, זאָג איכ, איר זאָלט זאָגנ, וואָס פאַר אַ כאָכעמ אַ ראָוו מיר האָבנ — אונ מער גאָרנישט"...

דערציילט די מײַסע, האָט זיכ מײַנ באַלדאָווער, רעב נאַכמענ־לאָקאַכ, גאַנצ פײַנ אויפגעהויבנ, אונ די איבעריקע דרײַ שוטפימ נאָכ אימ, גענומענ פאַרשפיליענ זיכ די קאַפאָטעס, שוינ גרייט אַוועקצוגיינ, האָב איכ מיכ ניט געפוילט, דערלאַנגט זיי נאָכ צו פאַפיראָסנ אונ אָנגערופנ זיכ צומ דערציילער:

— האָט איר מיר דערציילט, זאָג איכ, אַ מײַסע מיט אַ ראָוו, עפשער וואָלט איר געווענ, זאָג איכ, אַזוי פרײַנטלעכ אויסהערנ

אויכ פונ מיר א מײַסע, אונ אויכ מיט א ראָוו, נאָר א סאַכ א קירצערע, ווי אײַער מײַסע?

אונ גאָרניט געוואָרט אפ זייער יאָ אָדער ניינ, בינ איכ צוגעטראָטנ גלײַכ צומ אייסעק אונ טאַקע גאָר אײַנקורצנ.

— דאָס איז געווענ, — אזוי האָב איכ אָנגעהויבנ מײַנ מײַסע, — גאָרנישט לאַנג, אונ דאַפקע אינ א גרויסער שטאָט, ערעוו יאָמקיפּער האָט זיכ עס געטראָפנ. פאלט אראָפּ ווי פונ הימל א ייִד א סויכער, אנ אוירעכ, א רײַזנדער, וואָס פאָרט ארומ איבער דער וועלט, פארקויפט סכוירע אונ נעמט געלט, האלט זיכ מיט ביידע הענט בא די זײַטנ, שפּאַצירט ארומ איבערנ שול־הויפ, אפ דער ייִדישער גאס, אונ פרעגט זיכ שטארק נאָכ אפנ ראָוו, ווו זיצט דאָ ערגעצ דער ראָוו? „וואָס באַדאַרפט איר צומ ראָוו?" „וואָס איז אײַער אייסעק?"... אהינ אהער, ער האָט זיכ דערפרעגט, ווו דער ראָוו וווינט. ארײַנגעקומענ צומ ראָוו, האלט ער זיכ נאָכ אלצ מיט ביידע הענט בא די זײַטנ, רופט אָפּ דעמ ראָוו אפ א זאַד, פארשליסט זיכ מיט אימ באַזונדער אינ א כיידער: „רעבע! אזוי אונ אזוי איז די מײַסע. איכ בינ א ייִד א רײַזנדער אונ פיר מיט זיכ געלט. א היפּשע פּויטעקע. נישט כאָלילע מײַנס: פריער גאָטס, דערנאָכ פרעמדס. ס'איז ערעוו יאָמקיפּער; האלטנ בא זיכ קאָנ איכ עס ניט; איבערלאָזנ עס אפ דער סטאנציע האָב איכ מוירע — אזא פּויטעקע! טוט מיר א טויווע, נאט עס אײַכ, באַהאַלט דאָס בא זיכ אינ קאסטנ ביז, אימירצעשעמ, מאָרגנ אפדערנאַכט נאָכ יאָמקיפּער"...

אונ נישט לאַנג געטראַכט, נעמט דער סויכער, בינדט אופ דעמ זשיליעט, אונ ציט ארויס איינ פּעקל נאָכנ אנדערנ די שיינע אסיג

נאַציעס, ניט פאַר אײַכ געדאַכט, די עמעסע רויטע קנאַקעדיקע הונדערטערס!

דערזענ אַזאַ סומע געלט, רופט זיכ אָפּ צו אימ דער ראָוו: „האָט קיינ פאַריבל ניט, איר קענט מיכ ניט, איר ווייסט מיכ ניט"...
„וואָס הייסט, איכ קענ אײַכ ניט? איר זײַט דאָכ עפּעס א ראָוו!"
„גוט, איכ בינ א ראָוו, איכ קענ אָבער אײַכ ניט, ווער איר זײַט אונ וואָס איר זײַט..." אהינ־אהער, זיי דינגענ זיכ. ער אימ: „איר זײַט א ראָוו!" דער ראָוו צו אימ: „איכ קענ אײַכ ניט". אונ דאָ דער טאָג שטייט ניט. ערעוו יאָמקיפּער! ס'איז געבליבנ, אז דער ראָוו נעמט צו בײַ אימ דאָס געלט; נאָר וואָס דענ? — פאַר אײדעס. ווער זאָלנ זײַנ די אײדעס? קיינ אביי־וועמענ קאָנ מענ דאָכ ניט פאַרטרויענ. שיקט דער ראָוו רופנ צו זיכ די פּניי, די שיוואָ־טויווע־האָיר, די סאַמע נאָגידישע אונ פּײַנע באַלעבאַטים פונ שטאָט, אונ דערציילט זיי: „אַזוי אונ אַזוי איז די מײַסע, אָט דער ייִד, זאָגט ער, האָט געלט א היפּשע פּויטעקע, ניט זײַנס, פרײַער גאָטס, דערנאָכ פרעמדס, וויל ער עס מיר, זאָגט ער, געבנ באַהאַלטנ ביז איבער יאָמקיפּער. אַלקיינ זײַט איר, זאָגט ער, אײדעס, וויפל ער האָט מיר איבערגעגעבנ געלט, קעדיי ס'זאָל ניט אַרויסקומענ, זאָגט ער, דערנאָכדעם קיינ שום, איר פאַרשטייט?"... אונ דער ראָוו האָט זיכ מאַטריעכ געווענ, איבערגעציילט פאַר די באַלעבאַטים אינ די אויגנ דרײַ מאָל די פּויטעקע, אײַנגעוויקלט אינ א פאַטשיילע, פאַרכאַסמעט די פאַטשיילע מיט טריוואַקס, צוגעלייגט די כסימע: „האַראָוו אומירע־צעדעק", באַוויזנ די באַלעבאַטים: „נאַט זעט, אָט דאָ האָט איר מײַנ כסימע, אונ געדענקט זשע, אז איר זײַט אײדעס!"...
די פאַטשיילע מיטנ געלט האָט דער ראָוו איבערגעגעבנ דער רעבעצנ, זי זאָל דאָס פאַרשליסנ אינ קאַסטנ, אונ די שליסלעכ זאָל זי

באהאלטנ אינ אנ אָרט, וואָס קיינ בענאָדאָמ זאָל ניט וויסנ... אונ מע איז אוועק אינ שול אריינ אונ מע האָט גאנצ פיינ געדאוונט אונ געפאסט אונ איבערגעלעבט דעמ יאָמקיפּער, געקומענ פונ שול, אָפּגעפאסט זיכ, מע טוט א קוק — אהא! ער איז דאָ! דער ייִד, דער סויכער הייסט עס. „א גוטע וואָכ". „א גוט יאָר. זיצט. וואָס'ט איר זאָגנ?" „גאָרנישט. איכ בינ געקומענ מיקויעכ דער פּויטעקע"... „וואָסער פּויטעקע?" „די מאמטאקימ"... „וואָסערע מאמטאקימ?" „איכ בינ געקומענ נאָכנ געלט"... „וואָסער געלט?" „מיינ געלט... דאָס הייסט, ניט מיינס, פרעמדע גאָטס, דערנאָכדעמ פרעמדס... איכ האָב עס אייכ געגעבנ באהאלטנ"... „איר האָט מיר געגעבנ באַהאלטנ געלט?... ווענ?"

צעלאכט זיכ דער ייִד, מיינט, אז דער ראָוו טרייבט מיט אימ קאטאָוועס. פרעגט אימ דער ראָוו: „וואָס איז דער געלעכטער?" זאָגט ער: „דאָס ערשטע מאָל זע איכ א ראָוו א לעצ"... געפינט זיכ שוינ דער ראָוו באַלייַדיקט. קיינער האָט אימ נאָכ ביז אהער, זאָגט ער, ניט געקרוינט מיטנ נאָמענ לעצ. „זאָגט, רעב ייִד, וואָס דאַרפט איר?"

דערהערט אזעלכע דיבורימ, האָט דעמ ייִדנ א קלאפּ געגעבנ, ניט פאר אייכ געדאכט, אָמדאָ־דאָ אונטערנ לעפעלע. „סטייטש, רעבע, אינ גאָטעס ווילנ! איר ווילט קוילענ א ייִדנ? איכ האָב דאָכ אייכ אָפּגעגעבנ אינגאנצנ מיינ געלט, ניט מיינס, פרעמדע גאָטס, דערנאָכדעמ פרעמדס! א סימענ — איר האָט עס, זאָגט ער, איינגעוויקלט אינ פאטשיילע, פארכאסמעט מיט טריוואקס, פארשלאָסנ בא דער רעבעצנ אינ קאסטנ, אונ די שליסעלעכ באהאלטנ אפ אנ אָרט, וואָס קיינ בענאָדאָמ זאָל ניט וויסנ... אונ נאָכ א בעסערער סימענ: עס זיינענ, זאָגט ער, דערביי געווענ איידעס, די פיינסטע

באלעבאטימ פונ שטאט!"... אונ ער פוילט זיכ ניט, דער ייִד, אונ רעכנט אויס די באלעבאטימ בא די נעמענ. אונ אליינ באשלאגט אימ א קאלטער שוויס, אונ עס נעמענ אימ אנגסטנ, בעט א גלאז וואסער.

אונ נישט לאנג געטראכט, נעמט דער ראָוו אונ שיקט אוועק דעמ שאמעש צו די אויסגערעכנטע פּניי, די שיווא־טוווע־האִיר, די סאמע פיינסטע באלעבאטימ פונ שטאט! יענע קומענ צו לויפנ: „וואס איז געשענ?" „אנ אומגליק! א בילבל! א פּריטשעפּע א ייִד! ער טײַנעט, אז ער האט מיר יאקבי איבערגעגעבנ א גאנצע פּויטעקע ערעוו יאָמקיפּער אפ צו באהאלטנ, אונ איר זײַט יאקבי דערבײַ געווענ אײדעס!"...

האבנ זיכ די באלעבאטימ איבערגעקוקט צווישנ זיכ, ווי איי־נער רעדט: „אט דא וועט מענ עס אפּלעקנ א ביינדל!" א קלייניקײַט, אזא פּויטעקע! דער יעיצערהארע פונ געלט! אונ זיי זײַנענ אנ־געפאלנ אפנ ייִדנ: „אײַ־פע! ווי שעמט איר זיכ ניט אינ אײַער ווײַטנ האלדז ארײַנ אויסטראכטנ אפ אונדזער ראָוו אזא מיִעסנ בילבל!"...

דערזענ אזא מײַסע, האט דער ייִד אפּגעלאזט הענט אונ פיס; עס האט אימ א נעמ געטאנ דער קראמ, ניט פאר אײַכ געדאכט, — אט־אט כאלעשט ער! האט זיכ אופגעהויבנ דער ראָוו, צוגעגאנגענ צומ קאסטנ, ארויסגענומענ די פּאטשיילע מיט געלט אונ אונטער־געטראגנ דעמ ייִדנ:

— גאט איז מיט אײַכ! נאט! אט איז אײַער געלט! נעמט עס אײַכ אפ אונ ציילט עס נאר אקארשט איבער, ווי עס געהער צו זײַנ, פאר די דאזיקע ייִדנ אינ די אויגנ. די כסימע, ווי איר זעט,

איז ניט גערירט, דער פּריוואַקס גאַנצ, אַלצ ווי עס דאַרפ צו זײַנ!

א נײַע נעשאָמע האָט מענ נעבעכ אינ דעמ יִדנ אַרײַנגעזעצט. די הענט האָבנ אימ אַזש געציטערט אונ טרערנ האָבנ זיכ אימ געשטעלט אינ די אויגנ.

— צו וואָס האָט אײַכ געטויגט, רעבע, נעמענ אַ יִדנ אונ טרײַבנ מיט אימ לעצאָנעס? אַזאַ לעצאָנעס?!.

— כ'האָב אײַכ נאָר געוואָלט באַווײַזנ, ווער אונדזערע שיינע באַלעבאַטימ זײַנענ...

1915

אײַזנבאנ־
געשיכטעס

מע טאָר ניט זײַנ קײנ גוטער

מע טאָר ניט זײַנ קײנ גוטער! — מאַכט צו מיר א לײַטישער ייִד מיט א גולקע אפ דער נאָז און נעמט בא מיר א פאַפיראָס אפ צו פאַרייכערנ. — הערט איר, וואָס איכ זאָג אײַכ? מע טאָר ניט זײַנ קײנ גוטער! איבער מײַנ גוטסקײַט, איבער מײַנ פאָדלע ווייכנ כאַראַקטער, האָב איכ מיר אלײנ אָנגעאַרבעט א כאַסענע, אויסגעהאָדעוועט אנ אומגליק בא זיכ אינ שטוב, צוויי אומגליקנ! איר מעגט דאָס האָרכנ!

גאָט האָט מיכ געוואָלט מעזאיקע זײַנ מיט א מיצווע. האָט ער מיר צוגעשיקט א יעסוימע מיט א יאָסעם. דער אײבערשטער האָט מיכ געשטראָפט, מיר ניט געגעבנ קײנ קינדער, האָב איכ מיר אלײנ גענומענ; גענומענ פרעמדע קינדער, זײ געטאָנ גוטס, געמאַכט פאַר לײַט, צאָלנ זײ מיר איצטער מיט שטײנער.

קודעמ דארפ מענ אײַב דערציילנ פונ דער יעסוימע, פונוואַ־נענ האָט זיכ צו מיר גענומענ א יעסוימע? איז אזוי די מײַסע. מײַנ ווײַב האָט געהאט אמאָל א שוועסטער, א יונגערע, פערל האָט זי געהייסנ. איז זי געווענ, פערל הייסט דאָס, וואָס זאָל איכ אײַב זאָגנ, אייבּ פארשוינ אינ דער וועלט. זיי זײַנענ אלע שיינע. דאָס הייסט מײַנ ווײַב איז נאָכ הײַנט אויכ א שיינע יִדענע. פאר זייער שיינקײַט פלעגט מענ זיי נעמענ ווי זיי שטייענ אונ גייענ, אָפּגילטנ. בינ איכ אײַב ניט אויסנ.

אז זי האָט כאסענע געהאט, די שוועגערנ מײַנע, האָט מענ געזאָגט, אז זי האָט געטראָפּנ א שמאָלצגרוב, א גליק, וואָס טרעפט זיכ איינ מאָל אינ הונדערט יאָר, א גוויריש קינד, וואָס האָט באַ־דארפט יארשענענ א זיידנ א גוויר אונ א טאטנ א גוויר אונ א פעטער א „בעזדעטניק“ א גוויר — פונ אלע זײַטנ גווירימ. א גליק! בינ איכ אײַב ניט אויסנ. איז אָבער דער כיסאָרנ, וואָס דער יונ־גערמאנ אליינ איז געווענ א דער־רועכ־ווייסט־וואָס. דאָס הייסט, אזוי איז ער אפילע געווענ א גאנצ פײַנער יונגערמאנ, ניט קיינ נארישער, אונ ביט קיינ גראָבער־יונג אונ א גוטער מענטש, א צו־געלאָזטער, א פריילעכער. נאָר וואָס דענ? א שארלאטושקע! לאָז ער מיר מויכל זײַנ, ער איז שוינ אפ דער עמעסער וועלט. דערהײַנע, וואָס הייסט א שארלאטושקע? ער האָט ליב געהאט א קערטל. אָבער וואזוי, מיינט איר, ליב געהאט? דאָס כּעס מיט דער נע־שאָמע! צוליב א קערטל וואָלט ער אײַב געגאנגענ הונדערט מײַל צופוס. טכילעס איז געווענ א „זעקס־אונ־זעכציק“, א יִדישע „אָקע“, א „סטוקלקע“, א „טערטל־מערטל“ — צווישנ אייגענע, איינ מאָל אינ כוידעש, אינ די לאנגע ווינטערדיקע נעכט... נאָכדעמ האָט זיכ אָנגעהויבנ אָפּטער אונ אָפּטער, מיט יונגעלײַט, מיט

ווײַסע־כעווורעניקעס, מיט ווי ערגעץ א שלאָק, א פּוסטעפּאַסניק, א לײַדיקגייער. און איר זאָלט ווייסנ זײַנ, אַז דאָרט, ווו א קערטל, איז שוינ אַלצדינג. וואָס איז דער קאָרט! ווער קוקט דעמלט אַפ א מינכע? ווער רעדט פונ אָנ א היטל? פונ כילעלשאַבעס? און קעדויִמע אַזעלכע זאַכנ, וואָס זײַנענ שײַעכ צו ייִדישקײַט? און ווי אַפּצעלאָכעס, איז פּערל, מײַנ שוועגערינ הייסט דאָס, געווענ א פרום ווײַבל, א קאָשערס, און האָט מיסטאָמע ניט געקאָנט לײַדנ זײַנע שיינע כעפציעס מיט זײַנע געננ. איז זי געלעגנ טאָג ווי נאַכט מיטנ פּאָנעם אינ קישנ און האָט געוויינט אַפ אירע יאָר און טעג, אַזוי לאַנג, ביז זי האָט אָנגעהויבנ אונטערצוקרענקענ, פּרוער פּאַוואָליִנקע, נאָכדעמ שטאַרקער און שטאַרקער. וואָס טויג אײַכ פּערל איז געשטאָרבנ. בינ איכ אײַכ ניט אויסנ.

פּערל איז געשטאָרבנ און האָט געלאָזט א קינד, א מיידל פונ א יאָר זעקס־זיבנ. דער מאַנ איז געווענ ערגעץ אינ אַלדי שוואַרצע יאָר אינ אָדעס; ער האָט זיכ אַרײַנגעלאָזט אינ דעמ שפּילנ אַזוי ווײַט, אַז ער האָט געמאַכט א טעל פונ זײַנ געלט און פונ זײַנ טאַטנס געלט און פונעמ זיידנס ירושע — א טעל אוילעמ איז פונ אימ געוואָרנ! ס'איז גאָר א סוואָרע, אַז ער האָט זיכ אַרײַנגעכאַפּט ערגעץ אינ א טורמע. נאָכדעמ האָט ער זיכ א צײַט אַרומגעשלײַעט ערגעץ, באַקומענ עפּעס א מאָדנע קרענק און איז געשטאָרבנ אינ פּרעמדע טאַכריכימ. אָט האָט איר אײַכ אַפ א מינוט א סאַכאַקל פונ א געזינדל. און אָט אַזוי איז באַ מיר פאַרבליבנ זייער טעכטערל, א יעסוימעלע נעבעכ, רייזל הייסט זי. איכ האָב זי גענומענ צו זיכ נאָכ קינדוויז, וואָרעמ קיינ קינדער, פאַרשטייט איר מיכ, האָב איכ ניט, דער אייבערשטער האָט מיכ געשטראָפט — לאָז זי זײַנ א קינד. וואָלט געווענ גוט, איז אָבער דער כיסאָרנ, וואָס

צו גוט טויג אפ קאפּאָרעס! בא אנ אנדער פעטער וואָלט אזא מיידל א יעסוימע געוואקסנ אינ קיכ, געווענ א הילפ אינ שטוב, געשטעלט דעמ סאמאָוואר, געפּאָלײַט* א גאנג אונ דאָס גלײַכנ, אונ בא מיר איז זי געווענ פארעכנט פאר אנ אייגנ קינד — דאָס איי-גענע קליידל מיט די אייגענע שיכ מיטנ אייגענעמ עסנ, וואָס מײַנ ווײַב, וואָס איז שײַעכ זאָגנ — בא אײנ טיש גלײַכ מיט אונדז. בינ איכ אײַכ ניט אויסנ.

שפּעטער, אז די דאָזיקע רייזל האָט אָנגעהויבנ אונטערוואקסנ, האָב איכ זי אוועקגעגעבנ לערנענ צו א שרײַבער. אונ פונ דעמ עמעס קענ מענ ניט אוועקגײנ — זי איז געווענ א געראָטנ קינד, א שטילס, אנ ערלעכס, א גוטס אונ א קלוגס, אונ שײנ — שײנ ווי די גאנצע וועלט. איכ האָב זי בעעמעס ליב געהאט, ווי מײַנס אנ אייגנ קינד. קינדער, ווייסט איר דאָכ, וואקסנ, ווי פּעטשערי-צעס; אײדער מע קוקט זיכ ארומ, אהא — מע דארפ שוינ קלערנ מיקויעכ כאסענע מאכנ. אונ ווי אפּצעלאָכעס, איז מײַנ פּלימע-ניטשקע געוואקסנ טאקע נאָר ווי אפ הײוונ, הויכ אונ שײנ אונ געזונט אונ אנ אָסאָבע — א רויז. מײַנ ווײַב האָט איר ביסלעכ-ווײַז אָפּגעלײגט א ביסל געלט, „פּאָװעלע״, העמדער, לײַלעכער, ציכלעכ. איכ, פונ מײַנ זײַט, האָב גאָר אנדערש ניט גערעכנט, ווי צו געבנ איר עטלעכע הונדערט קערבלעכ נאָדנ אויכ. אונ מע האָט איר אָנגעהויבנ ריידנ שידוכימ. וועמענ רעדט מענ אזא מיידל א יעסוימע? אז קײנ עלטערנ האָט זי ניט, א טאטנ האָט זי געהאט, לאָז ער מיר מויכל זײַנ, עפּעס ניט אזא פײַנעמ מענטשנ, אונ קײנ טויזנטערס נאָדנ קאָנ איכ איר ניט אנידערלײגנ. באדארפ מענ איר געפינענ איר גלײַכנ, א יונגנמאנ אזעלכנ, וואָס זאָל איר קענענ געבנ ברויט. ווי זשע קריגט מענ אזעלכעס, אז קײנ באלעבאטישנ שי-

דערכ קענ מענ ניט גרייכנ, אונ קיינ באַלמעלאָכע זויל איך ניט — זי איז דאָך פּאַרט מײַנע א שטיקל אייגענע, מײַנ ווײַבס אַ שוועסטערס א מיידל? האָט מיר גאָט צוגעשיקט א באָכערל א פּריקאַשטשיק פונ א יאָר עטלעכע אונ צוואַנציק, וואָס פאַרדינט שוינ זייער שיינ א קערבל אונ קלײַבט א קערבל אונ האָט שוינ א קערבל. בעקיצער, איך האָב א רעד געטאָנ מיטנ באָכער — יאָ, סע גייט א גאַנג, ווי איך בינ א מענטש. זי איז אים דאַפקע געפעלנ. איך האָב א רעד געטאָנ מיט איר — ווער? וואָס? אַנ אײַזערנע וואַנט! וואָס איז די מײַסע? זי וויל אים ניט אונ זי דאַרפ אים ניט, אונ געבונג! ווער דענ, זאָג איך, וועט דיך נעמענ? דעמ באַראָנ הירשס אַנ אייניקל? ענטפערט די וואַנט — אַזוי ענטפערט זי. קוקט אַראָפּ אונ שווײַגט. בינ איך אײַך ניט אויסנ.

אצינד באַדאַרפ איך אײַך איבערײַסנ אינמיטנ דער מײַסע אונ אײַך דערציילנ א נײַע מײַסע, וואָס געהער זיך טאַקע אָנ מיט יענער מײַסע, דאָס הייסט די מײַסע אונ יענע מײַסע זײַנענ טאַקע איינ מײַסע.

איך האָב געהאַט אַזוי גרויס ווי א יינגערנ ברודער מוישע-הערשל, האָט זיך מיט אים געטראָפנ א מײַסע — ס'איז באַ מיר א מײַסע מיט גאָלע מײַסעס: — ניט דאָ געדאַכט, ניט פאַר קיינ מענטשנ געדאַכט, ער איז געווענ איינ מערכעצ פרײַטיק אונ האָט זיך געוואָלט אָפּגיסנ מיט קאַלטנ וואַסער, האָט ער געכאַפּט א שעפל מיט זודיק וואַסער אונ האָט דאָס איבערגעקערט אפנ קאָפּ אונ האָט זיך אָפּגעקאָכט, אונ האָט זיך געמוטשעט א טאָג אכט אונ איז געשטאָרבנ, אונ האָט איבערגעלאָזט א ווײַב מיט איינ קינד — א יינגל פונ א יאָר זעקס, פייסי הייסט ער. האָט ניט געדויערט קיינ האַלב יאָר אונ מע האָט איר אָנגעהויבנ ריידנ שי-

דרוכים. האָט דאָס מיך זייער אָנגענומען באַם האַרצן, און איך בין אַוועקגעגאַנגען צו איר, צו מײַן שוועגערן הייסט דאָס, און זאָג איר: „אויב דו ווילסט כאַסענע האָבן, גיב מיר אָפּ דאָס קינד“. האָט זי זיך טכילעס אַ ביסל געבערעקלט, קלוימערשט ניט געוואָלט הערן, ניט זען. אַהער־אַהין — בעקיצער, איך האָב בײַ איר געפּויעלט, זי האָט מיר דאָס קינד געבראַכט, און אַליין איז זי אַוועק ערגעץ קיין פּוילן, דאָרטן כאַסענע געהאַט, און מע זאָגט, ס'איז איר ניט שלעכט... מײַלע, בין איך אײַך ניט אויסן.

האָט מיך שוין, הייסט דאָס, גאָט געבענטשט מיט אַ זון אויך. איך זאָג „מיט אַ זון“, ווײַל איך האָב אים טאַקע צוגעשריבן צו זיך פֿאַר אַ זון, און דאָס יינגל איז דאַפקע אַ געראָטן יינגל, אָבער טאַקע וואָס געראָטן הייסט. ער איז דאָך מײַנעם אַ ברודערס אַ זון, איז דאָך ניט שײַעך, איך זאָל אים אײַך לויבן. נאָר איר מעגט מיר גלייבן בענעמאָנעס, אַז נאָך אַזאַ פּייסי וועט איר ניט געפינען — איך וועל אײַך ניט זאָגן אין דער גאַנצער וועלט, נאָר בײַ אונדז אין שטאָט און אין נאָך אין עטלעכע שטעט מיט עטלעכע גובערניעס, אַז איר וועט אויספאָרן, געפינט איר ניט דעם צווייטן. וואָס, אַשטייגער, ווילט איר? לערנען איז לערנען, שרײַבן איז שרײַבן, כעזשבענען איז כעזשבענען, עפּשער ווילט איר פראַנצויז — רעדט ער אײַך פראַנצויז. טאָמער ווילט איר פידל — שפּילט ער אײַך אָפּן פידל. הײַנט איז ער, קיין אײַנאָרע, אַ וווקס, און אַ פּאַרשוין, און אַ פּיסקי, און... און... און... אַז מע שמועסט אַ געראָטענער, איז דאָך ניט שײַעך צו זאָגן! און דערצו גיב איך אים נאָך עטלעכע טויזנט קערבלעך נאָדן אויך. וואָרעם ער איז דאָך מײַן ברודערס אַ קינד און מײַנער אַ צוגעשריבענער, קימאַט אַ זון הייסט דאָס, און קיין נעכוס־דאַרגע, באָרעכאַשעם, איז ער

אויך ניט. — קו־קו־קומט אים שוין עפּעס אַ פֿײַנע קאַלע, האַ? וואָס זאָגט איר? אַוודאי האָט מען אים געערדט די גרעסטע, די שענסטע שידוכים אין דער וועלט, און אַוודאי האָב איך איבער־געקליבן. וואָס דען? עפּעס אָט אַזוי־אָ גײט מען אַוועק אַזאַ יונ־גאַטש? בין איך אײַך ניט אויסן.

האַקלאַל, האָט מען מיר אָנגעשלאָגן שידוכים פֿון דער גאַרער וועלט: פֿון קאַמענעץ, און פֿון יעליסאַוועט, און פֿון האָמעל, און פֿון לובען, און פֿון מאָלעוו, וואָס אין דער ליטע, און פֿון בערדי־טשעוו, און פֿון קאַמינקע, און פֿון בראָד. מע האָט מיך אָפּגע־שאָטן מיט גאָלד; צען טויזנט, און צוועלף טויזנט, און פֿופֿצן טויזנט, און אכצן טויזנט — איך האָב ניט געוווּסט, וווּהין איך זאָל מיך וואַרפֿן. האָב איך מיך מעיאַשעוו געווען: וואָס טויג מיר קריכן אין דער פֿרעמד, מי־יעדייע וווּהין און צו וועמען? בע־סער, ווי זאָגט מען, אַ נאָענטער שוסטער, איידער אַ ווײַטער ראָוו. פֿאַראַן בײַ אונדז אין שטאָט אַ ייִד אַ נאָגיד, האָט ער אַ מיידל אַ באַסיעבידע מיט שיינע עטלעכע טויזנט קערבלעך נאַדן, און דאָס מיידל אַליין איז אויך זייער אַ פֿײַן מיידל, און יווילן וויל מיך יע־נער, — פֿאַרוואָס זאָל דאָס ניט זײַן קיין שידעך? האַ? אוביפֿראַט שאַדכאָנים זײַנען פֿאַראַן בײַ אונדז, באַרעכאַשעם, צוויי, לויפֿן זיי אַרום הין און צוריק, פֿון מיר צו יענעם און פֿון יענעם צו מיר, און טרײַבן האָלדז־און־נאַקן. ס'זאָל שוין גיכער זײַן, זיי האָבן קיין צײַט ניט, פֿאַרשטייט איר, זיי האָבן אַליין טעכ־טער אַף כאַסענע מאַכן, און נאָך הערוואַקסענע דערצו. בין איך אײַך ניט אויסן.

אַקיצער, ס'איז געבליבן, מיר זאָלן זיך צונויפֿקומען אַף אַ „וואָרט". איז דאָך אָבער הײַנטיקע צײַטן ניט דאָס, וואָס אַמאָל.

אמאָל האָט מענ א שידעכ געטאָנ מיט א קינד הינטער די אויגנ גאָר, געקומענ צוגיינ אהיים, אָפּגעגעבנ מאזלטאָוו אונ גענוג. היינט איז גאָר געוואָרנ א מאָדע, אז מע מוז פריִער איבעריידנ מיט די קינדער, זיי זאָלנ זיכ פריִער אָנקוקנ אונ זאָגנ, צי זיי זײַנענ זיכ געפעלנ, צי ניינ? מע פאַרשפאָרט זיי גאָר זאָגנ — זיי זעענ זיכ אַליינ... איז דאָכ אוודע גוט. נעמ איכ מײַנ באָכער אונ טו אימ א פרעג: „געפעלט דיר, אשטייגער, פייסיניו, אזעלכע אונ אזעלכע?" ווערט ער רויט אזוי ווי פײַער אונ ענטפערט ניט דאָס צווייטע וואָרט. „געשוויגנ איז גערעדט", טראַכט איכ מיר; „קיינ טשוווע איז אויכ א טשוווע". אײַ, וואָס ער איז רויט געוואָרנ? מיסטאמע האָט ער זיכ פאַרשעמט. אונ ס'איז געבליבנ, הייסט דאָס, אז מע קומט זיכ צונויפ אפדערנאכט, פריִער, געוויינלעכ, בא דער קאַלע, נאָכדעמ וועט מענ זײַנ בא מיר — נו, וואָס באַדאַרפ מענ נאָכ? באַקט מענ לעקעכ אונ מע גרייט זיכ אָפּ א וועטשערע, ווי געוויינלעכ. בינ איכ אײַכ ניט אויסנ.

ווײַהי האַיוימ, איכ שטיי אופ אינדערפרי, גיט מענ מיר אָפּ א בריוו. פונוואַנענ איז א בריוו? עפּעס א באַלעגאָלע האָט געבראַכט צו פירנ. איכ נעמ דעמ בריוו, עפנ אופ דעמ בריוו, איכ הייב אָנ לייענענ דעמ בריוו — איז מיר פינצטער געוואָרנ אינ די אויגנ. וואָס איז דאָס געווענ פאַר א מינ בריוו? אָט זעט איר באַלד האָרכנ. דאָס שרײַבט מיר מײַנ פייסי, אז איכ זאָל ניט קיינ פאַריבל האָבנ, וואָס ער איז אוועקגעפאָרנ מיט רייזלענ — איר הערט ווערטער? — אָנ אונדזער וויסנ כאסענע האָבנ — איר הערט ווערטער? אז איכ זאָל זיכ גאָר ניט פרוווּנ, זאָגט ער, אפילע זיי זוכנ, וואָרעמ זיי זײַנענ שוינ ווײַט-ווײַט, זאָגט ער, פונדאַנענ — איר הערט ווערטער? אונ אז זיי וועלנ, אימירצעשעמ, האָבנ כופּע

אויקדושנ, זאגט ער, וועלנ זיי נאכדעם קומענ צוריק... ווי געפעלט אייכ עפעס אזא מינ בריוול? מיילע, פונ מיינ ווייב שמועסט מענ ניט: זי איז געפאלנ דריי מאל כאלאשעס, ווארעמ ס'איז דאכ דורכ איר דער סקאנדאל! רייזל איז דאכ איר פלימעניצע, ניט מיינע. „נא, זאג איכ צו איר, האסט אויסגעהארעוועט א שלאנג אפ דיינ שוים"... און האב מיינ גאנצ ביטער הארצ אויסגעלאזט צו איר, געוויינלעכ, מעכאבעד געווענ, ווי זי איז ווערט. בינ איכ אייכ ניט אויסנ.

איכ באדארפ אייכ ניט דערציילנ, איר פארשטייט אליינ, ווי וויי דאס האט מיכ געברענט און געבראטנ. סטייטש, מע נעמט א פרעמד קינד, אנ ארעמע, א נאקעטע יעסוימע, מע האדעוועט זי אויס און מע וויל זי גליקלעכ מאכנ — גייט זי און טוט אפ אזא זאכ, פירט ארופ מיינ ברודערס קינד אפ א גליטש! איכ האב געשריענ, געטופעט מיט די פיס, געריסנ אפ זיכ די האר פונעמ קאפ — שיר ניט משוגע געווארנ! און צוריק ווידער האב איכ מיכ באטראכט: וואס, אשטייגער, וועט מיר העלפנ מיינ קאס? וואס וועל איכ מאכנ מיט מיינ טופענ מיט די פיס? מע באדארפ עפעס אנהייבנ טאנ. טאמער וועל איכ נאכ פארכאפנ און וועל קא־נענ עפעס העלפנ? האב איכ מיכ, רייִשיס כאכמע, א ווארפ געטאנ צו „נאטשאלסטווע", אונטערגעשמירט מיט א מאבארל, און האב אופגעגעבנ, אז בא מיר איז געווענ א פלימעניצע אזעלכע און אזעלכע, האט זי מיכ באגאנוועט און האט איבערגערעדט מיינ זונ, ער איז געווענ בא מיר פארשריבנ פאר א זונ, און איז מיט אימ אנטלאפנ, איכ ווייס ניט וואהינ. נאכדעם האב איכ אנגעהויבנ שיטנ מיט געלט, צעשיקט דעפעשנ אינ אלע ארבע פינעס האווי־לאמ, אינ אלע שטעט און שטעטלעכ פונ דער סוויווע — און גאט

האָט מיר געהאָלפֿן, מע האָט זיי געפּאַקט. ווי האָט מען זיי געפּאַקט? טאַקע ניט ווײַט פֿון אונדז, אין אַ קליין שטעטל. מאַזל־טאָוו!

אַז ס'איז אָנגעקומען צו מיר די גוטע ידיעה, אַז מע האָט זיי געפּאַקט, האָבן מיר זיך אויפֿגעזעצט מיט גאַטשאַלסטווע און מיר זײַנען געפֿאָרן גלײַך אַהין, אין יענעם שטעטל אַרײַן. מילא, איך זאָל אײַך דערציילן פֿון דער נסיעה — איז ניט שײַך צו זאָגן. איך בין געווען אין אײנע פּכאָדים, איך האָב אַלץ מוירע געהאַט, טאָמער, אַ קאַשע אַף אַ מײַסע, מע שטעלט דאָרט אַ כופּע, איז דאָך פֿאַרפֿאַלן, ווי זאָגט ער, די קו מיטן שטריקל... גאָט האָט מיר געהאָלפֿן, מיר זײַנען געקומען צו פֿאָרן — זיי האָבן נאָך קיין כופּע ניט געשטעלט. נאָר וואָס דען? אַ נײַער אומגליק: אַזוי ווי איך האָב אײַנגעגעבן, אַז מע האָט מיך באַגאַנוועט, לאָכיין האָט מען זיי דערווײַלע, ביז עפּעס וואָס, אײַנגעזעצט. אײַנגעזעצט — איז דאָך מיר געוואָרן שלעכט, געמאַכט אַ גוואַלד, אַז באַגאַנוועט האָט מיך זי, די פּלימעניצע הייסט דאָס, און ער, דער זון הייסט דאָס, ער האָט זיך דאָך גערעכנט פֿאַר מײַן זון, איז ריין. עס קומט צו עפּעס, מע וויל אים שוין אַרויסלאָזן, פּייסין הייסט דאָס, מאַכט ער: „אויב מע האָט געגאַנוועט, האָבן זיי, זאָגט ער, ביידע געגאַנוועט". איר הערט ווערטער? דאָס האָט זי אים, די ימאַכ־שמויניצע, אַרופֿגעפֿירט, ער זאָל אַזוי זאָגן. אַ הולטײַסקע קאָן!.. נו, טאָר מען זײַן אַ גוטער? באַדאַרף מען ראַכמאָנעס האָבן אַף אַן אָרעמער יעסוימע? איך פֿרעג אײַך אַליין — איז קעדײַ? וואָס טויג אײַך, עס האָט מיך געקאָסט געַנוג בלוט, ביז איך האָב זיי אַרויס־גענומען, וואָרעם צוליב אים האָב איך געמוזט זי אויך אָפּריי־ניקן, — און מיר זײַנען געקומען אַהיים. ביז איך אײַך ניט אויסן.

געוויינלעכי האָב איך זי צו מיר אין שטוב מער ניט אַרײַנגעלאָזט. איך האָב איר אָפּגעדונגען אַ קוואַרטיר און קעסט מאַקע בײַ אירן אַ קאָרעוו אין אַ דאָרף, מוישע־מייער הייסט ער, אַ פּראָסטער ייִד, אַ דאָרפמאַן, און מײַן פּייסין האָב איך גענומען אַהיים, געזונט געוואָרן, איך נעם דיך און שרײַב דיך צו צו מיר, ווי אַ אייגענעם זון, און וויל דיר געבן עטלעכע טויזנט קערבלעך נאָדן, און מאַך דיך פֿאַרן יוירעש מיט אַלצדינג, — גייסטו און מאַכסט מיר אַזאַ סקאַנדאַל!" זאָגט ער: „וואָס איז דאָ דער סקאַנדאַל? זי איז אַ פּלימעניצע, איך בין אויך אַ פּלימעניק — אַלץ איין ייִכעס". זאָג איך: „וואָס גליַיכסטו זיך צו איר? דײַן טאַטע איז געווען, זאָג איך, מיר אַן אייגענער ברודער און אַ לײַטישער מענטש, און איר פֿאָטער איז געווען, זאָל ער מיר מוחל זײַן, אַ שאַרלאַטושקע, זאָג איך, אַ קאָרטיאָזשניק"... איך טו אַ קוק — מײַן ווײַב כאַלעשט. אַ טאַראַראַם, אַ געפּילדער. וואָס איז? זי קאָן ניט הערן, לעמײַ מע רעדט אַף איר שוועסטערס מאַן. זיי זײַנען שוין, זאָגט זי, ביידע אַף דער עמעסער וועלט, באַדאַרף מען זיי לאָזן צו רו. איר הערט ווערטער? „ער איז אָבער פֿאָרט געווען, זאָג איך, לאָז ער מיך מוחל זײַן, אַן אויסוואָרף!" זי כאַלעשט ווײַטער — אַזאַ אומגליק, אַ גאָלעס, מע קאָן בײַ זיך אין שטוב קיין וואָרט ניט אויסריידן! ביז איך אַלײַן ניט אויסגן.

בעקיצער, איך האָב מײַן פּייסין גענומען רעכט אין די יאָדראַיִם אַרײַן און האָב אָנגעהויבן אַכטונג געבן, קוקן אַף אים מיט אויגן, ער זאָל מיר ניט מאַכן נאָכאַמאָל דאָס שפּיל. און גאָט האָט מיר געהאָלפֿן, ער איז אָזועקגעגאַנגען בעדערעך האַיאָשאָר, האָט זיך געלאָזט אײַנריידן און איז געוואָרן אַ כאָסן צו מאַזל, ניט פֿון

אזא אײַ־אײַ, נאָר פאָרט פונ א באַלעבאַטיש אָרט, מיט א מע־
בוטנ, מיט א נאָמענ, מיט נאָדנ, מיט... מיט... מיט... ווי מיר
שטייט אָנ — אונ איכ בינ געווענ אפנ זיבעטנ הימל.
איז דאָכ גוט, איאָ? האָט זשע צײַט, וועט איר עפּעס הערנ א
מײַסע.

איכ קומ צו גייג פונ געשעפט איינמאָל אהיימ עסנ אָנבײַסנ,
איכ וואַש מיכ, זעצ מיכ צומ טיש, מאַכ אַמוציע, איכ קוק מיכ
ארומ — ניטאָ פּייסי! פליט מיר דורכ א מאַכשאָווע אינ קאָפּ:
עפּשער האָט ער ווידער געמאַכט א וואַזווראכ? איכ נעמ מיכ צו
מײַנער: ווו איז פּייסי? זאָגט זי: זי ווייסט ניט. אָפּגעגעסנ, לויפ
איכ ארויס אינ שטאָט, אהער אהינ — קיינער ווייסט ניט! שיק
איכ דאָכ אוועק א שאַליעכ אינ דאָרפ ארײַנ צומ קאָרעוו, צו
מוישע־מייערנ, געוואָר ווערנ, וואָס מאַכט עפּעס רייזל? ענטפערט
ער מיר דורכ א בריוול, אז זי איז נאָכ נעכטנ אוועקגעפאָרנ, גע־
זאָגט, אז זי פאָרט אינ שטאָט ארײַנ אפ קיוועראָווע. האָב
איכ גענומ מיסטאמע געארבעט, אויסגעלאָזט מײַנ גאַנצ ביטער
הארצ צומ ווײַב, געווײנלעכ, וואָרעמ ס'איז דאָכ דורכ איר
אלע אומגליקנ — ס'איז דאָכ איר פלימעניצע! בינ איכ אײַכ
ניט אויסנ.

איכ לויפ אוועק אינ פּאָליציי, איכ קלאַפּ אומעטומ דעפּעשנ,
צעשיק מענטשנ, שיט מיט געלד — ניטאָ, ווי אינ וואַסער ארײַנ!
איכ ארבעט, איכ שרײַ, איכ בינ אויס מענטש — עס העלפט ניט!
וואָס טויג אײַכ — ס'איז אוועקגעגאַנגענ דרײַ וואָכנ. איכ בינ
שיר ניט משוגע געוואָרנ! פּלוצעמ קומט מיר אָנ א בריוו מיט א
מאַזלטאָוו, אז זיי האָבנ באַרעכאַשעמ, כאַסענע געהאַט אינ א
גוטער שאָ, אונ האָבנ שוינ הײַנט פאַר מיר קיינ מוירע ניט —

איר הערט ווערטער? אַז מע וועט שווײַגן איצט נאָך זיי מער ניט נאָכלויפֿן, מע וועט שווײַגן אַף זיי קיין בילבולים ניט אויסטראַכטן — איר הערט ווערטער? אַז זיי האָבן זיך ליב געהאַט פֿון קינדווײַז אָן און האָבן, דאַנקען גאָט, דערגרייכט אַלצדינג, וואָס זיי האָבן געוואָלט. אײַ, ווו וועלן זיי נעמען אַף צו לעבן? זאָל מען זיך פֿאַר זיי גאָר ניט זאָרגן: ער לערנט און גרייט זיך צום עקזאַמען אַרײַן אין אוניווערסיטעט שטודירן אַף דאָקטער, און זי לערנט זיך אַף אַקושערקע — איר הערט ווערטער? און דערווײַל גיבן זיי בײַדע שטונדן און פֿאַרדינען, מיט גאָטס הילף, ביז פֿופֿצן קאַרבן א כוידעש, קאָסט זיי די דירע זעקס מיט א האַלבן, אַכט צאָלן זיי פֿאַר עסן, און אָפּן איבעריקן איז גאָט א פֿאָטער — איר הערט ווערטער?.. נו־נו, קלער איך מיר, איר וועט א ביסל פֿריִער אונטערפֿיגערן גוט פֿאַר הונגער, וועט איר זיך אָנהייבן בעטן בא מיר, וועל איך אײַך באַווײַזן, ווער עלטער איז! און צו מײַן ווײַב זאָג איך: „הײַנט זעסטו, זאָג איך, וואָס הייסט א ביטערער שוירעש? פֿון אַזאַ מאַטן א שאַרלאַטאַן, א קאַרטיאָזשניק, זאָג איך, קאָן דען עפּעס אַרויסקומען רעכטס?" אוקעדוימע אַזעלכע שטעכווערטער זאָג איך צו איר, און איר זאָלט זאָגן, זי זאָל דאָס מיר ענטפֿערן דאָס אַנדערע וואָרט! „פֿלעגסט דאָך, זאָג איך, אַמאָל באַלעשן, אַז איך האָב גערעדט אַף דײַן שוואָגעריק, פֿאַרוואָס באַלעשסטו הײַנט ניט?" ענטפֿערט די וואַנט? אַזוי ענטפֿערט זי. „דו מיינסט, זאָג איך, אַז איך ווייס ניט, אַז דו האַלטסט מיט זיי, אַז דו ביסט מיט זיי יאַדאַכעס, זאָג איך, אַז סע וואַקסט אינגאַנצן פֿון דיר?" זי שווײַגט, ענטפֿערט ניט דאָס אַנדערע וואָרט. וואָס קאָן זי מיר, אַשטייגער, ענטפֿערן, אַז זי פֿילט, אַז איך בין גערעכט? זי ווייסט, אַז סע פֿאַרדריסט מיך. פֿאַר וואָס קומט מיר — פֿאַר

מײַנ גוטסקײַט, מע זאָל מיר אַזוי צאָלנ? בינ איכ אײַכ ניט אויסנ.

נאָר איר מיינט אַוואַדע, איר זײַט שוינ פאַרטיק? האַרט אויס, איר וועט נאָכ האָרכנ שענערס.

בעקיצער, ס'איז אַוועקגעגאַנגענ אַ יאָר, בריוולעכ שרײַבנ זיי, נאָר פונ געלט דערמאָנענ זיי ניט אַ וואָרט. פּלוצעמ קומט מיר אָנ אַ מאַזלטאָוו — זי האָט געהאַט אַ יינגל און מע רופט אונדז אָפנ ברים! רופ איכ מיכ אָנ צו מײַנ ווײַב: „מאַזלטאָוו דיר מיט דײַנ נאַכעס, אַנ אָנגעלייגטער ברים, זאָג איכ, און אַ נאָמענ נאָכ דײַנ שײנעמ שוואָגעריק"... ענטפערט זי מיר ניט, נאָר זי ווערט בלײכ ווי די וואַנט, טוט זיכ אָנ און גייט אַוועק פונ שטוב. קלער איכ מיר: מיסטאָמע וועט זי באַלד קומענ. איכ וואַרט אַ שעה, איכ וואַרט צוויי, איכ וואַרט דרײַ, איכ וואַרט פיר, ס'איז שוינ פאַרנאַכט, ס'איז שוינ שטאָק-נאַכט — ניטאָ זי! אַ שײנע מײַסע, נאָר אַ קורצע! וואָס טויג אײַכ — זי איז אַוועקגעפאָרנ צו זיי, און פונ דעמאָלט אָנ, שוינ באַלד צוויי יאָר, זי קומט ניט צוריק און הייבט גאָר ניט אָנ צו קלערנ מיקויעכ קומענ אַהיימ! האָט איר געהערט אַמאָל אַזאַ מײַסע? פריִער האָב איכ געוואַרט, טאָמער וועט זי מיר שרײַבנ אַ בריוול. און אַז איכ האָב געזענ, זי שרײַבט ניט, האָב איכ א י ר אַוועקגעשריבנ אַ בריוול, און שרײַב איר: „האַטאָכנ? וואָס פאַר אַ פּאָנעמ האָט דאָס פאַר דער וועלט?!" ענטפערט זי מיר, אַז איר וועלט איז דאָרטנ, בײַ אירע קינדער — איר הערט ווערטער? אַז דאָס אייניקל, וואָס איז געבוירנ געוואָרנ, — ער הייסט דאַפקע הערשעלע, נאָכ מײַנ ברודער הערשל, — איז בײַ איר טײַערער פונ אַכצנ וועלטנ. ס'איז אַזאַ הערשעלע, זאָגט זי, וואָס מע קריגט דאָס ניט, מע זאָל אויספאָרנ די גאַנצע

וועלט פון איין עק ביזן אנדערן. און ווינטשעוועט מיר, איך זאָל זיך עלטערן אין אוישער און אין קאַוועד אליין אָן איר — איר הערט וווערטער?..

שרײַב איך דאָך איר נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, און זאָג איר מיטן האַרבן וואָרט, אַז איך וועל ניט שיקן קיין גראָשן! ענטפערט זי מיר, אַז זי דאַרף ניט מײַן געלט — איר הערט ווערטער? שרײַב איך איר ווידער אוועק אַ בריוו, אַז איך בין זיי אַלע מאַוויר־נאַכלע און וועל אָפּזאָגן דאָס גאַנצע געלט אַף אוילעמעס! פּוילט זי זיך ניט און ענטפערט מיר אָפּ, אַז זי האָט צו מיר קיין טײַנעס ניט — איר הערט ווערטער? אַז זי לעבט דאָרטן בײַ די קינדער מיט קאַוועד, האַלעווײַ וואָלט עס ניט ערגער, וואָרעם פּייסי איז שוין אַרײַן אין אוניווערסיטעט און רייזל איז שוין באַלד אַן אַקושער־קע. זיי פֿאַרדינען שוין אַזוי גרויס, ווי זיבעציק קאַרבן אַ כוי־דעש — איר הערט ווערטער? און מיקוייעך מאַוויר־נאַכלע זײַן, זאָגט זי, מעג איך מײַן גאַנץ פֿאַרמעגן אַוועקשענקען אַפילע הײַנ־טיקן טאָג וועמען איך וויל, אַפילע אַף אַ קלויסטער — איר הערט ווערטער? און לאָזט אויס, אַז איך בין אַ ריינער מעשוגענער. די וועלט, זאָגט זי, שטעקט מיך אַרום מיט פעדערן פֿאַר דער מײַסע, וואָס איך האָב אָפּגעטאָן. „וואָס איז דאָ, זאָגט זי, דער אומגליק? וואָס דײַנע ברודערס זון האָט גענומען מײַן שוועסטערס טאָכטער? וואָס שטייט דיר דאָ אַזוי ניט אָן, דו נאַרישער לעקיש?" — איר הערט ווערטער? „דו זאָלסט, זאָגט זי, זײַן דאָ און אַ קוק טאָן אַפֿן קינד, אַף הערשעלען, ווי ער ווײַזט מיטן פינגער אַפֿן זיידנס פּאַטרעט און מאַכט „דיעדיאַ", וואָלסטו זיך, זאָגט זי, אַליין גע־געבן דרײַ פּעטש!" — איר הערט ווערטער? אַזוי שרײַבט זי מיר פֿון דאָרטן. בין איך אײַך ניט אויסן...

נו, באַדאַרף מען ניט זײַן שטאַרקער פֿון אײַזן? ווי מיינט איר, ברענט דאָס מיך, אַשטייגער, אַז איך קום צו גיין אַהיים און דריי מיך אַרום איינער אַליין צווישן די פֿיר ווענט? איך הייב מיך אָן באַרעכענען: וואָס איז מײַן לעבן, איך בעט אײַך, אַפ דער וועלט? פֿאַר וואָס קומט מיר אַזאַ סאָף? פֿאַר וואָס קומט מיר אַזאַ־ן־עלטער? פֿאַר וואָס און פֿאַר וועמען? פֿאַר מײַן גוטסקייט? פֿאַר מײַן פֿאָלע ווייכן כאַראַקטער?.. האָט קיין פֿאַריבל ניט: אַז איך הייב אָן ריידן דערפֿון, איז פֿאַר דאָסאַדע שטעלן זיך מיר טרערן, און איך קאָן ניט, איך קאָן ניט רייִדן!

אוי, מע טאָר ניט זײַן קיין גוטער, הערט איר? מע טאָר ניט זײַן קיין גוטער!

1903

דער גליקלעכסטער אינ קאָדני

די בעסטע צײַט פאָרנ אינ באַנ איז — ווייסט איר ווענ? אָסיענ־צײַט, אַרומ נאָכ סוקעס.

ס'איז ניט הייס אונ ניט קאַלט, אונ איר קוקט ניט אָנ דעמ פאַרוויינטנ הימל מיט דער קלאָגעדיקער פאַרכווישעכטער ערד. טראָפּנס רעגנ שמײַסנ אינ די פענצטער, קויקלענ זיכ אַראָפּ אָפּנ פאַרשוויצטנ גלאָז, אַזוי ווי טרערנ, אונ איר זיצט זיכ, ווי אַ פּאָרעצ, אינ וואַגאָנ דריטער קלאַס מיט נאָכ אַ סאַכ אַזעלכע מעיוכאָסימ, ווי איר, אונ כאַפּט אַ קוק אינ דרויסנ אַרויס אונ איר דערזעט פונדערווײַטנס — אַ וועגעלע שלעפּט זיכ, טיאָפּקעט אינ דער בלאָטע. אָפּנ וועגעלע זיצט, אײַנגעבויגנ אײַנדרײַען, אַ גאָטס באַשעפעניש, מיט אַ זאַק איבערגעדעקט, אונ לאָזט אויס זײַנ ביטער האַרצ צומ פערדל, נעבעכ, אויכ אַ גאָטס באַשעפעניש, — אונ איר דאַנקט גאָט, וואָס איר זײַט אונטער אַ דאַכ, צווישנ מענטשנ. איכ ווייס ניט,

װיאַזױ איר — איך האָב ליב פֿאָרן אין באַן אָסיען־צײַט, אַרום נאָך סוקעס.

דאָס ערשטע איז בײַ מיר — אַן אָרט. האָב איך פֿאַרכאַפּט אַן אָרט און װער שמועסט נאָך אין דער רעכטער האַנט, לעבן פֿענצ־טער, — בין איך מיר אַ קײסער. אַרױסגענומען דעם פּאָרטאַבאַק, הײבט מען אָן צו פֿאַררײכערן אַ פּאַפּיראָס נאָך אַ פּאַפּיראָס און אַרומקוקן זיך, װער פֿאָרט אין װאַגאָן און מיט װעמען קאָן מען רײדן אַ פּאָר װערטער װעגן געשעפֿט? פּאַסאַזשירן, דאַכט זיך, ניט צו פֿאַרזינדיקן, אָנגעפּאַקט, װי הערינג אין אַ פֿאַס. בערד, נעזער, היטלען, בײַכער, געשטאַלטן פֿון מענטשן. און מענטשן? — ניט אײנער. נאָר שאַ, אָט זיצט עפּעס אין אַ װינקעלע אײנער אַלײן אַ מאָדנער פֿאַרשױן, אַ פֿאַרשױן ניט װי אַלע. בײַ מיר איז אַ שאַרף אױג. ניט קײן געװײנלעכן מענטשן װעל איך אײַך באַמערקן צװישן הונדערט.

דאָס הײסט, אױפֿן קוק איז דאָס אַפֿילע אַ גאַנץ געװײנלעכ מענטשל, אַ ייִדל פֿון די ייִדלעך, װאָס מע מעסט זײ אױפֿן מעסטל, אָדער דאָס, װאָס װערט אָנגערופֿן בײַ אונדז: „אַ ייִד פֿון אַ גאַנץ יאָר“. נאָר אָנגעטאָן איז ער עפּעס מאָדנע: אַ קאַפּאָטע ניט קײן קאַפּאָטע, אַ כאַלאַט ניט קײן כאַלאַט. אױפֿן קאָפּ — אַ היטל ניט קײן היטל, אַ יאַרמלקע ניט קײן יאַרמלקע. אין די הענט — אַ שירעם ניט קײן שירעם, אַ בעזעם ניט קײן בעזעם. אַ מאָדנע אָנטאָן.

נאָר ניט דאָס אָנטאָן איז דער עיקר, װי דאָס ייִדל אַלײן מיט זײַן רירעװדיקײַט, מיט זײַן אַרומקוקן זיך אױף אַלע זײַטן און מיט זײַן ניט קאָנען אײַנזיצן אױף אײן אָרט, און דערהױפּט — מיט זײַן שײַנענדיק, פֿרײלעך, לעבעדיק פּאָנעם און גליקלעך אױסזען.

ניט אַנדערש, װי דער מענטש האָט אָדער אױסגענומען אַ

הויפּט־טרעפער, אָדער באַסענע געמאַכט אַ טאָכטער אין אַ מאַזל־דיקער שאָ, אָדער אַרײַנגעגעבן אַ זון אין גימנאַזיע. אַלע מינוט כאַפּט ער זיך אויף, טוט אַ קוק אין פענצטער און אַ זאָג צו זיך אַליין: „אַ סטאַנציע? נאָך ניט?" — און זעצט זיך אַוועק צוריק, אַלעמאָל נעענטער צו מיר, אַ שײַנענדיקער, אַ פרייליכער, אַ גליקלעכער.

בעטעווע, דאַרפט איר וויסן, בין איך אַ מענטש, וואָס האָב פײַנט, ווי אַנדערע, קריכן צו יענעם אין האַרצן אַרײַן, אויסטאַפּן, אויספרעגן, ווער און וואָס און ווען. איך גיי מיר מיט דעם גאַנג, אַז אַ מענטש, וואָס האָט עפּעס, וועט ער עס אַליין אַרויסגעבן.

קאַכאַוועע. נאָך דער צווייטער סטאַנציע האָט זיך מײַן רירעווי־דיק ייִדל צוגערוקט צו מיר נאָך אַ ביסל נעענטער, דאָס הייסט טאַקע גאַנץ נאָענט, אַזוי, אַז זײַן מויל איז אויסגעקומען אַקוראַט אַקעגן מײַן נאָז.

— וווּהין פאָרט אַ ייִד?

איך האָב אָבער פאַרשטאַנען פון זײַן פרעגן מיך און פון זײַן אַרומקוקן זיך און פון זײַן קראַצן זיך אונטערן היטל, אַז אים גייט ניט אָן אַזוי, וווּהין איך פאָר, ווי עס ווילט זיך אים אויסדער־ציילן, וווּהין ער פאָרט. און איך האָב אים געטאָן צוליב, דאָס הייסט איך האָב אים דערויף ניט געענטפערט גאָרנישט, נאָר אַ פרעג געטאָן: „און איר וווּהין?" — און ס'איז אַוועק אַ גאַנג.

— איך וווּהין? קיין קאָדני. געהערט אַמאָל קאָדני? בין איך אַ דאָרטיקער בין איך. ניט ווײַט פון דאַנען. די דריטע סטאַנציע. דאָס הייסט פונדאַנען האָבן מיר נאָך אַזוי גרויס ווי דרײַ סטאַנ־ציעס. און פון דאָרטן קיין קאָדני באַדאַרף מען נאָך צופאָרן מיט דער אַקס אַ שאָ אַנדערהאַלבן, דאָס הייסט סע רעדט זיך נאָר אַזוי;

אָנדערהאַלבן. אינעמעסן איז דאָס טאקע גאנצע צוויי שאָ, אײַזערנע צוויי שאָ, נאָך מיט א סמיטשיק. אי דאָס מיט א טנײַ — אויב ס'איז א גוטער וועג און מע פאָרט מיט א פאעטאָן. איך האָב באַשטעלט דורך א דעפּעש. איך האָב געקלאַפּט, הייסט דאָס, א דעפּעש, מע זאָל מיר ארויסשיקן א פאעטאָן אָפּ דער סטאנציע. צוליב מיר, מיינט איר? שרעקט אײַך ניט. איך קאָן באשטיין זיך איבערכאַפּן זאַלבעזעקסט מיט א פּראָסטן באַלעגאָלע, אָדער אז ניט, נעמט מען דעם שירעם אין איין האַנט און דאָס פּעקל אין דער אַנדערער האַנט און מע איז אוילערעגל גלײַך אין שטאָט ארײַן גאנצע פײַן צופוס. סע טראָגט ניט, פארשטייט איר מיך, אָפּ קיין פאעטאָנעס. וועדליק די גאָלדענע געשעפטן, מעג מען גאָר איינגאנצן זיצן אין דער היים. האַ? וואָס זאָגט איר?

דאָ איז מײַן פארשווײַג מאפסיק, טוט א זיפץ און הייבט אָן ריידן שטיל, גלײַך צו מיר אין אויער ארײַן, קוקט זיך פריער ארום אין אַלע זײַטן, אויב קיינער הערט אים ניט אונטער.

— איך פאָר ניט אליין, איך פאָר מיט א פּראָפעסער פאָר איך... ווי קום איך צו א פּראָפעסער? איז אזוי די מײַסע: פון קאַשעווארעווקע האָט איר געהערט? א שטעטל אזעלכעס פאראן, הייסט דאָס מיטן נאָמען קאַשעוואַרעווקע. וווינט דאָרטן א ייִד א גוויר, אַן אופגעקומענער גוויר, עפּשער האָט איר געהערט פון אים, באָראָדענקאָ הייסט ער, איציקל באָראָדענקאָ. געפעלט אײַך דער נאָמען? איאָ, א גויִישער נאָמען? נאָר וואָס קומט ארויס? א גויִישער נאָמען, א ייִדישער נאָמען — דערווײַל האָט ע ר דאָס געלט. און א סאך געלט, גאָר א סאך. ס'איז א סוואָרע, אז בא אונדז אין קאָדני שאַצט מען אים קימאַט אין א האַלבן מיליאָן. און עפּשער. אז איר וועט מיך שטאַרק בעטן, האָט איר בא מיר געפּויעלט, אז ער זאָל

פאַרמאָגן דעם גאַנצן מיליאָן. דאָס הייסט וועדליק ער איז, איך בעט איבער אייער קאָוועד, א דאָווראַכער, וואָלט ער געמעגט פאַרמאָגן צוויי. אָט האָט איר א רייע: כאָטש איך זע איין דעם ערשטן מאָל, נאָר פאַרשטיין פאַרשטיי איך, אַז איר פאָרט אוים א וועלט, אוואַדע מער פון מיר. זאָגט מיר דעם עמעס: איר האָט עפּעס א סאַך מאָל געהערט דעם נאָמען באָראָדענקאָ, ער זאָל זיך אויסשטעלן מיט עפּעס א יידישער זאַך, א גרויסער נעדאָווע, צי וואָס? באַ אונדז אין קאָדני האָבן מיר גאָר לעסאָמע דערפון עפּעס ניט געהאָרכט. נאָר אויך די אייגענע מייסע. גאָטס סטראַפּטשע בין איך ניט אוג אַפּ יענעמס קעשענע איז יעדער א וואַטרען. איך רייד ניט פון נעדאָוועס און צדאָקע; איך רייד פון מ ע נ ט ש ל ע כ־ קייט רייד איך. גאָט האָט דיר געהאָלפן, דו ביסט אזוי רייך, אַז דו קאָנסט זיך פאַרגינען אויסשרייבן א פּראָפעסער, — וואָס וועט דיך אַרן, אַז יענער וועט אויך געניסן דורך דיר דעם זכוס? מע בעט ניט באַ דיר קיין געלט, מע בעט באַ דיר א גוט וואָרט — וואָס כאַפּט דיך אָוועק דער רוּעך? וועט איר האָרכן א שיינס.

דאַרף זיך טרעפן א מייסע, אַז מע ווערט געוואָר באַ אונדז אין קאָדני (באַ אונדז אין קאָדני ווייסט מען אַלץ), אַז באַ דעם קאַשעוואַרעווקער גוויר, באַ אָט דעם איציקל באָראָדענקאָ, וואָס איך דערציייל אייך, ווערט קראַנק, ניט האָ געדאַכט, א טאָכטער. וואָס איז איר קראַנקשאַפט, מיינט איר? א נעבטיקער טאָג, א פאַרליבעניש. זי האָט זיך פאַרליבט אין א גוי, האָט זיך דער גוי אָפּגעזאָגט, האָט זי איינגענומען סאַם (באַ אונדז אין קאָדני ווייסט מען אַלץ). ערשט נעכטן איז דאָס געווען. איז מען אָוועקגעלאָפן און מע האָט אַראָפּגעבראַכט א פּראָפעסער, דעם גרעסטן פּראָפעסער. באַ אַזא גוויר שפּילט עפּעס א ראָליע? פאַלט מיר אַריין א געדאַנק: אזוי ווי

דער פּראָפעסער וועט דאָך דאָרט ניט בלײַבן זיצן; היינט־מאָרגן פאָרט ער דאָך צוריק; און פאָרן פאָרט ער דאָך סײַוויסײַ דורך אונדזער סטאַנציע, דאָס הייסט פאַרבײַ קאָדני, — וואָלט עפּשער געווען א פּלאַן, ער זאָל זיך צוריקוועגס אראָפּכאַפּן מיטפּאָיעזד לעפּאָיעזד צו אונדז, צו מיר הייסט דאָס? עס ליגט בא מיר א קינד, ניט פאַר אײַך געדאַכט. דעהײַנע, וואָס מיינט איר איז בא אים? איך ווייס אליינ ניט וואָס, עפּעס איז אים אינווייניק. דאָס הייסט הוסטן, דאַנקען גאָט, הוסט ער ניט, און ווײַטער, ער זאָל פילן עפּעס א ווייטעק אינ האַרצן — איז אויך ניט. נאָר וואָס זשע דען? קיינ טראָפּן בלוט, און שוואַך, שוואַך, ווי א פליג. דערפון, וואָס ער עסט ניט. גאָרנישט ניט. וויאַזוי, מיינט איר, גאָרנישט ניט? אָבער לאַכ־לוטן גאָרנישט. מילך אמאָל טרינקט ער אויס א גלאָז. איז דאָס — מיט גוואַלד. מע דאַרף אים אײַנבעטן דאַרף מען אים. אויסוויינען. און ווײַטער איז ניט קיינ לעפל יויך און ניט קיינ ביסן ברויט. פונ פלייש שמועסט מען ניט. פלייש קאָן ער גאָר ניט זען. פאַרוואַרפט מיטן קאָפּ. דאָס איז פונ זינט ער האָט געבלוט. זומער האָט ער, ניט הײַנט געדאַכט, געבלוט. איינ מאָל, נאָר שטאַרק. איצט, דאַנקען גאָט, שוינ מער ניט. האַלעוואַי ווײַטער. נאָר אָפּגעשוואַכט איז ער — איר קאָנט אײַך גאָרניט מעשאַער זײַן. קוים־קוים וואָס ער האַלט זיך אפּ די פיס. א קלייניקײַט — א מענטש פיבערט, גליט ווי אפּ פּאָקן גליט ער! פונ נאָכ שוועס. נײַן און דרײַסיק מ י ט א האַלבן, אָדער נײַנ און דרײַסיק אָ נ א האַלבן. גאָר ניטאָ קיינ שום מיטל דערצו. געווען שוינ מיט אים באַם דאָקטער ניט איינ מאָל. נאָר וואָס ווייסן אונדזערע דאָקטוירים? א סאַך עסן, זאָגן זיי, א סאַך לופט. ווו זשע? אז פונ עסן וויל ער גאָר ניט הערן. און לופט? פונוואַנען זאָל זיך נעמען בא אונדז לופט? אינ קאָדני — לופט!

כאַ־כאַ! אַ ווײל שטעטל קאָדני, אַ יידיש שטעטל. פאַראנ בא אונדז, קײנ אײַנאָרע, אַ ביסל יידנ, פאַראנ בא אונדז אַ בעסמעדרעש, פאַראנ אַ שול, פאַראנ אַ ראָוו, פאַראנ אַלצדינג. נאָר פונ צוויי זאַכנ האָט אונדז גאָט אויסגעהיט: פונ לופט און פונ פּאַרנאָסע. מײלע, פּאַרנאָסע איז אָפּגערעדט. פּאַרנאָסע האָבנ מיר, באָרעכאַשעם, אײנס פונ דאָס אַנדערע... און לופט? אַז מיר ווילנ לופט, גײענ מיר אינ „הויפ“ אַרײַנ. אינ „הויפ“, זעט איר, איז שוינ דאַפּקע דאָ לופט. אַמאָל, אַז קאָדני האָט געהערט צו די פּוילישע פּריצים, האָט מענ ניט געטאָרט אַרײַנשמעקנ אינ „הויפ“ אַרײַנ. די פּריצים האָבנ ניט צוגעלאָזט. ניט אַזוי די פּריצים, ווי די פּריצישע הינט. נאָר זינט קאָדנער „הויפ“ איז אַרײַנגעפאַלנ אינ יידישע הענט, איז געוואָרנ אויס הינט, און דער „הויפ“ איז געוואָרנ גאָר אַנ אַנדער „הויפ“. אַ מעכײַע אַרײַנצוגײנ אינ „הויפ“ אַרײַנ. טאַקע פּריצים, פּאָמעשטשיקעס, נאָר יידישע פּאָמעשטשיקעס. רײדנ יידיש, ווי איכ מיט אײַכ. און האַלטנ פונ יידישקײַט, און האָבנ ליב אַ יידנ. אַז מע שמועסט יידנ, איז דאָכ ניט שײַעכ! דאָס הײסט איכ וועל אײַכ ניט זאָגנ, אַז זײ זאָלנ זײַנ אַזעלכע גרויסע צאַדיקימ. באָרעכאַשעמ, אינ שול אַרײַנ צו אונדז דאַוונענ כאַפּנ זײ זיכ ניט אַזוי שטאַרק, און, לעהאַוודל, צו אונדז אינ באָד אַרײַנ — אַוואַדע ניט. און זײ זאָלנ מוירע האָבנ מעכאַלעל־שאַבעס זײַנ — זעט מענ עפּעס אויכ ניט. און פאַר אַ הינדל, זאָגט מענ, אינ פּוטער, שרעקנ זײ זיכ אויכ ניט שטאַרק איבער. נו, און שערנ דאָס בערדל, און גײנ אָנ אַ היטל, און נאָכ אַזעלכע זאַכנ — פונ דעמ שמועסט מענ ניט. דאָס איז שוינ הײַנט אומעטומ אַ וואָכעדיקער גאַנג. פאַראנ שוינ בא אונדז, דאַנקענ גאָט, אינ קאָדני אויכ אַזעלכע באָכערימלעכ, וואָס ס'איז זײ שווער דאָס היטל אָפּנ קאָפּ... פּראַוודע, קאָדני האָט אָפּ אונדזערע

פּאָמעשטשיקעס ניט וואָס צו קלאָגן זיך. אונדזערע ייִדישע פּריצים
זײַנען פֿאָרן שטעטל געגנוג יויצע. פֿאַרקערט, פֿײַנען זיך אויס, ווי
ווײַט מעגלעך. קומט אָסיען, שיקן זיי אַרײַן א הונדערט זעקלעך
קאַרטאָפֿליעס פֿאַר אָרעמעלײַט. ווינטער — שטרוי אפֿ צו הייצן.
ערעוו פּייסעך — מאָעס־כיטים. ניט לאַנג האָבן זיי געשענקט ציגל
אפֿ א שול. וואָס איז שײַעך? אַלצדינג פֿײַן, שיין און לײַטיש, ווי
עס געהער צו זײַן. נאָר אָט דאָס הינדל אין פּוטער זאָל נאָך ניט
זײַן, אוי, אָט דאָס הינדעלע!.. מיינט ניט! איך וויל זיי כאָלילע דער־
מיט ניט באַריידן. וואָס האָב איך צו זיי? אַדעראַבע! זיי וועלן
אײַך פֿאַר מיר ניט אָוועקגעבן קיין זאַך באָרשטש. רעב אַלטער (מע
רופֿט מיך אַלטער רופֿט מען מיך) איז בא זיי דאָס אייבערשטע פֿון
שטויסל. אַז מע דאַרף האָבן עפּעס אין שטאָט אַרײַן מיקויעך א נײַ־
טיקער זאַך, א נײַעם לועך, צומבײַשפּיל, אַפֿ ראָשעשאָנע, מאַצעס
אפֿ פּייסעך, אַפֿ סוקעס הוישײַנעס, אוקעדוימע אַזעלכע זאַכן, וואָס
זײַנען שײַעך צו ייִדישקײַט, — שיקט מען רופֿן רעב אַלטערן. און
מײַן ווײַב אין קלייטל (מײַן ווײַב האַלט א קלייטל האַלט זי) גיבן
זיי צו לייזן שיינע געלט. פֿאַר זאַלץ און פֿאַר פֿעפֿער און פֿאַר שוועב־
בעלעך און פֿאַר אַלצדינג. דאָס האָט איר אײַך די פּאָמעשטשיקעס.
און זייערע קינדער די סטודענטלעך — די זײַנען פֿאַר מײַן זון גאָר
די קאַפּאָרע. קומט דער זומער און זיי פֿאָרן זיך צונויף פֿון פּיטער־
באַרג, לערנען זיי מיט אים וואָס איר ווילט. זיצן אַוועק מיט אים
טעגוויַז איבער די ביכלעך. און בא מײַנעם א ביכל, דאַרפֿט איר
וויסן, איז דאָס כיעס מיט דער נעשאָמע! טײַערער פֿונעם טאַטן
מיט דער מאַמען. איך האָב מוירע צו זאָגן, נאָר מיינען מיין איך,
אַז דאָס ביכל — דאָס איז טאַקע זײַן מאַלכאַמאָוועס. פֿון דעם ביכל
האָט זיך גענומען דאָס גאַנצע אומגליק... זי דרינגט מיר אפֿילע, אַז

ס'איז באַ אים פונעמ פּריזיוו. וואָס פּריזיוו? וועג פּריזיוו? דעמ פּריזיוו האָט ער שוינ לאַנג פאַרגעסנ. נאָר מיילע, וויאַזוי די מײַסע איז שוינ דאָרטנ, צי ביכל, צי פּריזיוו — דערווײַל ליגט באַ מיר אַ קינד, ניט פאַר קיינ ייִדנ געדאַכט, אונ צאַנקט, צאַנקט נעבעכ, גייט אויס ווי אַ ליכט. איינ גאָט זאָל זיכ אָפּ אימ דערבאַרעמענ...

אַ מינוט האָט זיכ אָפּ מײַנ ייִדלס שײַנענדיק פּאָנעמ אָנגערוקט ווי אַ כמאַרעלע. אָבער ניט מער, ווי איינ מינוט. גיכ האָט געגעבנ אַ קוק־אַרויס די זונ, פאַרטריבנ די כמאַרע, אונ דאָס פּאָנעמ האָט באַ אימ ווידער אָנגעהויבנ שײַנענ, די אויגנ לײַכטנ אונ דאָס מויל שמייכלענ. אונ אָט דערציילט ער ווײַטער:

— אקלאל, ווו זשע האַלטנ מיר? יאָ, האָב איכ מיכ מעיאַשעוו געווענ, איכ וועל געבנ אַ לויפ קיינ קאַשעוואַרעווקע, צו איציקל באַראָדענקאָ, צומ גוויר הייסט דאָס. געווייינלעכ, האָב איכ מיכ ניט געלאָזט אינ וועג אַרײַנ גלאַט אַזוי, ווי זאָגט איר, מיט ליידיקע הענט. איכ האָב מיטגענומענ אַ בריוו האָב איכ מיטגענומענ. פונ אונדזער ראָוו (דער קאָדנער ראָוו האָט אַ נאָמענ). אַ שיינעמ בריוו: „העיוס אַזויווי גאָט האָט אײַכ געהאָלפנ, איר זײַט אימשטאַנד אַראָפּברענגענ צו זיכ אינ שטוב אַרײַנ אַ פּראָפעסער, אַז איר דאַרפט, אונ אַזויווי באַ אונדזער אַלטערנ ליגט, ניט פאַר אײַכ געדאַכט, אַ זונ אָפּנ טויטנ־בעט, עפּשער וועט זיכ דערוועקנ אינ אײַער האַרצ אַ פונק פונ ראַכמאָנעס אונ איר וועט אַראָפּנידערנ פונ אײַער געצעלט אונ אַרײַנגייונ אינ דער „פּאָלאָזשעניע" אונ וועט פּויעלנ באַמ פּראָפעסער, אַז צוריקוועגס, ער פאָרט דאָכ סײַווי־סײַ פאַרבײַ קאָדני, זאָל ער זיכ אַראָפּכאַפּנ צו אונדז מיפּאָיעזד לעפּאָיעזד אָפּ אַ פערטל שאָ נאָר, אַ קוק טאָנ אָפּנ קראַנקנ. אוביסכאַר זע"... נו, אונ אַזוי ווײַטער. אַ שיינער בריוו.

פלוצעם דערהערט זיך א פּיפּ, און מיר בלייבן שטיין. מיין יידל טוט זיך א כאַפּ־אויף.

— אהא! א סטאנציע? אָט טו איך א שפּרונג אין פּערווע קלאַס נאָר אף איין מינוט. איך וועל נאָר געבן א קוק צו מיין פּראָפעסער, קום איך באַלד אַריין, וועל איך אייך „קינטשענ” די מייסע.

אַריינגעקומען איז מיין יידל צוריק מיט נאָך א מער שיינענדיק פּאָנעם ווי פריִער. איך זאָל וויסן, אז מע קען זיך אזוי אויסדריקן, וואָלט איך געזאָגט: עס האָט גערוט אף אים די שכינע. אָנגעבויגן זיך צו מיר אפן אויער, מאַכט ער צו מיר שטיל, ווי ער וואָלט מוירע האָבן עמעצן אופוועקן:

— ער שלאָפט, דער פּראָפעסער מיינער. גאָט זאָל העלפן, ער זאָל זיך כאָטש גוט אויסשלאָפן, אזוי אז ער וועט קומען, זאָל ער קומען מיט א לויטערן קאָפּ... אקיצער, ווו זשע האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט? אין קאַשעוואַרעווקע.

קום איך, הייסט עס, צו פאָרן קיין קאַשעוואַרעווקע און לאָז מיך גלייך אין שטוב אריין, קלינג אָן בא דער טיר איינס און צוויי און דריי, שפּרינגט ארויס א נעפּעש מיט א פּאָר פּיסקעס און מיט א גענאָלטער מאָרדע און באַלעקט זיך, ווי א קאַץ, און מאַכט צו מיר בעלאָשן פּאָניע: „שטאָ נאדא?” זאָג איך צו אים דאַפּקע אף יידיש: „מיסטאַמע איז „נאדא”; ס'זאָל ניט זיין „נאדא”, וואָלט איך מיך ניט געהעצקעט אהער אזש פון קאָדני”...

הערט ער מיך אויס, קייט און באַלעקט זיך און דרייט מיטן קאָפּ: „מע קאָן ניט איצטער צוטרעטן צו אונדזערע, וואָרעם דער פּראָפעסער זיצט”. זאָג איך: „אדעראבע, ווייל דער פּראָפעסער זיצט, איך בין, זאָג איך, טאקע צוליבן פּראָפעסער אהער געקומען”. זאָגט

ער צו מיר: „וואָס פאַר א געשעפטן האָט איר מיט א פּראָפעסער?״ זאָל איך אים גיין דערציילן מײַסעס! נעם איך און דערלאַנג אים דעם ראָווס בריוו: „גוט איז דיר, זאָג איך, צו שמועסן, אַז דו שטייסט פון יענער זײַט, און אַף מיר, זאָג איך, גייט א רעגן. נאַ דיר, זאָג איך, אָט דעם דאָקומענט, און גיב דאָס איבער, זײַ מוֹיחל, דעם באַלעבאָס, זאָג איך, גלײַך אים אין די הענט אַרײַן״. און אַליין בלײַב איך שטיין אין דרויסן, פון יענער זײַט טיר, און וואַרט ביז מע וועט מיך שיקן רופן. איך וואַרט א האַלבע שאָ. איך וואַרט א שאָ. איך וואַרט צוויי. דער רעגן גיסט, א מאַבל, און מע רופט מיך עפּעס ניט. הייבט דאָס מיך שוין אָן צו פאַרדריסן. ניט אַזוי פאַר זיך, ווי פאַר אונדזער ראָוו. דאָס שרײַבט דאָך ניט קיין יינגעלע, דאָס שרײַבט דאָך עפּעס א ראָוו! (דער קאָדנער ראָוו האָט א נאָמען). גיי איך און טו א צי דאָס גלעקל נאָכאַמאָל און נאָכ־אַמאָל. אַז סע שפּרינגט ניט אַרויס דער אייגענער נעפעש מיט די רויטע פּיסקעס, מיט א גוואַלד און מיט א רעציכע: „אַן אַזעס, זאָגט ער, פון א ייִדן — קלינגען!״ „אַן אַזעס לאָזן א ייִדן, זאָג איך, שטיין צוויי שאָ אין דרויסן אַפן רעגן!״ און טו מיך א לאָז צו דער טיר און וויל אַרײַן אינווייניק — ווער? וואָס? פאַרהאַקט די טיר, און רופ מיך קנאַקניסל! וואָס זשע טוט מען ווײַטער? עפּעס טאַקע זייער ניט פריילעך. פאָרן צוריק מיט גאָרנישט איז עפּעס זייער ניט שיין. ערשטנס, א ביזויען פאַר זיך אַליין. איך בין דאָך עפּעס א שטיקל באַלעבאָס בא אונדז אין קאָדני, כאָלילע ניט קיין שלעפּער... און אַגעוו רײַסט מיר דאָס האַרץ: מײַן קינד נעבעך...

איז דאָך אָבער פאַראַן, ווי זאָגט איר, א גרויסער גאָט אַף דער וועלט. איך טו א קוק — עם פאָרט א קאַרעטע מיט פיר פערד. און גלײַך צו דער טיר. איך טו מיך א נעם צום קוטשער: וואָס איז פאַר

א קארעטע און וועמעס איז פערד? ווער איך גענוואָר, אַז דאָס איז טאַקע דעם גוירס קארעטע מיטן גוירס פערד. פונעם פּראָפעסערס וועגן. דאָס וועט מען אים אָפּפירן צו דער באַן. דאָס וועט מען אים נעמען, דעם פּראָפעסער הייסט עס, און מע וועט אים אָפּפירן צו דער באַן. אויב אזוי, טראַכט איך מיר, איז דאָך שוין טאַקע ווי־דער גוט. אויסגעצייכנט גוט! און איידער איך קוק מיך אַרום, עפנט זיך די טיר און עס באַווייַזט זיך טאַקע ער אַליין, דער פּראָ־פעסער הייסט עס, א קליינינקער, אַן אַלטיטשקער, מיט א פּאָ־נעם — וואָס זאָל איך אייַך זאָגן? א מאַלעך, א מאַלעך פונעם הימל! נאָך אים גייט נאָך דער גוויר, איציקל באַראָדענקאָ, הייסט עס, דאַפּקע אָן א היטל. און גאָר הינטן גייט דער נעפּעש מיט די רויטע פּיסקעס, טראָגט נאָך דעם פּראָפעסערס טשעמאָדאַנ־טשיקל. איר זאָלט אָנקוקן א גוויר פון עפּשער העכער א מיליאָן, גאָט זאָל מיך ניט שטראָפן פאַר די רייד, — טראָגט ער א פּידזשאַק פון געוויינלעכן געוואַנט „דיאַגאָנאַל״, ווי מע טראָגט בא אונדז אין קאָדני, האַלט די הענט אין די קעשענעס, און קוקן קוקט ער אָן א זייַט, א ביסל קאַסאָקע. איך שטיי און באַטראַכט: ריבוינע־שעלוילעם! אָט דאָס האָט מיליאָנען? נאָר גיי טייַנע זיך אויס מיט גאָט!.. דערזען מיך שטיין, נעמט ער מיך דורך מיט די קאַסאָקע אויגן און רופט זיך אָן צו מיר: „וואָס דאַרפט איר?״ גיי איך צו און מאַך צו אים: „אזוי און אזוי, זאָג איך, דאָס האָב איך אייַך געבראַכט, זאָג איך, דעם בריוו פון אונדזער ראָוו האָב איך אייַך געבראַכט״... מאַכט ער צו מיר: „פון וואָסער ראָוו?״ איר הערט? ער ווייסט שוין גאָר ניט, פון וואָסער ראָוו?! „פון קאָדנער ראָוו, זאָג איך. איך בין א דאָרטיקער בין איך, איך בין אומיסטנע געקו־מען, זאָג איך, פון קאָדני צום פּראָפעסער, זיי זאָלן זיך מאַטריַעכ

זײַנ, זאָג איכ, קײנ קאָדני מיפּאָיעזד לעפּאָיעזד אפּ א פּערטל שאָ צו מײַנ קינד, זאָג איכ. בא מיר איז א קינד, זאָג איכ, ניט פאר אײַכ געדאכט, טויט־קראנק"... אָט אזוי, מיט די ווערטער, זאָג איכ צו אימ. איכ בינ אײַכ ניט מעגאזעמ אפּ א האָר אפילע. וואָס האָב איכ גערעכנט? איכ האָב גערעכנט: א מענטשנ האָט געטראָפנ אנ אומגליק, ס'האָט זיכ בא אימ געסאמט, ניט דאָ געדאכט, א טאָכטער, עפּשער וועט זיכ בא אימ צעברעכנ דאָס הארצ, ער וועט ראכמאָנעס האָבנ אפּ אנ אָרעמענ טאטנ? צומ סאָפּ: ווער — וואָס? ניט געענטפערט מיר קײנ כאָצע דיבער, נאָר א קוק געטאָנ מיט די קאסאָקע אויגנ אפּ דעמ נעפּעש מיט די רויטע פּיסקעס, ווי אײנער רעדט: „טאָמער וואָלסטו אפּגעראמט פונעמ וועג אָט דאָס יידל?" און מײַנ פּראָפעסער איז דערווײַל ארײַנ מיטנ טשעמאָדאנטשיקל אינ קארעטע ארײַנ. נאָכ אײנ מינוט — איז אויס פּראָפעסער! וואָס טוט מענ דעמאָלט? דערזעענ, אז דאָס שפּיל איז פארנ טײַוול, האָב איכ מיכ מעיאשעוו געווענ: יאָווער אַלײַ מאָ, וואָס ס'וועט זײַנ וועט זײַנ, מע דארפ ראטעווענ א קינד! און נעמ מיכ אָנ מיט הארצ און — פּוצ גלײַכ אונטער די פּערד!.. מיילע, וואָס זאָל איכ אײַכ זאָגנ, אז ס'איז מיר געווענ גוט צו ליגנ אונטער די פּערד? — ווײס איכ ניט. איכ געדענק ניט אפילע, וויפל צײַט איכ בינ געלעגנ, און צי בינ איכ גאָר אינגאנצנ געלעגנ? עס קאָנ זײַנ, איכ בינ גאָר ניט געלעגנ. איכ ווײס נאָר, אז עס האָט ניט געדויערט אפילע אזויפיל, וויפל איכ דערצײל אײַכ, איז דער אלטיטשקער, דער פּראָפעסער הײסט עס, שוינ געשטאנענ לעבנ מיר: „שטאָ טאקאָיע?" און „גאָלובטשיק!" — איכ זאָל אימ ארויסדערצײלנ אלצדינג, ארויסזאָגנ, וואָס איז מײַנ באגער, איכ זאָל גאָר ניט קײנ מוירע האָבנ. און דער גוויר שטײט בא דער זײַט און קוקט מיכ אָנ מיט די קאַ־

סאָקע אויגן, און איך רייד! איר דאַרפט וויסן, אַז קיין גרויסער באַלדאַבערן אַף רוסיש בין איך ניט, נאָר דאָס מאָל האָט מיר גאָט עפּעס אַרײַנגעגעבן אַזאַ קויעך און עס האָט זיך גערעדט! איך האָב אים אויסדערציילט אַלצדינג, וואָס ס'איז בײַ מיר אַף דער נעשאָמע. איך האָב אים געזאָגט: אַזוי און אַזוי, הער פּראָפעסער, עפּשער איז דאָס אַ באַשערטע זאַך, אַז איר זאָלט זײַן דער שאָליעך מיר אומקערן מײַן קינד, מײַן איין-און-איינציקן זון, וואָס איז געבליבן בײַ מיר פון זעקס, דעם צו לענגערע יאָר. און אויב, זאָג איך, עס מוז קאָסטן געלט, פאַרמאָג איך מײַן אייגנס אַ גאַנצן כאָפּהייער, אַ פינף-און-צוואַנציקער הייסט עס, כאָלילע ניט מײַנער, זאָג איך, ווי קומט צו מיר אַזויפיל געלט? דאָס איז מײַן ווײַבס פינף-און-צוואַנציקער, זאָג איך, ליגט אָנגעגרייט צו פאָרן אין שטאָט אַרײַן נאָך סכוירע. בין איך מאַפקיר, זאָג איך, דעם פינף-און-צוואַנציקער, כאַפּט דער גוטער-יאָר מײַן ווײַבס קלייטל. אַבי ראַטעווען אַ קינד!.. אַזוי זאָג איך און גיי און צעשפּיליע די קאַפּאָטע און וויל אַרויסבאַקומען מײַן פינף-און-צוואַנציקער. נעמט דער אַלטיטשקער, דער פּראָפעסער הייסט עס, לייגט אַרוף אַף מיר די האַנט: „ניטשעוואָ!" און הייסט מיר קריכן אין קאַרעטע — איך זאָל אַזוי דערלעבן טרעפן מײַן זון אַ געזונטן, ווי איך זאָג אײַך ניט קיין ליגן! נו, פרעג איך אײַך, זאָל ער ניט זײַן די קאַפּאָרע, איציקל באָראָדענקאָ, מיינ איך, פאַרן פּראָפעסערס מינדסטן נאָגל? ער האָט דאָך מיך שיר ניט געקוילעט אָן אַ מעסער האָט ער דאָך מיך! גוט, דער אייבערשטער האָט אַזוי געפירט, ס'איז מיר אָפּגעראָטן, און וואָס וואָלט געווען, לעמאָשל, ווען כאָלילע פאַרקערט?.. האַ? וואָס זאָגט איר?..

אין וואגאָן ווערט א שטיקל סומאטאָכע, און מײַן ייִדל טוט זיך א וואָרף צום קאָנדוקטער:

— קאָדני?

— קאָדני.

— זײַט געזונט און פאָרט געזונט און זאָגט ניט קײנעם, מיט וועמען איך פאָר. איך וויל ניט, מע זאָל וויסן בא אונדז אין קאָדני, אז איך בין געקומען מיט א פּראָפעסער. מע וועט זיך צונויפלויפן!..

אזוי מאַכט צו מיר דאָס ייִדל בעסאָד־סוידעס און קוועטשט מיר די האַנט — און מער זע איך אים ניט.

ערשט אין א פּאָר מינוט ארום, ווען מיר האַלטן שוין בא פאָרן ווײַטער, דערזע איך דורכן פענצטער טרייסלט זיך א הינקענדיקער טאַראַנטאַס מיט א פּאָר אָפּגעבארעטע פארזאָרגטע גרויע פערדלעך, אין טאַראַנטאַס זיצט א קלײניטשקער, אַן אַלטיטשקער, מיט ברילן, מיט יונגע רויטע בעקלעך און מיט א גרוי בערדל. אקעגן אים, אין פאַעטאָן, זיצט מײַן ייִדל אָן א זײַט, הענגט ווי אף א פאָדעם, קוקט דעם אַלטיטשקן גלײַך אין די אויגן אַרײַן און העצקעט זיך, און דאָס פּאָנעם בא אים שײַנט, און די אויגן — אָט־אָט שפּרינגען זיי ארויס.

א שאָד, וואָס איך בין ניט קיין פאָטאָגראַף און פיר ניט מיט זיך קיין אפּאַראַט. עס וואָלט געווען א ווײַשער אראָפּצוכאַפּן פונעם ייִדל א פּאָרטרעט. לאָז די וועלט זען, וואָס הייסט א גליקלעכער מענטש — דער גליקלעכסטער מענטש אין קאָדני.

1909

א זעקס-אונ-זעכציק

דאָס האָט מיר דערציילט, פאָרנדיק אינ וואגאָנ, א ייִד פונ א יאָר זעכציק, ווײַזט אויס, א גאנצ לײַטישער מענטש, א קאָמיוואָיאזשאָר, ווי איכ, אונ עפשער אַלײנ א סויכער. איכ גיב איבער די מײַסע וואָרט פאר וואָרט, ווי איכ בינ מיכ נויהעג קעסיידער די לעצטע צײַט.

— אינ וועג, הערט איר, מע זאָל דארפנ ארויסקוקנ נאָר אפ דעמ, וואָס מע וועט זיכ באקענענ מיט פאסאזשירנ אונ מע וועט האָבנ מיט וועמענ צו פירנ א געשפּרעכ, — קאָנ מענ מעשוגע ווערנ.

ערשטנס, ניט אלע פאסאזשירנ זײַנענ גלײַכ. פאראנ אזעלכע, וואָס האָבנ ליב ריידנ גאָר א סאכ, אמאָל שוינ צופיל. אזוי, אז עס דרייט זיכ אײַכ אזש דער קאָפּ אונ עס קלינגט אײַכ אינ די

אויערן. און פאראן ווידער אזעלכע, וואָס ריידן גאָרניט. לאַכלוטן גאָרניט. פארוואָס זיי ווילן ניט ריידן — ווייסט איר ניט. עפשער איז זיי אָנגעזאָליעט אפן הארצן? עפשער ליַידן זיי שטילערהייט פון מאָגן־קאטאר, מאָרעשכוירע אָדער ציינווייטעק? און עפשער האָבן זיי זיך ארויסגעכאפט פון דער היים, פאָטער געוואָרן פון א גענעם, א ווייַב א צאָרע, שלעכטע קינדער, בייזע שכיינים, ביטע־רע געשעפטן — ווער קאָן וויסן, וואָס בא יענעם טוט זיך?

איך ווייס, איר וועט זאָגן, ס'איז דאָ אן אייצע: אז ס'איז ניטאָ מיט וועמען צו ריידן, לייענט מען א בלאט־צייַטונג, אָדער מע קוקט ארייַן אין א בוך. אך, א בלאט־צייַטונג! אין וועג איז ניט דאָס, וואָס אין דער היים. אין דער היים האָב איך מיר מייַן צייַטונג. מיט מייַן צייַטונג בין איך שוין אזוי געוווינט, ווי, לעמאָשל, מיט מייַנע שטעקשיך. אַנדערע שטעקשיך זייַנען עפ־שער נייַע, מייַנע זייַנען אלטע, מייַנע זייַנען אויסגעטראָטענע, האָבן א פּאָנעם, איך בעט אייַך איבער אייַער קאָוועד, ווי בלינעס. האָבן אָבער מייַנע שטעקשיך א מייַלע, וואָס אַנדערע האָבן עס ניט: זיי זייַנען מייַנע...

ווי מיט שטעקשיך, אזוי איז מיט, לעהאַוודל, א צייַטונג. איך האָב א שאָכן אין דער היים, וואָס וווינט מיט מיר אין איין הויף, אין איין הויז, אפ איין שטאָק, א טיר קעגן א טיר. שרייַבט ער אויס א צייַטונג, און איך שרייַב אויס א צייַטונג. ער — זייַן צייַ־טונג. איך — מייַן צייַטונג. זאָג איך צו אים איינמאָל: „דאַרפט איר אויסשרייַבן א באַזונדערע צייַטונג און איך א באַזונדערע צייַ־טונג — אמער, גיט מיר צושטייַער אפ מייַן צייַטונג, וועלן מיר ביידע אויסשרייַבן איין צייַטונג”. הערט ער מיך אויס און מאַכט צו מיר: „מאַכטייסע. זייער פייַן. גיט מיר צושטייַער אפ מייַן

ציַיטונג". זאָג איך: „אַיער ציַיטונג איז אַ שמאַטע, און מיַין ציַי־
טונג איז אַ ציַיטונג". זאָגט ער צו מיר: „ווער האָט איַיך געזאָגט,
אַז מיַין ציַיטונג איז אַ שמאַטע? טאָמער דאָס אייגענע פאַר־
קערט?" זאָג איך: „ווי קומט איר צו זיַין אַ מייוון אַף ציַיטונגען?"
זאָגט ער צו מיר: „ווי קומט א י ר צו זיַין אַ מייוון?" „ע! — זאָג
איך. — זיַיט איר דאָך פּראָסט אַ ייִד אַן אַזעספּאָנעמ, וואָס זשע
האָב איך מיט איַיך צו ריידן?"...

אַקיצער, ער איז געבליבן באַ זיַין ציַיטונג, איך — באַ מיַין
ציַיטונג. און ס'איז אַוועקגעגאַנגען אָט אַזוי אַ ציַיט.

וויַיהי האַיוים, טרעפט זיך אַ מיַיסע — דאָס איז געווען ביַיס,
ניט היַינט געדאַכט, די כאָליערע אין אָדעס. מיר ביידע, איך און
מיַין שאָכן, האָבן געשעפטן מיט אָדעס. ער האָט זיך זיַינע גע־
שעפטן, איך האָב מיר מיַינע געשעפטן. איינמאָל גייען מיר ביידע
פון די טרעפּ אַראָפּ און באַגעגענען דעם טרעגער, וואָס צעטראָגט
ציַיטונגען. אָפּגענומען באַם טרעגער די ציַיטונגען, ער זיַין ציַי־
טונג, איך מיַין ציַיטונג, גייען מיר זיך ביידע אַזוי און קוקן אַריַין
אין די ציַיטונגען. איך אין מיַין ציַיטונג, ער אין זיַין
ציַיטונג. וואָס ליינט מען אין אַ ציַיטונג פריִער פאַר
אַלץ? — די טעלעגראַמעס. איך גיב אַ קוק די ערשטע טעלעגראַמע
פון אָדעס: „נעכטן זיַינען קראַנק געוואָרן אַף כאָליערע 230, גע־
שטאָרבן 160. טאַלמאַטשאָוו האָט געשיקט רופן צו זיך די גאַבאָיִם
פון אַלע ייִדישע שולן..." און אַזוי וויַיטער. מיילע, טאַלמאַטשאָוו
מיט די גאַבאָיִם פון די ייִדישע שולן — בין איך אים מויכל. דאָס
איז באַ מיר קיין נײַס. דערופ איז ער טאַלמאַטשאָוו, ער זאָל זיך
אינטערעסירן מיט ייִדישע שולן. מיך אינטערעסירט נאָר די כאָ־
ליערע, וואָס אין אָדעס. רופ איך מיך אָן צו מיַין שאָכן

(יענער גייט מיט מיר אפ איין טראָטואַר, ווי קאָן מען זײַן אַזוי גראָב?):

— געפעלט אײַך, זאָג איך, אָדעס? שוין ווידער די כאָליערע.

רופט זיך אָפּ צו מיר מײַן שכן:

— סע קאָן ניט זײַן.

פאַרדריסט דאָס מיך: וואָס הייסט — „סע קאָן ניט זײַן"? און איך נעם און לייען אים איבער פון מײַן צײַטונג אַרויס די טעלעגראַמע פון אָדעס: „נעכטן זײַנען קראַנק געוואָרן אָפּ כאָליערע 230, געשטאָרבן 160. טאָלמאַטשאָוו האָט געשיקט רופן צו זיך די גאַבאָים פון די ייִדישע שולן..." און אַזוי ווײַטער. הערט ער מיך אויס, דער שכן מײַנער, און רופט זיך אָן צו מיר: „אָט וועלן מיר באַלד זען"... און שטעקט אַרײַן די נאָז אין זײַן צײַטונג. פאַרדריסט דאָס מיך שוין זייער שטאַרק און איך רוף מיך אָן צו אים:

— וואָס מיינט איר, אין אײַער צײַטונג זײַנען אַנדערע טעלעגראַמעס?

— מע קאָן ניט וויסן, — מאַכט ער צו מיר מיט אַ האַלבן מויל.

פאַרדריסט דאָס מיך מיסטאָמע נאָך שטאַרקער:

— אָדער וואָס רעכנט איר, זאָג איך, אין אײַער צײַטונג איז אַן אַנדער אָדעס, זאָג איך, מיט אַן אַנדער כאָליערע מיט אַן אַנדער טאָלמאַטשאָוו?

ענטפערט ער מיר שוין דערויף גאָרניט, נאָר ער הערט ניט אויף צו זוכן אין זײַן צײַטונג די טעלעגראַמע פון אָדעס. נו, גייט רעדט מיט אַ פּערעוואָראָט!

ניין. אונטערוועגנס איז פאַראַן אַ בעסערע זאַך אָפּ די צײַט צו פאַרטרײַבן: אַ קערטל. אַ זעקס־און־זעכציק.

קאָרטנ ביכלאַל — איז א יעיצערהאָרע. דאָס ווייסט איר דאָכ. נאָר אינ וועג זײַנענ קאָרטנ א גאנײדנ. אינ וואגאָנ, אז איר מאַכט א קערטל, ווייסט איר ניט, ווו די צײַט קומט אהינ. אוואדע דארפ מענ האָבנ דערצו די ריכטיקע קאָמפּאניע. וואָרעמ איר קאָנט אמאָל ארײַנפאלנ אינ אנ אומגליק. זאָל גאָט שוימער אומאצל זײַנ! איר דארפט אײַכ נאָר היטנ, איר זאָלט זיכ ניט ארײַנכאַפּנ צווישנ דער גוטער כעוורע קאָרטנשפּילער, וואָס כאַפּנ א פרײַער אונ מאַכנ אימ פּאר א קאָדעש. געווײנלעכ איז שווער צו דערקענענ, ווער ס'איז א פײַנער מענטש אונ ווער ס'איז א שוליער. אדעראבע, זײ זעענ אויס, מערסטנטײל, אָט די דאָזיקע כעוורעלײַט, ווי נעבעכ־לעכ, גאָט די נעשאָמע שולדיק, מאַכנ זיכ געפּײגערט, שפּילנ צווישנ זיכ „בלאָט", היצנ זיכ קלוימערשט באַמ פאַרשפּילנ, אזוי לאַנג, אזוי ברײט, ביז זײ שלעפּנ אײַכ ארײַנ אינ קאָנ. זײ גיבנ אײַכ די מעגלעכקײַט צו געווינענ אײנ מאָל אונ צוויי מאָל אונ דרײַ מאָל, אזוי לאַנג, אזוי ברײט, ביז די קאָרט „מאַכט לעמל" אונ איר הײבט אָנ צו פאַרשפּילנ — דעמאָלט זײַט איר שוינ א פאַרטיקער קאָרבנ. איר וועט שוינ ניט אוועקגײנ, זײַט זיכער, ביזוואנענ איר וועט זײ ניט פאַרשפּילנ דעמ זײגער מיט דער קײט מיט אלצ, וואָס האָט נאָר עפּעס א ווערט. איר פילט, אז איר האָט זיכ ארײַנגעכאַפּט צווישנ א באַנדע שוליערס, נאָר איר קריכט, ווי א שעפּעלע, גלײַכ צומ וואָלפ אינ די ציינ ארײַנ. אָ, איכ קענ זײ, די דאָזיקע לײַט; זײ קאָסטנ מיכ רעבע־געלט!.. איכ האָב פונ זײ צו דערציילנ מײַסעס, מיט מײַסעס, מיט מײַסעס, גאנצע פּעק מיט מײַסעס. מע פאָרט אינ וועג, הערט מענ זיכ אָנ.

לעמאָשל, איכ ווייס א מײַסע מיט א קאַסירער, וואָס האָט גע־פירט מיט זיכ פרעמד געלט — א היפּשע פּוטעקע, — זיכ אוועקגע־

זעצט מיט כעוורע און פארשפילט אד לעפאק, אזוי, אז ער האָט זיך געוואָלט פונ וואגאָנ ארויסוווארפנ.

הײַנט ווייס איך א מײַסע מיט א יונגנמאנטשיק, אנ אײדעמ פונ ווארשע, וואָס איז נאָרוואָס אראָפּ פונ קעסט, געפירט מיט זיך דאָס גאנצע ביסל נאדנ, און געפּאטערט ביז אייג גראָשנ, און געבליבנ כאלאָשעס אפנ אָרט.

און נאָך א מײַסע ווייס איך מיט א סטודענטל, וואָס איז געפאָרנ אפ יאָמטעוו אהיימ, אינ טשערניגאָווער גובערניע, געפירט מיט זיך עטלעכע קערבלעך, פארהאָרעוועטע נעבעכ מיטנ ביטערנ שווייס פונ זומערדיקע לעקציעס, און אינ דער היימ האָט ארויסגעקוקט אפ אימ אנ אלטע מאמע מיט א קראנקער שוועסטער נעבעכ...

ווי איר זעט, האָבנ די אלע מײַסעס קימאט אײנ אָנהייב מיט אײנ סאָפ, און קיינער איז אינ זיי ניט אזוי קלאָר, ווי איך. מיך וועט מענ שוינ אזוי גיך ניט אונטערפירנ, אָבער גאָר לוי! זיך איינמאָל אָפּגעבריט — גענוג... פאר א מײַל וועל איך אײַך די כעוורע דערקענענ, ווער ס'איז א פויגל און ווער ניט. בא מיר איז א פרינציפּ — מיט אומבאקאנטע מענטשנ שפּיל איך ניט אינ קיינ קאָרטנ. מע זאָל מיך גילטנ, וועל איך מיך אינ וועג ניט אוועקזעצנ מיט א קאָמפּאניע שפּילנ אינ קאָרטנ. סײַדנ אינצווייענ א זעקס-און-זעכציק. א זעקס-און-זעכציק — אָכ, מיטנ גרעסטנ קאָוועד! אינצווייענ א זעקס-און-זעכציק — איך בעט אײַך, וואָס קאָנ דאָ זײַנ פאר א געפאר? אוביפראט מיט מײַנע אייגענע קאָרטנ — פאר וועמענ האָב איך מוירע? איך פיר מיר טאָמעד מיט זיך מײַנע אייגענע קאָרטנ, ווי באמ ערלעכנ ייִדנ א טאלעס-און-טפילנ, אזוי איז בא מיר, לעהאוודל, א פעשל קאָרטנ.

איך בינ מיך מוידע: איך האָב ליב א זעקס-און-זעכציק. זעקס-

און־זעכציק איז א ייִדיש שפּיל. איך ווייס ניט, וויאַזוי איר — איך שפּיל מיט דער אַלטער מעטאָדע: מיט די צוואַנציק און מיט די פּערציק. דאָס נײַנטל בײַט. און אַז איך האָב אַ לעווי, מעג איך דעקן, און אַז איך האָב ניט קיין לעווי, טאָר איך ניט דעקן. אָנ־שטענדיק — וואָס? אַזוי שפּילן אַלע ייִדן. אַזוי שפּילן מיר אין דער היים, און אַזוי שפּיל איך אין וועג. איך, ווי איר קוקט מיך אָן, קאָן אײַך אַוועקזעצן זיך, אונטערוועגנס געוויינלעך, בײַ אַ זעקס־און־זעכציק — און אַוועקזיצן אַזוי אַ טאָג מיט אַ נאַכט און שפּילן, און גאָר ניט אויפהערן. איך האָב נאָר פֿײַנט, אַז מע שטייט מיר הינטער די פּלייצעס און מע קוקט מיר אַרײַן אין בלעטל, אָדער מע גיט מיר אייצעס, וויאַזוי איך זאָל גיין און צי איך זאָל דעקן, צי ניט... איך מוז אײַך אָבער דעם עמעס זאָגן, אַז אונדזערע ייִדן, גאָט זאָל מיך ניט שטראָפֿן, זײַנען אַ מיִעס פֿאָלק. אונטער ייִדן איז שווער צו שפּילן אין זעקס־און־זעכציק בײַ אַ געזעלשאַפֿט. באַלד ווערט איר אַרומגערינגלט פֿון אַלע זײַטן מיט אַרײַנקוקערס, וואָס אַלע זײַנען זיי אײַך מעווינים אַף אַ גאַנג און אַלע קאָנען זיי שפּילן אין זעקס־און־זעכציק. עס איז ניט אויסצו־באַהאַלטן זיך פֿון זיי. ניט אָפּצוטרײַבן זיך! ווי זומער פֿון די פֿליגן! וויפֿל איר זאָלט זיי ניט טרײַבן, וויפֿל איר זאָלט זיי ניט זידלען: „פֿעטער! ווער פֿרעגט אײַך אייצעס?" „רעב ייִד, ווער האָט געשיקט נאָך אײַך?" „רעב זײַט־זשע־מוחל! הענגט ניט איבער מײַן קאָפּ. עס שמעקט פֿון אײַך פּסאָמים!" — ווייס איך וואָס, ווי אין אַן אײַזערנע וואַנט!

פֿון איינעם אַזאַ באַל־אייצע האָבן מיר אַמאָל געכאַפּט, הערט איר, אַ פּסאַק, און נאָך גליקלעך אָפּגעשניטן. איך קאָן מיך ניט אײַנהאַלטן. איך מוז עס אײַך דערציילן.

דאָס איז געווען ווינטער־צײַט. אויך אונטערוועגנס. דער וואַגאָן איז געווען געפּאַקט. וואַרעם, ווי אין אַ באָד. ערטער — ווינציק. ייִדן — קיין אײַנאָרע, אַ סאַך, ווי שטערן אין הימל. קאָפּ אויף קאָפּ. ניטאָ ווו אַ שפּילקע דורכצוּוואַרפן. און דאָ האָט מיר גאָט צוגע־שיקט אַ פּאַרטנער אויף אַ זעקס־און־זעכציק. דאַפקע אַ ייִד אַ פּראָ־סטער און אַ שווײַגער, נאָר ער גייט אויס אַ זעקס־און־זעכציק, אַזוי ווי איך. מיר זוכן אַן אָרט, ווו די טאַליע קאָרטן אויסצולייגן — ניטאָ, כאָטש צי זיך אויס! וואָס טוט גאָט? אַקוראַט אַקעגן אונדז אויף דער צווייטער באַנק ליגט אויסגעצויגן אַ מאַנאַך אין אַ שמוי־סענעם פּעלץ מיטן פּאָנעם אַראָפּ און פּאָפּט, כראָפּעט, קיין אײַנאָרע, געשמאַק איבערן גאַנצן וואַגאָן. איך גיב אַ קוק אויף מײַן פּאַרטנער, מײַן פּאַרטנער — אויף מיר. גלײַך ווי מיר וואָלטן זיך אויפֿ־גערעדט. אַ מאַנאַך אַ פעטער, אַ גלאַטער, אַן אויסגעפּאַשעטער, מיט אַ פּעלץ אַ ווײַכן — אויף אים האָט גאָט אַליין געהייסן מאַכן אַ זעקס־און־זעכציק... און ניט לאַנג געטראַכט, לייגן מיר אויס די טאַליע קאָרטן באַם מאַנאַך אויפֿן ווי־הייסט־מען־דאָס, און מע שפּילט.

אַזוי ווי הײַנט געדענק איך עס — טרומף איז געווען פּיק. איך האָב אויבער, מאַלקע, מײַלעך יאַמטעוו, אַס טרעף, קיניג שערל. די זעקסטע קאָרט... האַ? די זעקסטע קאָרט האָב איך שוין פֿאַרגעסן: אונטער־הערצ אָדער אויבער־הערצ? מיר דאַכט, אַז אונטער־הערצ. און עפּשער טאַקע אויבער־הערצ? נאָר ס'איז שוין ניט קיין נאַפקע־מינע. דעריקער — איך האָב געהאַט אין דער האַנט אַ שפּיל — ווי זאָגט איר, אַ שפּיל פֿון גאָט: די עמעסע פּערציק, קאַשערע דרײַ־אויגן! די פֿראַגע איז נאָר: מיט וואָס, לעמאַשל, וועט מײַן פּאַרטנער אַרויסגיין? ער זאָל וועלן גיין מיט טרעף, טראַכט איך מיר,

וואָלט ער געווען א ייִד א כאָכעם. אײַ, וואָלט איך אים ליב געהאַט!..

און קאַכאווע. מײַן פּאַרטנער טראַכט און טראַכט (ריבוינעשע־לוילעם! וואָס וועט ער דאָ אויסטראַכטן?) — און נעמט און גייט ארוים מיסטאמע אקוראַט מיט א צענטל טרעף! קושן דאַרף מען אים! איז אָבער בא מיר א טעווע, הערט איר, אַז איך שפּיל אין זעקס־און־זעכציק, האָב איך פײַנט, ווי אנדערע, היצן זיך. פּאוואָליע, געלאַסן. איך האָב צײַט. פּאַרקערט, איך האָב ליב א ביסל אָנשפּילן זיך. איך רײַב מיר דעם שטערן, מאַך קלוימערשט א קרומ פּאָנעם. וואָס אַרט עס מיך? לאָז מײַן פּאַרטנער האָבן א כײַעשאָ. לאָז ער מיינען, אַז איך בין אָפּ צאָרעס... גייט זײַט א נאָווי, אַז הינטער די פּלייצעס בא מיר שטייט א יידל, שטיינ זאָל ער אײַך פּראָווצעס, און קוקט מיר אַרײַן אין בלעטל — ארוים זאָלן אים די אויגן! דערזען דאָס צענטל טרעף, רײַסט ער אויס בא מיר פון די הענט דאָס אס טרעף, שלאָגט דאָס צענטל, דערלאַנגט א זעץ מיט דער האַנט איבער דער טאַליע קאָרטן, וואָס באַמ מאָנאַך אָפּן פּעלץ, און לאָזט ארויס א געשריי:

— ס'איז געדעקט!!!

. . . .

מיט קיין צען וואַסערן האָב איך זיך ניט געקאָנט אָפּוואַשן פונעם דאָזיקן מאָנאַך. די זידלערײַען מיט די קלאָלעס, וואָס ער האָט אויסגעשאָטן, זאָלן פאַלן אָפּ זײַן קאָפּ. ער האָט אינדז געסטראַשעט, אַז אָפּ דער ערשטער סטאַנציע קריכט ער אַראָפּ און קלאַפּט אַוועק א דעפּעש גלײַך צו פּורישקעוויטשן... נו? קאָן מען לעבן אָפּ דער וועלט?

נאָר ניט דאָס איז דער איקער האַמײַסע. איך האָב אײַך נאָר געוואָלט אויספירן, בעדרעכ־אגעוו, וואָס מע שטייט זיך אוים אין וועג צוליב א זעקס־און־זעכציק, אויב מע איז א ליבהאָבער, ווי איך, לעמאָשל. די רעכטע מײַסע, וואָס איך וויל אײַך דערציילן, הייבט זיך ערשט אָן. איר מעגט עס האָרכן.

געווען איז דאָס אויך ווינטער, פונקט אין דער צײַט, דאָס הייסט כאנעקע־צײַט, און אויך אין וואַגאָן. געפאָרן בין איך קיין אָדעס און געפירט מיט זיך געלט, א היפּשע סומע — מיר ביידע מעגן עס פאַרדינען אַלע כוידעש. בא מיר איז א פּרינציפּ: אַז איך פיר מיט זיך געלט — שלאָף איך ניט. איך האָב טאַקע ניט מוירע פאַר גאַנאָווים, וואָרעם איך, אַז איך פיר מיט זיך געלט, האַלט איך עס — זעט איר וווּ? — אָט דאָ, אין בוזעם־קעשענע, אין א גוטן טײַסטער, פאַרבונדן מיט צוויי בענדלעך. א מאַקע וועט א גאַנעוו צוקומען! נאָר גאָרניט. הײַנטיקע צײַטן — כוליגאַנעס, עקספּראָ־פּריאַציעס... א קאַשע אַף א מײַסע... זיצ איך מיר אַזוי, הייסט עס, איינער אַליין. דאָס הייסט, ניט איינער אַליין. עס פאָרן נאָך פּאַסאַזשירן, נאָר ניט קיין יידן. וואָס האָב איך פון זיי? ניטאָ מיט וועמען צו מאַכן א זעקס־און־זעכציק. דערווײַל, אַזוי ווי איך זיצ מיר פאַרזאָרגט און בענק נאָך א יידן, עפנט זיך די טיר פון אונדזער וואַגאָן — דאָס איז געווען גוטע עטלעכע סטאַנציעס ביז אָדעס — און עס קומען ניט אַרײַן צוויי פּאַסאַזשירן? און דאַפקע אַכיינו בניי יִסראָעל. איך דערקען א יידן באַלד, ער מעג אײַך גיין אָנגעטאָן ווי אַכצן פּאָניעס און מעג מיט אײַך ריידן ניט נאָר אַף רוסיש, אַפילע אַף טערקיש. די צוויי פּאַסאַזשירן זײַנען געווען איינער אַן עלטערער, דער אַנדערער א יינגערער, און ביידע אָנ־געטאָן אין פײַנע פעלצלעך, מיט פײַנע היטלען, אָבער טאַקע וואָס

פֿײַנ הייסט! אַװעקגעשטעלט די טשעמאָדאַנעס, אויסגעטאָנ די פּעלצלעך, אַראָפּגענומענ די היטלענ, פֿאַררייכערט צו פּאַפּיראָסנ, מיר אויך געגעבנ א פּאַפּיראָס — אונ מע רעדט. פֿריִער, געװיינלעך, רעדט מענ בעלאָשנ יעװאָנים, דערנאָך ייִדיש. „פֿונװאַנעט איז א ייִד? װוּהינ פֿאָרט איר?" — „װוּהינ פֿאָרט א י ר?" — „קיינ אָדעס". — „קיינ אָדעס? איך פֿאָר דאָך אויך קיינ אָדעס". — „פֿאָרנ מיר, הייסט עס, אַלע דרײַ קיינ אָדעס". אַהינ־אַהער, מע האָט זיך צערעדט. „װייסט איר, װאָס פֿאַר א יאָמטעװ בא אונדז איז הײַנט?" — „דערהײַנטע?" — „איר האָט פֿאַרגעסנ? כאַנעקע!" — „אוי, כאַנעקע? כאַנעקע איז דאָך א מיצװע צו מאַכנ א קערטל! א זעקס־און־זעכציק!" — „גערעכט!" — כאַפּט זיך אויף דער יונגערמאַנ אונ ציט אַרויס פֿונעמ אַלטנס קעשענע א טאַליע אונ רופֿט זיך אָנ צומ עלטערנ: „פּאַפּאַ! לעקאָװעד כאַנעקע א זעקס־און־זעכציק?"...

די מאַשמאָעס — א טאַטע מיט א זונ. טשיקאַװע צו זענ, װי א זונ שפּילט מיט א טאַטנ אינ זעקס־און־זעכציק. איך װאָלט אַפֿילע א באַלנ געװענ אַלײנ מאַכנ א זעקס־און־זעכציק, נאָר דעמ יעיצער־האָרע נאָכגעבנ, װי זאָגט איר, טאָר מענ ניט. מיר װעלנ זיך באַנוגענענ דערמיט, װאָס מיר װעלנ קוקנ, װי יענער שפּילט...

איבערגעקערט א טשעמאָדאַנ, אַװעקגעשטעלט צװישנ די פֿיס — מע װאַרפֿט אויס קאָרטנ. דער טאַטע איז ערשטע האַנט, דער זונ צװייטע האַנט, אונ מע שפּילט אינ זעקס־און־זעכציק. איך זיץ בא דער זײַט אונ קוק אַרײַנ צומ אַלטנ. טוט מיך דער אַלטער א פֿרעג פֿאַרבײַגײענדיק, אויב מיר איז באַקאַנט דאָס שפּיל פֿונ זעקס־און־זעכציק? צעלאַך איך מיך מינאַסטאַמ: א שיינע מײַסע, נאָר א קורצע. איך בינ אַלײנ דער מעכאַבער פֿונ זעקס־און־זעכציק, פֿרעגנ זיי מיך, אויב איך שפּיל אינ זעקס־און־זעכציק! אונ איך זיץ מיר

אזוי מיך האצאד און קוק, ווי די צוויי, דער טאטע מיטן זון, שפּילן אין זעקס־און־זעכציק. און איך בין שטאַרקער פון אײַזן: דער אַלטער הינערפרעסער מאכט געוויינלעך גענג, אז מע קאָן שטאַרבן. שטעלט אײַך פאָר: א מענטש האָט אין דער האנט צוויי מאָל טרומף מיטן נײַנטל, צוויי שטאַרקע פּיק מיט איין מאָל טרעף, — גיי זשע אָפּ מיטן טרעפל, וועסטו צוקויפן נאָכאמאָל טרומף צו א פערציק און עפּשער קאָנען דעקן? ניין! אמער, גייט ער בעסער מיטן יונגערן פּיק און בלײַבט שטיין, ווי א ליימענער גוילעם, מיט א נאַקעט צענטל פּיק! נעמט דאָך מיסטאמע דער זון, די צירונג, און דעקט, און גייט ארויס צו אים פריִער מיט איין מאָל יאָמטעוו, נאָכאמאָל יאָמטעוו, ווי גאָט האָט געבאָטן. ציט אָפּ דאָס צענטל פּיק, דעקט אוף א צוואנציק — און א גוטן טאָג מיט דער קאַפּאָטע. דרײַ אויגן, ווי די בעכער!

דאָס איז געווען איינמאָל א גאנג.

דאָס אנדערע מאָל איז געווען נאָך ערגער. טאקע הימלשרײַענד! הערט א מײַסע: א ייִד האָט זײַנע אייגנס זעקס אויגן. עס פעלט אים סאַכאַקל איין אויג. און דער פּאַרטנער, דער זון, הייסט עס, האָט ערשט צוויי. אין האנט איז באַם אַלטן טערעך אזוי גרויס ווי דרײַ מאָל טרומף מיט צוואנציק. כאַפּט ער און דעקט צו און גייט ניט אַפּרופן יאָמטעוו. ניין. ער זאָגט בעסער צוואנציק. גייט דער פּאַרטנער, דער זון הייסט עס, און ציט אָפּ בא אים דעם צוואנציק מיט א טרומף און מיט נאָך א קאָרט און זאָגט אליין צוואנציק — און פאַרטיק מיט דרײַ אויגן! טוט עס מיך א טראָג־אוף: א ווייסטער, א פינצטערער כאַנעקע!.. ניין, איך קאָן שוין מער ניט צוזען. „האָט קיין פאַריבל ניט, זאָג איך צום אַלטן גאַנאַמניק, בא מיר איז א פּרינציפּ ניט ארײַנמישן זיך בײַם יענער שפּילט. נאָר איך וואָלט

א באלן זײַן װיסן, מאכט מיך קלאָר, װאָס איז דער סייכל, װאָס איר האָט געדעקט? נײן, זאָגט מיר, איך בעט אײַך, װאָס פאר א רעכענונג האָט איר דאָ געהאט? מימאָנעפשעך: האָט אײַער פארט־נער שראגע, זײַט איר דאָך אװאדע אין דער הײם. עלע װאָס דען? טאָמער האָט ער גאָלד? געזונטערהײט! מיט װאָס ריזיקירט איר דאָ? מיט אײן אויג, בײם איר האָט זעקס און יענער צװײ? מע דארף דאָך זײַן ערגער װי געשמאדט!"... ענטפערט ער מיר ניט דאָס צװײטע װאָרט, דער אלטער קעלעװ, נאָר דער זון, דער קאדעש, שמײכלט: „דער פאפא, זאָגט ער, שפילט שװאך, שװאך. דער פא־פא, זאָגט ער, קאָן ניט שפילן אין זעקס־און־זעכציק". „אײַער פאפא, זאָג איך, טאָר ניט שפילן אין זעקס־און־זעכציק. אין זעקס־און־זעכציק, זאָג איך, לאָזט מיך!" װײל אָבער דער אלטער הונט ניט אָפטרעטן בעשומויפן און שפילט װײַטער, און מאכט אזעלכע גענג, אז מע קאָן באקומען די אפּאָפּלעקציע! קוים מיט צאָרעס האָב איך מיך אײַנגעבעטן, דער אלטער שמאָראװידלעק זאָל מיר איבערגעבן די האנט מער ניט אף צװײ־דרײַ פארטיעס. „לעקאָװעד כאנעקע, זאָג איך, לאָזט מיך אויך פארדינען א מיצװע"...

„װי טײַער שפילן מיר"? — מאכט צו מיר דער קאדעש. — „װי טײַער איר װילט". — „צו אײנערלעך?" — „לאָז זײַן צו אײ־נערלעך, נאָר מיט א טנײַ, זאָג איך אין א לעצאָנעם, דער פאפא אײַערער זאָל אײַך ניט ארײַנקוקן, זאָג איך, אין בלאט ארײַן און זאָל אײַך כאָלילע ניט געבן קײן אײצעס"... װערט א געלעכטער, און מיר הײבן אָן שפילן. אײן פארטיע, די אנדערע, די דריטע. עס גײט מיר, קײן אײַנאָרע, דורך טיר און דורך טויער. מײַן פארטנער הײבט זיך אָן צו היצן. ער װיל, זאָגט ער, שטעלן צװײ

מאָל אזויפיל. ווילסט צוויי מאָל, לאָז זײַנ צוויי מאָל אזויפיל. ווערט ער מיסטאָמע באַגראָבנ צוויי מאָל אזויפיל אונ היצט זיכ נאָכ מער. ער וויל, זאָגט ער, פיר מאָל אזויפיל. ווילסט פיר מאָל, לאָז זײַנ פיר מאָל אזויפיל. אונ ער ווערט ווידער באַגראָבנ. ווערט ער שוינ גוט אינ קאַס: ער וויל, זאָגט ער, אפ א כאָפּהייער. שטעלט זיכ אוועק דער אַלטער צאַדיק, דער פּאָטער הייסט עס: ער וועט ניט דערלאָזנ! הערט ער אים אָבער, דער טאַכשעט, אינ טראָק, אונ עס גייט בא אונדז אפ א כאָפּהייער — אונ ער פאַרשפּילט. ווערט דער אַלטער טאַנע בייז, הייבט זיכ אופ אונ זעצט זיכ אָבער באַלד צוריק אַוועק, קוקט מיר אַרײַנ אינ די קאָרטנ, זינגט בייסמײַסע אונטער אונ שמאָרעט צו מיט דער נאָז — אונ מײַנ פּאַרטנער ברענט, ווי אפ פּאָקנ. וואָס מער ער פאַרשפּילט, מער היצט ער זיכ. וואָס מער ער היצט זיכ, מער פאַרשפּילט ער. דער אַלטער אינדיק איז אויסער זיכ! ער בייזערט זיכ, זידלט זיכ, קוקט אַרײַנ צו מיר אינ די קאָרטנ. זינגט אונטער אונ שמאָרעט צו מיט דער נאָז. אונ דער זונ, די צאַצקע, א קאָנ נאָכ א קאָנ, ער ברענט, ווי א שטרויענער דאַכ. „זאָל איכ שלעכטס האָבנ, — זאָגט צו אים דער פּאָטער, — אויב דו וועסט ווײַטער שפּילנ!” „פּאַפּאַ! — בעט זיכ בא אים דער זונ. — מער ניט, אז נאָכ איינ קאָנ. אניט זאָל איכ ניט דערלעבנ אופּשטיינ פונ דעמ אָרט!” „מער ניט, אז איינ קאָנ, זאָג איכ צום אַלטנ פּאָקערלאָ, וואָס וועט אײַכ אַרנ?”..

אקלאַל, מע גיט קאָרטנ — דאַנקענ גאָט, ער האָט געוווּנענ. איכ בינ שוינ אַליינ אויכ צופרידנ, וואָס ער האָט געוווּנענ. וויל ער, אָבער, זאָגט ער, נאָכ א קאָנ. נאַרישקײַטנ. מע קאָנ דאָכ ניט זײַנ אזוי גראָב, ביים יענער האָט זיכ אזוי פאַרשפּילט. נאָכ דעמ קאָנ — נאָכ א קאָנ, אונ נאָכ א קאָנ, אונ נאָכ א קאָנ. וואָס טויג

אײַך, עס האָט זיך איבערגעדרייט דאָס רעדל אינגאַנצן אויף זײַן זײַט. „נו? — רופֿ איך מיך אָן צום אַלטן האָמען. — פּאַרוואָס בייזערט איר זיך איצטער ניט אויף אײַער קאַדעש?" „איך וועל אים שוין אין דער הײם, זאָגט ער, געבן אַ ווײסטן סאָף. ער וועט מיך האָבן צו געדענקען!"

אַזוי זאָגט דער אַלטער געגנוו און הערט ניט אויף צו קוקן מיר אין די קאָרטן אַרײַן און אונטערזינגען און אונטערהוסטן און צו־שמאָרען מיט דער נאָז. מיר איז באַלד ניט געפֿעלן זײַן אַרײַנקוקן צו מיר אין בלאַט און זײַן זינגען מיט זײַן הוסטן מיט זײַן שמאָ־רען מיט דער נאָז. נאָך קאָלזמאַן מיר איז געגאַנגען דאָס קערטל, האָב איך מיך מעיאַשעוו געווען: „זינג, הוסט, שמאָרע מיט דער נאָז"... איצט, אַז עס האָט אָנגעהויבן גיין צוריק, איז מיר אַרײַן אַ געדאַנק, איך זאָל מיך צוהערן צו זײַן זינגען מיט זײַן הוסטן מיט זײַן שמאָרען מיט דער נאָז, צי שטעקט דאָ ניט דרינען אַקאָרשט אַ שמאַד־שטיק? דערווײַל גיט מען קאָרטן. אַ פּאַרטיע נאָך אַ פּאַרטיע — שלעכט! איך האַלט אין איין פֿאַרשפּילן. איך גיי אַלעמאָל אָפּ אָן אַ זײַט, בינד אויף די זײַט־קעשענע, צי אַרויס אַ הונדערטער נאָך אַ הונדערטער. עס האַלט שוין שמאָל. עס טאָגט! פּלוצעם נעמט מיך אָן דער אַלטער באַנדיט בײַ דער האַנט: „זאָל איך שלעכטס האָבן, זאָגט ער, אויב איך וועל אײַך לאָזן שפּילן, זאָגט ער; ס'איז בײַ אײַך דער לעצטער הונדערטער". ווער איך מיסטאַמע אופֿגעבראַכט: „פֿונוואַנען ווייסט איר, אַז ס'איז בײַ מיר דער לעצטער הונדערטער?" — און אים אָפּצעלאָכעס שטעל איך אַוועק דעם גאַנצן הונדערטער.

ערשט דעמאָלט, אַז איך האָב מיך אינגאַנצן אויסגעלײדיקט און איך האָב מיך געגעבן אַ כאַפּ, אַז איך בין נאַקעט, ריין ווי אַ טעלער

און נאקעט ווי די מאמע האָט מיך געהאט, און ס'איז שוין ניט געווען מער וואָס צו שטעלן אין קאָן, און מײַן פּארטנער האָט גענומען פארשפיליען זיך אף אלע קנעפּלעך און די בעקלעך האָבן אים געפלאמט — ערשט דעמלט האָב איך גענומען ארומקוקן זיך, וו' בין איך אף דער וועלט? עפּעס האָט מיר חאָס הארץ געזאָגט, אז איך האָב מיך ארײַנגעכאַפּט אין דער טומע, אז איך בין ארײַן אין א נעץ... עס האָט מיר אָנגעהויבן אויסווײַזן, אז דער טאטע איז ניט קיין טאטע און דער זון איז ניט קיין זון... מיר איז ניט געפעלן זייער קוקן, וואָס זיי האָבן זיך איבערגעקוקט, מיטן אופ־שטיין פונעם זון און אוועקגיין אף א זײַט און מיטן נאָכגיין פו־נעם טאטן. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז דער אלטער האָט עפּעס א זאָג געגעבן דעם יונגן, און איך וואָלט געמעגט שווערן, אז דער יונגער האָט עפּעס ארײַנגערוקט דעם אלטן אין יאַד ארײַן...

דער ערשטער געדאנק איז בא מיר געווען: „עפּשער זיך ארויסוואָרפן דורכן פענצטער?"... נאָכדעם האָב איך מיר געזאָגט: „...ניין, א מעסער זיי ביידן איבערן האלדז, אָדער א פּיסטויל זיי אין הארצן ארײַן, אָדער גלאט אָנפאלן אף זיי, כאַפּן פארן גאָרגל און נעמען ווארגן, ווארגן!"... נאָר גיי מאך, אז איך בין איינער און זיי זײַנען צוויי. און דערווײַל דער צוג לויפט. די רעדער קלאַפּן. דער קאָפּ דרייט זיך. אין הארצן ברענט א פײַער... וואָס וועט זײַן? אָט־אָט, אקאָרשט ווי מע זעט ניט, זײַנען מיר אין אָדעס. וואָס וועל איך טאָן? וווהין וועל איך גיין? וואָס וועל איך זאָגן?.. איך טו א קוק — מײַנע בעוורעלײַט נעמען זיך צו די טשעמאָדאנעס. „ווו זײַנען מיר?" „אין א שטאָט, מאכן זיי צו מיר, וואָס זי הייסט אָדעס". איך טו מיך א כאַפּ צו דער קעשענע —

איך האָב דאָך ניט אפילו מיט וואָס דעם טרעגער צו באַצאָלן! עס
באַשלאָגט מיך אַ קאַלטער שווייס. עס שטייען באַ מיר טרערן אין
די אויגן. די הענט טרייסלען זיך מיר. איך גיי צו צום אַלטן קאַ־
צעוו: „איך האָב, זאָג איך, צו אײַך אַ באַקאָשע... כאָטש איין
פינף־און־צוואַנציקער”... „וואָס זאָגט איר מיר? זאָגט אים”. —
מאַכט צו מיר דער אַלטער גאַזלען און ווײַזט מיר אָן אויפן יונגן.
דער יונגער זשוליק דרייט זיך די וואָנצעס, מאַכט זיך, ווי ער הערט
ניט. דער לאָקאָמאָטיוו פײַפט. סטאָפּ — מיר זײַנען שוין אין
אָדעס. דער ערשטער, וואָס איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון וואַגאָן —
דאַרפֿט איר שוין אַליין פֿאַרשטיין, אַז דאָס בין געווען איך. און אַ
גוואַלד האָט געמאַכט אויך ניט קיין אַנדערער. מיט די לעצטע קוי־
כעס האָב איך גענומען שרײַען: „זשאַנדאַר! זשאַנדאַר!”... און
עס האָט ניט פֿיל גענומען, און עס איז אויסגעוואַקסן אַ זשאַנדאַר
און נאָך אַ זשאַנדאַר, און נאָך צוויי זשאַנדאַרן, און נאָך דרײַ
זשאַנדאַרן... נאָר ביז עפּעס־וואָס, איז שוין דער יינגערער
ימאַכשמוינוק נעלעם געוואָרן. געבליבן איז נאָר דער אַלטער מע־
כושעלעב, וועלכן איך האַלט צו בײַ דער האַנט שטאַרק־שטאַרק, ער
זאָל ניט אַנטלויפֿן. וואָס טויג אײַך, ס'איז געוואָרן אַפֿן וואָקזאַל אַ
צונויפֿלויף פֿון מענטשן, ערדטרעטעניש! און מע האָט אונדז
אַרײַנגעבעטן ביידן אין אַ באַזונדער בײַדער אַרײַן. דאָרט האָב
איך דערציילט די גאַנצע מעשׂה פֿון אלעף ביז טאָוו. ניט געזשאַ־
לעוועט אַ טרער, אויסגעגאָסן מײַן גאַנץ ביטער האַרץ. מײַן גע־
שיכטע, ווײַזט אויס, האָט זיי רעכט אָנגענומען באַם האַרצן, וואָ־
רעם מע האָט זיך באַלד אַ נעם געטאָן צום אַלטן קישעפּמאַכער, ער
זאָל אופּדעקן דעם גאַנצן ענין. לאָזט זיך אויס, אַז וועד־וואָס? ער
ווייסט ניט פֿון וואָס צו זאָגן. פֿרעגט מען אים בעכיידעם: וואָסערע

לאָקשנ? וואָסערע זעקס־אונ־זעכציק? וואָסערע קאָרטנ? .וואָסער זונ? ער האָט גאָר ניט קיינ זונ. גאָר ניט געהאט קיינמאָל. „אָט דער מענטש איז געווירט"...— אזוי מאכט דער אלטער מאמזער אונ ווייזט אפנ קאָפּ, אז איכ בינ א קראנקער. „אזא מיַיסע? — זאָג איכ.— זאָל מענ אימ נאָר גוט באזוכנ!" אונ מע נעמט אימ אונ מע טוט אימ אויס, איכ בעט איבער אייער קאָוועד, ביזנ העמד — ניט קיינ קאָרטנ, ניט קיינ געלט, סאכאקל פארמאָגט ער ארומ אונ ארומ צוויי אונ צוואנציק מיט זיבעציק, אונ אליינ זעט ער אויס אזא נעבעכ, אזא קאָשערע זאכ, אז איכ הייב אָנ איבערצוטראכטנ, עפשער בינ איכ טאקע ניט בא אלע געדאנקענ? עפשער האָט זיכ מיר געכאָלעמט, אז דאָס איז א טאטע מיט א זונ אונ אז איכ האָב געשפילט מיט זיי אינ זעקס־אונ־זעכציק, אונ אז איכ האָב פארשפילט א פארמעגנ?.. וואָס איז געוועז דער סאָפּ? — פרעגט גאָר ניט. לאָמיר בעסער צעשלאָגנ זיכ די געדאנקענ, מאכנ אינצווייענ א זעקס־אונ־זעכציק לעקאָוועד באנעקע...

אזוי לאָזט אויס דער פארשוינ, וואָס זעט אויס א ליַיטישער מענטש צו זיַינ, א קאָמיוואָיאזשאָר, אזוי ווי איכ, אונ עפשער אליינ א סויכער. אונ עס וואקסט אויס בא אימ אינ די הענט א טאליע קאָרטנ, אונ ער וואַרפט אויס, ווער עס זאָל זיַינ ערשט — „ווי טיַיער שפּילנ מיר?"...

איכ קוק אפ מיַינ פארשוינ, ווי ער וואַרפט די קאָרטנ עפּעס צו קונציק, צו גלאַט אונ צו גיכ. צו וויַיסע הענט בא אימ. צו וויַיסע אונ צו ווייכע. אונ עס פליט מיר דורכ אינ קאָפּ א מיַיסע מאכשאָווע...

— מיט פארגעניגנ, זאָג איכ, וואָלט איכ מיט איַיכ געמאכט א זעקס־אונ־זעכציק לעקאָוועד באנעקע, נאָר איכ ווייס ניט, זאָג איכ,

מיט וואָס מע עסט דאָס. וואָס הייסט עס, זאָג איך, איינגנטלעך, ז ע ק ס - א ו ן - ז ע כ צ י ק?..

מײַנ פאַרשוינ האָט מיר געגעבנ א קוק־אַרײַנ אינ די אויגנ מיט קוימ־קוימ א שמייכעלע אפ די ליפּנ, און שטיל, מיט א גרינגנ זיפּצ, אראָפּגעלאָזט די קאָרטנ צוריק אינ קעשענע.

אפ דער ערשטער סטאַנציע האָט ער ניט געסטײַעט אונטער די הענט. איך בינ א באַלנ געוועזנ אויסגייענ נאָכדעמ אַלע וואַגאָנעס צוויי מאָל הינ און צוריק — עס איז פונ אימ קיינ זייכער ניט געבליבנ.

1910

ניטאָ קיינ מאזל!

אַ־יר רעדט פונ גאנאָווימ? — רופט זיכ אָנ איינער אנ אָפּ־עפּוצטער פּארשוינ מיט א רענצל אינ האנט, וואָס ער היט עס, ווי דאָס שווארצאַפּל פונעמ אויג (דאָס איז געווענ באנאכט אינ וואָקזאל צווייטער קלאס; מיר זײַנענ געזעסנ זאלבעדריט אונ גע־ווארט אפנ קוריער, וואָס האָט פּארשפּעטיקט אפ א שעה מיט א פערטל, אונ גערעדט פונ גאנאָווימ אונ גנייווס).— פונ גאנאָווימ רעדט איר? גאנאָווימ לאָזט מיכ. ווי האָט איר אפ דער וועלט נאָכ אזויפיל גנייווס, ווי אינ אונדזער בראנזשע? א קלייניקייט, ברי־ליאנטנ? דער יעיצערהאָרע פונ בריליאנטנ איז אזוי גרויס, אז צווישנ די קוינימ גופע זײַנענ פאראנ גאנאָווימ. אונ ניט אזוי נאָכ צווישנ די קוינימ, ווי צווישנ די קוינעטעס, צווישנ די דאמענ. מיר קוקנ אפ יעדע דאמע, וואָס מיר קענענ זי ניט, מיט זיבנ אונ זיבעציק אויגנ.

און ניט אזוי גיך גאנוועט מען בא א יוּוועליר סכוירע. איך קאָן מיך בארימען, אז זינט איך בין א סויכער און האנדל מיט בריליאַנטן, האָט מען מיך נאָך קיינמאָל ניט באגאנוועט. נאָר אז ס'איז באשערט אן אומגליק, ווערט איר הערן וואָס סע קאָן זיך טרעפן.

איך אַליין בין סאַכאַקל ניט קיין יוּוועליר. דאָס הייסט א יוּוועליר בין איך, נאָר איך פארנעם מיך ניט מיט יוּוועלירערײַ, איך בין ניט מער ווי א סויכער, וואָס האנדלט מיט בריליאַנטן. איך קויף און פארקויף בריליאַנטן, צומיינסטן אנגראָ, און צומיינסטן אין דער פרעמד, אף די יארידן, אָדער אזוי, אז עס מאכט זיך ערגעץ א קוינע, נעם איך מיר מײַן רענצל, אָט דאָס־אָ, אין האנט, זעץ מיך אף דער באן און פאָר.

דערווײַל טרעפט זיך א מײַסע, איך ווער געוואָר, אז אין יעהופעץ איז דאָ א גוויר, מאכט ער כאסענע א טאָכטער. באדארף ער דאָך מיסטאמע בריליאַנטן. איז אפילע, אז מע וויל שמועסן צוריק, איז אין יעהופעץ אויך פאראן גענוג יוּוועלירן, עפשער מער, ווי מע דארף. נאָר איינס צום אנדערן קער זיך ניט אָן. עס מעג זיך זײַן אכצן טויזנט יוּוועלירן, איר גיט מיר נאָר אהער א קוינע, וועל איך שוין ווײַזן, ווער ס'וועט לייזן געלט, איך צי זיי. פארקויפן בריליאַנטן איז א מעלאָכע, וואָס מע דארף קענען. מע דארף וויסן, וואָס צו ווײַזן, און ווי צו ווײַזן, און וועמען צו ווײַזן. איך דארף מיך פאר אײַך ניט ארויסשטעלן, און בעסאַכאַקל האָב איך פײַנט בארימערײַ. נאָר אז איר ווערט א רעד טאָן וועגן מיר מיט יוּוועלירן, וועלן זיי אײַך אַלע זאָגן, אז מיט מיר קאָנקורירן איז ניט גרינג. דאָרט, וווּ אן אנדערער וועט לייזן א הונדערטער, וועל איך לייזן דרײַ. איך קען די מעלאָכע.

אקלאל, פאָר איך, הייסט עס, קיין יעהופּעץ. מיטגענומען האָב
איך מיט זיך, לאָז זיך אײַך דאכטן, א היפּש ביסל סכוירע, לאָמיר
דאָס אלע פארמאָגן, וואָס ס'האָט אָנגעטראָפן, כאָטש ס'איז אַרײַן
אין אָט דעם דאָזיקן רענצל. און איך האָב מיך אוועקגעזעצט און
זיץ. פארשטייט זיך, אז זיצן זיץ איך אָנגעשפּארט הארט אַף מײַן
רענצל, טרעט ניט אָפּ פון אָרט. און פון שלאָפן איז שוין אָפּגערעדט.
אז מע פאָרט מיט סכוירע, שלאָפט מען ניט. מיט יעדן נײַעם פאַ־
שוין, וואָס קומט אַרײַן אין וואַגאָן אַרײַן, רײַסט זיך מיר אָפּ אין
הארצן: עפּשער איז דאָס א גאנעוו? אַף דער נאָז שטייט ניט אויפ־
געשריבן בא קיינעם.

גאָט האָט געהאָלפן, אָפּגעפאָרן א טאָג מיט א נאכט, ניט געגעסן,
ניט געשלאָפן, געקומען קיין יעהופּעץ צום גוויר, ארויס מיט דער
קראָם, גערעדט, גערעדט, זיך אָנגערעדט, ווי א פּויק, און, ווי דער
שטייגער איז, געלייזט א מאקע, ניט קיין געלט.

די גווירים, איך וויל אַף זיי קיין שלעכטס ניט ריידן, נאָר עס
מעג אַף זיי קומען א גוטע כאָליערע. זיי קאָכן אויס דאָס וואסער.
קוקן אָן, טאַפּן איבערן יעדן ארטיקל, שפּיגלען זיך, צאצקען זיך,
און קומט צו עפּעס — א נעכטיקער טאָג. מילע, וואָס זאָל מען טאָן?
יאָ געלייזט, ניט געלייזט, מע דארף לויפן ווײַטער. טאָמער ווייסט
איר, וואָס וועט מען פארשפּעטיקן? גאָרניט, מע לויפט. כאַפּ איך
מיסטאמע א דראָשקע און לויף צו דער באן. דערווײַל הער איך,
עמעצער פון הינטן שרײַט מיר: „פּעטער, פּעטער!" איך קוק מיך
אום — א יונגערמאן לויפט מיר נאָך, האלט א רענצל אין האנט,
פּונקט אזא רענצל ווי מײַנס, און זאָגט צו מיר:

— אָט האָט איר פארלאָרן!..

א צאָרע, א שלאק! דאָס איז דאָך מײַן רענצל! ווו? ווען?

ווי̇אזוי? אז ס׳איז באשערט, האָט זיך עס ארויסגעגליטשט בא מיר פונ דער האנט, אונ אָט דער יונגערמאנ האָט דאָס אופגעהויבנ— אונ גאָרניט, וואָס פרעגט איר? איך נעמ מיך צו מײַנ יונגנמאנ, איך קוועטש אימ די האנט, איך דאנק אימ: „א דאנק אײַך, גאָט זאָל אײַך געבנ, זאָג איך, געזונט אונ האצלאָכע. א דאנק, זאָג איך, אונ נאָכאמאָל א דאנק!” מאכט ער צו מיר: „ניטאָ פאר וואָס”. זאָג איך: „וואָס הייסט, ניטאָ פאר וואָס? איר האָט דאָך מיך, זאָג איך, בא מײַנ לעבנ דערהאלטנ. איר האָט דאָך, זאָג איך, פארדינט אזא מיצווע, אז די־וועלט מיט יענער־וועלט איז פאר אײַך קארג. זאָגט מיר, זאָג איך, וויפל זאָל איך אײַך געבנ? זאָגט, שעמט זיך ניט”. אונ איך וויל מיך א נעמ טאָנ צו דער קעשענע. מאכט ער צו מיר: „וויבאלד איר אליינ זאָגט, אז ס׳איז אזא גרויסע מיצווע, זאָגט ער, היינט לעמײַ זאָל איך זי, זאָגט ער, פארקויפנ פאר געלט?” דערהערט פונ אימ אזעלכע דיבורימ, כאפ איך מיסטאמע ארומ מײַנ יונגנמאנ אונ הייב אימ אָנ קושנ: „גאָט אליינ זאָל אײַך, זאָג איך, באצאָלנ דערפאר, וואָס איר האָט מיט מיר געטאָנ! קומט כאָטש ארײַנ מיט מיר, זאָג איך, וועלנ מיר עפעס נעמענ אינ מויל ארײַנ, זאָג איך, טרינקענ א גלעזל ווײַנ”. „א גלעזל ווײַנ, זאָגט ער, מאכטייסע, פארוואָס ניט?” אונ מיר זעצנ זיך אופ ביידע אפ דער דראָשקע, אונ ווער מיר באנ? וואָס מיר פאָרנ שוינ אינ „קאַפע” עפעס נעמענ אינ מויל ארײַנ.

געקומענ אינ „קאפע”, האָב איך גענומענ א באזונדער קאבינעט, געהייסנ דערלאנגענ פונ קאָלטוווו אונ אוועקגעזעצט זיך מיטנ יונגנמאנ א ביסל שמועסנ. דער דאָזיקער יונגערמאנ, אויסער וואָס ער האָט מיך, מע קאָנ זאָגנ, בא מײַנ לעבנ דערהאלטנ, איז מיר גלאט געפעלנ געוואָרנ. א סימפאטישער יונגערמאנ מיט א סימפאטיש

פּאָנעם, מיט טיפֿע, שוואַרצע, ערנסטע אויגן — אַ יונגערמאַן אַ גאָלד. און דערצו נאָך אַ שעמעוודיקער — סאַקאָנעס. איך האָב אים געבעטן, ער זאָל זיך גאָרניט זשענירן און זאָל זיך הייסן געבן צום טיש וואָס זײַן האַרץ גלוסט, פֿונעם שענסטן און פֿונעם בעסטן, און וויפֿל ער האָט זיך געהייסן געבן, האָב איך מיסטאַמע געהייסן געבן צוויי מאָל אַזויפֿיל. און מיר האָבן גוט אויסגעטרונקען און רעכט פֿאַרביסן, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן. כאָלילע ניט אָפּ אָנצושיקערן זיך. אַ ייִד איז ניט קיין שיקער. נאָר „וויַהי קעטויוו לייוו האַמע־לעך באַיאַיִן", זאָג איך צו מײַן יונגנמאַן: „איר ווייסט כאָטש, זאָג איך, וואָס איר האָט מיט מיר געטאָן? דאָס, וואָס איר האָט מיר מאַצל געווען, זאָג איך, אַזאַ פֿאַרמעגן — פֿון דעם, זאָג איך, שמועסט מען ניט. לאָמיר דאָס ביידע, זאָג איך, פֿאַרמאָגן, וואָס איך בין אָפּ דער סכוירע שולדיק. ס'איז פֿריִער גאָטס, זאָג איך, נאָך־דעם פּרעמדס. איר האָט מיך פּאָשעט, זאָג איך, דערהאַלטן באַ מײַן קאָוועד און באַ מײַן לעבן, וואָרעם מײַנע קרעדיטאָרן, זאָג איך, ווען איך קום אַהיים אָן דעם דאָזיקן רענצל, וואָלטן געוויס געמיינט, אַז דאָס איז עפּעס אַ מאַניפּאָרגע, וואָס אונדזערע לײַט יוּוועלירער מאַכן אָפּטלעך. זיי זעצן אָפּ דאָס ביסל סכוירע און לאָזן אַרויס אַ קלאַנג, אַז מע האָט זיי באַגאַנוועט. מיר וואָלט, זאָג איך, הערט איר, געקומען נאָר קויפֿן אַ שטריקל און אופֿהענגען זיך אויפֿן ערשטן בוים! לעכאַיִם, זאָג איך, גאָט זאָל אײַך מעמאַלע זײַן, ווי איר ווינטשט אײַך אַליין, זאָג איך, און זײַט מיר געזונט, זאָג איך, לאָ־מיר זיך צעקושן, וואָרעם מע דאַרף, זאָג איך, פֿאָרן". און איך גע־זעגן מיך אָפּ און איך צעצאָל מיך אין „קאַפּע" און טו מיך אַ כאַפּ צו מײַן רענצל — וואָס מיר רענצל? ווער מיר יונגערמאַן? ניטאָ!

און איך בין געפֿאַלן כאַלאָשעס.

געפאלן כאלאָשעס, האָט מען מיך געמינטערט. אָפגעמינטערט — בין איך ווידעראמאָל געפאלן כאלאָשעס. און אז מע האָט מיך שוין גוט אָפגעמינטערט, האָב איך ערשט דעמלט געמאכט א גוואלד, אופגעהויבן די גאנצע יעהופעצער פּאָליציי אף די פיס, צוגעזאָגט א פעט שטיקל, ארומגעלאָפן מיט זיי אין אלע גוטע ערטער, אויסגעווען אלע מײַזנלעכער, זיך באקענט מיט אלע וועלט־גאנאָווים — מײַן יונגערמאן איז ווי אין דער ערד ארײַן! איך בין שוין געבליבן אָן קויכעס, ס'איז מיר נימעס געוואָרן די וועלט. און איך האָב מיך אוועקגעלייגט בא זיך אף דער סטאנציע אף א בעטל און טראכט מיר, וויאזוי מאכט מען אן עק מיטן לעבן? קוילען זיך מיט א מעסער? הענגען זיך אף א שטריק? אָדער גאָר ארײַנוואַרפן זיך אין דניעפּער ארײַן? און אזוי ווי איך ליג מיר פארטיפט אין טרויעריקע מאכשאָווער, הער איך, מע קלאפט. ווער איז? מע איז געקומען מיך נעמען אין פּאָליציי: מע האָט געכאפט דעם פויגל מיטן רענצל, מיט דער גאנצער סכוירע!

דארף איך אײַך דערציילן, וואָס מיט מיר איז געווען, אז איך האָב דערזען מײַן רענצל מיט מײַנע בריליאנטן? איך בין ווידעראמאָל געפאלן כאלאָשעס. בא מיר איז א טעווע פון כאלעשן. און אז איך בין געקומען צו־זיך, גיי איך צו צו מײַן יונגנמאן און רוף מיך אָן צו אים: „איך פארשטיי ניט, זאָג איך, מאכט מיך קלאָר, איך ווער שיר ניט מעשוגע. וואָס איז דער סייכל, זאָג איך, וואָס אז איר האָט געפונען מײַן רענצל, זײַט איר מיר נאָכגעלאָפן און אָפגעגעבן מיר און אפילע ניט געוואָלט נעמען פאר דער מיצווע קיין באצאָלט, און אז איך האָב מיך נאָר אָפגעקערעוועט אף א ווײַלע, גייט איר און גאנוועט אוועק בא מיר מײַן גוטס, מײַן פארמעגן, מײַן נעשאָמע? איר האָט דאָך מיך, זאָג איך, שיר אומגליק־

לעב געמאכט. עס איז דאָכ מיר אָפּגעגאנגענ, זאָג איכ, א מינוט צומ טויט!”... קוקט ער אפ מיר, דער יונגערמאנ הייסט עס, מיט די טיפע ערנסטע שווארצע אויגנ, אונ מאכט צו מיר גאנצ געלאסנ: „וואָס געהער זיכ אָנ, זאָגט ער, דאָס צו דעמ? א מיצווע איז א מיצווע, אונ גאנווענענ — דאָס איז, זאָגט ער, מײַנ פּארנאָסע”... „יונגערמאנ, זאָג איכ צו אימ, ווער, זאָג איכ, זײַט איר?” „ווער, זאָגט ער, זאָל איכ זײַנ? איכ בינ, זאָגט ער, נעבעכ א ייד א גאנעוו אונ א באל־מעטופל מיט קינדער אונ א גרויסער שלימאזלניק. איכ האָב, זאָגט ער, קיינ אײַנאָרע, א גרינגע פּארנאָסע, נאָר איכ האָב צו מײַנ פּאר־נאָסע קיינ האצלאָכע ניט. דאָס הייסט איכ קאָנ מיכ ניט באקלאָגנ. דאנקענ גאָט, גאנווענענ, זאָגט ער, גאנוועט זיכ אפילע קיינ מײַסע ניט; נאָר דער כיסאָרנ איז, זאָגט ער, וואָס ניט אלעמאָל געראָט עס מיר. ניטאָ קיינ מאזל”...

ערשט אז איכ בינ געזעסנ אינ באנ, האָב איכ מיכ ארומגעזענ, אז איכ בינ א פערדישער קאָפּ. מיט א קלייניקײַט וואָלט איכ דעמלט געקאָנט אויסקויפנ דעמ דאָזיקנ גאנעוו. לעמײַ זאָל איכ זײַנ זײַנ גויעל־האדאָמ? לאָז ער איבערגיינ אפ אנדערע הענט...

זײַט איר עפּשער א באלנ אפ א פּאָר בריליאנטענע אוירינגלעכ אינ גלײַכנ געלט? וועל איכ אײַכ עפּעס ווײַזנ. איר האָט אזעלכע בריליאנטנ ניט געזענ אפילע אינ כאָלעמ. פּרימא שעבעפּרימא!..

1910

אַנמערקונגען און דערקלערונגען

אָרעמע און פריילעכע

דער פּאַרקישעפּטער שנײַדער

קאַפּיטל א

שמאַ־קוילינו — הער אונדזער קאָל. א פּראַזע פון א טפילע, וואָס די דאַוונער זאָגן געווײַנלעך הויך אפ א קאָל.

געהאַלטן אן אוילעמאומלויע — געמיינט: שטאַרק געהאלטן.

וואָס זײַנען זיך אויסעק אין צאָרכײ־ציבור — וואָס פאַרנעמען זיך מיט קאָהעלשע איניאָנים.

באַלטאַקסע — דער אַרענדאַטאָר פונעם שטײַער אפ קאָ־שער פלייש (באַם צאַרישן רעזשים).

בעפּאַרהעסיע — עפנטלעך.

קיטע — א גרופּע.

ראַמאָזמ — אָפּנאַרערס.

טערעכ — דער פאָטער פון דעם לעגענדאַרן אורפאָטער

אווראָהאָמ, פונ וועלכנ, קלוימערשט, עס שטאַמענ די ייִדנ (פונ זיינ זונ ייִצכאָק).

ייִשמאָעל — אווראָהאָמס א זונ (זע פריִערדיקע אָנמערקונג).

א **„יעדייע־נאַגנ"** — א מענטש, וואָס קאָנ זינגענ.

אַטאָהאָרייסאָ — א טפילע, וואָס די דאַוונער זאָגנ סימ־כאַסטוירע אינ בעסמעדרעש. דאָס רעכט צו זאָגנ די דאָזיקע טפילע פלעגט מענ פארקויפנ דעמ, וואָס פלעגט מער באַצאָלנ. דאָס פלעגט אָפט ברענגענ צו קריגערייַ אונ אפילע צו פעטש.

יאָע אניוסאָ לעיִסראָעל קעטשערעוויטש־קי קראַסני לעדיווקע כיווראַ — פאר די ייִדנ פאַסט אָרעמקייַט, ווי פאר א ווייַס מיידל שיינע שיכ (כיווראַ — אויכ א נאָמענ). א געמיש פונ א טאַלמודישנ אפאָריזמ מיט אוקראַיִני־שע ווערטער, וואָס האָבנ איינס צומ אנדערנ קיינ שומ שייַכעס ניט.

האַיוימ האַראַס אוילאָמ — הייַנט איז דער געריכט. א פראַזע פונ א טפילע.

ווייַהי לוי באָנימ אווואָגויס — אונ ער האָט גע־האַט זינ אונ טעכטער.

קאָל מאַלכיי מיזרעכ אומייַרעוו — געמיינט: אַלע מעלאָכימ פונ דער וועלט.

ווייַהי האַיוימ — אינ איינעמ א טאָג.

קאָל ייִסראָעל יעיש לאָהעמ כיילעק — אַלע ייִדנ האָבנ א כיילעק; א ניט פארענדיקטע טאַלמודישע פראַזע. שימענ־עליע טייַטשט עס: איטלעכער ייִד באַדאַרפ האָבנ א ציג.

בעלאָשנ סאַגיגאָער — געמיינט: אינ פארקערטנ זינ פונעמ בוכשטעבלעכנ באַטייַט.

אימ קיינ — אויב אזוי.

אַסקאַקורדע, דעבאַרבאַנטע, דעפארשמאַכ־טע, דעקאַרנאָסע — אַנ אומזיניקע פראַזע, וואָס איז איבער־סערלעכ ענלעכ צו א געמאָרע־פראַזע.

קעסעפ וועזאָהאָוו מעטאַהייר כאַזיירים — זילבער און גאָלד מאכן קאָשער כאַזיירים. געמיינט: מיט געלט קאָן מען אלץ מאכן.

אָני כאָשוּוו קעמעס — אַן אָרעמאַן איז גלייך צו א טויטן. שימען־עליע פארטייטשט עס: ניטאָ פּאַפּע (ברויט) — גיי ליולי (שלאָפן) און פארופט זיך, אז ראַשע (א באַוווּסטער קאָמענטאַר אַפ דער ביבל און טאַלמוד), קלוימערשט, טייטשט אזוי.

קאַפּיטל ב

מיקעדעם — פון לאַנג אָן; פון פאַרצייטן.

בעראַכאַמעכאָ האָראַבים — מיט דיין גרויס ראַכמאָנעס.

האָלאַך לעוילאָמוי — ער איז אַוועקגעגאַנגען אין זיין וועלט (געשטאָרבן).

שעייר בסאָרי — א קאָרעוו.

וועטאַלמוד טוירע קעגעגעד קולאָם — און לערנען טוירע באַשטייט קעגן אַלץ.

קאַפּיטל ג

מאַכניס־אוירעכ — א גאַסטפריינטלעכער.

מוכסן — אַרענדאַר.

שויר־האַבאָר — א לעגענדאַרער אומגעהייער גרויסער אָקס.

מע אָנו, מע כאַיעינו — וואָס זיינען מיר און וואָס איז אונדזער לעבן.

מי באָראָאש אומי באַמאַגייפאָ — ווער פון א

שטורעמ אונ ווער פונ א מאגייפע (וועט אומקומענ). א פראזע פונ א יאָמימנויראָימדיקער טפילע.

זאָכאַרנו עס האדאָגאָ — מיר געדענקענ די פיש.

שימענ-עליע טײַטשט: איכ געדענק נאָכ אײַערע וואַרעניקעס.

לאָמאָ ראָגשו גויִמ — וואָרומ ליארמענ די פעלקער.

שימענ-עליע טײַטשט: וואָס טויג אײַכ א ייִדיש וואָרט.

איינ לעכאָ אָדאָמ שעיינ לוי פעקל — ס'איז ניטאָ קיינ מענטש, וואָס זאָל ניט האָבנ קיינ פעקל.

ראוו פימפאָמ — אנ אויסגעטראכטער נאָמענ פונ קלוי־מערשט א טאנע (א שעפער פונ טאלמוד).

קאפאָטע בעמאשקאנטע שוויינקייכ ביגרוינאָמ — א געמיש פונ ייִדישע, אראמישע אונ העברעיִשע ווער־טער, נאָכגעמאכט דעמ סטיל פונ טאלמוד.

ראגלייהעמ וועלוי יעהאלייכו — פיס האָבנ זיי אונ קאָנענ ניט גיינ.

איזימ טאאסע לאָכ — טאאסע לאָכ — זאָלסט דיר מאכנ. א פראזע, וואָס טרעפט זיכ אינ דער ביבל; שימענ-עליע גיט צו דאָס וואָרט „איזימ" — ציגנ אונ טײַטשט עס אפ זײַנ אויפנ: ציגנ זאָלסטו קויפנ.

האקצאקאָסאָ — געמיינט: זי שרײַט.

„מעדרעש פליִע" — א רעליגיעזער סיפער.

באָרכי־נאפשי; זע קאפאָראָסי, זעכאליפאָסי — פראזעס פונ טפילעס, וואָס רעליגיעזע ייִדנ זאָגנ גראָדע ניט פייסעכ צומ סיידער. שימענ-עליע מאכט כויזעק פונ דאָדיענ אונ גיט אימ אָנצוהערנ, אז ער, דאָדיע, קלײַבט זיכ ניט פאנאנדער, ווענ רעליגיעזע ייִדנ זאָגנ די אָדער יענע טפילע.

קאוויִיד — לעבער; ענלעכ לויט די קלאנגענ צו „קאָוועד".

קאָטויניטי מיקאָל האכאסאָדימ — איכ בינ ניט ווערט דעמ גנאָד (די גוטסקײַט).

לוי מעוקצאָכ וועלוי מעדוקצאָכ — איבערגע־

פראזירט: לוי מעוקצאָכ וועלוי מעדוּוושאָכ — (איכ וויל) ניט דײַנ גיפט אונ (וויל) ניט דײַנ האָניק; שימענ־עליע טײַטשט עס: איכ בינ אײַכ מויכל דעם קאָוועד, איכ וויל ניט קיינ פעטש.

סימלעכאָ לעכאָ (סימלאָ לעכאָ) קאָצינ טיהיע לאָנו — דו פארמאָגסט א קלייד, זאָלסטו זײַנ א האר איבער אונדז.

אויד האיוים גאָדל — דער טאָג איז נאָכ גרויס.

כאזאק, כאזאק וועניסכאזייק — לאָמיר זיכ שטארקנ.

בעלי נעדער אומאסקאָנע — דאָ געמיינט: ער זאָגט ניט צו, אָבער ער וועט זיכ באמיִענ עס אויספילנ.

קאפיטל ד

צאפראָ טאָוואָ לעמאָריי דעכײַטאָ דעקופאָ דעמאכטאָ — א גוטמאָרגנ, הער שנײַדער פונ לעכל פונ דער נאָדל — אנ אומזיניקע פראזע, נאָכגעמאכט דער טאלמודישער שפראכ (אראמיש — „טארגום־לאָשנ").

אל טיסטאקל — דער אָנהייב פונ א טאלמודישנ אפאָריזם: „אל טיסטאקל בעקאנקאנ עלאָ בעמאָ שעיעש בוי" — קוק ניט אפנ קריגל, נאָר אפ דעם, וואָס אינ קריגל איז פאראנ.

יעגיא קאפעכאָ [קי סויכל] אשרעכאָ — עסטו די מי פונ דײַנע הענט, איז וויל צו דיר (פונ טילים). שימענ־עליע וויל זאָגנ: אז ער שעמט זיכ ניט מיט זײַנ ארבעט.

כײַעט — א שנײַדער.

מעקאק (מק"ק) — געמיינט: פונ דער שטאָט.

צוינ קאָדאָשימ — הייליקע שעפעלעכ.

שקאָצימ אורמאָסימ — פויזענדיקע באשעפענישנ (דאָ: אלס זידלווערטער).

מא יאָקאָר? — ווי טײַער?

קאמאָ מײַלעס טויוועס? — וויפל גוטע מײַלעס?

„נעזיקינ" — אַנ אָפּטייל פונ טאַלמוד, וווּ עס ווערט באַהאַנדלט ציווילע אונ קרימינעלע רעכט.

לי הכּסף ועלי הזהב — מיר געהערט דאָס זילבער, מיר געהערט דאָס גאָלד.

שלושאָ דוואָרימ — דריַי זאַכנ.

מעכּישפֿים מעפּאַצפּעצימ — אומזיניקע ווערטער.

א מאָשל קעכערעס האַנישבאָר — פאַרגריַזט א העברייִשע פראַזע „מאָשול קעכערעס האַנישבאָר" — געגליכנ צו א צעבראָכנ שערבל. שימענ־עליע נוצט אויס די פראַזע צוליבנ וואָרט: „א מאָשל".

אל טאַקשו לעוואַווכעמ — איר זאָלט זיכ ניט אָקשענענ.

קאַפּיטל ה

גאַמ אַטעמ — איר אויכ.

מע פישי אומע כאַטאָסי — וואָס איז מיַינ שולד, וואָס איז מיַינ זינד.

באַל קאָרכאַכאָ אַטאָ כיַי — איבערגעוואַלד (קעגנ דיַינ ווילנ) לעבסטו.

באָכור קאַהאַלאָכאָ — אויסדערוויילט ווי עס געהער צו זיַינ. שימענ־עליע באַנוצט די פראַזע צוליבנ וואָרט „באָכער".

לעכ לעכאָ מעאַרצעכאָ — גיי אוועק פונ דיַינ לאַנד.

קי לעקאַכ נויצאַרטאָ — וויַיל צוליב דעמ ביסטו באַשאַפנ געוואָרנ.

פּיטומ האַקטוירעס — א געוויסע שטיק פונעמ דאַווענענ.

האַצאָרי וועהאַציפּוירענ, האַכעלבענאָ וועהאַלווינאָ — נעמענ פונ פאַרשיידענע געווירצנ, וואָס ווערנ דערמאָנט אינ דער טפילע „פּיטומ האַקטוירעס".

אָפּגעקלאַפּט טאַכנונ — א טפילע אינ דאַווענענ —

בייסנ זאָגנ די דאָזיקע טפילע קלאפנ זיכ די דאווענער מיטנ פויסט אינ הארצנ.

אים לאָוואָנ גארטי — מיט לאָוואָנענ האָב איכ גע־ווינט (א פראזע פונ דער ביבל).

א יעדייע־סויפער — געמיינט: א קענער.

קאמאָ לאָקו בעמיצראימ — וויפל זײַנענ זיי גע־שלאָגנ געוואָרנ אינ מיצראימ (א פראזע פונ דער „האגאָדע”). שימענ־עליע ברענגט די פראזע צוליב וואָרט „וויפל”, אונ עס בא־קומט זיכ בא אים: וויפל האָב איכ באדארפט מעשאלעמ זײַנ (באצאָלנ).

צאָדאקטאָ קידוואָרעכאָ — דו ביסט גערעכט, אזוי ווי דו זאָגסט. בא שימענ־עליענ באקומט זיכ פארקערט, אז דאָריע האָט ניט געטראָפנ.

שעהאקל ניהיע בידוואָרוי — א בראָכע, וואָס רע־ליגיעזע יידנ מאכנ אפ אייניקע געטראנקענ. דאָ געמיינט: גענומענ א ביסל בראָנפנ.

איינ קויצימ ביפרוצימ — א פראזע א קאלאמ־בור, וואָס איז אויסערלעכ ענלעכ צומ סטיל פונ א טאלמודישנ פארבאָט אונ האָט אייגנטלעכ קיינ שומ זינ ניט.

אויסגעשפיגנ צו „אָליינו” — „אָליינו” די לעצטע טפילע פונ דאווענענ. נאָכ געוויסע ווערטער פונ דער דאָזיקער טפי־לע גיבנ די דאוונער א שפײַ.

האליטייני־נאָ מינ האָאָדוימ האָאָדוימ הא־זע — גיב מיר צו עסנ פונ דעמ דאָזיקנ רויטנ (א פראזע פונ דער ביבל).

האשקיוויינו לעשאָלעמ — שלעפער אונדז אײַנ גע־זונטערהייט.

בויר קאָראָ וואיעפארפעריהו — א פארקריפל־טע ביבלישע פראזע: בויר קאָראָ וואיאכפעריהו... (די פולע פראזע באטײַט: ווער סע גראָבט א גרוב פאר יענעמ, פאלט אליינ ארײַנ).

„ק ו י פ ע צ ב ע ה אָ צ" — פאַרקריפּלט: „קויפעצ בעראָש" — א מענטש, וואָס וויל זײַן דער ערשטער.

י אָ וו ו י י ו י נ אָ — פאַרקריפּלט: יאָוווי יוימוי — עס וועט קומען זײַן טאָג (זײַן צײַט).

ה א כ י ל ו י ס אָ ל י נ פּ ו י ל נ אָ פּ ו י ל ט י פּ ו י ל — האָסטו אָנגעהויבן פאַלן, וועסטו שוין פאַלן.

ל ו י ה אָ וו ע ל ו י ה אָ — ניט דאָס און ניט יענץ.

קאַפּיטל ו

ט אָ מ ו ס נ א פ ש י א י מ פּ ל י ש ט י מ — זאָל איך אומקומען צוזאַמען מיט די פּלישטים.

א ר ו י ס מ ע ל ק נ ד אָ ס ד א ו מ ה א ט א מ צ י ם — דאָ געמיינט: אַרויסמעלקן ביזן לעצטן ביסל בלוט.

ק אָ ל ה אָ אָ ד אָ מ ק ו י ז י י וו — יעדער מענטש איז פאַלש.

ב אָ ר ע כ ע וו א וו ו א ס ו ס י מ — מיט יעקיפּאַזשן און מיט פערד.

א י נ ט א כ א ס א י נ — אַן אויג פאַר אַן אויג.

ב ע ר אָ כ ל ב י ט כ אָ ה א נ א ק ע ט ע — איבערגעפּראַזירט: בעראָכל ביטכאָ האַקטאַנאָ — פאַר דײַן קלענערער טאָכטער ראָכל. געמיינט: אָפּגערעדט וועגן אַלץ גענוי.

וו א כ א מ אָ ס ו י ב אָ א ר אָ וו ו י — און זײַן צאָרן האָט אין אים געברענט.

קאַפּיטל ז

א ל י י ס ר אָ ע ל וו ע א ל ר א ב אָ נ אָ נ וו ע א ל ט א ל מ י ד י ה ע נ — אַף די ייִדן, אַף די ראַבאָנים און אַף זייערע טאַלמידים (אַ פראַזע פון דער טפילע „קאַדעש").

אָ ה א וו ט י ק י י י ש מ א ל י — איך האָב ליב, ער זאָל מיך פאָלגן.

בישגאָגאָ — אומגערן.

לאָמאָ האַרייויסאָ לאָאָם האַזע — פאַרוואָס האָסטו שלעכטס געטאָן דעם דאָזיקן פאָלק.

וועהו־ראַכום — א טפילע אין דאַוונען.

לעלאַאַג וועליקלעמעניש — איבערגעפראַזירט: לע־לאַאַג וועלעקעלעס — צו שפּאָט און צו שאַנד.

„שיווע־טווע־האָזר" — די זיבן בעסטע [לײַט] פון שטאָט.

קאָטוינטי מיקאָל האַצאָרעס — איבערגעפראַ־זירט: קאָטוינטי מיקאָל האַכסאָדים. שימען־עליע האָרט דאָ „צאָרעס" צוליב גראַם מיט „קאַפּאָרעס".

שימו נאָ, ראַבויסײַ — הערט, איך בעט אײַך, מײַנע הערן.

עמעס וועיאַציוו ווענאָכוין — א פראַזע פון א טפילע.

יעדידי — מײַן פרײַנט.

אל האָרישוינים וועאַל האָאַכרוינים — אף די ערשטע און אף די שפּעטערדיקע.

איין כאָדאָש טאַכאַס האַשעמעש — ס'איז ניטאָ קיין נײַס אונטער דער זון.

קאַפּיטל ח

וואַיסאָ האַכײַעט עס ראַגלאָוו — און דער שנײַ־דער האָט אופגעהויבן זײַנע פיס.

כינאָם איין קעסעפ — אומזיסט, אָן געלט (שאָלעם־אליכעם טײַטשט דאָ אַזוי ווי שימען־עליע וואָלט עס גע־טײַטשט).

קי אָדאָם אני וועלוי פּאַרכ — ווײַל איך בין א מענטש, נישט קיין פּאַרכ.

אַפּע קאָדעש — דאָ געמיינט: א פּיסק.

האָנעפּעש קאָכ לאָכ זועהאָרכוש טײַנ לי — נעמ זיכ דעמ נעפעש אונ מיר גיב דאָס גוטס.

יאַיִנ האַמעשומאָר — לעגענדאַרער ווײַנ, וואָס, לויט דער פאָרשטעלונג פונ די רעליגיעזע יִדנ, ווערט ער אָפּגעהיט אַפּ צו געבנ אים די צאַדיקימ, ווענ מאָשיִעכ וועט קומענ.

לאָוו קאָל אָדאָמ קויזייזו — ניט יעדער מענטש איז פאַלש.

דיבעק — א בייזער גײַסט, וואָס איז ארײַנ אינ א מענטשנ (לויט דער אָבערגלויבונג פונ רעליגיעזע יִדנ).

לעצ — דאָ געמיינט: א שעד.

גילגל — א באַשעפעניש אָדער א זאַכ, אינ וועלכער עס געפינט זיכ א נעשאָמע פונ א געשטאָרבענעמ (לויט דער אָבערגלויבונג פונ רעליגיעזע יִדנ).

לויהאָיו דוואָרימ — געמיינט: ס'איז אַזוינס גאָר ניט געווענ.

קאַפּיטל ט

מיט א יִרגאָזונ — מיט א קאַס.

אָס בעאָס — בוכשטעבלעכ.

געווינימ מעפורסאָמימ — באַוווּסטע גענײַעס.

העיויס קעפּי — אַזוי ווי.

שעטיכיע — זאָל לעבנ.

איז זיכ מעפאַרנעס — דאָ: לעבט; קריגט פּאַרנאָסע.

כויקער וועדוירעש זײַנ — אויספאָרשנ.

א שוווּע דעוירײַסע — א שוווּע פונ דער טוירע.

נעומ — די רייד פונ... א טראַפאַרעט פאַר דער אונטער־שריפט אַפּ אַלט־יִדישע דאָקומענטנ אָדער בריוו.

האַראָוו בעהאָראָוו זיכרוינוי ליוורָאכאָ (ז"ל)... — דער ראָוו דעמ ראָווס זונ זײַנ אָנדענק זאָל זײַנ געבענטשט.

קאַפּיטל י

דוואָרימ־בטיילימ — פּוסטע רייד.

שכויראָ אני ווענאָוואָ — איכ בינ שווארצ אונ שיינ. שימענ־עליע טײַטשט: ווער ס'איז שיינ, איר זײַט ביידע זאכנ (גע־מיינט: אויכ קלוג).

קולאָמ אהוווימ, קולאָמ ברורימ — אַלע זײַנענ זיי ליבע, אַלע זײַנענ זיי אויסדערוויילטע.

נאָשימ דײַטאָנ קאַלוימ — פרויענ זײַנענ לײַכט־זיניק.

וועאָסאָ שונראָ וועאָכלאָ לעגאַדיאָ — איז געקו־מענ די קאַצ אונ האָט אופגעגעסנ דאָס ציגעלע.

אוילעמ האַטויהו — די וועלט, ווו עס בלאָנקענ ארומ די נעשאָמעס פונ זינדיקע מענטשנ (לויט דער אָבערגלויבונג פונ רעליגיעזע ייִדנ).

שמאַ יִסראָעל — דער אָנהייב פונ אַ טפילע. אַנ אויס־רופ בײַ די רעליגיעזע ייִדנ בעשאָס אַנ אומגליק.

מעלעכ מיימיס אומעכײַע... ווענעמאָנ אַטאָ לעהאַכיויס מייסימ — דער קיניג, וואָס טייט אונ מאַכט לעבעדיק... אונ דו ביסט באַגלייבט אפ צו לעבעדיק מאַכנ טויטע (אַ פראַזע פונעמ דאַווננ).

קאַפּיטל יב

האָוואָ ניסכאַקמאָ — לאָמיר עפּעס צוטראַכטנ.

שאַלקהאַפטיקער — אַ שווינדלער, אַ נידערטרעכטי־קער.

וועאַיעי האַסע — אונ ווו איז די שאָפּ.

וועהאַיעלעד אײנענו — אונ דאָס קינד איז ניטאָ.

דער האיויצע לאָנו מיזע... דער מײַקאָמאַש־מעלאָנ — דער אויספיר דערפונ... וואָס לאָזט עס אונדז צו הערנ, וואָס דרינגט דערפונ.

ווענ איכ בינ רויטשילד

נאָשימ — פרויענ.
טויספעס, מאַרשאָ — קאָמענטאַרנ אַפ טאַלמוד.
אַלע שעוואַ־כאָכמעס — אַלע זיבנ וויסנשאַפטנ. געמיינט: אַלע וויסנשאַפטנ (אַ פאַרצײַטיקער באַגריפ, אַז די גאַנצע וויסנשאַפט ווערט אײַנגעטײלט בלויז אינ זיבנ צווײַגנ).
יוירעד לעכאיאָוו — דערגייט אימ די יאָרנ.
מומע רײזל — געמיינט: רוסלאַנד (אַנ איראָנישער אויסדרוק פאַרנ צאַרישנ רוסלאַנד).
לעשאָנאָ — יערלעכ.
באיוימ האהו — אינ יענעמ טאָג.

מילכיקס

קאָלזמאַנ שעהאַנשאָמאָ בעקירבי — געמיינט: ווי לאַנג מע לעבט.
כאָק וועלוי יאַאַווויר — אַ געזעץ ניט איבערצוטרעטנ.
טאַריאַג־מיצוועס — 613 מיצוועס, וואָס, לויטנ בעזשבנ פונ טאַלמוד, געפינענ זיכ אינ דער טוירע.
„אַקדאָמעס" — אַ לויבגעזאַנג צו גאָט, וואָס רעליגיעזע ייִדנ זאָגנ „שווועס" פאַרנ לייענענ די „טוירע".
האַקאָדעש־באָרוכ־הו — גאָט.
אַזאַ אומע־וועלאָשנ — געמיינט: אַזאַ פאָלק.

די פּרײלעכע קאָמפּאַניע

קאַפּיטל ב

בײַשאָנים — שעמעװדיקע.

קאַפּיטל ג

א פּלעשל „מאָנאָפּאָלקע” — א פּלעשל בראָנפּנ.
בימבילאס קװוידוי — געמײנט: מיט זײַנ אײגענעם קאָװעד.
באַ סעמאַדענינ — א קאפּע־הויז אינ קיִעװ.
אגוודע — ארבעט; באַשעפּטיקונג.
אדלעפּאַק — אינגאַנצנ; ביזנ סאָפּ.

קאַפּיטל ד

בעױפּנ אבער — אפּ אנ אנדער אױפּנ.
מאכנ א װאַיִװראַכ — אנטלױפּנ.
ניצרעכ — א נױטבאדערפּטיקער.
פּרוטע שעל נעכױשעס — א קופּערנער גראָשנ.
צײדאָ לאַדערעכ — שפּײַז אפּנ װעג.
בענ־בָאָקאָר — א יונג רינד.
אונ האָלאכ מױשע־מאָרדכע — דאָ געמײנט: אונ פּארטיק.
זאָהאָװ טאָהױר — רײנ גאָלד; ארקאדי פּארטײַטשט: רײנ זילבער.
זע האטארנעגױל יעילײכ — א פּראַזע פּונ א טפּילע. דאָ געמײנט: גײ צו אלדי רוכעס.
פּארליבט, װי א קאצ אינ די נײַנ טעג — דאָ געמײנט: פּארליבט, װי א קאצ אינ מילכיקס.

טויספעס־קסובע — צוגאָב־קסובע. בא רעליגיעזע ייִדנ ווערט דער כאסענע־אקט פארפעסטיקט מיט א קאָנטראקט (קסובע). דאָ מיינט שווייצער: א געוויסע סומע געלט.

מעשאשל זײַנ בימזומאָנימ — פארקריפּלט: מע־שאלעמ זײַנ בימזומאָנימ — באצאָלנ מעזומענ געלט.

כוצ־לאָזע — כוצ דעמ.

קאפּיטל ה

קאָל אוירייוו לעמינייהו — יעדער ראָב צו זײַנ מינ.

עס זאָל זײַנ יאכדאָוו — ס׳זאָל זײַנ צוזאמענ.

כאָצי שעלי וועכאָצי שעלאָכ — האלב מײַנס אונ האלב דײַנס.

בעשיימ עלויקיי ייִסראָעל — אינ נאָמענ פונ ייִדישנ גאָט.

מיכנאָסאימ — הויזנ.

כאָפהייער — א פינפ־אונ־צוואנציקער.

נאָכ אלע הײַעמס — געמיינט: נאָכ אלעמענ.

קאפּיטל ו

אָכינו אטאָ — דו ביסט אונדזערער א ברודער; דו ביסט פונ אונדזערע לײַט.

דאָגימ — פיש.

אפּ אוילעמעס — אפּ פילאנטראָפּישע צוועקנ.

קאפּיטל ז

האָדעס — א מינ פושקעלע (געווייִנלעכ א זילבערנס), וואָס רעליגיעזע ייִדנ פלעגנ אינ דעמ האלטנ בסאָמימ אפּ אויסצופילנ א געוויסנ רעליגיעזנ ריטואל.

וויי אויג־מעלעכ־האבאשנ — א ביבלישע פערזאָנ, וועגנ וועלכער די לעגענדע דערציילט, אז ער איז געווענ אנ אומ־געהייער הויכער מאנ.

אשער לוי כאָזו אוווויסיינו — די פראזע האָט אנ אונ פאר זיכ קיינ שומ זינענ ניט. שווייצער וויל זאָגנ: א גוואלדיק גרויסע נאָז.

איזראעליטי יעסטאָ בארדזאָ שליאכעטנא נאציא — די ייִדנ זײַנענ זייער אנ איידעלע נאציע.

נעפעש אכאם — איינ נעשאָמע; געמיינט: שטארק באַ־פרײַנדעט.

ריש (רי״ש) אלאָפימ — צוויי הונדערט טויזנט.

קאפיטל ח

פאנ יוזש ניע אסעסאָר — דער פארעצ איז שוינ ניט קיינ אסעסאָר (א טשינ אזעלכער).

קאפיטל ט

אנ אָדב בעפאָקדעכאָ — געמיינט: עפעס א טשי־נאָווניק.

שאטיע — נאר.

קאפיטל י

דעמ קויעכ־האמוישעכ — די צוציונגס־קראפט.

ארײַנ זוי קוירעכ — געמיינט: ארײַנ אינ דער ערד ארײַנ.

א מײַמינ — א גלויביקער.

בעסימכאָ ראבאָ וועאָמרו קולאָמ — מיט גרויס פרייד אונ זיי אלע זאָגנ. ארקאדי שווייצער געברויכט די פראזע צוליב דער ערשטער העלפט: מיט גרויס פרייד.

זע קאפאָראָסי, זע כאליפאָסי, זע האטויזנ־טער יעילייכ לעכאזימ ארוכימ טויוימ אולע־שאָלעמ — איבערגעפראזירטער זאצ פונ דער טפילע בא קאפאָ־רעס שלאָגנ. אפ שווייצערס שפראכ דארפ דאָס הייסנ: א קאפאָרע דער טויזנטער, ער קאָנ ברענגענ גליק.

קאפיטל יא

רויוו גאָדלוי וועריוו אָשרוי — זײַנ גרויסקײַט אונ זײַנ רײַכקײַט.

א כאָצי פויגל איז בעזיל־האזאָל — א האלבער רובל איז דאָס שטארק ביליק.

קאָפלשמוינעדיקנ — אכטפאכיקנ.

מײַנ ערשטער ראָמאנ

אוילעמ־האדימיענ — די פאנטאסטישע וועלט; פאנ־טאזיע.

בעכאדריי־כאדאָרימ — געמיינט: אינ וויטסטע צי־מערנ.

סייפער העכאָסומ — א פארכאסמעטער בוכ.

א שייני שעבעשלישי — א גלידשוועסטערקינד.

כיבעט־האקייווער — די לײַדנ, וואָס א געשטאָרבענער לײַדט די ערשטע טעג נאָכנ טויט אינ קייווער (לויט די אָבערגלוי־בונגענ פונ די רעליגיעזע יידנ).

מאָנאָלאָגנ

דאָס טעפל

לעהאווודל בעעלעפ האוודאָלעס — דאָ געמיינט: ניט צוצוגלייבנ.

סאווולעס, גאָנצעס — געמיינט: ווילדע יונגענ.

אדויינוי לאָקאַכ, אדויינוי נאָסאַנ — געמיינט פארקערט: אדויינוי נאָסאַנ וואדויינוי לאָקאַכ — גאָט האָט געגעבנ און גאָט האָט צוגענומענ.

זאוולקעס — אנגינע.

זוביטשעס — א קראנקייט אינעם כאָלאָל פונ מויל.

געגעבנ נעדאָרימ, פארקויפט און צוריק אויסגעקויפט, צוגעזעצט א נאָמענ — דאָס זיינענ אַלצ סגולעס, מיט וועלכע די אָבערגלויביקע פלעגנ פרווונ ראטעווענ א שווער קראנקנ מענטשנ פונ טויט.

א כושימ — אנ אידיאָט.

אנ אייצע

פוירעש בישמוי זיינ — אָנרופנ מיטנ נאָמענ.

זיינענ ניט שאָווע בעשאָווע — הויזנ ניט.

א כרוצע — א שארפזיניקע, א פלייסיקע.

א יעפאסטויאר — א שיינהייט.

בילטי — נאָר.

קיינ אנדער מאָווי — דאָ געמיינט: קיינ אנדער אויסוועג.

יויסעפ

הילכעס — דאָ געמיינט: די טעמע.

קויעכ־האדיבער — רעדנער־קראפט.

אל רועגל אכאס — אפ איינ פוס.

א שטיקל כײעוו — א ביסל שולדיק.

איכ האָב מיר געקויפט מאפטיר — דאָ געמיינט: אופגעזוכט זיכ אלײנ א צאָרע, פארשאפט זיכ דײַגעס.

א וואָרט פאר א וואָרט

א מײַסע שעהאָיאָ — א ווירקלעכע געשיכטע.

האנויסנ־טשואָ — די טפילע, וואָס דער כאזנ פלעגט זאָגנ אינ שול פארנ געזונט פונ דעמ קייסער אונ זײַנ פאמיליע.

עס כאטאָײַ אני מאזקיר האיוימ — מײַנע זינד דערמאָנ איכ הײַנט.

א יויצע מינ האקלאל — אנ אויסנאמ.

א פארלאָזעניש, בוירעריעס — ארביטראזש, א דרײַ־געריכט.

אלייהעמ־האשאָלעמ — א צושפרוכ, ווענ א רעליגיעזער ייִד דערמאָנט די נעמענ פונ געשטאָרבענע.

„אָכינו אטאָ" — ביסט אנ אונדזער ברודער.

מיט א האדראס־פּאָנעמ — געמיינט: אנ אויסערלעכ אימפּאָזאנטער.

דער באלדאָווער זייערער — געמיינט: זייער קעגנ־צאד.

צאדיק־וועיאָשער — געמיינט: א גערעכטער אונ אנ ערלעכער.

לוי האָיאָ וועלוי ניוורע — ניט געווענ אונ ניט באשאפנ געוואָרנ. געמיינט: ניט געשטויגנ ניט געפלויגנ.

סודאס־מיצווע — א מאָלצײַט צוליב א מיצווע־זאכ (בא א בריס, א כאסענע אאַ.).

מײַריכ זײַנ — לאַנג ריידנ.

האָט מעקײַעמ געװען דעמפּאָסעק פונ װאָ־יוויכײלו גאָר בעויפנ אכער — געמיינט: האָט אַרײַנגעגעסנ װי ס'באַדאַרפ צו זײַנ.

מעלאָװע־מאַלקע — דאָ: די טראַדיציאָנעלע װעטשערע, װאָס רעליגיעזע ייִדנ פּראַװענ שאַבעס־צונאַכטס.

„האַמאַװדלס" — רעליגיעזע לידער פונ שאַבעס־צונאַכטס.

קירכויק מיזרעכ מימײַרעװ — װי װײַט עס איז מיזרעכ פונ מײַרעװ.

אכאַס לעאַכאַס — איינס צומ אַנדערנ.

מעקאַבל־קיניענ זײַנ — דאָ געמיינט: אָנעמענ אפּ זיכ די פאַרפּליכטונג אויסצופילנ דעמ אורטייל.

קעפּי־האַכעשבנ — װיפל דער כעזשבנ באַטרעפט.

אײַזנבאַנ־געשיכטעס

מע טאָר ניט זײַנ קיינ גוטער

מעזאַקע זײַנ מיט א מיצווע — געבנ א מעגלעכקײַט צו טאָנ א מיצווע.

פונ כילעל־שאַבעס — פונ פאַרשװעכנ שאַבעס.

זײַנע כעפּציעס — געמיינט: זײַנע קאַפּריזנ.

א טעל אוילעמ איז פונ אימ געװאָרנ — געמיינט: ער האָט זיכ אײַנגאַנצנ רויִנירט.

כופּע אוקדושנ — דער ייִדישער רעליגיעזער כאַסענע־ריטואַל.

אלע ארבע פינעס האָוילעמ — אלע פיר עקנ וועלט.
בעדערעכ האיאָשאָר — מיט גוטנ וועג.
שוירעש — וואָרצל, אָפּשטאמ.
איכ בינ זיי מאוויר נאכלע — איכ באזײַטיק זיי פונ יערושע.

דער גליקלעכסטער אינ קאָדני

מע איז אוילערעגל — געמיינט: מע גייט צופוס.
מאפסיק זײַנ — איבעררײַסנ.
א וואטרענ — א מענטש מיט א ברייטער האנט.
מעכאלעל שאבעס זײַנ — פארשוועכנ שאבעס; טאָנ שאבעס אזא ארבעט, וואָס לויט דעמ יידישנ רעליגיעזנ געזעצ טאָר מענ שאבעס ניט טאָנ.
מאָעס־כיטימ — א נעדאָווע אפ מאצעס פאר אָרעמע־לײַט.
אויביסכאר זע — אונ אלס באלוינונג דערפאר; אנ אָנהייב פונ א בראָכע, וואָס דער ראָוו בענטשט אימ — „וועט אײַכ גאָט געבנ"... אאוו.
מעגאזעמ זײַנ — איבערטרײַבנ.
קיינ כאָצע־דיבער — קיינ האלב וואָרט.

א זעקס־אונ־זעכציק

מאכנ אימ פאר א קאָדעש — דאָ געמיינט: באנע־מענ אימ, לאָזנ אָנ א גראָשנ.
פארשפילט אד לעפאק — דאָ געמיינט: ביז א גראָשנ.
לאָז ער האָבנ א כײַע־שאָ — געמיינט: זאָל ער א זוילע זײַנ צופרידנ.

בעלאָשנ יעוואָנים — דאָ געמיינט: רוסיש.
די מאשמאָעם — געדרונגענ.
גאנאמניק — גענאַרניק, שווינדלער.
פאָקערלאָ — פאָטער, פאַראַכטונג־אויסדרוק.

ניטאָ קיינ מאזל!

ווײַהי קעטויוו לייוו האמעלעכ באיאיינ — אונ ווענ דער קיניג איז אופגעלייגט געוואָרנ פונ ווײַנ; געמיינט: ווענ ער איז שוינ געוואָרנ שיקער.

גאָט זאָל אײַכ מעמאלע זײַנ — געמיינט: גאָט זאָל אײַכ געבנ.

לעמײַ זאָל איכ זײַנ זײַנ גויעל־האדאמ — דאָ געמיינט: לעמײַ זאָל איכ זיכ אינ אימ נויקעמ זײַנ.

אינהאלט

אָרעמע און פריילעכע

דער פּאַרקישעפּטער שניידער 7
ווען איך בין ראָטשילד 76
מילכיקס 82
די פריילעכע קאָמפּאַניע 91
מיין ערשטער ראָמאַן 158

מאָנאָלאָגן

דאָס טעפּל 195
אַן אייזע 215
יויסעף 236
אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט 266

אײַזנבאַנגעשיכטעס

מע טאָר ניט זײַן קיין גוטער 295
דער גליקלעכסטער אין קאָדני 311
א זעקס־און־זעכציק 326
ניטאָ קיין מאזל! 345

אָנמערקונגען און דערקלערונגען 353

ШОЛОМ-АЛЕЙХЕМ
Избранные произведения

Редакторы
А. Я. Фрумкин и **Л. А. Юдкевич**

Художественный редактор
Д. А. Ермоленко

Технический редактор
В. С. Гриненко

Корректоры
Б. А. Гершман и **М. А. Иткович**

*

Сдано в набор 14/II 1959 г.
Подписано к печати 21/II 1959 г.
Бумага 70×108 1/32—11,75 печ. л.=
16,1 усл. печ. л.
12,76 уч.-изд.+1 вклейка=12,79 л.
Тираж 30 000. Цена 5 р.

Гослитиздат
Москва, Б-66, Ново-Басманная, 19

*

15-я типография «Искра революции»
Управления полиграфической
промышленности Мосгорсовнархоза
Москва, Филипповский пер., 13

24—1985